STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04193

DOS NAYE OPERA BUKH

A. Muzikant

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. א. מוזיקאַנט

דאָס נייע
אפערא בוך

פּרייז $2.25

פארלאג מאקס יאנקאוויטש
179 איסט בראָדוויי
ניו-יאָרק

Copyright 1923
by M. Yankovitch

איינלייטונג

דאס „נייע אפערא בוך“ איז ניט נאר ניי אין צייט און ניי לויט זיין אינהאלט, ווייל עס ענטהאלט פיעל פון די גאר נייסטע און בעסטע שאפונגען אויף דעם געביט פון אפערא. דאס „נייע אפערא בוך“ איז אויך ניי און אריגינעל לויט דעם כאראקטער און מעטאדע פון דארשטעלונג און באארבייטונג.

געוויינליך ווערט אין עהנליכע ביכער, סאי אין אידיש, סאי אין אנדערע שפראכען, געגעבען דער קצור־המעשה פון די אפעראס. דאס לאזט זיך מאכען גאנץ לייכט און קורץ. אבער אט די אלטע מעטאדע פון באהאנדלונג האט זעהר טיפע חסרונות.

קודם כל געהט פארלארען דער תוך, די נשמה פון דעם אפערא־טעקסט. די מעשה אליין גיט קיין שום באגריף ניט וועגען דעם — אפט זעהר גרויסען — ליטערארישען און דראמאטישען ווערטה פון דער ליבערעטא. וואס בלייבט פון וואגנערס מוזיק־דראמאס. וואס בלייבט פון א „טאיס“ און נאך פיעלע אנדערע ביי אזא מעשה דערציילונג? גאר ניט מיט גאר ניט!

דער צווייטער גרונדפעהלער פון יענער מעשה־דערציילונג — איז פון ליטערארישען שטאנדפונקט דער, וואס די העלדען בלייבען טויטע שאטענס. די פסיכאלאגישע איבערלעבונגען און נשמה־קאנפליקטען געהען אין גאנצען פארלארען, און אהן דעם ווערט אין גאנצען פארלארען דאס פארשטענדניש פון א סך פון די בעסערע אפעראס. נעהמט צ. ב. באריס גאדונאוו — דאס גאנצע געניאלע שפילען פון א שאליאפין בלייבט ניט פארשטענדליך, ווען מען ווייסט נאר די מעשה דערפון. איז די פיעלע און סאמע פאפולערע אריאס, ווער הויבט אן צו ווייסען וועגען וואס עס ווערט געזונגען אין זיי לויט דער אלטער באהאנדלונג פון די ליבערעטאס?

און פיליכט דער וויכטיגסטער פעהלער, פון פראקטישען שטאנדפונקט יעדענפאלס, איז דער וואס ביי דעם אלטען, אנגענו־

מענעם וועג פון מעשה־דערציילונג, קאן דער אפערא־געהער, פאר געמען אזוינע ווערק ווערען הויפטזעכליך באשטימט, ניט אנהייבען צו פארשטעהן וואס עס געהט פאר אויף דער ביהנע: ווער איז די אדער יענע פערזאן, וואס טוען זיי, וואס רעדען זיי אין יעדער סצענע? דער גאנצער פראקטישער ווערט פון אזוינע ביכער געהט דורך דעם כמעט פארלארען.

אלס אלטער אפערא־באזוכער האט דער פארפאסער די אלע פעהלערען געהאט אין זינען און געזוכט זיי אויסצומיידען דורך די נייע מעטאדע פון באהאנדלונג און באארבייטונג פון דעם מא־טעריאל.

דער פארפאסער פון דאס „נייע אפערא בוך" האט זיך באמיהט צו געבען די לעזער פון דעם בוך דעם ת מ צ י ת, וואס גאנצען ת ו ך, די גאנצע ז א פ ט, די גאנצע נ ש מ ה פון יעדען אפערא־טעקסט, איבערלאזענדיג ניט נאר דעם אינהאלט, נאר אויך די פסיכאלאגישע און ליטעראריש־דראמאטישע וויכ־טיגסטע מעלות און אייגענשאפטען פון יעדער אפערא־טעקסט באזונדער.

דערצו פארשטעהט דער לעזער וואס איז אן אפערא־באזוכער א דאנק דעם בוך די גאנצע האנדלונג ווי זי ענטוויקעלט זיך טריט ביי טריט, הערט וואס יעדער פערזאן רעדט און פארשטעהט דעם תמצית פון דעם דיאלאג און פון דעם געזאנג־טעקסט.

דער פערפאסער איז איבערצייגט, אז יעדער אפערא־באזוכער וועט אנערקענען דעם גרויסען נוצען פון דעם בוך פאר זיך. כאטש 10 מאל פארקלענערט (אין פולער פארם וואלט מען פאר די 40 אפעראס געדארפט האבען וויינינגסטענס 4200 זייטען) באקומט מען דורך דאס „נייע אפערא־בוך" דאך דעם תמצית און אלע וויכטיגע כאראקטעריסטישע שטריכען פון יעדער איינער פון די 40 אפעראס.

נאך אווארט וועגען די אויסוואהל. האבענדיג אין זינען הויפטזעכליך צו מאכען דאס בוך פאר א פראקטישען באגלייטער און פאר אן אבסאלוטע נויטווענדינקייט פאר די גרויסע מאסען פון אונזערע אידיש־לעזענדע אפערא־באזוכער, האט דער פערפאסער אריינגענומען אין זיין אויסוואהל אפעראס, סאי פון אלטע און סאי פון נייע, וואס האבען ארויסגעוויזען א גרויסע לעבענספעהיגקייט אין דעם רייכען רעפערטואר פון מעטראפאליטאן אפערא קאמפאני אין ניו־יארק און פון אנדערע קלענערע אפערא־קאמפאנים. מען

וואלט פיליכט געקאנט נאך איין צוויי צעהנדליג אפעראס מיט נוצען צוגעבען צום בוך, אום עס צו מאכען פאלשטענדיג, אבער דאס בוך איז שוין אזוי אויך גרויס גענוג. און אום עס צו מאכען צוגענגליך פאר'ן גרויסען עולם האבען מיר געפונען פאר ניט ראט־זאם עס נאך מעהר צו פארגרעסערען. דאך איינס איז זיכער, אז אלץ וואס איז יא אריין אין דאס בוך, איז אבסאלוט נויטווענדיג. מען קאן קיין איינציגע פון די אפעראס וואס זיינען דארט אריינ־גענומען געווארען ניט אויסשליסען פון דער צאהל פון לעבעדיגע, אינטערעסאנטע און פאפולערע אפעראס.

זאל נאר דאס „נייע אפערא בוך“ באקומען זיין פארדינטע פארשפרייטונג און א צווייטער באנד וועט אויך זיך ניט לאזען ווארטען.

און נאך איינס, מיר האבען געברויכט די נעמען פון די קאמ־פאזיטארס, איגנארירענדיג די ליברעטיסטען, ווייל דער אפערא־געהער אינטערעסירט זיך דאך נ א ר מיט דעם קאמפאזיטאר, און ווייסט נאר פון זיי. און אום איהם ניט צו מישען, האבען מיר אן דער קלאסיפיקאציע זיך געהאלטען.

ניו־יארק, יאנואר, 1923.

דר. א. מוזיקאנט.

מעפיסטאפעל

אפערא אין פיער אקטען מיט א פראלאג און עפילאג

פון ארריגא באיטא

פראלאג אין הימעל

א כאר: זינגט א שבח צו גאט, דעם הערשער פון די הייליגע און מלאכים.

מעפיסטאפעל: פארענטפערט זיך פאר גאט, וואס ער קאן ניט מיטזיינגען די גרויסע שבחים צו איהם. א שוואכער קעניג פון א שוואכער ערד, זינדיגט דורך פאלשע מיינונגען, שטעקט זיין נאז איבעראל, איז חוצפה'דיג עקשנה'דיג, א בארימערישער אטאם. איז שטאלץ מיט זיינע פוסטע צומישעענישען, רעדט זיך איין, אז זיין שכל איז רעכט. אזוי טיף איז געזונקען דער הערשער פון דער גאנצער באשעפונג, אז עס ווילט זיך גאר ניט מעהר קיינעם פארפירען צו שלעכטס.

א מיסטישער כאר פרעגט: צו קענסטו פאוסט'ן?

מעפיסטאפעל: ענטפערט, אז פאוסט איז דער משוגענ־סטער פון אלע משוגענע מענשען וואס ער קאן. זיין ניט־שטילבארער פערלאנג אלץ צו וויסען, טרייבט איהם צו ווען זיך שטעלען העכער פאר זיין ראסע. דאך איז ער גענייט איהם צו פארפירען און אריינציהען אין נעץ. וויל ווער מאכען א וועט מיט איהם וועגען דעם?

דער מיסטישער כארוס: איז מסכים.

מעפיסטאפעל: זאגט, אז ער מוז פאוסט'ן מאכען נע־

גיסען די זיסע פרוכט פון זינד און ער וועט שוין גובר זיין די כחות פון גוטס.

כאר פון אינגלאנד: זינגט וועגען חרובים און מלאכים א. ז. וו.

כאר (פון אינעווייניג): בעלי־תשובות פון דר'ערד זינגען א שבח צו דער קעניגין פון הימעל — "אווע מאריא". און אלע צוזאמען זינגען א שבח צו גאט.

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.
פסח אין פראנקפורט אם מאין

אן עולם פון כל המינים פארלאזט די שטאדט גרופענווייז. עס איז א גערויש. די יום־טוב גלאקען קלינגען. דריי סטודענטען, פיער שטאדט איינוואוינער און צוויי יעגער זיינען איינגעטיילט אין גרופעס. דער כאר זינגט. אכט מיידלאך געהען פארביי זינגענדיג. א העראלד באווייזט זיך, פון צווייטער זייט א שארלאטאן. עס ווערט לעבעדיג. א גרויער מאנאך וואנדערט ארום צווישען עולם, מאנכע קניען פאר איהם. דער כאר זינגט צו באגריסען די קאוואלערן, וואס באווייזען זיך אויף פערד מיט זייער פרינץ בראש.

פאוסט און וואגנער: לאזען זיך ארונטער פון דער הויך, און פאוסט רעדט וועגען די ווארימע זונשטראלען פון פרילינג, וואס לעבען אויף די ערד.

וואגנער: געפינט, אז דאס שפאצירען מיט איהם איז אי באלערענד, אי עס ברייננט כבוד, דאך וואלט ער זיך וועלען האלטען פון וויטען פון המון, און זיי ציהען זיך צוריק אן א זייט.

דער המון: איז זיך משמח, זינגט און לאזט זיך אוועק טאנצען.

פאוסט: בעט וואגנער'ן זיך זעצען און באטראכטען די פרעכטיגע אווענט־שטראלען.

וואגנער: האט מורא פאר אט די שעה פון פאנטאזיעס.

וואס לייגען נעצען אונטער די טריט פון מענשען, און ער בעט זיי זאלען אוועק.

פ א ו ס ט: דערזעהט דעם גרויען מאנאך און עס ווארפט זיך איהם אין די אויגען, דער אופן, ווי אזוי ער געהט. ער פארשטעהט, אז יענער פארלייגט נעצען ארום זיי.ביידע ציהען זיך צוריק. פון וויטען הערען זיי די אבשטארבענדע כארען.

צווייטעס ביילד
פאוסטים לאבאראטאריע

פ א ו ס ט געהט אריין און דער ג ר ו י ע ר מ א נ א ך נאך איהם, זיך באהאלטענדיג אין דער פארטיפונג.

פ א ו ס ט: זינגט ווי ער קומט צוריק אין זיסען פרידען, אין רוה פון די גרינע פעלדער, פון די לאנקעס. די ליידענשאפטען זיינען אנטשוויגען געווארען אין שטילער פארגעסענהייט, און זיין איינציגער אויפרעגונג איצט, איז די ליבע און איבערגעבענהייט צו מענשען און גאט. ער עפענט א בוך און פארטיפט זיך אין געדאנקען, וועלכע ווערען אונטערבראכען דורך א געשריי פון דעם מאנאך. פארוואונדערט, פרעגט ער: וואס שרייט ער אזוי? וואס וויל ער?

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ווארפט אראפ זיין מאנטעל און באווייזט זיך אלס ריטער, זאגענדיג, אז ער ערוווארט באפעלען פון פאוסט'ן, און אויף די פראגע: ווי איז זיין נאמען? ענטפערט ער, אז די פראגע איז קינדיש, פאר א מענשען וואס גלויבט נאר אין ווירקליכקייטען, און ער דערקלערט ווייטער, אז ער איז דער גייסט, וואס לייקענט אלץ אפ, וואס דורך זיין שפאט און קאמפף האט ער געערגערט די הימלישע מעכטען. ער איז פאר גארנישט און פאר די שאפונג, פאר רואינע און אלגעמיינעם טויט, און אז זיין לעבען און אטעמען איז זינד און טויט. — "ניין" איז זיין ווארט (ער טוט א הויכען רוף) און זאגט ווייטער, אז ער איז א קינד פון דער פינסטערקייט, פון אייביגער נאכט, און אויב פאוסט וויל ווערען זיין באגלייטער, איז ער גרייט צו ווערען זיין שקלאף, אדער דינער.

פ א ו ס ט: פרעגט, וואס דארף ער דערפאר איינשטעלען אין קאן?

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ענטפערט, אז ער איז גרייט דא איהם אלץ צו פאלגען און צו ערפילען אלע זיינע פארלאנגען, אבער א ו נ ט ע ן וועלען זייערע פלעצער זיך בייטען.

פ א ו ס ט: ענטפערט, אז ער טראכט ניט וועגען דער צוקונפט. אויב נאר ער קאן איהם ברענגען א שעה פון פרידען, ווען זיין גייסט זאל רוהען און ער זאל זאגען צו דעם פליהענדען אויגענבליק: בלייב שטעהן, ווארום דו ביזט גליקזעליג, דאן איז ער גרייט צו שטארבען און דער גיהנום מעג איהם פארשלינגען.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל: גיט איהם די האנט. ער איז דערצו מסכים און פארשפרעכט צו ווערען א טרייער דינער, און איז גענייט אנצוהויבען באלד. איבעראל וואו איהם וועט געפעלען און דורך דער לופט וועלען זיי זייערע רייזעס מאכען.

צ ו ו י י ט ע ר א ק ט.

ע ר ש ט ע ס ב י ל ד.
א דארפישער גארטען

פאוסט (אונטער'ן נאמען הענרי) און מארגארעטא, מעפיסטא־פעל און מארטא שפאצירען אין פארלאך.

מ א ר ג א ר ע ט א (פרעגט איינפאך און באשיידען): וואס גע־פינט אזא פאראדנער קאוואלער אין אזא איינפאכער דארף מיידעל, וואס רעדט אזוי דארפיש?

פ א ו ס ט: קושט איהר האנט און ענטפערט, אז פון איהרע רויטע ליפען פליסט די שענסטע שפראך. ער ענטשולדיגט זיך, וואס ער איז געווען אזוי דרייסט.

מ א ר ג א ר ע ט: זאגט, אז זיי מוזען זיך צושיידען.

אין דער זעלבער צייט פיהרט מעפיסטאפעל א ליבעס געשפרעך מיט מארטא.

מ א ר ג א ר ע ט א: איז זיך מודה, אז ער איז טיף איינגעבאקען

ביי איהר אין הארצען, כאטש זי צוזאַמענפעלט צו נעמט ער איהר ניט אַז פאר אַן אנדערע. זי וויל וויסען צו גלויבט ער אין רעליגיע?

פ א ו ס ט : (זוכט זיך ארויסצודרייען פון אַן ענטפער). ענדליך זאָגט ער איהר, אַז וועלכער מענש קאָן עס סמייען צו באַהעפטען זיך מיט'ן ריינעם געוויסען, אַז ער גלויבט, אַז די אלע רייד פון די פרומע איז נאָר לצנות, אין וועלכער מאָן קאָן זאָגען, אַז ער גלויבט ניט? זאָל איהר הארץ זיין פול מיט דעם גליק, וואָס פליסט פאר טרייער, הייסער ליבע און עס רופען שטאַרקע ליידענשאַפ. ווארום נאַטור, ליבע, מיסטעריע, דאָס זיינען אלע נאָר פוסטע זאכען, נאָר ווערטער־געפילען.

מ א ר ג א ר ע ט א וויל זיך געזעגענען, און דערצעהלט, אַז זי איז באַשעפטיגט אין הויז, אין גאַרטען, ביים שפינען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון די מוטער אויגען. אליין וועט זי איהם ניט עמפפאנגען, ווייל די מוטער שלאָפט זעהר לייכט.

פ א ו ס ט : גיט איהר א פלעשעל, אַנזאָגענדיג, אַז פון דריי טראָפּענס וועט זיין שווער די מוטער אויפצואוועקען, אַז קיין שאַדען וועט עס איהר ניט פארשאַפען, נאָר א שטילען שלאָף.

זיי געהען זיך פאנאנדער אלע מיט פרעהליכען געזאנג.

צ ו ו י ט ע ס ב י ל ד
די שבת-נאַכט אָרגיע פון די מכשפות.

א ווילדער, איינזאמער ארט צווישען די בערג פון בראָקען, שווארצע פעלזען, געגען א גרויען הימעל, א רויטע לבנה אויפגאַנג. ווינטען בלאָזען.

מעפיסטאָפעל העלפט פאוסט'ן קלעטערן אויף די בערג, הויי־סענדיג אהים אלע געהן העכער, העכער און העכער. ווייטער קומען נאָך ווייטערע ווענען וואָס פיהרען צו דער וואוינונג פון שטן, און דער כאָר זינגט נאָך: "העכער, העכער, העכער" א. ז. וו.

א כ א ר פ ו ן ד י מ כ ש פ ו ת און אַן אנדער כאָר פון מ א ג י ק ע ר זינגען א שבח צו דער נאַכט פון שבת, און זייער קעניג מעפיסטאָפעל.

מעפיסנאפעל: שטאָלצירט מיט זיין קעניגטום.

פאוסט: איז איבעראשט. אבער אין איינער פון די יונגע פרויען דערקענט ער די געזיכטסציגען פון מארגארעטא'ן א טויטער און ער רופט צו איהר, ער וויל וויסען וואס עס איז פאר א בלוטיגע ליניע ארום איהר האלז? און מעפיסטאפעל ערקלערט איהם, אז דאס מיינט, אז דער קאפ איז איהר אבגעהאַקט געוואָרען.

דער כאר: טאנצט זיין טייוועלשען טאנץ און זינגט הלל צום שבת און צום ראה, וואס דרעהט זיך ארום און ארום דער וועלט.

דריטער אקט

מארגארעטאס טויט אין טורמע.

מארגארעטא: זינגט מיט אצומישטען געמיט א טרויעריג ליד, דערמאָנענדיג זיך אן איהר טויט קינד און אן דער געשטארבענער מוטער, אין וועמעסביידענס טויט מען באשולדיגט איהר. בעת אין דער צעלע איז אזוי קאלט און דאס הארץ איהר'ס איז צובראכען.

פאוסט: באווייזט זיך און זאגט, אז ער וועט איהר ראטעווען.

מעפיסטאפעל: אבער מאכט איהם פארוואורפען, אז ער האט איהר געבראכט צו אזא צושטאנד און שטופט איהם אריין צו איהר אין צעלע.

מארגארעטא: בעט זיך רחמים, ער זאל איהר ראטעווען. זי וואונדערט זיך וואס ער קושט איהר גארניט, ער איז אזוי אייזיגקאלט. זי דערצעלט איהם אין וואס פאר'ע פארברעכענס מען בעשולדיגט איהר, און וועגען די לויה וואס שטעהט מארגען פאר.

פאוסט: זוכט איהר איינצורעדען צו אנטלויפען מיט איהם וואס שנעלער.

מארגארעטא: טענה'עט אבער, אז זי וועט ניט געהן, ווייל דער גיהנום איז אויף יענער זייט טיר. זי האט בכלל ניט פאר וואס צו לעבען מיט איהר שולדיגען געוויסען.

ב י י ד ע זינגען א שבח צו דעם ווייטען אינזעל פון לעבען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל : באווייזט זיך, אַנזאָגענדיג אז דער טאָג קומט און אז די קלאַנגען פון טויט פאר איהר הערען זיך.

מ א ר ג א ר ע ט א : דערשרעקט זיך און בעט, אז גאָט זאָל איהר געבען מוטה צו ווידערשטעהן דעם נסיון. זי פארטרייבט דעם שטן פון זיך און זינגענדיג א שבח צום אַנקומענדען פריהמאָרגען, בעט זי מחילה ביי גאָט און ביי די הייליגע מלאכים און מיט די ווערטער: "די זינד איז אפשייליך", פאלט זי אנידער.

א כ אָ ר (פון אינעווייניג) זינגט: זי איז גערעטעוועט, בעת מעפיסטאָפעל און פאוסט פארשווינדען.

פ ע ר ט ע ר א ק ט

די נאַכט פון קלאסישען שבת אויף די ברעגעס פון פענעאוס.

א לבנה־נאַכט. לעבען א דאָרפישען טעמפעל שטעהן אויסגע־שטעלט גרופען פון סירענען. פון הינטען זעהט מען ה ע ל ע ן און פ אַ נ ט א ל י ס. פ א ו ס ט ליגט אויסגעצויגען.

ה ע ל ע ן : זינגט וועגען די פרעכטיגע לופט, אנגענעמע ליכט, זאנפטע ווינטען.

פ א ו ס ט : רופט צו איהר : העלענא, העלענא.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל : בייווייזט נײַ מיט פאוסט'ן און ווייזט איהם אָן, אז דאָס איז די נאכט פון קלאסישען שבת, א גליק פאר איהם וואָס זוכט נאָר לעבען אין די אלטע פאבעלהאפטע לענדער. ער ראט זיי זאָלען זיך איצט פאנאנדערגעהן אויף פארשידענע וועגען.

ה ע ל ע ן : פארטיפט אין טרויעריגע זעהונגען. זי זעהט פאר זיך די שרעקליכע נאכט פון צושטערונג פון טראָיע.

פ א ו ס ט : באווייזט זיך רייך געקליידעט און ווערט באגריסט פון כ אָ ר, וואָס דערזעהט אין איהם א נייעם העלד. ער קניט פאר העלען און באזינגט איהר שיינקייט.

ה ע ל ע ן : איז גליקליך איהם צו זעהן און הערען און פרעגט צו ער איז טאַקי פארליבט אין איהר?

פאוסט: ערקלערט זיך אין ליבע צו איהר און באקומט פון איהר זייט א ליבעס־ערקלערונג. זיי ביידע זינגען דאן א שבח צו דער ליבע.

עפּילאָג.

פאוסטים טויט ביי איהם אין לאבאראטאָריע.

פאוסט: איז פארטיפט אין עראינערונגען.
מעפיסטאָפעל: זוכט איהם צו פארשטארקען אין זינ־דיגע מחשבות.
פאוסט: זעהט אָבער אלס סך־הכל פון זיין לאנגע וואנ־דערונגען דורך דאס אידעאלע און רעאלע, א זעהונג וועגען א גליק־ליך, טריי פאָלק און זעהט אין דעם די ערדישע מיסיאָן. ער הערט די הייליגע געזאנגען, און פיהלט גליקזעליגקייט אין זיין נשמה.
מעפיסטאָפעל: זוכט אין איהם צו דערוועקען זינדיגע געדאנקען, און פּרובירט אויסשפּרייטען זיין מאנטעל איבער איהם.
פאוסט: ענטפערט אָבער מיט א רוף צום הימעל.
כאָר: זינגט הלילויה צו גאָט.
מעפיסטאָפעל: פּרובירט דערמאָנען אָן די זיסע לי־בעס־געזאנגען, אָן די נימפען, פּרובירט באנייען אין איהם די ליי־דענשאַפטען.
פאוסט: דערשלעפט זיך מיט אָנשטרענגונג צום עוואנגע־ליום, כאפט עס אָן און שרייט: דאָ געפין איך ענדליך מיין רעטונג, און בעט ביי גאָט ער זאָל איהם ראטעווען פון די נעצען פון זינדיגע נסיונות און זינגענדיג א שבח צו גאָט און בעטענדיג, אז דער גליק־ליכער מאָמענט זאָל אָנהאלטען, שטאַרבט ער.
מעפיסטאָפעל: אנערקענט, אז ער האָט פארלוירען דעם קאמפף און די הייליגע מעגען זיך פרעהען.
כרובים זינגען.

קארמען

אפערא אין פיער אקטען

פון דזשארדזש ביזעט

ערשטער אקט

א פלאץ אין סעווילע.

דראגונער און זייער אפיציר, מאראלעס, אונטערהאלטען זיך.

מיקאעלא: זוכט א בריגאדיר מיט דעם נאמען דאן־זשאזע.

מאראלעס: ענטפערט, אז זיי ווייסען פון אזא איינעם ניט.

דער כאר: ערקלערט, אז ער מוז זיין פון די סאלדאטען, וואס קומען זיי אומבייטען.

מאראלעס: בעט איהר, זי זאל אריין אין צימער ווארטען.

מיקאעלא: ענטזאגט זיך. זי וועט בעסער שפעטער נאך אמאל קומען.

סאלדאטען קומען אן אומצובייטען זייערע חברים.

גאסען־אינגלאך גיהן זיי נאך מיט געזאנג.

מאראלעס: דערציילט דאן־זשאזע, אז א מיידעל האט דא איהם געזוכט.

דער כאר באזינגט די סאלדאטען.

אז אפיציר צורעדט זיך מיט דאן־זשאזע ווענען די

מיידלאך פון דער דערבייאיגער סיגאר־פאבריק און וועגען מיקאעלא, וועמען דאן־זשאזע ליבט.

די סיגאר־מיידלאך קומען ארויס און מישען זיך דורך מיט די סאלדאטען.

קארמען: באווייזט זיך אביסעל שפעטער און ווערט מיט פרייד באגריסט פון די יונגעלייט, וועלכע פרעגען איהר, ווען וועט זי זיך פארליבען? זי ענטפערט אז פיליכט קיינמאל ניט און פילייכט היינט. ליבע איז א ווילדער פויגעל, וואס האט האלט צו רעבעלירען, זי געהערט קיינעם ניט און איז די הערשערין איבער אלעמען, עס איז א פויגעל, וואס פליט ארויס פון די הענט, ווען דו מיינסט אז דו האסט איהם געכאפט: ליבע איז א צולאזען קינד, דו קאנסט איהר קיינמאל ניט: אויב דו ליבסט זי ניט, ליבט זי דיך, און אויב דו ליבסט זי, טא היט זיך!

דאן־זשאזע איז ענטציקט פון איהר, און פאר'כשופ'ט.

מיקאעלא קומט אריין און גיט איבער דאן־זשאזע'ן א נערום פון דער מוטער און אביסעל געלט און נאך עפעס... זי זאל איהם איבערגעבען איהר ליבע, און איהם א קוש טאן פאר איהם. זי קושט איהם.

דאן־זשאזע: פארטראכט זיך וועגען דער מוטער און וועגען דער היים. צו וועט ער זיי ווען עס איז זעהן?

מיקאעלא: טרייסט איהם, אז ער וועט עס נאך אלץ זעהן.

דאן־זשאזע: האט אבער מורא, אז ער זאל ניט ווערען א קרבן פון א שלעכטען כח. ער וועט דאן אין איהר קוש געפינען א מלאך־באשיצער. ער הייסט איהר איבערגעבען דער מוטער גריסען און א קוש.

מיקאעלא: געהט אוועק פארשפרעכענדיג ווידער צו קומען.

דאן־זשאזע: בארוהיגט אין געדאנקען די מוטער. ער ליבט מיקאעלא און זי וועט זיין זיין ווייב, וואס איז שייך יענע אומריינע בלומען־מכשפה?..

מיידלאך: לויפען ארויס, אויפגערעגטע, דערציילענדיג וועגען א קריג אין פאבריק.

דער אָפיציר: באַפעלט דאָן־זשאָזע מיטצונעמען צוויי דראַגונער און זעהן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

דאָן־זשאָזע קומט אַרויס, פיהרענדיג קאַרמען, מיט אַ באַריכט, אַז אַ מיידעל איז פאַרוואונדעט געוואָרען דורך איהר.

דער אָפיציר: באַפעלט איהר זיך מודה צו זיין.

קאַרמען (זינגט און טאַנצט): קיינער קאָן איהר ניט צווינגען, זי וועט איהר סוד האַלטען מיט זיך.

דער אָפיציר: סטראַשעט איהר מיט טורמע און הייסט איהר בינדען די הענט, און איהר גוט היטען.

דאָן־זשאָזע איז באַשטימט אַלס איהר אויפזעהער.

קאַרמען: ערקלערט איהם אַבער, אַז ער וועט ניט פאָלגען זיינע נאַטשאַלניקעס, נאָר איהר, ווייל ער ליבט זי. זי דערציילט איהם, אַז דאַ ניט ווייט פון שטאָט־וואָל געפינט זיך איהר פריינד, ליליאַס פּאַסטראַ, אַהין וועט זי געהן מיט איהר נייער ליבע, דעם שעהנעם יונגענמאַן. ווארום איהר האַרץ איז פריי, מיט דריי טעג צוריק האָט זי יענעם אָוועקגעשיקט. זי וועט דאָרט טאַנצען און טרינקען.

דאָן־זשאָזע: הייסט איהר שווייגען.

קאַרמען: פאַרזיכערט איהם, אַז זי רעדט ניט צו איהם, נאָר פאַר זיך אַליין, וועגען אַ שעהנעם אָפיציר, וועמען זי קאָן מאַכען גליקליך, ער איז ניט קיין לייטאַנאַנט, נאָר אַ פשוטער בריגאַדיר.

דאָן־זשאָזע: איז פאַר׳כשפט און פרעגט, צו וועט זי איהם ליבען?

קאַרמען: זינגט ווייטער וועגען איהר פריינד, ליליאַס פּאַסטראַ, וועמען זי וועט געפינען לעבען די וואַלען פון סיווילע, שטילערהייט זאָגט זי זשאָזע׳ן, אַז זי וועט איהם געהענדיג אַ שטויס טאָן און ער זאָל אַנידערפאַלען, דאָס איבריגע וועט זי באַזאָרגען. געהענדיג צווישען די סאָלדאַטען, זינגט זי איהר ליבע ליד ביז זי טוט זשאָזען אַ שטויס און ער פאַלט אום. זי אַנטלויפט אין דער צודרעדונג.

צווייטער אקט.

ליליאס קרעטשמע.

קארמען: זינגט א טאנץ־ליד און א שנעלער טאנץ ווערט געשפילט.

דיא אפיצירען: צוריידען זיך און ווילען וויסען, פאר־וואס איז קארמען אזוי צוטראגען. מען דערציילט איהר אז דער סאל־דאט, וואס איז צוליב איהר אריינגעפאלען אין טורמע, איז איצט באפרייט געווארען.

דער כאר: באגריסט דעם אנקומענדען טערעאדאר עס־קאמילא.

עסקאמילא: קומט אריין און ווערט פון אלעמען באגריסט. ער זינגט דאס טערעאדאר־ליד, אין וועלכען עס ווערען באזונגען די העלדענטאטען פון די טארעאדארען.

דער כאר: חזרט איבער זייער לויבגעזאנג צו די טערעא־דארען.

עסקאמילא: פרובירט פארליבען אין זיך קארמען, אבער געפינט דערווייל ניט קיין צושטארקען אפקלאנג און באשליסט צוווארטען.

על־אנקאיררא און על־רעמענדאדא (צוויי קאנ־טריבאנדיסטען): לייגען פאר די מיידלאך א שטיק פרנסה'דיג גע־שעפטל.

קארמען: ענטזאגט זיך אבער צו געהן, ווייל זי איז פאר־ליבט און ווארט אויף דעם דראגון.

דאן־זשאזע: קומט אן מיט א לויב־ליד צו די דראגונער פון אל־קאלא.

די שמוגלערס: בעטען קארמען זי זאל דעם דראגון אויך אריינשלעפען אין זייער חברה. זיי געהען אפ, און קארמען בלייבט אליין ווען דאן־זשאזע קומט אן.

קארמען: פרעגט זיך נאך, צו ער ליבט זי נאך, און דער־

ציילט, אז זי האָט אקאָרשט געטאַנצט פאר זיינע אָפיצירען. זי איז אָבער גרייט צו טאַנצען פאר איהם אליין. (זי טאַנצט).

דאָן־זשאָזע: דערהערט פון וועיטען דעם רוף פון טראָמ־פייטען און זאָגט, אז דאָס באדייט, אז ער מוז זיך אומקערען צוריק אין קאזארמע.

קאַרמען: מאַכט איהם פאָרוואורפען, וואָס ער וויל זי אזוי גיך פארלאָזען. זי לאַכט אָפּ פון איהם און הייסט איהם געהן.

דאָן־זשאָזע: דערציילט איהר וויפיעל ער האָט אין טור־מע געטראַכט פון איהר, ווי ער האָט פארשאָלטען דעם שיקזאל וואָס האָט זי צוגענומען ביי איהם, און ווי ער האָט געלעבט נאָר מיט איין האָפענונג, איהר נאָך אמאָל צו זעהן און צו ווערען איהר שקלאַף.

קאַרמען: גלויבט אָבער ניט אין זיין ליבע. אויב ער ענט־זאָגט זיך מיט איהר מיטצוגעהן, פארלאָזענדיג דעם פאָלק. ער מוז דאָך געהן מיט איהר דאָרט אונטען.

דאָן־זשאָזע: שטעלט זיך אָבער געגען דעם. ער קאָן ניט ווערען קיין דעזערטיר און פארליערען די עהרע, און ער געזעגענט זיך אָפּ פון איהר.

און אָפיציר קומט אַן און באפעלט דאָן־זשאָזע'ן צו פארלאָ־זען דעם פּלאַץ.

דאָן־זשאָזע: ענטזאָגט זיך און וואַרפט זיך אויפ'ן אָפיציר מיט זיין שווערד.

די שמוגלערס: קומען אריין און כאַפּען דעם אָפיציר.

קאַרמען: ערקלערט אָבער, אז זיי מוזען איהם האלטען געפאַנגען, כדי ער זאָל זיי ניט ארויסגעבען.

די שמוגלערס: באפעלען דעם אָפיציר מיטצוגעהן מיט זיי.

קאַרמען: ווענדעט זיך צו דאָן־זשאָזע, אויב ער וועט מיט־געהן?

דאָן־זשאָזע: ענטפערט, אז קיין אנדער ברירה האָט ער ניט.

קארמען: פארזיכערט איהם, אז ער וועט קיין חרטה ניט האָבען. דאס וואנדער־לעבען איז פרייהייט און איז זעהר שעהן.
אלע: זינגען א שבח צום וואנדער־לעבען.

דריטער אקט

פעלזען און א ווילדער געגענד.

די שמוגלערס און מיידלאך: זינגען וועגען די געפערליכע באשעפטיגונג. אין וועלכער עס שטעקען אבער אוצרות.
קארמען: וויל וויסען פאר וואס דאן־זשאזע קוקט אזוי פארטראכט?
דאן־זשאזע: דערציילט איהר, אז אונטען דארט וואוינט אן אלטע פרוי, וואס דענקט מיט א טעות, אז ער איז אן ערליכער כאן — דאס איז זיין מוטער.
קארמען: גיט איהם אן עצה, טאקע באלד זיי צו פארלאַזען אויב דער אַרט לעבען פאסט ניט פאר איהם.
דאן־זשאזע: סטראשעט זי צו טויטען, אויב זי וועט נאך אמאל ריידען וועגען פארלאַזען זי.
די מיידלאך: לייגען פאנאנדער קארטען צו טרעפען דעם שיקזאל.
קארמען: וויל אויך אויסגעפינען פון די קאַרטען איהר שיקזאל, און געפינט אויס, אז דער טויט ערווארט זי. זי שרעקט זיך אבער ניט אָפּ.
די שמוגלערס: קומען אָן מיט נייעס, אז זיי וועלען זיך דורכ'גנב'ענען דעם גרענעץ. זיי וועלען איבערלאַזען דאן־זשאזע צו היטען די סחורות. זיי געהן אלע אָפּ און דאן־זשאזע בלייבט אליין.
מיקאעלא (קומט אָן): זי פיהלט, אז איצט פארלאָזט איהר דער מוט. זי שרעקט זיך איהם צו באגעגנען און זיך דערוויסען דעם אמת. זי איז מתפלל צו גאָט, ער זאָל זי באשיצען. זי דערזעהט דאן־זשאזע און איהר שרעק ווערט נאך גרעסער. עס דערהערט זיך א שאס.

עסקאַמילאַ: קומט אַן און שטעלט זיך פאַר פאַר דאָן־זשאָזע.

דאָן־זשאָזע: באַגריסט איהם און וויל וויסען, צו מיינט ער טאַקע באמת דאַ צו פאַרבלייבען?

עסקאַמילאַ: ענטפערט, אַז ער איז פאַרליבט ביז משוגעת און איז גרייט מיט'ן לעבען צו ריזיקירען, אויסצוגעפינען די, וועמען ער ליבט אַזוי, די ציגאַנעריִן, קאַרמען, וועלכע האָט געהאַט אַ געליבטען, אַ דראַגון, וואָס האָט איהר אָבער שוין דערעסען.

דאָן־זשאָזע: וואָרנט איהם, אַז ער וועט דאַרפען באַצאָלען מיט אַ שטאָך פון אַ מעסער.

עסקאַמילאַ: פאַרשטעהט, אַז דאָס איז קאַרמענס געליבטער און איז גרייט זיך צו פאַרמעסטען אויף מעסערס.

קאַרמען: קומט אונטער מיט איהר חברה און האַלט צוריק זשאָזע'ן, ווען יענער האַלט דעם מעסער גרייט אַריינצושטעכען זיין געגנער.

עסקאַמילאַ: איז צופרידען, וואָס זי, קאַרמען, האָט זיין לעבען געראַטעוועט. ער איז אָבער געגרייט צו יעדער צייט אויפצונעמען דעם קאַמפף. ער לאַדעט אַלעמען איין צום אָקסען קאַמפף אין סעווילייע.

דאָן־זשאָזע: וואָרענט קאַרמען, ער איז שוין פאַרמאַטערט פון זיינע ליידען.

אַלע ווילען אַפּגעהן, זיי באַמערקען אָבער, אַז עפּעס באַהאַלט זיך וועך, און זיי ברענגען אַרויס פון באַהעלטעניש, מיקאַעלאַ.

דאָן־זשאָזע פרעגט: וואָס טוט זי דאָ?

מיקאַעלאַ: ענטפערט, אַז דאָס זוכט זי איהם. אַ מוטער וויינט נאָך איהר קינד און שטרעקט אויס די הענט צו איהם.

קאַרמען: הייסט איהם געהן אַהין. דער זאָרט לעבען איז ניט פאַר איהם.

דאָן־זשאָזע: דערקלערט איהר, אַז ער וועט איהר ניט לאָזען נאָכלויפען אַ נייעם געליבטען. ער וועט בעסער שטאַרבען דאָ.

אַלע: מיר צווינגען איהם ניט צו פאַרבלייבען דאָ.

דאן־זשאזע: ווענדעט זיך צו מיקאעלא, אז ער קאן מיט איהר ניט געהן, ער איז א פארשאלטענער. צו קארמען זאגט ער, אז ער וועט איהר צווינגען נאכצוגעהן דעם שיקזאל, וואס פאראייניגט זייערעביידענס לעבענס.

מיקאעלא: דערציילט איהם, אז די מוטער האלט ביים שטארבען, צו וויל ער ניט אויסבעטען א מחילה ביי איהר?

דאן־זשאזע: איז מסכים מיט צו געהן. ער זאגט אבער, אן קארמען, אז זיי וועלען זיך ווידער טרעפען.

עסקאמילאס געזאנג הערט זיך פון ווייטען.

פערטער אקט

א פלאץ אין סעוויל.

אן עולם לעבען דער ארענא. הענדלער, כאר, טענץ א פארדנער אויפצוג, וואס באזינגט דעם טרעאדאר, וואס ווערט פון אלעמען באגריסט.

עסקאמילא: ווענדעט זיך צו קארמען, אז זי וועט נאך שטאלצירען מיט איהם, אויב זי ליבט איהם.

קארמען: פארזיכערט איהם, אז זי ליבט איהם ביזן טויט און אז זי האט נאך קיינעם ניט אזוי געליעבט.

א פראצעסיע געהט אן.

די שמוגלערס: בעטען זיך ביי קארמען, זי זאל אוועק פון דאנען.

קארמען: ענטפערט זיי, אז זי איז ניט אזא פרוי מורא צו האבען, זי וועט דא פארבלייבען און מיט איהם ריידען.

דאן־זשאזע: מעלדעט זיך פאר איהר.

קארמען: ערקלערט איהם, אז מען האט איהר מתריא געווען, אז ער קומט, אבער זי האט קיין מורא ניט און וועט דא פארבלייבען.

דאן־זשאזע: ענטפערט, אז ער וויל איהר ניט סטראשע־נען, נאר ער בעט זיך ביי איהר, זיי זאלען אלץ פארגעסען און אנ־

הויבען א נײ לעבען. ער וויל זי ראטעווען, ער פארגעטערט זי אזוי שטארק.

קארמען: ענטפערט, אז צווישען זײ איז אלץ געענדיגט. זי ווייסט, אז זי דארף שטארבען. אבער זיינע וועט זי ניט זיין.

דאן־זשאזע: ווייזט איהר, אז זי קאן זיך נאך ראטעווען און כאטש זי ליבט איהם ניט, פארגעטערט ער זי. ער איז גרייט צו ווערען א שמוגלער, נאר זי זאל איהם ניט פארלאזען.

קארמען: ענטפערט, אז פריי איז זי געבארען און א פרייע וועט זי שטארבען.

דער עולם באזינגט דעם טארעאדאר.

קארמען: וויל אריין אין צירק.

דאן־זשאזע: קאן ניט דערלאזען, אז זי זאל אוועק מיט יענעם.

קארמען: ענטפערט, אז פאר'ן טויט מוז זי ערקלערען, אז זי ליבט יענעם.

דער כאר: באזינגט ווידער דעם טארעאדאר.

דאן־זשאזע: ווארפט איהר אויף, אז ער האט צוליעב איהר, די שענדליכע, זיין נשמה פארלארען, און זי וויל איצט אין יענעמס ארימס לאכען פון איהם. ניין, זי מוז מיט איהם געהן.

קארמען: ענטפערט, אז קיינמאל ניט. זי פאדערט, אז ער זאל איהר לאזען דורכגעהן. זי ווארפט איהם צו דעם רינג, וואס ער האט איהר אמאל געשאנקען.

דאן־זשאזע: ציט ארויס זיין קינזשאל און דערשטעכט איהר מיט די ווערטער: "אלץ איז געענדיגט". ער דערקלערט דעם עולם, אז ער האט זי געשטאכען, און ווארפט זיך אויף איהר קערפער מיט די ווערטער: "קארמען, מיין פארגעטערטע קארמען!"

אנדרע שעניע

אָפּערא אין פיער אקטען

פון אומבערטאָ דזשיאָרדאַנאָ

ערשטער אקט

א באַל־זאַל אין שלאָס פון קאָיני.

דער הויזמייסטער און לאקייען פוצען צו דעם זאַל.

זשראר, אויך א לאקיי און שפּעטערדיגער פיהרער פון דער רעוואָלוציאָן, מאכט חוזק פון די הערשאפטען, וואָס האָבען דאָ פאַרבראכט א גוטען טאָג, בעת זיין פאָטער, דער לאקיי, האָט זעכציג יאָהר געשקלאפט און אויך די זיהן באַלאָדען מיט שמאד און שאנד, אָבער פאר אָט דאָס הויז פון פאַלשקייט און רויב, שלאָגט די שעה פון משפּט.

די אלטע פירשטין מיט איהר טאָכטער מאדעליין און איהר באַדינטע, בערסי באַווייזען זיך.

מאדעליין: פארטראכט זיך וועגען דעם, ווי אין בין־השמשות נעמען אלע זאכען אָן אן אנדער אויסזעהן. זי זיפצט אָפּ, דערמאָנענדיג זיך וויפיעל עס קומט אויס איבערצוטראָגען אום אויסצוזעהן שעהן: ווי אַזוי די ווילדע טואַלעטען מאכען פון א פאר־שוין א סטראשידלע.

געסט הויבען אָן אַנצוקומען און זיי ווערען באַגריסט פון דער פירשטין, צווישען זיי ווארפט זיך באַזונדערס אין די אויגען, דער

אבע (גלח), וואס פרעכט גוט אריין און דערציילט נייעס פון פאריז, ווי דארט בונטעוועט מען זיך.

פלעוויל: טרייסט די פארזאמעלטע, וועלכע זיינען שטארק אויפגערעגט פון די נייעס, אז דערווייל דארף מען לעבען א גוטען פריילינכען טאג.

דער כאר: כאפט אונטער דעמזעלבען פריילינכען פזמון.

אנדרע שעניע: דער בערימטער דיכטער קומט אריין און רופט ארויס א שטיקעל גערודער.

מאדעליין: בעט איהם, ער זאל איהר מוחל זיין פאר איהר העזה, נאר זי וואלט וועלען, אז ער זאל פארטראגען עפעס וואס אייגענס, אן אומשולדיגע פאעמע צו אונטערהאלטען א שול-מיידעל.

אנדרע שעניע: ענטפערט איהר מיט גרוים צופרידענ־הייט, געבענדיג אנצוהערעניש וועגען ליבע.

מאדעליין און איהרע פריינד לאכען זיך פאנאנדער און זי וועט זיך, אז זי וועט איהם מאכען צו ערקלערען זיך אין ליבע.

אנדרע שעניע: טראגט פאר א גאנצע שטיק פאעזיע וועגען דער פארבינדונג צווישען דער מוזע און ליבע, ווי אזוי ליבע היילט אויס אלע וואונדען, ליבע איז די פלאם וואס באלעבט די וועלט.

מען גרייט זיך צום טאנצען. אבער מיט אמאל דערהערט זיך א קלאפעריי פון דרויסען און די שטימען פון א כאר בעטלערס, וועגען דעם, אז יעדער טאג ברענגט נייע צרות, די קינדער שטארבען און קיינער הערט ניט זייער רוף.

זשעראר מעלדעט, זיין דורכלויכטיגע האהייט, דער פרינץ ארימקייט, און אויף דער פראגע פון די פירשטין: ווער האט די בעטלערס אריינגעלאזען? ענטפערט ער: איך, זשעראר, איך פארלאז אייך, די לאקייען ליוורייע האט איהם דערעסען.

מען טרייבט זיי ארויס און די פירשטין באקלאגט זיך, אז אט דער זשעראר איז רואינירט געווארען פון שטענדיגען לייענען. ווי אזוי זייגען זיי גאר געקומען צו איהר, וואס גיט אזוי פיעל צדקה און קליידעט זיך אזוי באשיידען. און זי בעט די געסט וויטער אנ־געהן מיט די טענץ.

צווייטער אקט.

פאריז אין 1894, א טעראסע לעבען קאפע האטעט.

רעוואָלוציאָנערען: אונטערהאלטען זיך וועגען דער רעוואלוציאן און די פיהרער.

בערסי: צורעדט זיך מיט א שפּיאָן, נים וויסענדיג אז עס איז א שפּיאָן. זי דערציילט, אז זי האט אפילו קיין מורא נים, ווייל זי איז אליין א קינד פון דער רעוואלוציע.

דער שפּיאָן: פארשרייבט א דאָנאָס אויף בערסי און נעהט אפּ.

אנדרע שעניע קומט אָן און זיין פריינד, רושע, דער־לאנגט איהם א פּאס, הייסענדיג איהם זיך ראַטעווען און אנטלויפען.

אנדרע שעניע: ענטזאגט זיך צו אנטלויפען. ער גלויבט אין שיקזאל, וואָס פירט די טריט פון מענשען, און איהם פירט דער שיקזאל צו ליבע. נאָר איין שענהייט האט אין זיין לעבען איהם באַ־צויבערט און איצט פיהלט ער, אז זי וועט זיין זיינע. ער באקומט לאנגע, מיסטעריעזע בריף, און ער איז איבערצייגט, אז דאָס זיינען פון איהר. דאָ דארף ער איהר באגעגנען.

רושע: ווארנט איהם, אז דער קליינער, שמעקעדיגער בריף קומט פון א סאלאָן־דאַמע, אַן אריסטאָקראַטקע. זיי באַזוכען די קאַ־פּע און ער וועט אויף איהר אָנווייזען, ווען זי וועט פארבייגעהן, זיי פיהרען אָן דעם געשפּרעך ווייטער.

זשעראַר קומט אָן און נאָך איהם, ראָבעספּיער. זיי ווערען ווארים באגריסט פון המון.

זשעראַר: באקלאגט זיך וואָס ער האט פארלאזען פון אויג די שענסטע פון אלע מיידלאַך, וועלכע ער ליבט אזוי שטארק.

דער שפּיאָן: טרייסט איהם, אז ער וועט זי אויסגעפינען.

בערסי באווייזט זיך און ווענדעט זיך צו רושע, ער זאל שעניע דערוויטערען פון דאנעט, ווייל מען שפּיאָנירט זי.

דער שפּיאָן: רוקט זיך אונטער און זי גנעהט מיט איהם אריין אין קאפּע.

בערסי: לויפט באַלד אָבער ווידער ארויס, כאַפּט זיך צו צו שעניע און זאָגט איהם, אז א דאמע וועט באַלד צוקומען צו איהם, ער זאָל ווארטען.

רושע: ווארענט איהם, אז דאָס לייגט מען איהם א פּאַסטקע.

מאטיע און דער שפּיאָן קומען אָן און דער שפּיאָן מעלדעט איהם, אז דאָ וועט ער אויף זיי ווארטען.

מאדעליין: קומט אָן. דערזעהט שעניע און גיט זיך ארויס פאר איהם. זי דערציילט, אז פריהער, ווען ער איז געווען אין מאכט, האָט זי ניט געקמייעט צו איהם צו קומען. איצט אָבער, איז זייערביידענס שיקזאל גלייך. זי איז איינע אליין. נאָר בערסי איז איהר איינציגער פריינד. זי האָט געהאָלפען איהר זיך באהאלטען, אָבער זייט א חודש ווערט זי פארפאָלגט פון שפּיאָנען. זי האָט קיינעם ניט, וואס זאָל איהר באשיצען. צו וועט ער איהר העלפען און באַשיצען? איהם טרויט זי זיך אָן.

אנדרע שעניע: איז איבערגליקליך מיט'ן לעבען און טויט איהר צו דינען, דער שטערן פון ליבע וועט זיי פיהרען.

מאדעליין: שווערט איהם טרייהייט אין לעבען און טויט.

זשעראר: קומט אָן און ווארפט א שרעק אויף איהר, ער הייסט דעם שפּיאָן נאָכגעהן איהר און אליין ווארפט ער זיך מיט א שווערד אויף שעניע'ן, ער ווערט אָבער אליין פארוואונדערט און דערזעהענדיג שעניע'ן הייסט ער איהם אנטלויפען, ווייל זיין נאמען איז ביים הענקער אויפ'ן טויטען-ליסט. ער מוז ראטעווען מאדעליין.

אנדרע שעניע אנטלויפט. עס קומען מאטיע מיט'ן שפּיאָן און אנדערע. דערזעהענדיג זשעראר א פארוואונדעטען, פּרובירען זיי ארויסקריגען פון איהם, ווער זיין מערדער איז? ער ענטזאָגט זיך איהם ארויסצוגעבען.

דער כאָר שרייט: טויט צו די לומפּען!

דריטער אקט

דאס הויז פון רעוואלוציאנערען געריכט.

מאטיע: פרוביערט קלייבען געלט ביים עולם צו אונטערהאלטען די רעוואלוציע. קיינער גיט איהם ניט. ער סטראשעט מיט דער גיליאטינע און מען הויבט זיך אן צו רוקען מיט מזומנים.

זשעראר באווייזט זיך און ווערט וואַרים באגריסט. ער דאנקט און ווענדעט זיך מיט א רעדע צום עולם, וועגען דעם ווי פראנקרייך ווערט פארבלוטיגט דורך די קאנטער־רעוואלוציאנערן. זי דארף געלד און בלוט, און די מוטערס מוזען אוועקגעבען זייער געלט און זייערע מוטיגע זיהן צו דער גרויסער מוטער.

די ווייבער: פארווארפען איהם מיט צירונג, אנדערע זיינען מנדר זייער געהאלט.

אן אלטע פרוי שפארט זיך דורך. זי איז די מוטער פון איהר אין קריג דערהרגעטען זוהן, ראזשעי, אבער זי האט געבראכט ראזשעי'ס זוהן, דעם אינגסטען און דעם לעצטען, דעם איינציגען וואס זי ליבט, מען זאל איהם צונעמען, ער קאן קעמפפען און שטארבען פאר פראנקרייך.

זשעראר: נעהמט איהם אן.

דער כאר: זינגט און טאנצט דעם קארמאנאל.

דער שפיאן מעלדעט: אז ער האט דעם פויגעל, דעם מאן אין נעץ, אבער אז ער האט נאך קיין שפור פון איהר ניט, אבער אז זי וועט שוין נאכקומען, ווארום די צייטונגס־אינגלאך רופען שוין אין אלע גאסען, אז אנדרע שעניע איז ארעסטירט, זי וועט ריזיקירען אלץ און וועט קומען, דערווייל אבער זאל ער פארטיג מאכען די באשולדיגונג געגען שעניע.

זשעראר: קאן זיך ניט באשליסען צו פאראורטיילען אנדרע שעניע, דאך אונטערגעטריבען פון שפיאן, שרייבט ער, אז שעניע איז א געפערליכער מענש, א פארשפרייטער פון מיאטעזש. די פעדער פאלט אבער ארויס פון זיין האנט און ער פארטראכט זיך וועגען זיך אליין, ווי פול מיט ריינער ליידענשאפט פאר פרייהייט ער איז

געווען. איצט אבער, זיך האלטענדיג פאר א ריז, איז ער באמת גאר א שקלאף. ער האט אמאל געטרייסט דאס פאלק, פארשפרעכענדיג צו מאכען פון דער וועלט א גן־עדן, וואו מענער זאלען זיין ווי געטער הייליג. איצט אבער האט ער די אויפגאבען פארלאזען און זיין הארץ איז פול מיט האס. איצט דינט ער נאר דער ליידענשאפט, דאס אליין איז ווירקליך.

מאדעליין: קומט אריין, פרעגט זיך נאך אויף זשעראר, און בעט איהם, ער זאל איהר ניט צוריקווייזען.

זשעראר: ענטפערט, אז ער האט אויף איהר געווארט, דאס האט ער איהר וועג געפיהרט אהער דורך א כאליאסטרע קינ־ציגע שפיאנען, ער האט שטענדיג געהאלטען אן אויג אויף איהר און כדי צו זיין זיכער, אז זי וועט קומען, האט ער איהר געליבטען גע־פאנגען.

מאדעליין: זאגט איהם, אז ער קאן זיין נקמה נעהמען, זי איז די לעצטע פון איהר משפחה.

זשעראר: פארזיכערט איהר, אז ניט נקמה וויל ער נעהמען פון איהר, נאר ער בענקט נאך איהר. שוין פון קינדערווייז אן האט ער נאך איהר געבענקט. איהר שענקייט, איהר חן מאכען איהם ווילד, ער איז הונגעריג נאך איהרע צערטליכקייטען. ווער וועט איהר איצט ראטעווען פון זיין גרויסער ליבע.

מאדעליין: ענטפערט, אז זי וועט ארויסלויפען אויפ'ן גאס און זיך ארויסגעבען פאר דעם המון. ווער וועט איהר דאמאלכט ראטעווען פון טויט? זי פרובירט אנטלויפען, אבער באשליסט זיך מיטמאל: דו וועסט ראטעווען זיין לעבען, וועל איך זיין דיינע! זי דערציילט, ווי בלייבענדיג א יתומה, איז זי אנטלאפען מיט בערסי, ווען זי האט דערזעהען אז איהר הויז ברענט. זי איז קראנק געווארען און בערסי האט אויף איהר אויסגעגעבען אלץ וואס זי האט אפגע־שפארט. זי האט דאן דערהערט צוערשט די שטים פון ליבע. אין יענער שעה איז דאס לעבענס־ליכט אפגעשטארבען. ער קאן איהר נעמען, אבער זי איז נאר א טויטער גוף. זאל ער נאר איהם ראטעווען.

זשעראר: דערציילט, אז איינער וואס האסט איהם, האט די קלאגע נעגען איהם אונטערגעטראגען. דער בלוטיגער המון קומט,

די שווערדען קלינגען, דאס ברענגען די זשאנדארמען איהם אהער. אזוי פרעסט די רעוואלוציאן אויף איהרע זיהן. ער דערלאנגט דעם פרעזידענט פון געריכט א צעטעל און באמערקט צו איהר, אז עס איז נאך ניט צושפעט, אויב ער קאן וועט ער איהם ראטעווען.

עס קומט אן דער המון. מען אונטערהאלט זיך. כארען פון מענער און אלטע פרויען זינגען. עס קומען אן די מיטגלידער פון געריכט און מען פיהרט אריין די ארעסטאנטען, צווישען זיי אויך אנדרע שעניע.

פראקוראר פאוקיער טינוויל: באשולדיגט איהם, אז ער האט געשריבען געגען דער רעוואלוציע, ער איז א פארעטער

שעניע: ענטפערט, אז עס איז א ליגען. ער איז געווען א שרייבער און געמאכט זיין פעדער פאר א בייטש צו שמייסען אלע היפאקריטען. ער האט אלס דיכטער, אלע מאל געזונגען דעם לויב פון זיין לאנד, דאס לעבען איז פאר איהם געווען א שיף צו כאפען דעם גלאנץ פון פרימארגען, אבער זיין שיקזאל האט איהם געטריבען אויף די כעלזען פון טויט. דאך פון מאסט פלאטערט א העלער פלאג, "מיין פאטערלאנד", אייער שמוץ וועט קיינמאל ניט זיין אימשטאנד צו פארשמוצען דעם מאסט, איהר מעגט מיך הענגען, אבער מיין עהרע וועט בלייבען העל באלויכטען.

זשעראר: טרעט אויף אלס ערשטער עדות און ערקלערט אז די באשולדיגונג איז אן אבשייליכער ליגען, כאטש ער אליין האט עס געשריבען, איז עס אבער געווען פאלש.

פאוקיערטינוויל: פארוואס האסטו עס געטאן?

זשעראר: ווייל איך האב איהם געהאסט.

פאוקיער טינוויל: זאגט, אז ער אליין מאכט דיזעלבע קלאגע.

דער עולם: פאדערט זיין פארורטיילונג.

זשעראר: באשולדיגט זיי, אז זייער גערעכטיגקייט איז נאר טיראניי, און ארגיע פון האס און נקמה. זיי דארפען קרוינען שעניע'ן מיט לארבערן, אלס דעם גלענצענדסטען זוהן פון דער רעוואלוציע. לויפט צו שעניע'ן און נעמט איהם ארום און ווייזט אן שעניע'ן, אז דארט זיצט מאדעליין.

שעניע: איך זעה איהר ווידער! איצט קאן איך שטארבען.
די ריכטער: קומען אריין און דערלאנגען א טויט־פסק.
שעניע ווערט אפגעפירט און מאדעליין געזעגענט זיך מיט איהם.

פערטער אקט

אין הויף פון דער טורמע סט. לאזאר אין מיטען נאכט.

שעניע זיצט און שרייבט. רושיע שטעהט לעבען איהם. דער וועכטער שמידט, יאגט איהם אונטער צו ענדיגען.

שעניע: שרייבט א פאעמע צו דער "פאעזיע פאר'ן טויט", און ער געזעגענט זיך מיט רושע'ן.

זשעראר קומט אן מיט מאדעליין, און מעלדעט, אז דער דאמע איז ערלויבט צו האבען די לעצטע באגעגעניש מיט אן ארעכטאנט.

מאדעליין: ווענדעט זיך צום טורעמשטשיק און דער־ציילט איהם, אז צווישען די פאראורטיילטע צום טויט, איז דא א יונגע פרוי, זי מוז געראטעוועט ווערען. ווען זי וועט אויסגערופען ווערען, וועט אן אנדערע ענטפערען, זי אליין וועט עס זיין. זי דער־לאנגט דעם טורעמשטשיק צירונג און געלט.

שמידט, דער טורעמשטשיק האט מורא צו ריזיקירען, דאך באשליסט ער זיך.

זשעראר: דורך ליבע מאכסטו דעם שענדליכען טויט רומ־פול. ער געהט צו ראבעספיער'ן פרובירען פועלן באגנאדיגונג פאר שעניע.

שעניע: ווענדעט זיך צו מאדעליין, אז פון איהר בארגט זיין אומרוהיגע נשמה נייע פרייד און פרידען. ער געהט פאר זיי ביידע אומשטערבליכקייט אין הימעל.

מ א ד ע ל י י ן: מיט דיר וועל איך ביז צו ענד זיין, געזעגען זיך ניט מיט מיר. איך בין געקומען שטארבען צוזאמען מיט דיר, דא זאלען מיר זיין צו ענד, מיר זיינען פאראייניגט דורך ליידען און דאס לעצטעווארט אויף מיינע ליפען זיינען: איך ליב דיך. זי וועט געהן צום טויט אלס לעגריי.

זיי געזעגענען זיךביידע. זיי נעמען זיך ארום.

אין טויטען־וואגען רופט ש ע נ י ע אויס: זאל דעם טויט אונזער געזאנג געווידמעט ווערען!

מ א ד ע ל י י ן ענטפערט: א גליקזעליגער טויט!

פאוסט

אפערא אין פינף אקטען פון
שארל פראנסאא גונא

די געשיכטע פון "פאוסט" איז אין די הויפט שטריכען דיזעלבע ווי די געשיכטע פון באיטאס "מעפיסטאפעל": די זעלבע הויפט־פערזאנען, דיזעלבע אידעען און דער אינהאלט איז אויך אין די הויפט־שטריכען דער זעלבער, ווארוםביידע אפעראס זיינען באגרינדעט אויף געטהע'ס "פאוסט". מיר גיבען דערפאר דא ניט קיין אויספירליכע דארשטעלונג פון "פאוסט", נאכדעם ווי מיר האבען געגעבען "מעפיסטאפעל", און וועלען זיך באגנוגען נאר מיט א קורצער סקיצע.

אין ערשטען אקט ערשיינט פאוסט אלס אלטער מאן, וואס בענקט נאך לעבען און יוגענט. מעפיסטאפעל באווייזט זיך און פארשפרעכט עם איהם, פארברענגענדיג פאר זיינע אויגען מארגארעטא'ס בילד. פאוסט שרייבט אונטער דעם קאנטראקט און ווערט יונג.

אין צווייטען אקט האבען מיר פאר זיך די יאריד־סצענע. זי איז אבער דא רייכער, פארשידענארטיגער. פערזאנען, וואס מיר געפינען ניט אין "מעפיסטאפעל" באווייזען זיך דא: וואלענטין, מארגארעטאס ברודער, וואס געהט אין מלחמה און טרויט אן די שוועסטער צו דעם יונגען זיבעל. מעפיסטאפעל אליין איז דא מעהר אקטיוו, קומט אין קאנפליקט מיט וואלענטין און בייווייזט קונצען צו איבעראשען דעם עולם. דא קומט אויך פאר די ערשטע באגעגעניש צווישען פאוסט און מארגארעטא.

דער דריטער אקט שפילט זיך אפ אין גארטען און עפענט זיך מיט **זיבעלס** פרעכטיגען בלומען־געזאנג. ווייטער שפילט זיך אפ די באגעגעניש און אונטערהאלטונג צווישען די צוויי פארלאך: פאוסט און מארגארעטא, און מעפיסטאפעל און מארטא, ענליך ווי אין באיטעם אפערא.

דער פערטער אקט איז דא גאנץ פארשידען. אין ערשטען בילד רייצט מעפיסטאפעל אויף דעם אהיימגעקומענעם וואלענטין, וועלכער דערוויסט זיך פון דער פארפירונג פון דער שוועסטער דורך זיין חוזק'מאכענדער סערענאדע. עס קומט פאר א דועל צווישען וואלענטין און פאוסט, און דער ערשטער פאלט א טויטער, פארשילטענדיג די שוועסטער פאר'ן טויט.

אין צווייטען בילד פרובירט מארגארעטא מתפלל זיין אין קירך, אבער מעפיסטאפעל דערלאזט איהר ניט ראטעווען איהר נשמה.

דער פינפטער אקט געפינט מארגארעטאן אין טורמע, פון וואנעט פאוסט וויל איהר ראטעווען, אבער קוקענדיג אויף מעפיסטאפעל, באשליסט זי זיך צו פארבלייבען, און מתפלל'זייענדיג צו גאט, פאלט זי אנידער און שטארבט. פאוסט פאלגט ניט מעפיסטאפעל'ן און וויל איהר ניט פארלאזען.

עס באווייזט זיך א כאר פון מלאכים, וואס זינגט: "רעטונג צו איהר נשמה" און זי ווערט פון זיי ארויפגעטראגען אין הימעל.

ראָמעא און זשוליעטא

אפּערא אין פינף אקטען פון

שארל פראנסאָא גונאָ

ערשטער אקט

א רייכדעקאָרירטער זאל.

דער באל, מענער און פרויען: זינגען א שבח צו ליבע, פרייד און פארגעניגען.

טיבאָלט, קאַפּולעטס א פּלימעניק, פרעגט ביי פאריז, צו האָט ער וועָן עס איז געזעהן א פּרעכטיגערען יום־טוב?

פאריז: ענטפערט, אז דאָס שענסטע פון דער וועלט איז דאָ פארזאמעלט.

טיבאָלט: געפינט, אז דאָס גרעסטע וואונדער איז פאריזעס פארשפּראָכענע כלה, זשוליעטא.

פאריז: ענטפערט, אז ער איז איבערגליקליך. אָט קומט זי מיט איהר פאָטער.

קאפּולעט: באגריסט די געסט און שטעלט פאָר זיין טאָכטער, זשוליעטא, זיין איינציגע האָפענונג.

אלע: געפינען, אז זי איז זעהר באצויבערענד.

זשוליעטא: הייסט זיך צוהערען צו די זיסע קלאנגען פון מוזיק. דאָס לעבען עפענט זיך פאר איהר ווי א וועלט פון כשוף, זאנדערבארע האָפענונגען עפענען זיך פאר איהר.

קאפולעט: רופט צו די יוגענד, אז זיי זאלען קומען מאָ־ כען זייער אויסוואל צווישען די שענסטע, זאלען זיי אנטיילנעמען אין טאנץ און פארגעניגען. פאר איהם איז די צייט פון פרייד שוין פאר־ איבער, ער וועט זיך שוין מעהר ניט מאסקירען, זאלען זיי אבער יעדער אפפירען א מיידעל. (אלע געהן אפ).

ראמעא מיט זיינע פריינד פארבלייבען.

מערקוציא (ראמעא׳ס פריינד): וויל ארונטערנעמען די מאסקע.

ראמעא: ווארענט איהם אבער, מען זאל זיי ניט דערקענען, אז זיי זיינען קאפולעטס שונאים. זיין הארץ איז שווער מיט אנונ־ גען. ער האט גע׳חלומ׳ט.

מערקוציא: ערקלערט איהם אבער, אז חלומות זיינען פאלש. דאס איז די קעניגין מאב געוועז מיט איהם, די שעהנע קעניגין פון פאלשקייט, זי איז לייכט ווי די לופט, לייכטער ווי די ווייבע ווינטען. זי קומט אין א וואגען פאר דער נאז פון שלאפענדע שטערבליכע און וועבט ארום א שפינגעוועב און ווען יענער כאפט זיך אויף איז זי שוין לאנג אוועק.

ראמעא: פארדריסט וואס די שעהנע ראזאלינא איז ניט צווישען די טענצער. ער געפינט דא ניט קיין פארשווינען און רופט דעם חבר אוועקצוגעהן. פלוצלונג דערזעהט ער א שענהייט, וואס מאכט די ליכט צו ווערען העלער. ער האט נאך קיינמאל אזא שענ־ הייט ניט געזעהן. ער האט ביז איצט נאך קיינמאל ניט געוואוסט וואס ליבע איז אזוינס.

מערקוציא און דער כאר: באמערקען אז ראזאליניעס הערשאפט איז געשטארבען, א נייע ליבע איז געקרוינט געווארען. (זיי געהען אפ).

זשוליעטא קומט אן מיט איהר אם און בעט, אז יענע זאל ריידען צו איהר.

די אם: זאגט איהר, אז זי וועט חתונה האבען מיט פאריז און עס איז א גוטער שדוך.

זשוליעטא: ענטפערט, אז זי לעבט אין דער רוה פון א זיסען חלום און אין איהר הארצען איז באהאלטען דער אוצר פון

א זיסען ליבעם געפיל. אין איהר גאָלדענער פאנטאזיע זיינען גע־הוירען די גייסטער פון אלטען צויבערלאנד. די יוגענד איז אָבער קורץ און געהט באלד אוועק, רייסט אָפּ די רויז, וואס בליהט, צום שטאַרבען.

ר אַ מ ע א קומט אַן מיט גריגאַריא, וועלכער זאָגט דער אם, אז מען זוכט זי.

ז ש ו ל י ע ט א : הייסט איהר געהן און וויל נאָכגעהן.

ר אַ מ ע א : האלט איהר צוריק. ער בעט ביי איהר זי זאָל איהם מוחל זיין, וואס ער ערלויבט זיך זי אָנצוריהרען, פאר זיין העזה דאַרף ער באַשטראָפט ווערען מיט א זיסען קוש.

ז ש ו ל י ע ט א : בעט זיין האנט אלס באגריסונג, א האנט־דרוק איז דער קוש פון א הייליגען פיליגרים.

ר אַ מ ע א : פרעגט צו האָבען פיליגרימען און הייליגע אויך ניט קיין ליפען?

ז ש ו ל י ע ט א : ענטפערט, אז דאָס זיינען זיי געגעבען גע־וואָרען נאָר פאר תפילות.

ר אַ מ ע א : בעט, אז זי זאָל פארנעמען זיין תפילה, אז ניט וועט ער אריינפאלען אין פארצווייפלונג און פון איהרע ליפען וועט ער נעמען די לאָבונג, און ער קושט זי.

ז ש ו ל י ע ט א : באמערקט, אז די ליפען ברענען איהר פון זינד.

ר אַ מ ע א : וויל אז זי זאָל איהם די זינד צוריקגעבען.

ב י י ד ע. זי זאָגט: ניין, ניט צוריק. ער בעט, זי זאָל איהם געבען צוריק.

ר אַ מ ע א : וויל וויסען ווער זי איז.

ז ש ו ל י ע ט א : ענטפערט, אז זי איז א קאפולעט.

ט י ב אַ ל ט קומט אַן און רופט איהר צוריק צו די געסט. ער וויל וויסען, צו ווייסט זי ווער דער פיליגרים איז.

ז ש ו ל י ע ט א : ענטפערט, אז ניט.

ט י ב אַ ל ט : דערקענט אָבער, אז דאָס איז דער מאָנטאַג רא־מעא, און אז זיין עהרע פאָדערט ער זאָל איהם טויטען.

ז ש ו ל י ע ט א : האָט מורא, אז אזוי ווי ער איז דער איינצי־

נער זוהן פון שונא, וועט דער קאלטער קבר זיין איהר חתונה־בעט.

טיבאלט און פאריז ווילען זיך ווארפען אויף ראמעא, ווען קאפולעט קומט אן און מאכט זיי א צייכען זיך צוריקצוהאלטען.

קאפולעט: בעט די געסט ניט אוועקצוגעהן אזוי גיך. עס שטעהט נאך פאר א באנקעט און ער זינגט א טאסט.

דער כאר: זינגט נאך.

מערקוציא שלעפט אוועק ראמעא.

טיבאלט: שווערט, אז ער וועט זיך נוקם זיין אן ראמעא, און ער וויל זיך נאך איהם נאכיאגען.

קאפולעט האלט איהם צוריק, מען זאל דא ניט מאכען קיין אויפרעגונג, און זיך ווענדענדיג צו די געסט, באזינגט ער ליבע, שענהייט און פרייליכקייט.

דער כאר: זינגט איהם נאך.

צווייטער אקט.

א גארטען לעבען זשוליעטאס וואוינונג.

ראמעא (אריבערקריכענדיג איבערן פארקען) זינגט: הויב זיך אויף ליכטיגע זון אין הימעל, לייכט העל און פארטרייב די פינ־סטערע נאכט.

זשוליעטא (קומט ארויס אויפן באלקאן): זי ליבט איהם אלץ, כאטש ער איז ראמעא. א רויזע שמעקט אלץ זיס אונטער אן אנדער נאמען אויך.

ראמעא: וויל מעהר ניט גערופען ווערען מיט א נאמען, וואס איז פיינדליך צו איהר. ער וויל, זי זאל איהר נשמה ענטפלעקען פאר איהם.

זשוליעטא: וויל, אז ער זאל איהר שווערען, אז ער ליבט זי און זי וועט זיין זיינע. אבער זאל ער איהר גלויבען, אז זי וועט זיך ארויסווייזען טריי און אז זי האט צו איהם א טיפע ליידענשאפט.

ראָמעאָ: ענטפערט, אַז זיין האַרץ איז טריי און ער איז איינגאַנצען מיט ליבע צו איהר.

דער כאָר און גריגאַרי קומען אַן מיט לאַמטערנעס. זיי געפינען קיינעם ניט.

גריגאַרי: דערקענט אין דעם אַ שפּיצעל פון די מאַנטאַגס.

די אַם: פאַרזיכערט זיי, אַז אויב ער וועט קומען נאָכאַמאָל, וועט זי איהם אַזוי באַהאַנדלען, אַז ער וועט וויינען.

זשוליעטאַ: קומט אַרויס און בעט די אַם איהר צו באַגלייטען אין הויז. זיי געהען אַריין אין הויז. זשוליעטאַ קומט אָבער באַלד ווידער אַרויס און באַגריסט ראָמעאָ. וואָס איז געוועזן באַהאַלטען. זי געזעגענט זיך מיט איהם און זאָגט איהם אָן, אַז אויב ער איז טריי צו איהר און וויל איהר נעמען פאַר אַ ווייב, זאָל ער איהר שיקען אַ ידיעה און זיי וועלען שטיל חתונה האָבען, דאַן וועט זי פאַר די גאַנצע וועלט קאָנען אָפען אַרויסטרעטען.

ראָמעאָ: בעט, אַז זי זאָל ניט צווייפלען אין זיין צוזאָגע, זיין גאַנצער לעבען איז די ליבע, זי איז אויף אייביג זיינע.

די אַם רופט זשוליעטאַ'ן.

זשוליעטאַ ענטפערט, אַז זי קומט.

ביידע: זינגען אַ דועט. ראָמעאָ בעט זיך, אַז זי זאָל נאָך פאַרבלייבען דאָ. זשוליעטאַ בעט, אַז ער זאָל זיין שטיל.

ביידע: געזעגענען זיך, ווינשענדיג איינע די אַנדערע אַ גוטע נאַכט.

דריטער אַקט

ערשטעס ביל ד.
דאָס צימערל פון מאָנאַך לאָרענצאָ.

ראָמעאָ קומט אַריין באַגריסענדיג דעם מאָנאַך.

לאָרענצאָ: איז פאַרוואונדערט צו זעהן דאָ ראָמעאָ. וואָס פאַר'ע סודות האָט ער? צו איז עס די ליבע, וואָס פּלאָגט איהם?

ראָמעאָ: דערציילט איהם, אַז ער ליבט איצט זשוליעטאַ.

זשוליעטא: קומט אַן און בעט אויך דעם מאַנאך, ער זאָל זיי חתונה מאַכען.

לאָרענצאַ: געפינט, אַז עס איז אביסעל וואונדערליך, אַז די קינדער פון שונאים זאָלען וועלען חתונה האָבען, אָבער ער וועט זיי העלפען. ער הייסט זיי קניען און ער בענשט זייער שדוך, זיי זאָלען זיין א גליקליך פּאָר־פאָלק.

אלע דריי: זיינע מתפלל צו גאָט.

לאָרענצאַ: לייגט צוזאמעןביידענס הענט און הייסט זיי נאָכזאָגען, אז זיי נעמען איינע די אנדערע פאר מאן און פרוי.

ראמעא און זשוליעטא: נעמען זיך ארום און שווערען טרייהייט אויף אייביג.

צווייטעס בילד.

אַ סטריט אין וועראָנא, קאפּולעטס הויז.

סטעפאנאַ (ראמעא'ס פּאזש): וואונדערט זיך, וואָס ער קאָן זינט נעכטען ניט אויסגעפינען זיין בעל־הבית. ער באשליסט צו זינגען און אויפוועקען די דינער. ער זינגט: צו וועט די צארטע טויב נאך אלץ פארבליבען מיט די קארשינעס. זי וויל אוועקפליהען ווייט און קיינמאָל זיך ניט אומקערען צוריק.

גריגאַרי מיט דינער קומט ארויס. ער דערקענט סטע־פאנאַ, אז דאָס איז דער פּאזש, נאָך וועמען ער האָט זיך נעכטען געיאָגט.

סטעפאנאַ (רייצט זיך מיט איהם): זאָלען זיי גוט היטען די טייבעלע, זי קאָן ארויספליהען פון שטייג.

גריגאַרי: פרעגט, צו זוכט ער א מחלקה. וואָס ער האָט זיך דאָ אוועקגעשטעלט זינגען, ביי אזוינע זינגער צוברעכט מען די גיטארע אויף צווייען.

סטעפאנאַ: ענטפערט, אז זיין גיטארע איז א שווערד, וואָס איז שווער צו צוברעכען. זיי לאָזען זיך אריין אין א געשלעג.

מערקוציא קומט אַן און ציהט זיין שווערד צוריקצוהאלטען

די שלעגער. עס פּאַסט זיך, זאָגט ער, פּאַר אַ קאַפּולעט זיך צו וואַרפן אויף אַ קינד.

טיבאַלד קומט אַן מיט זיינע פריינד און לאָזט זיך אַריין אין אַ געשלעג מיט מערקוציאָ.

ראָמעאָ קומט אַן.

טיבאַלד: רופט איהם אַרויס אויף אַ קאַמף אויף לעבען און טויט. ער רופט איהם אַן שפּיאָן, פאַרעטער און נידערטרעכטיגער מענש.

ראָמעאָ: ציהט האַלב אַרויס זיין שווערד, לייגט עס אָבער צוריק אַריין אין שייד, און ענטפערט, אַז קיין נידערטרעכטיגער איז ער ניט. ער האָט אַן אורזאַך איהם צו ליבען, וואָס איז גרעסער ווי באַליידיגונג פון זיינע ווערטער. זאָל ער ניט זוכען קיין קריג און פאַרבלייבען געזונט.

טיבאַלד: געפינט, אַז דאָס איז ניט קיין ענטשולדיגונג פאַר די שלעכטס וואָס ער האָט איהם געטאָן.

ראָמעאָ: ענטפערט, אַז ער האָט איהם קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן, און אַז זיין נאָמען איז איהם אַזוי טייער ווי זיין אייגענער.

מערקוציאָ: פאָדערט איצט אויף טיבאַלד'ן צום קאַמף.

ראָמעאָ: זוכט איהם צוריקצוהאַלטען.

מערקוציאָ לאָזט אָבער ניט אָפּ.

די כאָרן פון ביידע צדדים וואַרפען באַליידיגונגען איינע די אַנדערע.

ראָמעאָ: באַדויערט, וואָס די שנאה און האַס ווערען פון דור צו דור נאָך שטאַרקער.

טיבאַלד און מערקוציאָ וואַרפען זיך אין געפעכט מיט שווערדען און מערקוציאָ ווערט טויטלאַך פאַרוואונדעט.

ראָמעאָ: געפינט, אַז מעהר קיין מחילה קאָן שוין ניט זיין. פייער און צאָרן זאָלען זיין אויפפיהרונג זיין. זיי ציהען די שווערדען און טיבאַלד פאַלט אַ טויטליך פאַרוואונדעטער אין די אָרעמס פון קאַפּולעט, וועלכער איז געקומען אין באַגלייטונג פון בירגער.

טיבאלד: בעט פאר'ן טויט, אז קאפולעט זאל טאן זיין לעצטע בקשה.

דער פירשט קומט אן באגלייט פון א סוויטע.

קאפולעט: דערציילט איהם, אז טיבאלד איז ערמארדעט און אז ער דארף נעמען נקמה פון ראמעא.

ראמעא: דערציילט, אז טיבאלד האט פריהער דערמארדעט מערקוציא און דערפאר האט ער נקמה גענומען.

דער פירשט: פרעגט, וואס וועט זיין איצט? קיין זאך קאן ניט צוריקהאלטען זייער שנאה. ווער ווייסט, פיליכט איז ער זייער נעקסטער קרבן. פארדינט האט ראמעא דעם טויט, נאר ער וועט זיך באגנוגענען דערמיט, וואס ער וועט איהם פארטרייבען פון שטאדט.

פערטער אקט

זשוליעטאס צימער.

זשוליעטא: איז מוחל ראמעא, וואס ער האט טיבאלד געטויט, ווייל יענער האט געזוכט זיין לעבען און זי ליבט איהם, ראמעא, איהר מאן, איהר טייערען געליבטען.

ראמעא און זשוליעטא: זינגען א דועט, בענשענדיג די ליבע, וועמעס קייטען זיי טראגען.

ראמעא: הערט אז די נאכטיגאל זינגט. עס איז שוין טאג און זיי מוזען זיך צושיידען.

זשוליעטא: וויל איהם פארהאלטען. עס איז נאך ניט טאג. זיי נעמען זיך ארום.

ראמעא וויל איצט פארבלייבען לענגער.

זשוליעטא האט אבער מורא, מען זאל איהם באמערקען. זיי צושיידען זיך.

גערטרודע קומט אן און דאנקט גאט וואס ראמעא איז אוועק. דער פאטער קומט מיט'ן מאנאך לארענצא.

קאפולעט וואונדערט זיך, וואס זי איז אזוי פריה אויף. צו האט זי נאך גארניט געשלאפען? ער טרייסט איהר, אז מארגען וועט זי האבען א מאן און וועט שוין מעהר ניט דארפען זארגען.

זשוליעטא: וויל וויסען ווער דער מאן איז?

קאפולעט: ענטפערט, אז דאס איז פאריז. זאל טיבאלד שלאפען אין רוה, זיין קינד וועט חתונה האבען מיט פאריז. זאל זי זיך פארבערייטען.

זשוליעטא: ווארפט זיך צום מאנאך, ער זאל זי ראטעווען. זי האט געהאלטען איהר חתונה בסוד, ווי ער האט איהר געהייסען, און איצט זאל ער איהר אן עצה געבען, דאס איז איהר אייציגע האפענונג, אז ניט ער, וועט זי מוזען שטארבען.

לארענצא: פרעגט, צו שרעקט זי זיך ניט פאר'ן טויט?

זשוליעטא: ענטפערט, אז ערגער ווי דער טויט איז צו לעבען אלס ווייב מיט שאנד באפלעקט.

לארענצא: דערלאנגט איהר א פלעשעל, פון וועלכע זי זאל טרינקען, דאן וועט זי אויף 42 שעה בלייבען ליגען ווי א טויטע, זי וועט אבער זיין נאר איינגעשלאפען. און ווען זי וועט זיך אויפכא־פען, זאל זי אנטלויפען פון אלטען געוועלב. עס וועט זיין נאכט און איהר מאן וועט ווארטען אויף איהר. די נאכט וועט פארביי, זי וועט אבער גערופען ווערען צו א נייעם לעבען. ער פרעגט: צו שרעקט זי זיך?

זשוליעטא: ענטפערט, אז די ליבע גיט איהר צו כח.

קאפולעט קומט אריין און רופט די טאכטער צו דער חופה צערעמאניע.

פאריז: פרובירט איהר דעם חופה־רינג אנפאסען.

זשוליעט (רייסט עם ארונטער): זאל דער קבר ווערען איהר קאלטע חתונה־בעט. זי רייסט ארונטער דעם חתונה־קראנץ. זי ווערט אלץ בלאסער און בלאסער. זי געזעגענט זיך מיט'ן פאטער און פאלט אנידער.

קאפולעט: כאפט זיך, אז זי איז קאלט.

אלע: שרייען זי איז טויט.

פינפטער אקט

דאָס געוועלב פון די קאפולעטס.

ראמעא קומט אַן זוכענדיג זשוליעטא'ס קבר, און מיינענדיג אז זי איז טויט, טרינקט ער אוים די פלעשעל גיפט.

זשוליעטא: כאפט זיך אויף, זי פיהלט א ניי לעבען אין זיך. זי קוקט זיך ארום זוכענדיג ראמעא.

ראמעא זעהט איהר. זיי נעמען זיך איינע די אנדערע ארום, און שווערען אייביגע טרייהייט איינע צו די אנדערע.

ראמעא: באקלאגט זיך אויף די שטיינערנע הערצער פון די עלטערן, וועמען ניט דער שמערץ, ניט דאָס געבעט פון די קינדער ריהרט ניט, אין זייער פרייד מוזען זיי שטארבען. ער ווייזט איהר אז ער האט אויסגעטרונקען די גיפט, מיינענדיג, אז זי איז טויט.

זשוליעטא זעהט אין שרעק, אז ער שטארבט.

ראמעא: רופט איהר, זי זאל הערען ווי די נאכטיגאל זינגט, און ער פאלט אנידער א טויטער.

זשוליעטא טרינקט אוים די גיפט פון פלאש, כדי צו שטארבען מיט איהם צוזאמען און באמערקענדיג דעם קינזשאל, שטעכט זי עס זיך אריין.

ביידע שטארבען מיט ליבעס-ווערטער אויף די ליפען.

לוציא די לאמערמור

אפערא אין דריי אקטען פון

גאעטאנא דאניצעטי

ערשטער אקט

ערשטעס בילד.

אין פארשטוב פון פאלאץ.

נארמאן (העגריס לייטענאנט): זאגט אן זיינע לייט, זיי זאלען גוט נאכזוכען דעם פינסטערען סוד וואס רינגעלט זיי ארום. ווען דער כאר געהט אפ, קומט אן הענרי זעהר א פארזארגטער און נארמאן וויל וויסען די אורזאך.

הענרי אשטאן: דערציילט איהם זיינע צרות, ווי דער פארהאסטער עדגאר מאכט חוזק פון זיין ביטערער לאגע. נאר די חתונה פון זיין שוועסטער, לוציא, מיט ארטור'ן, וואלט איהם גע־קאנט ראטעווען, זי אבער ענטזאגט איהם, זי איז מעהר ניט זיין שוועסטער.

ריימאנד (דער גלח) זוכט איהר צו פארטיידיגען: זי איז דאך איין טרויער נאך די עלטערן, ווי אזוי זאל זי טראכטען וועגען חתונה האבען.

נארמאן: דענקט אבער, אז ליבע איז די אורזאך, און ער דערציילט ווי אזוי זי איז איינמאל געראטעוועט געווארען פון א צעיושעטען אקס דורך איינעם, וואס איז פאר איהם נאך אומבא־

קאנט, און ער דענקט, אז לוציא ליבט איהם. זיי באגעגענען זיך יעדען פרימארגען לעבען פאנטאן. ער פארדעכטיגט אז דאס איז זיין שונא, עדגאר.

העברי: איז אויסער זיך פון אויפרעגונג, די בלוט פרירט איין ביי איהם, ביי דעם געדאנק פון דער שוועסטערס פאלשקייט.

דער כאר קומט אן און מעלדעט, אז דער פארדאכט איז באשטעטיגט. זיי האבען דעם מאן געכאפט ביים פאנטאן און אויס־געפונען פון איהם, אז ער איז עדגאר.

העברי: רופט צו נקמה און וויל ניט הערען רייםאנדס באַ־רוהיגענדע ווערטער. צוזאמען מיט'ן כאר זינגט ער א נקמה־ליד.

נארמאן צוזאמען מיט'ן כאר: פארזיכערען איהם, אז יענער קאן זיך פון איהם ניט ראטעווען.

צווייטעס בילד.

אין גארטען.

לוציא קומט אן מיט איהר באגלייטעריז, אליסא, זיך וואונ־דערנדיג, וואס עדגאר איז נאך ניטא.

אליסא: דערמאנט איהר אן די געפארען מיט וועלכען זיין קומען איז ארומגערינגעלט.

לוציא: פארשטייט, אז עס איז אזוי און איז שטארק איינ־געשראקען. זי האט מורא אז עדגאר'ס קומען זאל ניט ארויסרופען קיין נקמה געפיל. דער שאטען פון זיין ערמארדעטע געליבטע האט זיך פאר איהר געוויזען. עס איז געווען שטיל און פינסטער. זי האט דערהערט א שטילען קרעכץ. די געשטאלט פון דער פרוי האט זיך באוויזען, פון איהרע בלאסע ליפען האט זיך קיין קלאנג ניט גע־הערט, נאר מיט דער האנט האט זי איהר א שטויס געטאן און איז פארשוואונדען בעת דער טייך האט אנגענומען די פארב פון בלוט. עס איז א שרעקליכער סמן. זי וואלט געדארפט איהר ליבע פאר־טרייבען פון הארצען. זי קאן אבער ניט. באלד איז דער הימעל קלאר געווארען, די שטערנ'ס האבען ווי געשמייכעלט, די נאטור האט ווי

איינגעשלאפען און דער הימעל האט איינגעוויקעלט די נאכט איז פולען גלאנץ.

עדיגאר (קומט אן): ער ענטשולדיגט זיך וואס ער האט פארשפעטיגט. וויכטיגע אורזאכען האבען איהם פארהאלטען. ער מוז מארגען אפפארען פון זיין היים און לאנד, ער מוז געהן קיין פראנקרייך דינענדיג שאטלאנד. דאך איידער ער וועט אפפארען, וועט ער זיך זעהן דורכריידען אפען מיט איהר ברודער, פארשפרע־כענדיג פרידען און פריינדשאפט.

לוציא: בעט זיך, אז זייער ליבע זאל פארבלייבען א סוד.

עדגאר: קאן ניט פארשטייז, וואס וויל יענער נאך: זיי־נע עלטערן דערמארדעט, זיין ירושה צוגענומען. ער האט געהאט געשווארען ביים קבר פון זיין פאטער נאך נקמה צו זיין רויבער, ווען ער האט אבער זי דערזעהן, האט איהם פארדראסען זיין שבועה, אבער ער האט נאך אלץ די מאכט זיין שבועה צו ערפילען.

לוציא: בעט זיך ער זאל זיך בארוהיגען. צו וואלט ער וועלען איהר זעהן שטארבען פון שרעק? זאל ער געהארכען זיין צו־בונד צו איהר.

עדגאר: שווערט איהר אייביגער טרייהייט.

לוציא: שווערט פון איהר זייט טרייהייט צו איהם און בעט ביי גאט זיין ברכה צו זייער בונד. זי בעט ער זאל איהר שרייבען פון דער ווייטענס.

ביידע: זינגען אז די זיפצען זאלען זיין דער באלזאם. זיי זאלען טראכטען איינע וועגען די אנדערע און געפינען בארוהיגונג אין זייערע טרערען.

צווייטער אקט

ערשטעס בילד.
א צימער אין פאלאץ.

נארמאן: מעלדעט, אז לוציא וועט באלד זיין דא.

הענרי: איז אין איין שרעק, טאמער וועט זי אויך איצט

זיך ענטזאגען בעת די גאנצע משפחה איז זיך שוין צוזאמענגעקומען און מעןווארט נאר אויף ארטור'ן.

נארמאן: בארוהיגט איהם. דאס לאנגע אוועקשטעהן און די פאלשע נייעס וועגען עדגארס טרייל‏אזיגקייט, וועלען פארטרייבען די ליבע צו איהם פון איהר ברוסט.

הענרי: בעט, ער זאל איהם געבען די געפאלשטע בריף. אזוי ווי זי קומט אן, זאל ער געהן באגעגענען ארטור'ן און איהם ברענגען אהער. ער באגריסט צערטליך די אנקומענדע לוציא. ער פרעגט, פאר וואס שוויגט זי?

לוציא: ענטפערט, אז די בלאסע באקען דערציילען גענוג וועגען איהר ליידען און פארצווייפלונג, און ער מעג בעטען מחילה ביי גאט פאר זיין בייזען, אוממענשליכען צוואנג.

הענרי: בעט איהר אויפצוהערען די אלטע פארוואורפען, וואס ערנידעריגען זיי ביידען. זיין כעס איז פארביי איצט, ווען זי באקומט א נאבעלן מאן.

לוציא: ענטפערט, אז זי וועט בלייבען טריי צו יענעם אנדערען.

הענרי: דערלאנגט איהר דעם בריף, פון וועלכען זי קאן זעהן ווי אומטריי יענער איז צו איהר.

ביידע: זינגען א דועט. לוציא: אז זי האט געטראגען איהרע ליידען, האפענדיג אז דער מארגען וועט איהר ברענגען באפרייאונג, איצט איז איהר לעצטע האפענונג פארלוירען, איהר געליבטער באהאנדעלט איהר מיט פאראכטונג. הענרי: אז זי האט איהר נאמען דערנידריגט דורך איהר ליבע, דער הימעל האט איהר דערפאר באשטראפט, און יענער באהאנדעלט איהר מיט פאראכטונג..

עס הערט זיך א גערויש.

הענרי: ערקלערט די שוועסטער, אז דאס איז איהר באשטימטער חתן געקומען, און אז די חתונה־צערעמאניעס ווארטען אויף איהר. ער דערציילט איהר, אז ארטור איז די איינציגע ישועה פון זיין פארצווייפעלטער לאגע, און אז דערפאר מוז זי חתונה

האבען מיט איהם. ער איז דאך איהר אפּעקון און מוז איהר ראטעווען פון די הענט פון פארעטער.

לוציא: דערמאַנט איהם, אז ער האט זי געליבט, צו ארט איהם גאָר ניט וואס זי שטארבט? פון די הענט פון איהר ברודער מוז זי איהר פאראורטיילונג באקומען. ארום איז הילפלאָזע עלענד און בעת די חתונה־גלאָקען קלינגען, איז שרעק און האס איהר נדן, וואָלט זי שוין בעסער אין קבר חתונה געהאט!

צווייטעס בילד.
אין קאָרידאָר

ריימאנד: דערציילט לוציא, אז ער האט אליין באזארגט איהר בריף אין פראנקרייך. פינף וואכען איז ווי יענער האט דעם בריף געקראגען, דאך שווייגט ער. עס איז קלאר, אז ער איז געוואָרען אומטריי צו איהר. ער עצה׳ט איהר דערפאר, זיך אונטערצוגעבען דעם שיקזאל.

לוציא: פרעגט און וואס איז מיט איהר שבועה?

ריימאנד: ערקלעהרט איהר, אז נאר א גלך קאן געבען א חתונה־שבועה, און יענע שבועות זיינען ניט בינדענדיג ניט פאר גאט, ניט פאר מענשען.

לוציא: ענטפערט איהם, אז איהר מח האט ער איבער־צייגט, אבער ניט איהר הארץ. נאר אומגליק ערוואַרט זי.

ריימאנד: וואָרענט איהר, אז נאך גרעסערער עלענד ער־וואַרט זי אין צווייטען פאל. די עלטערן פון קבר רופען צו איהר זי זאל ראטעווען דעם ברודער, זי מוז איהם ראטעווען.

לוציא: איז מסכים צו האנדלען ווי ער הייסט, און בעט איהם צו זיין איהר פירער און בעראטער.

דריטעס בילד.
אין חתונה־זאל.

דער כאר: זינגט א שבח צו דעם טאג פון שמחה.

אַרטור באַגריסט הענרי, פאַרשפּרעכענדיג אייביגע פריינד־שאַפט. ער וויל אָבער וויסען, וואו איז לוציא.

הענרי: ענטפערט, אַז ער זאָל מוחל זיין, אויב זי וועט זיך פילייכט באַווייזען אַ פּאַרווײַנטע, דאָס באַקלאָגט זי דער מוטערס־טויט.

אַרטור: וויל וויסען צו עס איז אמת, אַז מיט אייניגע חדשים צוריק, האָט דער יונגער עדגאַר געהאַט די חוצפה צו בעטען איהר האַנט.

הענרי: ענפטערט, אַז ער האָט טאַקי געהאַט די חוצפה, אָבער —

לוציא קומט אונטערדעסען אַריין.

הענרי: ווייזט איהר אָן, אַז דאָ שטייט איהר מאַן, זי זאָל געהן צו איהם. ער דערלאַנגט איהר דעם חתונה קאָנטראַקט.

לוציא: שרייבט אונטער.

עדגאַר קומט אָן אין דעם אויגענבליק.

לוציא: בעט זיך, אַז ער זאָל איהר באַהאַלטען.

עדגאַר און הענרי: זינגען אַ דועט וועגען דער נקמה, פאַר וועלכע עס איז געקומען די צייט און וואָס ווערט איצט פון קיין זאַך ניט צוריקגעהאַלטען.

לוציא: באַקלאָגט זיך, וואָס עדגאַר איז געקומען ניט זי צו ראַטעווען. זי איז פאַרצווייפעלט און קאָן אפילו ניט וויינען.

עדגאַר און הענרי: רופען איינער דעם אַנדערען צום בלוטיגען קאַמפף.

ריימאָנד: זוכט זיי צוריקצוהאַלטען און נאָמען פון גאָט.

עדגאַר: פאָדערט מען זאָל איהם אָפּגעבען זיין כלה.

ריימאָנד: ערקלערט איהם, אַז זי געהערט איצט צו אַן אַנדערען.

עדגאַר: באַשיט לוציא'ן מיט פאַרוואורפען. ער פאַרשילט דעם טאָג, ווען ער האָט זי דערזעהן. ער שטעלט אונטער די ברוסט מען זאָל אַ שווערד אַריינשטעכען איהם, און זאָל זיין טויטער קער־פּער באַצירען איהר חתונה שמחה.

לוציא: בעט ביי גאָט, ער זאָל איהם באשיצען, ראטעווען פון אלע געפארען, אזוי ווי זי איז פאר'משפט צום טויט.

רייםאנד, אליסא און די דאמען: הייסען עד־גאר'ן אנטלויפען און ראטעווען זיין לעבען.

דריטער אקט

ערשטעס בילד.
אַ צימער אין עדגארים שלאָס.

עדגאר (אליין): רעדט וועגען די פינסטערע נאכט, וואס איז אזוי פינסטער ווי זיין שיקזאל. ער הערט דעם קלאפּ פון קא־פיטעם און וואונדערט זיך, ווער קען איצט קומען צו איהם?

העניי: קומט אריין און זאָגט, אז ער איז געקומען אפּגע־בען א וויזיט.

עדגאר: פרעגט איהם, צו האָט ער ניט געפילט קומענדיג אהער, אז זיין פאָטערס שאָטען הויבט זיך און פאָדערט נקמה? צו האָט זיין הארץ ניט געפיהלט די מורא ווי א לעבעדיגער מענש פיהלט אריינקריכענדיג אין קבר און ניט זעהענדיג קיין הילף?

העניי: ענטפערט, אז גרעסער זיינען די בענדער פון האס צו איהם, ווי די אלע בענדער פון פארגעניגען. ער האָט אלעמען פאר־לאָזען לויפענדיג אהער, אום אנשטאָט ווערטער מיט די אָרימס זיך צו באגעגענען. ער פאָדערט איהם אויף זיך צו באגעגענען פארטאָג ביי די קברים פון רייווינגסבוד.

ביידע: זינגען א דועט רופענדיג שנעל דעם פרימארגען און ברענגען די נקמה.

צווייטעס בילד.
אַ זאל אין העניים שלאָס.

דער כאר: זינגט א פריילאך ליד.

רייםאנד: הייסט זיי אויפהערען זייער שמחה און דער־

ציילט, אז הערענדיג א געשריי פון דער כלה'ס צימער, איז ער אריינ־געלאפען און געזעהן ווי ארטור ליגט אויפ'ן פאדלאגע איינגעטונקט אין בלוט און לוציא מיט א שווערד אין האנט, האט איהם געפרעגט: וואו איז דער חתן? מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים. מען האט געזעהן, אז זי האט דעם פארשטאנד פארלוירען.

לוציא (קומט אריין): עס דאכט זיך איהר, אז זי הערט עדגאר'ס שטים, זי פיהלט זיך ווידער זיכער און רופט איהם צום פאנטאן. דער אלטאר ווארט אויף זיי, זי איז פול פון פרייד און ערווארט מיט פרייד צו ווערען זיינע. זי דאנקט גאט, וואס ער האט ענדליך איהר געגעבען נייעם לעבען.

העגרי: קומט אן און פרעגט, צו איז טאקע דער מארד אמת? ער וואונדערט זיך, וואס לוציא איז אזוי בלייך.

ריימאנד: ערקלערט איהם, אז זי האט אויף אייביג דעם פארשטאנד פארלוירען.

לוציא: בעט זיך ווייטער ביי עדגאר, ער זאל ניט צוברע־כען דעם רינג, באטש זי האט אונטערגעשריבען דעם קאנטראקט, ליבט זי קיינעם ניט אויסער איהם. זאל ער איהר ניט שילטען. זי איז געווען דער קרבן פון שלעכטען ברודער. זאל ער רחמנות האבען אויף איהר און פארגיסען א טרער אויף איהר שמערץ. זי וועט אין הימעל מתפלל זיין פאר איהם. דער הימעל וועט אויך ניט ברענגען קיין פרייד צו איהר.

העגרי: בעט די אנוועזענדע צערטליך די שוועסטער צו באהאנדלען. פאר איהם אליין בלייבט נאר איבער די חרטה.

ריימאנד: פארשילט הענרי'ן, וועמעס אויפטו דער אומ־גליק איז, — די בלוט פון קרבן רופט פאר באשטראפונג, וועלכע וועט זיין שרעקליך.

דריטעס ביל ד.
די אויסערליכע זייט פון שלאס.

עדגאר: בעט די קברים פון זיינע עלטערן זאלען זיך עפענען און איהם צונעמען. דער האס איז פארשוואונדען, און ער

וואַלט מיט פאַרגעניגען געפאַלען טויט, ווארום דאַס לעבען איז א מדבר. ער ווארפט איהר פאַר, וואַס בעת ער איז ארומגערינגעלט פון טויט, איז איהר הארץ פול מיט ליידענשאפט. זיין קבר וועט זיין איינזאם, אויב לוציא וועט ווען אמאַל מיט איהר מאן פארביי דאַ, שווייגענדיג וועט זיין שאָטען זיך אויפהויבען. זאַל זי אמווייניג־סטענס רעספעקטירען די שטויב, וואַס איז פאר איהר געשטאָרבען.

דער כאָר קומט אָן זינגענדיג א טרויער־ליד.

עדגאר: פרעגט, נאָך וועמען זינגען זיי עס?

דער כאָר ענטפערט: נאָך לוציא, וועלכע האלט ביים שטאַרבען.

עדגאר (לויפט צו איהר): אין טויט מוזען זיי זיין פאראייניגט.

ריימאָנד (האלט איהם אָפּ): זי איז שוין טויט.

עדגאר: באקלאָגט זיך, וואָס מען האָט זיין איינציג־געליבטע פון זיינע ארימס ארויסגעריסען. ער וועט איהר נאָכפאָלגען. די וועלט, אומצופרידען מיט זייער בונד, האָט זיי אין דעם לעבען פאנאנדערגעריסען, אָבער אין ** העכערען באַנד וועלען זיי זיין פאראייניגט. ער פאָלגט איהר באלד נאָך. ער שטעכט אריין א קינ־זשאַל זיך אין הארצען.

ריימאָנד: דערמאָנט איהם צו טראכטען וועגען הימעל.

דער כאָר: ענטפערט, אז מחילה וועט קו..ען פון אויבען.

ל'עליזיר ד'אמארע

(ליבעס געטראנק).

אפערא פון

גאעטאנא דאניצעטי

ערשטער אקט

ערשטעס בילד.

א פארם-הויז.

דער כאר: זינגט א שבח צו דער אנגענעמער שטילקייט, אבער ווען די ליבע באקרוינט איהר מאכט, קאן קיין זאך ניט שטערען איהר שטראל און גליקלאך איז ווער עס איז איהר קרבן.

נעמארינא, א יונגער פויער, זינגט, ווי ליב און טייער זי איז פאר איהם. ווען ער קוקט אויף איהר ווערט זי אלץ טייערער צו איהם. אבער בעת איהר גייסט איז באוועגליך, קוקט ער ווי אן אידיאט און קאן נאר זיפצען. ווער וועט איהם מאכען ווערט פאר איהר ליבע?

אדינא (אייגענטימעריין פון פארם): עס איז א גאנץ אינטערעסאנטע געשיכטע, די געשיכטע פון טריסטאנא, וואס איז געוועזען פארליבט אין דער שעהנער, אבער שלעכטער איזאטע, וועמען קיינע געבעטען האט ניט געארט. א געוויסער כשוף-מאכער האט איהם געגעבען א ליעבע-געטראנק, דורך וועלכע די שעהנע איזאטא איז פון איהר זייט אריינגעפאלען אין פיין פון ליבע. זי זאגט, אז זי וואלט

אוועקגעגעבען א לעבען, אויב זי וואָלט געקאַנט באקומען אַט דעם הייליגען געטראַנק. זי לייענט ווייטער. ווי נאָר טריסטאַנא האָט פאַרזוכט דעם פאַ'כשופ'טען געטראַנק, איז איהר שטרענגע האַרץ ווייך געוואָרען. איינגאַנצען האָט זיך געביטען מיט אַמאָל די בייזע שענהייט, זי איז אין איהם פאַרליבט געוואָרען, איז איהם געוואָרען טריי, און ער האָט שטענדיג געבענשט די שטונדע, ווען ער האָט דעם כשוף־געטראַנק פאַרזוכט.

עס הערען זיך פויקען. אַלע הייבען זיך אויף. בעלקאָרע און סאָלדאַטען קומען אַן.

בעלקאָרע (אַן אונטעראָפיציר): דערלאַנגט צו אדינא בלו־מען, ערקלערענדיג, אז ער טוט עס, ווי דער פרייליכער פּאַריז האָט געגעבען דעם עפּעל צו דער לעבעדיגסטער. ער לייענט אין איהרע גלאַנציגע אויגען, אַז ער האָט איהר האַרץ עראָבערט. דאָס איז קיין וואונדער ניט, ווייל ער איז גאַלאַנט, א סערדזשאַנט, קיין מיידעל קאָן ניט ווידערשטעהן דעם אַנבליק פון א סאָלדאַט. צו איז דען די מוטער פון ליבע ניט געווען עראָבערט פון מאַרס, דעם גאָט פון שלאַכטען?

אדינא: ענטפערט, אז ער איז א גאַנץ באַשיידענער מענש.
דער כאָר: האַלט איהר אונטער.
נעמאָרינא: קרעכצעט, אז זי לאַכט פון איהם.
בעלקאָרע: זאָגט ווייטער, אויב זי ליבט איהם ווי ער ליבט זי, פאַר וואָס זאָלען זיי באַלד ניט אוועקלייגען די וואָפען און אַלס קאַפּוטולאַציע־אָפּצאָל איז ער גרייט צו ווערען איהר שקלאַף.

אדינא: בעט עטליכע טעג נאָכצוטראַכטען.
נעמאָרינא: איז פאַרצווייפעלט. אויב זי זאָל יענעם אָנ־נעמען, בלייבט פאַר איהם נאָר דער קבר.

בעלקאָרע: זינגט אַן אַריע, אז מען דאַרף קיין צייט ניט פאַרלירען. אין ליבע און אין מלחמה מוז מען זיך איילען אום צו זיגען.

אדינא: ענטפערט, אז די לייט זיינען פאַרנאַרט. זיי טרויּ־פירען איידער זיי האָבען נאָך א זיעג געהאַט. אדינא קאָן מאָן ניט אזוי גיך פאַנגען.

זשינעטא (א דאָרף־מיידעל) און דער כאָר: געפינען, אז עס וואָלט געווען געפערליך ווען אדינא וואָלט זיך געלאָזט פאנגען פון דעם זון פון מארס. אָבער זי איז צו קלוג פאר איהם.

בעלקארע: בעט זי זאָל איהם און זיינע חברים ערלויבען דערוויילי דא זיך אפצורוהען.

אדינא: איז גרייט מיט פארגעניגען. זי שיקט אוועק די פויערים אהיים פון דער ארבייט. אלע געהען אַפּ.

נעמארינא (בלייבענדיג אליין מיט אדינא): בעט זי זאָל איהם ערלויבען איין וואָרט.

אדינא: ענטפערט, אז עס איז די געוועהנליכע מאטערניש, די געוועהנליכע זיפצען, עס וואָלט געווען פיעל בעסער פאר איהם צו געהן אין שטאָדט זעהן זיין פעטער, וואָס איז קראַנק.

נעמארינא: ענטפערט, אז יענעמס קראנקהייט איז גאר־ניט אין פארגלייך מיט זיין אייגענער. ער האָט פיעל מאָל פרובירט פארלאָזען דעם פּלאַץ, אָבער ער קאָן ניט.

אדינא: זאָגט, אז ער וועט פארלירען די ירושה און וועט שטאַרבען פון הונגער.

נעמארינא: ענטפערט, אז פאר איהם איז גאַנץ גלייך צו שטאַרבען פון הונגער אדער פון ליבע.

אדינא: זאָגט, אז זי וויל מיט איהם ריידען אָפען: זי קאָן איהם ניט ליבען. אויף די פראַגע: פארוואָס? ענטפערט זי מיט אן איראָניע: געה פרעג דעם זעפיר, פאר וואָס ער שטורמט אזוי? עס איז איהר נאַטור אזא.

נעמארינא: פרעגט, וואָס בלייבט איהם איבער צו טאָן?

אדינא: ענטפערט זיך צו ענטזאָגען פון זיין ליידענשאַפט.

נעמארינא: מעהנעט, אז ער קאָן עס ניט. פרעג דעם טייך פארוואָס ער האָט זיך אָפּגעריסען פון זיין קוואַל אין די בערג, ער וועט ענטפערען: אז עפּעס אז אומבאוואוסטע קראַפט טרייבט מיך. דער שיקזאל וויל, אזוי מוז עס זיין, און אזוי וועט ער נאָכפאָל־גען איהר.

אדינא: ראָט איהם זיך אויסצוהיילען פון דער פוסטער משוגעת, ווארים עס איז א משוגעת צו דענקען, אז ליבע קאָן זיין

שטענדיג, ווארים אזוי ווי נאך יעדער נאכט קומט א נייער פרימאר־גען, אזוי מוז יעדע אלטע ליידענשאפט זיין דער אויסגאנג פון א נייער.

נעמארינא: ענטפערט, אז טאג און נאכט הערט ער נאר זי, אין זיין הארצען איז זי טיף איינגעגראבען. פון זיין נשמה קאן זיין גלויבען אין דער ליבע נים ארויסגעטריבען ווערען.

צווייטעס ביל ד.
א פלאץ אין דארף.

זשינעטא, פלארעטא און דער כאר: דערציילען וועגען דעם גרויסען וואונדער, וואס א גאלדענע קארעטע איז געקו־מען, אין איהר א באראן, א מארקיז. אט געהט ער.

דולקאמארא (אן ארומרייזענדער דאקטאר): בעט אלע זא־לען זיין אויפמערקזאם. זיי האבען שוין פריהער געהערט וועגען דעם דאקטאר דולקאמארא פון פעררארא. ער איז דער אלטער וואהלטע־טער פון מענשען. ער האט א מאגישען קורירער פון ווייטאגען, זא־לען אלע קויפען. עס היילט אלע כארטען ציינווייטאג. ער האט גענוג אטעסטאטען עס צו באווייזען. אן אלטער מאן פון אכציג יאהר איז שנעל ווידער א יונגערמאן געווארען דורך אט דעם בשוף־מיטעל. און די פרויען הארפען עס אויך נעמען און זייערע שפרינקלאך וועלען פארשווינדען. זאלען אלע קויפען, ביליג. ער האט עס גע־בראכט פון צעהן טויזענט מייל און מעהר. איהר מיינט אפשר, אז דער פרייז איז 100, 30, 20? ער פארקויפט עס צוליעב פריינדשאפט נאר, פאר איי סקודא, מען פארקויפט עס פאר פיער, נאר ער איז גערייט צו פארקויפען פאר דריי. ער זינגט אן אריע: עס איז קלאר, אז א סקודא וועט יעדער געווינען.

דער כאר: איז צופרידען אנצונעמען דעם ליבעראלען פארשלאג.

נעמארינא (קומט צו): ער דענקט, אז גאט אליין האט דעם וואונדער דאקטאר געשיקט אין דארף איהם צו ראטעווען, און

ער פרעגט איהם: צו איז אמת, אז ער באזיצט וויכטיגע סודות, צו האט ער ניט דעם ליבע־געטראנק פון דער קעניגין איזאטא?

דולקאמארא: פארשטעהט ניט וואס ער מיינט, באלד אבער כאפט ער זיך, אז ער אליין איז דער צוזאמענשטעלער דער־פון.

נעמארינא: איז איבערגליקליך, נאר ער האט נאר איין פיאסטער און מיט פארגעניגען גיט ער עס אפ דעם דאקטאר.

ביידע: זינגען א דועט. איינער דאנקט און איז צופרידען, דער אנדערער איז אויך צופרידען, וואס יעדען טאג געפינט ער א נארן.

נעמארינא: וויל וויסען ווי עס צו נעמען.

דולקאמארא: הייסט איהם טרינקען דירעקט פונ׳ם פלע־שעל, עס זאל ניט אויסוועפען, די ווירקונג וועט ער פיהלען אין א טאג ארום.

נעמארינא: דאנקט איהם. דער געטראנק האט איהם שוין נאר מחיה מתים געווען.

דולקאמארא: זאגט, אז נאראנים טרעפט ער יעדען טאג גענוג, נאר דעם גרעסטען נאר זעהט ער איצט פאר זיך. ער הייסט איהם שווייגען וועגען דער קניה און פארברענגען א טאג אין פארגע־ניגען. ער האט איהם אבער צוגעגעבען, אז מארגען וועלען אלע פרויען זיך אין איהם פארליבען.

נעמארינא: דאנקט איהם. ער וועט אויסטרינקען אינ־גאנצען, אבער נאר פאר אדינא אליין. בלייבענדיג אליין, איז ער נתפעל, וואס פאר א וואונדערבארער געטראנק עס איז. צו וואס עפעס אבלייגען אויף מארגען? ער טרינקט. ער פיהלט אז דאס בלוט פליסט ביי איהם מיט א דאפעלטער שטארקייט. ער האט נאך קיינ־מאל זיך ניט געפיהלט מיט אזא זעלבסטצוטרויען ווי איצט. ווי מעכטיג מוז זיין דער כח פון דעם געטראנק, אז עס ווירקט שוין אויף אז ארט. ער צווינגט זיך.

אדינא: פרעגט, ווער איז דער אידיאט? איז עס טאקע נע־מארינא?

נעמארינא: וויל צולויפען צו איהר, האלט זיך אבער צוריק. ער וועט ווארטען ביז מארגען, ווען איהר הארץ וועט זיך אונטערגעבען אונטער איהם. ער זינגט ווייטער.

אדינא און נעמארינא: זינגען א דועט. ער זאגט: כאטש די טרעפירסט איצט, דו בייזע איינע, וועל איך מארגען הערשען אין דיין הארץ, מארגען וועסטו זיין מיינע. זי זינגט: אז קיינמאל וועט ער ניט קאנען ברעכען די קייט און ניט זיך ענטזאגען פון האפענונגען.

אדינא: פרעגט איהם, צו איז איהר אוראק צו איהם געווען נוצליך?

נעמארינא: ענטפערט, אז ער פראקטיצירט עם איצט. דער אלטער פלאם איז פארוואנדעלט געווארען אין רויך, מארגען האפט ער ווידער צו זיין מיט א גאנצע הארץ און פריי.

אדינא: פרעהט זיך עס צו הערען. פאר זיך זאגט זי, אז אומזיסט מיינט דער נאר צו קאנען צוברעכען זיינע קייטען. מארגען וועלען זיי זיין נאך שטארקער.

בעלקארע: זינגט פון דער זייט, אז אין מלחמה ווי אין ליבע איז די באלאגערונג וואונדערפאל.

אדינא: פרעגט איהם, ווען וועט די באלאגערונג זיין צו ענד?

בעלקארע: ענטפערט, אז אומזיסט שטעהט ער ביי א פלאץ, וואס איז גוט פארטיידיגט.

אדינא: פרעגט, צו זאגט איהם זיין הארץ ניט, אז די באלאגערונג וועט באלד זיין געענדיגט?

בעלקארע: איז איבערראשט, וויל אבער אויב אזוי, זי זאל באשטימען דעם טאג פון חתונה. ווען וועט עס זיין?

אדינא: ענטפערט, אז אין זעקס טעג ארום.

נעמארינא: הייסט זיי ניט זיין שטארק זיכער אין דעם.

זיי זינגען א טריא.

בעלקארע: זאגט, ער וואלט וועלען וויסען פאר וואס יענער שוטה שמייכעלט. ער וועט איהם שפאלטען דעם קאפ.

אדינא: זאגט, אז זי קאן איהר כעס ניט איינשטילען, וואס ער, ביז איצט איהר שקלאף, איז דאך געבליבען היימלאך, הערענדיג אז זי געהט באלד חתונה האבען.

נעמארינא: זינגט, אז אט דער סאלדאט דענקט, אז ער איז אן עראבערער. מארגען וועט ער באהאלטען זיין קאפ.

זשינעטא קומט אריין און מעלדעט, אז די סאלדאטען זוכען זייער אונטעראפיציר.

די סאלדאטען: מעלדען, אז א טעלעגראמע איז געקומען פון קאפיטאן, אז זיי דארפען אריבערציהען אין אן אנדער פלאץ.

בעלקארע פרעגט אדינא: צו האט זי געהערט, אז מארגען דארפען זיי אפפארען, וועט זי כאטש געדענקען זיין ליבע?

אדינא: פארשפרעכט צו זיין טריי.

בעלקארע: פרעגט, אויב אזוי, צו וואס אפלייגען די חתונה, פאר וואס ניט שטעלען די חופה היינט?

אדינא: איז מסכים.

נעמארינא: בעט זיך, זי זאל זאגען ניט היינט, כאטש מארגען, אבי ניט היינט.

דער כאר: שטיצט אונטער זיין בקשה.

בעלקארע: סטראשעט נעמארינא'ן צו שפאלטען דעם קאפ.

אדינא: בעט ער זאל איהם מוחל זיין, ער איז א פויער, האלב משוגע פון ליידענשאפט. זי הייסט בעלקארע'ן לויפען שנעל נאך א נאטאר.

נעמארינא: רופט דעם דאקטאר צו הילף.

דער כאר: זינגט וועגען דביי מאמענטען צו פאנגען און ברענגען גליק.

נעמארינא: באקלאגט זיך, וואס אלע מאכען חוזק פון איהם, אבער דאס וואלט איהם ניט געארט. דאס ערגסטע איז, וואס דעם דאקטארס פאלשע מעדיצין האט איהם רואינירט.

צווייטער אקט

אין אדינאס פארם.

דער כאר: זינגט א געטראנק געזאנג.

בעלקארע: זינגט א שבח צו ליבע און וויין.

אדינא: זוכט נעמארינא'ן, זי וואלט וועלען, אז ער זאל דא זיין.

דולקאמארא: לייגט פאר א ליד, וואס וועט געווים אלע־מען געפעלען. עס הייסט: "נינא דעם פישער'ס ווייב און טרעדענטי דער סענאטאר" פאר צוויי שטימען.

דולקאמארא און אדינא: זינגען דאס ליד, אין וועל־כען דער סענאטאר זאגט צו דעם פישער'ס ווייב, אז ער איז רייך, אבער זי איז שעהן, זאל זי בליהען אין זיינע ארימס. זי אבער ענט־פערט, אז עס איז אפילו א כבוד צו האבען א סענאטאר פאר א מאן, אבער זי וויל ניט חתונה האבען מיט איהם, ער איז צו אלט צו ווערען דער שקלאף פון א יונגע מיידעל.

דער נאטאר קומט אן און ווערט פון אלעמען באגריסט.

בעלקארע: פרעגט, וואס איז אדינא אזוי אומוטיג?

אדינא: זאגט פאר זיך, אז אויב נעמארינא וועט ניט זיין דערביי, וועט איהר נקמה ניט זיין פארפול.

נעמארינא (קומט אן): ער האט געזעהן מיט די אייגענע אויגען דעם נאטאר. עס איז קיין האפענונג פאר איהם ניטא, ער איז פארצווייפעלט. ער איז פארוואונדערט דערזעהענדיג דא דעם דאקטאר.

דולקאמארא: ערקלערט, אז דאס חתונה־פארל האט איהם איינגעלאדען.

נעמארינא: באקלאגט זיך, אז ער איז פארצווייפעלט. וואס איז דער נוצען וואס מארגען וועט ער געליבט ווערען, ווען זי האט היינט חתונה. ער וויל באלד אויף אן ארט געליבט ווערען.

דולקאמארא: ראט איהם צו נעמען נאך א דאזע פון דעם געטראנק.

נעמארינא: בעט, ער זאָל איהם זאָגען דעם אמת, צו קאָן ער טאָקע געליבט ווערען?

דולקאמאַרא: פארזיכערט איהם אז בלי־ספק, ער דאַרף נאָר נעמען נאָך א דאָזע.

נעמארינא: בעט פון איהם נאָך א פלאַש. ער האָט אָבער א סאָנטים ניט מעהר.

דולקאמאַרא: זאָגט, אז אָהן געלט קאָן ער ניט באקומען, ער האָט נאָך 1/4 פערטעל שעה צייט צו שאַפען דאָס געלד.

בעלקארע: באקלאָגט זיך אויף די ווייבער ווי קאפריז זיי זיינען. דאכט זיך אדינא ליבט איהם בלי־ספק, דאָך וויל זי אפּלייגען די חופּה ביז ביינאכט. ער פרעגט נעמארינא'ן, פארוואָס זעהט ער אויס אזוי פארצווייפעלט?

מארינא: ענטפערט, אז ער מוז האָבען באלד געלט און ער האָט קיין סאנטים ניט.

בעלקארע: זאָגט איהם, אז עס איז דאָ א לייכטער מיטעל ווי צו קריגען געלט. זאָל ער זיך פארשרייבען פאר א סאָלדאט, וועט ער באקומען צוואנציג קרוינען, און א חוץ געלט, וועט ער נאָך באַקומען בארימטקייט און ליבע.

נעמארינא און בעלקאַרע זינגען א דועט.

נעמארינא: זינגט, אז ער וויים די געפארען פון מלחמה, ער וועט מאַרגען מוזען פארלאָזען הויז און פריינד, אָבער ער האָט קיין אנדער מיטעל ניט צו באקומען אדינא'ס הארץ.

בעלקארע: זינגט, אז די ליבע וואנדערט ארום צווישען די סאָלדאטען.

בעלקארע: גיט איהם א פאפיר אונטערצושרייבען, פאר־שפּרעכענדיג, אז ער וועט באלד ווערען א קאפּראל.

נעמארינא: טעהנעט, אז יענער ווייסט ניט דעם מאָטיוו, וואָס צווינגט איהם דערצו. דורך דאָס געלט וויל ער איהר ליבע געווינען.

זשינעטא: דערציילט די פויערטעס דעם סוד, אז נע־מארינא'ס פעטער איז געשטאָרבען און איהם איבערגעלאָזען א גרויסע ירושה.

אלע: זינגען, אז נעמארינא איז איצט א רייכער מאן, א גוטער שדוך פאר יעדער מיידעל, נאר קיינער דארף דעם סוד ניט וויסען.

נעמארינא: זינגט דעם געזאנג וועגען דעם ליבע־געטראנק. אויסטרינקענדיג א סך פון דעם שטארקען געטראנק, וועט ער באלד פארפאלגט ווערען פון די שיינע מיידלאך, די דארף מיידלאך וועלען איהם ליבען.

זשינעטא און דער כאר: באגריסען איהם פריינדליך, וואונדערענדיג ווי ליבליך און איינפאך ער איז.

נעמארינא: איז צופרידען, מיינענדיג, אז דער כשוף־געטראנק הייבט שוין אן צו ווירקען.

דולקאמארא: ווייזט אן אדינא׳ן, ווי די מיידלאך זיינען גערייט נעמארינא׳ן אויף שטיקלאך צו צרייסען.

נעמארינא: דאנקט דעם דאקטאר, וואס אלע זיינען פאר־ליבט אין איהם.

אדינא: וויל מיט איהם ריידען.

דער כאר: רופט איהם צום טאנץ.

אדינא: וואונדערט זיך, וואס ער געהט מיט זיי אזוי צופרידען.

דולקאמארא: בארימט זיך, אז דאס איז אלץ זיין אויפטו. ער האט אזא געטראנק פאר א קראנן, עס איז אזוי ווי ריינע וואסער. ערווארפט איהר פאר וואס זי גלויבט ניט. צו ווייסט זי די מאכט פון דעם געטראנק פון דער קעניגין איזאטא?

אדינא: פרעגט, צו האט ער געגעבען דעם געטראנק צו נעמארינא׳ן?

דולקאמארא: דערציילט, אז נעמארינא האט געבעטען ביי איהם א געטראנק, וואס זאל האבען א ווירקונג אויף עפעס א הארט־הערציגע שענהייט און אז פאר א זופ פון דעם כשוף־געטראנק, האט ער זיין פרייהייט פארקויפט און איז געווארען א סאלדאט.

אדינא און דולקאמארא זינגען א דועט. זי ווארפט זיך פאר, פאר וואס זי איז געווען אזוי שלעכט צו זיין נאבעלען הארץ. ער זאגט, אז זי איז פארליבט און וויל אויך דעם געטראנק. זי וויל וויסען, וועמען ער האט אויסגעקליבען. ער ענטפערט, אז

ער פליהט ארום פון איינער צו דער צווייטער. זי ווארפט זיך פאר, וואס זי האט צוריקגעוויזען די נאבעלע הארץ. ער טענהנעט, אז זי איז פארליבט.

דולקאמארא: בעט זי זאל זיך צוהערען צו איהם. ער זעהט, אז זי האט זיך איצט אריינגעכאפט. פאר וואס זאל ער איהר ניט העלפען, ער קאן זי ראטעווען, ער האט רפואות פאר אלע קראנקהייטען.

אדינא: ענטפערט, אז אלע זיינע מעדיצינען טויגען ניט פאר איהר.

דולקאמארא: פרעגט, צו וואלט זי וועלען האבען א טויזענט פארליבטע, וואס זאלען ביי איהרע פיס ליגען?

אדינא: ענטפערט, אז זי וואלט גאר ניט געקאנט מאכען מיט אזוי פיעל געליבטע. זי ברויכט נאך איינעם.

דולקאמארא: פרעגט, צו וואלט זי געוואלט מאכען איי־פערזיכטיג יעדער אלמנה, פרוי און מיידעל?

אדינא: עטפערט, אז זי וויל ניט באלאסטען איהר הארץ מיט נייע מחשבות.

דולקאמארא: פרעגט, צו וויל זי חתונה האבען מיט אן אוצר? מיט גאלד?

אדינא: ענטפערט, אז זי געפינט ניט קיין פארגעניגען אין גאלד, זי וויל נאר נעמארינא'ן. זי וועט איהם באצויבערן מיט א חן־בליק. נייד קיינמאל האט א מאן ניט געקאנט איהר ווידער־שטעהן. נעמארינא'ס שיקזאל איז באשלאסען, אין איהרע אויגען ליגט דער אמת'ער געטראנק.

דולקאמארא: גיט צו, אז איהר קונסט איז פיעל שטאר־קער ווי זיינע, אז זי קאן דיסטילירען וועלכע ליבע זי וויל.

נעמארינא קומט אן און זינגט אן אריע: געבאדען אין איהרע טונקעלע אויגען שטייט ער פאר איהר ציטערנדיג מיט בא־האלטענע טרערען, בעת יעדען אנדערם פריילּיכער שמייכעל זעהט אוים א מורא. וואס קאן זיין הארץ מעהר פארלאנגען? זי ליבט איהם. וואס פאר א פרייד שטעהט איהם פאר. איצט פיהלט ער נאר

דאס ציטערן פון איהר הארץ. א בליק שלאגט אפ א בליק; א זיפץ קלינגט אפ מיט א זיפץ, ווי זיי וואלטען זיך קיינמאל ניט קאנען געזעגענען. דער טויט איז א צו־ביליגער פרייז פאר אזא גליק. צו דער אנקומענדער אדינא ערקלערט ער, אז ער ווייסט ניט צו ער שטייט אויפ׳ן קאפ אדער אויף די פיס. אלט און יונג, שעהן און מאוס — אלע ווילען מיט איהם חתונה האבען. ער ווייסט באמת ניט וואס צו טאן און וואס צו באשליסען.

אדינא: פרעגט, פאר וואס האט ער זי פארלאזען? פאר־וואס האט ער באשלאסען צו ווערען א סאלדאט?

נעמארינא: ענטפערט, ווייל עס איז איהם נמאס געווארען ארומצוגיין ליידיג. ער וויל פארבעסערען זיין לאגע.

אדינא: ערקלערט איהם, אז זיין לעבען איז טייער צו איהר, אז זי האט צוריק אויסגעקויפט זיין אומגליקליכען קאנטראקט מיט בעלקארע.

נעמארינא: איז איבעראשט. אבער ער מיינט, אז דאס האט דער געטראנק געווירקט.

אדינא: דערלאנגט איהם דעם קאנטראקט און זינגט אן אריע: נעם עס, דורך מיר ביזטו ווידער פריי, פארבלייב אין דיין גע־בורטס־שטאדט, דיין שיקזאל וועט זיך ענדערען, ער וועט ווערען געליבט, ווייל ער איז טריי און ערליך און ער וועט ניט דארפען מעהר זיך באקלאגען אויף דעם שלעכטען מזל, און וועט ניט דארפען פארשילטען דעם שיקזאל.

נעמארינא: זעהט, אז דער געטראנק ווירקט.

אדינא: געזעגענט זיך. זי האט איהם מעהר גאר ניט צו זאגען.

נעמארינא: דערלאנגט איהר דעם קאנטראקט. אויב ער קאן ניט זיין געליבט, וועט ער שטארבען אלס סאלדאט. אלע האפע־נונגען זיינען פארלוירען, אויב דער דאקטאר האט איהם גענארט.

אדינא: טרייסט איהם. איהר הארץ זאגט איהר, אז ער איז ניט אפגענארט געווארען. זיין שיקזאל קאן ניט זיין צו בלייבען טרויעריג. אויב ער קאן פון זיין מוח ארויסווארפען די עראינערונגען

און די עולות, וואס זי האט איהם געטאן, איז זי גערייט איהם מיט דער טיפסטער ליבע צו באגריסען.

נעמארינא: איז איבערגליקליך. דער דאקטאר האט איהם אלזא ניט אפגענארט!

בעלקארע קומט אן מיט א כאלאסטרע און פרעגט: וואס באדייט עס? צו דארף ער איבערגעבען די וואפען זיין קאנקורענט?

אדינא: ענטפערט, אז אזוי איז עס. נעמארינא איז מיין.

בעלקארע: עסט זיך ניט אפ די הארץ. עס זיינען דא אין דער וועלט גענוג פרויען, און טויזענטער וועלען וועלען חתונה האבען מיט בעלקארע.

נעמארינא: דאנקט דעם דאקטאר, וואס דורך איהם איז ער גליקליך געווארען.

דולקאמארא: ענטפערט, אז ער זאל וויסען זיין, דאס ער איז איצט דער רייכסטער מאן אין דארף, — זיין רייכער פעטער איז טויט, ווידער דארף ער וויסען, אז זיין געטראנק האט איהם געבראכט די ליבע. זיין געטראנק פאריכט יעדער פעלער אין א פערזאן. ער לאזט זיך אריין לויבען זיינע רפואות.

אלע: הויבען אן צו בעטען פלעשלאך.

נעמארינא און אדינא: דאנקען איהם. נאר בעלקארע זידעלט איהם, וואס ער האט צושטערט אלע זיינע האפענונגען.

דער כאר: זינגט א ברכה צו דולקאמארא, וואס האט אלע אוצרות פון געזונט ביי זיך.

לא זשואיף

(די אידין).

אפערא אין פיער אקטען פון

זשאק, פראמענטאל הלוי

ערשטער אקט

א פלאץ אין דער שטאדט קאנסטאנץ, אין יאהר 1414.

דער כאר ארום דער קירך זינגט א הימן.

רוזשיערא (א שטאדט בעאמטער) קומט און אז און העצט אויף דעם עולם, פאר וואס אויף דער צווייטער זייט גאס ארבייט מען אין אזא הייליגען טאג.

דער כאר: ערקלערט, אז דאס איז דער רייכער יובעליר, דער איד לאזארום.

רוזשיערא: הייסט איהם ברענגען צושלעפען.

ראשעל: פרובירט פארטיידיגען איהר פאטער.

דער קארדינאל דע בראגני באווייזט זיך און וויל וויסען ווען מען שלעפט דא, און דערהערענדיג דעם נאמען, זאגט ער, אז דער נאמען איז איהם ניט אומבאקאנט.

אליעזר: דערמאנט איהם, אז אין רוים האבען זיין זיך געזעהן. ער האט דאן געהאט א ווייב און קינד.

דער קארדינאל: וויל ער זאל האבען אייזנעהעניש מיט

זיין וויטאג און זאָל דערפון ניט ריידען. ער באפרייט אליעזר'ן פאר־שפּרעכענדיג צו זיין פאר איהם א פריינד. ער זינגט א ליד וועגען די שטרענגע געזעצען, איבער וועלכע עס שטעהט אָבער מחילה.

ראשעל: זעהט אין אַט דעם פּאַרגאַנג אזא טאַט, וואָס דאַרף ענדערן די אַלטע פיינדליכע געפּיהלען פון פאַטער צום קאַר־דינאַל.

אליעזר: דענקט אָבער, אז די שנאה איז א צוטיף איינגע־וואקסענע אָן גוטסקייט און מחילה קאן קיינמאָל זיין גלויבען ניט ענדערן.

דער כאר: באזינגט דעם פריילּיכען יום־טוב.

ראשעל: דערשרעקט זיך פאר אזא גרויסען עולם.

אליעזר: פּיהרט איהר ארונטער די טרעפּ צו דער קירך.

רוזשיערא: ווערט אן אויפגעקאָכטער, וואָס דער איד פאַרשוועכט די קירך טרעטענדיג אויף איהר פּלאַץ.

דער כאר: איז גערייט זיי אין טייך צו פאַרלשעפּען און דערטרינקען.

אליעזר: שטעלט זיך מוטיג געגען זיי. זאָלען זיי ריידען וואָס זיי ווילען, ער איז גערייט זיין בלוט צו געבען, ער וויל מעהר ניט לעבען.

דער כאר: וואַרפט זיך אויף זיי.

לעאָפּאָלד דער פּרינץ: וואַרפט זיך אויף דעם המון מיט זיין שווערד און ווערט דערקאַנט פון דעם קאָמאַנדירענדען אָפיציר.

די פּראָצעסיע קומט אָן און דער כאר ווערט הינגעריסען מיט איהר.

ראשעל: איז שטאַרק פאַרוואונדערט פון וואַנעט עס קומט צו יענעם אזא מאכט.

אליעזר: זוכט איהר ארויסצושטופּען פון דאַנענט.

לעאָפּאָלד: איז גרייט דעם סוד זיינעם איהר אויסצו־זאָגען.

אלבערטא דער אָפיציר, דענקט, אז דער סוד וועט איהר ברייננען אומגליק.

מיט געזאַנג פון כאר פאַרענדיגט זיך דער ערשטער אקט.

צווייטער אקט

אליעזרים הויז. מען פראַוועט סדר.

אַליעזר: לאַדעט איין אַלע אנוועזענדע אנטייל־צונעמען אין דער סעודה.

ראשעל און אנדערע עסען די מצה. לעאָפּאָלד פאַרוואַרפט זיין חלק.

אַליעזר: רופט צו גאָט, ער זאָל אויסשטרעקען זיין האַנט צו העלפען זיינע קינדער. גאָט'ס מאַכט איז אומגעוואָרפען אָבער ניט צושטערט. לעבען און האָפּנונג קערען זיך אום, און זיי בעטען גאָט, ער זאָל זיין שטרענגקייט אויפהערען.

עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר, און אין נאָמען פון קייזער, פאָדערט מען אויפצועפענען.

אַליעזר: זעהט אַז אַלץ זאָל אויפגערוימט ווערען, און ער בעט לעאָפּאָלד'ן, וואָס גיעהט דאָ אונטערן נאָמען שמואל, צו פאַר־בלייבען, ווייל זיין מאַכט וועט איהם באַשיצען.

איידאָסיאַ, דעם קעניגס פּלעמעניצע, קומט אריין און פרעגט זיך נבֿר, ווער איז דער מאַן סעמועל?

אַליעזר: ענטפערט, אַז ער איז אַ מאַלער מיט אַ גרויסען נאָמען, ער איז אָבער געריימ איהם אוועקצושיקען. ווי ער פאַר־שטעהט איז זי געשיקט פון קעניג.

איידאָסיאַ: ענטפערט, אַז זי איז דעם קעניגס אַ פּלע־מעניצע. זי האָט געהערט, אַז ער באַזיצט זעהר אַ קאָסטבאַרע צי־רונגס־שטיק.

אַליעזר: ענטפערט, אַז ער האַלט עס פאַר אַ גרויסען קעניג, עס איז אַ הייליגטום. ווי מען זאָגט, איז עס געטראָגען געוואָרען אַ מאָל פון קאָנסטאַנטין.

איידאָסיאַ: וויל, אַז אַ העלד זאָל עס ווידער אמאָל טראָ־גען, און זאָל זי דורך דעם סאָגען איהר ליבע אין זיין האַרצען איינקריצען.

אליעזר דערלאנגט איהר די קייט און איז צופרידען ער־וואַרטענדיג גרויס רוח.

איידאַסיא: בעט איהם, ער זאָל אויסקריצען איהר און איהר געליבטענס נאָמען אויף דער קייט און עס מאַרגען באַזאָרגען. זי וועט אין אַנוועזענהייט פון קעניג, עס דערלאַנגען איהר געליבטען.

אלע געהן אַפּ.

ראשעל בלייבענדיג אליין, הערט לעאָפּאָלד׳ס טריט און איז שטאַרק אויפגערעגט. זי איז שטאַרק איינגעשראָקען.

לעאָפּאָלד קומט אַן און איז שטאַרק פאַרוואונדערט, וואָס זי איז אזוי איינגעשראָקען.

ראשעל: בעט, אַז ער זאָל ניט צוגעהן צו איהר. פון וואַנענט ווייסט זי, אַז אין דער צייט ווען ער ערקלערט זיך אין ליבע, האָט ער ניט קיין שענדליכע געדאַנקען, פאַר וואָס איז ער אזוי איבערגע־שראָקען און בלאַס?

לעאָפּאָלד: איז זיך מודה, אַז ער האָט זי אָפּגענאַרט. ער איז אַ קריסט. ער האָט אָבער, צוליב זיין ליבע צו איהר, אַן אַלץ פאַרגעסען.

ראשעל: זעהט פאַר, אַז זייער ליבע וועט איהר ברענגען טויט, וויל אַ אידין וואָס הייראַט אַ קריסט איז פאַר׳משפט צום טויט.

לעאָפּאָלד: איז גרייט זיך צו ענטזאָגען פון זיין לעבען, אויב איהר ליבע איז ערענסט צו איהם, ער איז גרייט דאָס ערגסטע צו ווידערשטעהן.

ראשעל: ענטפערט, אַז איהר האַרץ ליבט איהם, אָבער זי וועט קיינמאָל איהר גלויבען ניט בייטען, דאָס וואָלט פאַראורזאַכט דעם טויט פון איהר פאָטער.

לעאָפּאָלד: וויל אַז זיי זאָלען ביידע אַנטלויפען, פאַר איהם איז אָהן איהר קיין זאַך ניט פאַראַן.

ראשעל פרעגט מיט פאַרוואונדערונג: פאַרלאָזען דעם פאָ־טער? זי ווייסט ניט וואָס צו זאָגען. זי זעהט פאַר, אַז דער הימעל וועט זיי ביידען באַשטראָפען.

לעאַפּאַלד: בעט זיך, זי זאָל זאָגען איהר וואָרט, זיין לע־בען הענגט אָפּ פון דעם. זי דאַרף פאַר איהם קיין מורא ניט האָבען.

ראשעל: איז גערייט צוליעב איהר ליבע אַלץ מפקיר צו זיין און צו אַנטלויפען.

אליעזר קומט אָן און האַלט זיי צוריק: צו קאָנען זיי אַנט־לויפען אין אַ פּלאַץ, וואו דעם פאָטערס קללה זאָל איהר ניט דער־גרייכען? און לעאָפּאָלד'ן וואַרפט ער פאָר, וואָס ער האָט אויסגע־נאַרט זיין צוטרויען, זיין אָרים איז נאָך שטאַרק גענוג צו פּאַרטיי־דיגען זיין לעבען.

לעאַפּאַלד: בעט זיך, ער זאָל איהם דער'הרגענען, ער איז אַ קריסט.

ראשעל: בעט זיך דעם טויט. זי איז די שולדיגע. אָבער זאָל ער רחמנות האָבען, יענער וועט נאָך אַ איד ווערען. די מוטער פון הימעל שיקט אַ ברכה און וויל, אַז ער זאָל זיין איהר מאַן.

אליעזר: איז גערייט נאָכצוגעבען איהר בקשה, יענער זאָל מיט איהר חתונה האָבען.

לעאַפּאַלד: ערקלערט אָבער, אַז ער קאָן ניט חתונה האָבען. הימעל און ערד שיקען אַ קללה אויף איהם. ער ליבט זי אָבער און ער וועט אַנטלויפען פון איהר אום איינצונעמען דעם טויט. ער געזעגענט זיך אום זי מעהר ניט צו זעהן.

דריטער אקט

אַ פרעכטיגער קעניגליכער זאַל.

דער כאָר: זינגט אַ שבח צום זיגער.

איידאַסיא: איז איבערגליקליך, וואָס זי קאָן היינט קרוי־נען דעם העלד.

אליעזר מיט ראשעל קומען אָן און ער דערלאַנגט איידאַסיאַ'ן די קייט.

איידאַסיא: דערלאַנגט די קייט צו לעאָפּאַלד'ן, איהר מאַן און הערשער.

ראשעל: רייסט ארונטער די קייט פון איהם. ער איז ניט ווערט צו טראגען דעם ערען־צייכען. ער איז ניט איהר מאן, נאר א שענדליכער טרוס. זי וויל אראפרייסען די מאסקע פון איהם, ער פארדינט דעם טויט. ער האט געהאט א פארבינדונג מיט א אידישע פרוי, און זיי פארדינען דעם טויט, און זיך ווענדענדיג צו לעאפאלד'ן פרעגט זי: צו דערקעננט ער זי ניט? צו לייקענט ער עס?

לעאפאלד: אנערקענט זיין שולד און איז גערייט צו שטארבען.

איידאסיא, דער קארדינאל און רוזשיערא האפען אז זיין לעבען וועט נאך געראטעוועט ווערען.

אליעזר: ווענדעט זיך צו די נאבעלע הערען, פאר וואס זיינע זיי ניט אויפגעבראכט? צו האלטען זיי אנגעגרייט דעם שיי־טערהויפען און שווערד נאר פאר זיי? א רייכער פעלשער דארף בלייבען ניט באשטראפט.

דער קארדינאל: לייגט זיי אריין אין חרם, פארשיל־טענדיג זיי דרייען און ניט ערלויבענדיג קיינעם זיך צו דערנעהנ־טערען צו זיי.

אלע: דריקען אויס געפיהלען פון שרעק.

דער קארדינאל: האלט אין איין פארשילטען די באשול־דיגטע, ביז מען פירט זיי אפ.

פערטער אקט

ערשטעס בילד.
א צימער אין קארדינאלס וואוינונג.

איידאסיא: קומט אריין און ווייזט דעם באפעהל, איהר צוצולאזען צו ראשעל. זי וויל נאר זיין לעבען ראטעווען און איז דאן גערייט צו שטארבען.

ראשעל: איז פארוואונדערט וואס מען האט איהר פון איטר

פינסטערען צימער געבראכט, זי וויל וויסען, וואס קאן צווישען זיי ביידען זיין געמיינזאמעס?

אײדאסיא: זאגט, אז זי וויל פאר זיך גאר ניט. זי וויל נאר איהם ראטעווען, און נאר ראשעל קען עס טאן. זי מוז רחמנות האבען אויף איהם.

ראשעל: ענטפערט, אז יענע וויל מיט איהם א לעבען פאר־ברענגען. זי אבער וויל צוזאמען מיט איהם שטארבען. זי קאן איהם ניט לאזען לעבען ווייטער.

אײדאסיא: בעט זיך ביי איהר, זי זאל פאר'ן ריכטער ערקלערען, אז ער איז געווען אומשולדיג אין דעם פארברעכען. צו הערט זי דען ניט דעם גערויש אויף די טרעפ, דאס פירט מען איהם צום געריכט. איין מינוט מעהר און ער איז פארלוירען.

ביידע: טוען תפילה, אז גאט זאל איהם ראטעווען.

ראשעל: באשליסט זיך, זאל קיינער ניט קאנען זאגען, אז איינע פון זייער גלויבען האט געהאט א בעסערע נשמה.

דער קארדינאל: קאן ניט אריבערטראגען, דעם גע־דאנק, אז זי זאל שטארבען. ער הייסט ברענגען אליעזר'ן און זאגט איהם, אז זיין טאכטער ווערט איצט גע'משפט. ער אליין קאן זי ראטעווען, זיך ענטזאגענדיג פון זיין גלויבען.

אליעזר: פרעגט, ווי אזוי סמייעט ער איהם אזא זאך גאר פארצולייגען. גאט וועט נאך פירען זיינע קינדער צו פרייהייט און עהרע. קיין שארפער שווערד און קיין פלאמען קאנען ניט איבער־שרעקען דעם גלויביגען. ער וועט זיך שטעלען געגען שיקזאל און וועט דאס גליק געפינען נאכ'ן טויט.

דער קארדינאל: וויל וויסען, צו וויל ער טאקע שטארבען?

אליעזר: ענטפערט, אז יא; נאר פריהער וואלט ער וועלען פון קריסט נעמען נקמה פאר אלע זיינע צרות. צו געדענקט ער, אז ווען דער פוילישער קעניג איז אריין אין רוים, איז די שטאדט צוראבירט געווארען, זיין פאלאץ איז פארברענט געווארען, זיין פרוי געשטארבען איבערלאזענדיג אן אקארשט געבוירען קינד?

דער קארדינאל: בעט זיך, ער זאָל ניט עפענען יענעם ברענענדען וואונד.

אליעזר: ענטפערט, אז דאָס קינד איז געראטעוועט גע־ווארען פון א אידען און נאר ער ווייסט יענעמס נאָמען.

דער קארדינאל: בעט זיך ביי איהם, ער זאָל אויסזאָ־גען ווער דאָס איז. אין גאָטס נאָמען בעט ער רחמנות צו האָבען מיט איהם און איהם זאָגען, צו איז עס אמת, אז זיין קינד לעבט?

אליעזר: פרעגט, מיט וועלכען רעכט קומט ער ריידען ווע־גען רחמנות פאר דעם, וועמען ער האָט שוין איינמאָל פאר'משפט. ער וועט זיך ניט צוהערען צו זיינע בקשות. אָבער עס איז אמת, זיין טאָכטער לעבט, ער ווייסט זאָגאר וואו זי געפינט זיך, אָבער מיט זיין טויט, וואָס איז אקאָרשט באשלאָסען געוואָרען, וועט דער סוד מיט־געהן. בלייבענדיג אליין, דריקט ער אויס צופרידענהייט, וואָס ער האָט גיפט אין זיין ברוסט אריינגעלאָזען. ער קען איצט מיט שמחה שטארבען. אָבער ראשעל, זיין טייערע טאָכטער, איהר שרעקליכער שיקזאַל דריקט איהם. זיין לעבען וואָלט ער אויפגעגעבען פאר איהר גליק, און איצט שיקט ער איהר מיט אייגענע הענט צום טויט. א שטים קלינגט איהם אין אויער: פאָטער, ראטעווע מיך פון טויט, איך בין יונג און צום לעבען צוגעבונדען, ראטעווע, פאָטער, דיין קינד! ער וועט ניט דערלאָזען זי שטארבען.

דער כאָר: זינגט, אז עס איז געקומען די צייט פאר די שולדיגע צו שטארבען.

אליעזר: ווערט אָן אָנגעצונדענער. ער האָט עס נאָך גע־טראכט זיי אוועקצוגעבען ראשעל'ן? ניין, קיינמאָל ניט. זי מוז זיך פאַרבערייטען צום שטארבען. יעדע מורא איז פארשוואונדען.

דער כאָר: זינגט, אז עס איז געקומען דער מאָמענט פון טויט.

אליעזר: איז מקריב די טאָכטער צו גאָט. פארלענגערנדיג איהר לעבען, וואָלט ער איהר פון אייביגען גליק בארויבט. דערפאַר וועט זי מיט איהם שטארבען.

צווייטעס בילד.

דאָס אויטאָ-דאפע.

דער כאר: דריקט אויס זיין שמחה און שבח צו גאָט, וואָס עס איז געקומען די שעה פון באשטראָפונג.

רוזשיערא: מעלדעט אליעזר'ן, אז דער טויט־ארטייל איז ארויסגעטראָגען געוואָרען געגען זיי ביידען, און אז יענער דריטער איז ארויסגעשיקט געוואָרען.

אליעזר זאָגט: דער פארפירער איז פריי און די פארפירטע דארף שטארבען.

רוזשיערא: מעלדעט, אז א גלויבענסווערטער עדות האָט ערקלערט, אז ער איז אומשולדיג.

ראשעל: כאפט זיך ארוים, אז זי איז עס געווען די עדות.

רוזשיערא: ערקלערט, אז זי מוז שווערען, אז קיינער האָט איהר ניט געצוואונגען עס צו זאָגען.

ראשעל: שווערט פאר דאָס גאנצע פאָלק און פאר גאָט, אז געטריבען פון נארישער ליבע, האָט זי פראָקלאמירט וואָס איז געווען פאלש. זי בעט דעם פאָטער, ער זאָל זי בענשען און בעטען דעם הימעל פאר איהר.

דער קארדינאל: בעט זיך ביי אליעזר'ן, ער זאָל אין אָט דער לעצטער שטונדע, זיין סוד איהם ארויסזאָגען. זאָלען זיינע ביטערע טרערען איהם רירען.

די לויה-פראצעסיע הויבט זיך אָן צו באוועגען.

אליעזר פרעגט ביי די טאכטער: צו וויל זי לעבען?

ראשעל: ענטפערט, צו וואָס זאָל זי לעבען און ליידען?

אליעזר: זאָגט איהר, אז זי וועט שיינען אין דער הויכער אטמאספערע.

ראשעל: פרעגט, און וואָס וועט זיין מיט איהם?

אליעזר: ענטפערט, אז זיי ווילען, ער זאָל זיך ענטזאָגען פון זיין גלויבען, צו איז זי מסכים?

ראשעל: ענטפערט, אז זי וויל שטארבען, דער הימעל רופט זי.

דער קארדינאל: בעט זיך, ער זאל זאגען, צו לעבט זיין קינד?

אליעזר ענטפערט: יא! און אנווייזענדיג אויף ראשעל, וואס ווערט אין דעם אויגענבליק אריינגעשליידערט אין שייטער־הויפען, זאגט ער: דאס איז זי!

די וואלקירע

א מוזיק דראמא אין דריי אקטען.

(דער ערשטער טייל פון "דער רינג פון ניעבעלונגען")

פון ריכארד וואגנער

ערשטער אקט

דער אינעוויינינג פון א וואוינונג.

זיגמונד קומט אריין אן אויסגעמאטערטער און באשליסט זיך אפצורוהען.

זיגלינדע (די בעל־הבית'טע) קומט אריין און איז פאר־וואונדערט צו געפינען א פרעמדען מאן ליגענדיג ביים הערד. זי זעהט אבער, אז ער איז פארמאטערט. ער זעהט איהר אויס צו זיין א מוטיגער מאן.

זיגמונד: הויבט אויף דעם קאפ און בעט א טרונק.

זיגלינדע: ברענגט איהם וואסער, ווי ער האט געוואלט.

זיגמונד: פיהלט, אז דער געטראנק האט זיין מוט דער־פרישט, און וויל וויסען ווער איז זי?

זיגלינדע: ענטפערט, אז זי און דאס הויז באלאנגען צו הונדינג, און אז יענער וועט איהם געוויס באגריסען, ווען ער וועט קומען א היים.

זיגמונד: ענטפערט, אז ער האט קיין געוועהר ביי זיך נים, און א פארוואונדעטען גייסט וועט איהר מאן געוויס נים שטערען.

זיגלינדע: וויל שנעל זעהן זיינע וואונדען.

זיגמונד: ענטפערט, אז די וואונדען זיינע לייכטע. די גלידער האלטען זיך נאך צוזאמען. ער האט געקעמפפט כל זמן זיין שילד און שפיז האבען זיך געהאלטען. אבער די פילע שונאים האבען די שילד און שפיז צובראכען און זיך געלאזט יאגען נאך איהם. ער איז אבער געווען שנעלער פון זיי און אט זעהט ער א נייע זון.

זיגלינדע: בעט, ער זאל זיך ניט עטזאגען אויסצוטרינקען פון זיסען מעד.

זיגמונד: וויל זי זאל פריהער פארזוכען, און ער זאגט איהר נאכהער, אז זי האט א פארשאלטענעם געשטארקט, און כדי אז קיין בייז זאל ניט קומען, מוז ער ווייטער געהן.

זיגלינדע: וויל וויסען, ווער עס פארפאלגט איהם.

זיגמונד: דערציילט, אז אומגליק קומט, וואו ער ווענדעט זיך, אומגליק אויף יעדען, וואס דערנעהנטערט זיך צו איהם. דער־פאר זאל זי אוועקשטעהן פון איהם.

זיגלינדע: ענטפערט, אז ער קאן בלייבען. ער קאן ניט ברענגען קיין אומגליק דארט, וואו אין הויז וואוינט אומגליק.

זיגמונד: לאזט זיך ארונטער צוווארטען אויף הונדינג.

הונדינג: קומט אריין און פרעגט, וועמען האט זי דארט ערקוויקט?

זיגלינדע: ענטפערט, אז זי האט זיין גומען באנעצט און איהם אלס גאסט אויפגענומען.

זיגמונד: דאנקט איהר פאר אפדאך און געטראנק. צו וויל ער פאר דעם זי זידלען?

הונדינג: ענטפערט, אז זיין הערד איז הייליג, הייליג איז זיין הויז. ער באפעלט די ווייב צו דערלאנגען די מענער עסען. ער וואונדערט זיך (פאר זיך) ווי ענליך דער גאסט איז צו זיין ווייב. ער וויל זיך דערוויסען ווי אזוי זיגמונד איז אהער געקומען?

זיגמונד: ענטפערט, אז דער שטורם און נויט האבען איהם געטריבען דורך וואלד און לאנקע. ער קאן ניט דעם וועג.

הונדינג: איהם איינלאדענדיג צום טיש, שטעלט זיך פאר, אז ער הייסט הונדינג און אז ארום און זיינען זיינע איי־

גענע וואָס היטען זיין כבוד. ער וויל וויסען דעם גאַסט'ס נאָמען, און אויב ער טרויט איהם ניט, זאָל ער דער ווייב עס זאָגען.

זיגמונד: דערציילט, אז מאן פון שלום קאָן ער ניט הייסען. ער וואָלט וועלען הייסען דער פריידפולער, אָבער רופען דאַרף מען איהם, דער אומגליקליכער. זיין פאָטער האָט געהייסען וואָלפע. ער איז געבוירען געוואָרען אלס צווילינג מיט א שוועסטער, פרי זיינען פארשוואונדען די מוטער און שוועסטער. מוטיג און שטאַרק איז וואָלפע געווען, געהאַט א סך שונאים. ווען ער איז איינמאָל אוועק מיט זיינע זיהן אין יאַכט, איז זיין היים אונטערגע־צונדען און פארברענט געוואָרען ביז אַש, די מוטער דער'הרג'עט, די שוועסטער פארשוואונדען. דער אַלטער איז אַלס אויסגעשטויסענער מיט איהם אנטלאָפען. זיי האָבען לאַנגע יאָהרען געלעבט אין ווילדען וואַלד. מען האָט אויף זיי ניט איינמאָל זיך געיאָגט, אָבער זיי האָבען זיך מוטיג אָפּגעוועהרט. א וואָלפלינג זאָגט עס, ווענען פיעלע האָבען געקאָנט פאַר א וואָלפלינג.

הונדינג: געפינט, אז די ערציילונג איז וואונדערליך. ער האָט עפעס געהערט וועגען דעם פאָרל, באַטש ער קאָן ניט דעם וואָלפע און ניט זיין זון.

זיגלינדע: בעט, ער זאָל ווייטער דערציילען, וואו איז איצט זיין פאָטער?

זיגמונד: דערציילט ווייטער, אז מען האָט אויף זיי אָנ־געשטעלט א שטאַרקע יאַגד. לויפענדיג האָט ער דעם פאָטער פאַר־לוירען. ער האָט פאַרלאָזען דעם וואַלד. איהם האָט געטריבען צו מענשען, אָבער פון אַלעמען איז ער געוואָרען צוריקגעשטויסען. א קללה ליגט אויף איהם, צרות פאַרפאָלגען איהם, דערפאַר דאַרף מען איהם רופען שלים־מזל.

הונדינג: זאָגט, אז אזא שווערער שיקזאַל מאַכט, דאָס ער קאָן איהם אויך ניט באַגריסען מיט פרייד אַלס גאַסט.

זיגלינדע: ענטפערט, אז נאָר טרוסען קאָנען מורא האָ־בען פאַר איינעם, וואָס געהט אַרום איינזאַם אָהן וואָפען. זי וויל וויסען, וואו האָט ער צולעצט פאַרלוירען זיין וואָפע.

זיגמונד: דערציילט, אז א מיידעל האָט איהם גערופען

צו הילף. ווייל מען האט איהר געוואלט פאר׳קנסן צו איינעם, וועל־מען זי האט ניט געליבט. ער האט די טיראנען באגעגנעט מיט׳ן שווערד. דער שונא איז געפאלען, די ברידער זיינען געלעגען טויט. דאן זיינען געקומען די משפחהליים פון אלע זייטען און באפוילען נקמה צו נעהמען. ער האט די מיידעל אזוי לאנג באשיצט, ביז שילד און שפיז זיינען צובראכען געווארען. פארוואונדעט און אהן וואפען איז ער געשטאנען ביז די מייבעל איז געבליבען ליגען א טויטע. איצט ווייסטו, האט ער פארענדיגט, פאר וואס מען קען מיך ניט רופען בעל־שלום.

הונדינג: ווייסט וועגען אט די ווילדע משפחה, פאר וועל־מען קיין זאך איז ניט הייליג. מען האט איהם אליין גערופען נקמה צו נעמען פאר די בלוט פון די קרובים. ער איז אבער געקומען צו שפעט. פאר די נאכט באשיצט איהם זיין הויז. אבער מארגען וועט ער דארפען אויפנעמען דעם קאמפף און באצאלען מיט׳ן טויט. און זיך ווענדענדיג צו דער ווייב, באפעלט ער, אז זי מוז ארויס פון דעם צימער, זי זאל איהם ברענגען דעם נאכט־געטראנק.

זיגמונד: בלייבענדיג אליין, דערמאנט זיך, אז דער פא־טער האט איהם צוגעזאגט א שווערד, ווען ער וואלט עס נאר איצט געפונען אין דער העכסטער נויט. זיין הארץ ציהט צו דער פרוי. איהר זיסער צויבער האלט איהם ווי געפאנגען. וואו איז דער שטאר־קער שווערד? אבער ווי א בליץ שטראלט פון דארט. צו איז עס דער בליק פון דער בליהענדער פרוי? דער שטראל פון איהר בליק האט זיין פינסטערקייט באלויכטען.

זיגלינדע: קומט אריין און זאגט, אז זי האט פאר־שכורט הונדינג׳ן, און וויל די נאכט באנוצען פאר זיין רעטונג. זי ווייזט איהם אן אויף א וואפע, וואס איז באשטימט נאר פאר׳ן שטארקסטען. דאס איז געווען ביי איהר חתונה מאלצייט, ווען זי איז געזעסען א טרויעריגע איז אריינגעקומען א פרעמדער זקן אין גרויע געוואנט, ער האט געקוקט אויף איהר מיט טרערען און טרייסט, ער האט אריינגעהאקט א שווערד אין דעם שטאם און קיי־נער האט עס ניט געקאנט אבויסציהען. דאן האט זי פארשטאנען

ווער דאס איז געווען צו פאר וועמען דער שווערד איז באשטימט.
איצט האט זי איהם געפונען, דעם פריינד און העלד.

זיגמונד: נעמט זי ארום און זאגט, אז פאר איהם זיינען באשטימט די ווייב און דער שווערד, עס ברענט ביי איהם אין ברוסט די שבועה, וואס פארקנסט איהם צו איהר. זיי האבעןביידע געליטען. איצט קומט די נקמה. עס וויהען די ווינטערשטורמס, דעם פרילינג אנטקעגען לאכט די לבנה, עס שוועבט זיין אטעם און שמע־קענדיגע בלומען בליהען אויף. ווינטער און שטורם זיינען אוועק און די ליבע האט איהם אהערגעצויגען צו זיין שוועסטער. דער ברודער באפרייט די כלה, די שוועסטער, צושמעטערט ליגט דאס וואס האט זיי צושיידעט, פאראייניגט אין פרייד זיינען ליבע און פרילינג.

זיגלינדע: געפינט, אז ער איז דער פרילינג נאך וועלכען איהר הארץ האט געבענקט. ווי נאר זי האט איהם דערזעהן, איז ער געווארען איהרער. זי וויל איהם אריינקוקען אין די אויגען און אין פנים.

זיגמונד: ענטפערט, אז אויך זי לייכטעט העל אין דער פרילינג לבנה.

זיגלינדע: האט איהם באלד דערקאנט אלס קינד פון יענעם גרייז און איהם באלד געוואלט אנרופען ביים נאמען. זי גלויבט ניט, אז ער הייסט שלים־מזל.

זיגמונד: ענטפערט, אז זינט זי ליבט איהם, הייסט ער מעהר ניט אזוי. זי קאן איהם רופען ווי זי וויל. זיין פאטער האט געהייסען וואלף צווישען די טרוסען — פוקסען, און ווייל די אויגען האבען ביי איהם אזוי געשטארלט ווי ביי איהר, האט מען איהם גע־רופען וועלשע.

זיגלינדע: זאגט, אז פאר איהם האט זיין פאטער וועלשע דעם שווערד אריינגעהאקט. זי וויל איהם רופען זיגמונד.

זיגמונד: ענטפערט, אז זיגמונד הייסט ער און זיגמונד איז ער, אויך דער שווערד וועט עס באווייזען. נאטינג וועט ער דעם שווערד רופען. ער בעט, אז ער זאל באווייזען זיין שארפקייט און די שניידענדע ציינער, ארויס זאל ער פון דער שיידע. ער וויל, אז

די וואך זאָל מיט איהם מיטגעהן, ווייט אין לאכענדען הויז, און נאָטינג, דער שווערד, וועט איהר דאָרט באשיצען, ווען ער וועט פאלען א טויטער.

זיגלינדע: ענטפערט, אז זי איז זיגלינדע, זיין אייגענע שוועסטער, וועלכע ער האָט געוואונען צוזאמען מיט'ן שווערד.

זיגמונד: כלה און שוועסטער ביזטו פאר דיין ברודער. אזוי בליהט דאָס בלוט פון די וועלשינגען.

צווייטער אקט

ווילדע פעלזען־בערג.

וואָטאַן: באפעלט זיין טאָכטער, ברונהילדע, זיך צו צו־גרייטען צום קאמפף. וואָס פלאקערט זיך באלד פאנאנדער צווישען זיגפריד און הונדינג. דער זיג מוז געהערן צו זיגפריד, הונדינג טויג ניט פאר'ן וואַלהאַל.

ברונהילדע: שפּרינגט ארום פון פעלז צו פעלז מיט דעם שלאכטרוף: האיאָטאָהאָ, העיאהא! זי זאָגט צום פאָטער, אז איהם אליין שטעהט פאָר א שווערער קאמפף. זיין פרוי, פריקא, קומט אָן. זי פאָרט צאָרנדיג, גרייט זיך צו קריגען. זאָל ער זעהן אריבערצוטראָגען דעם שטורם.

וואָטאַן: באמערקט צו זיך, אז עס איז דער אלטער שטורם, די אלטע קריגערייען, מען מוז זיין פעסט.

פריקא: זאָגט, אז כאָטש ער האָט זיך באהאלטען און איינ־זאמער אין די בערג, האָט זי איהם דאָך אויסגעזוכט. ער זאָל איהר קומען צו הילף. הונדינג האָט איהר גערופען צו קומען זיך נוקם זיין פאר איהם. זי, אלס די היטערין פון הייראט, מוז שטרענג באשטראָ־פען די טאַט פון דעם פארברעכערישען פּאָרל.

וואָטאַן: קען ניט זעהן קיין שלעכטס אין דעם, וואָס דער פרילינג האָט זיי ביידען אין ליבע פאראייניגט. ווער קאָן זיך שטעלען נעגען כעם צויבער פון ליבע?

פריקא: ענטפערט, אז צו וואס מאכט ער זיך נאריש און טויב, צו ווייסט ער דען ניט, אז זי געהט זיך נוקם זיין פאר דעם חליל פון דער היילינער הייראט שבועה?

וואטאן: טענה'עט, אז א שבועה, וואס האט פאראייניגט ניט ליבענדע, איז אומהייליג, און זאל זי ניט פארלאנגען פון איהם, ער זאל מיט געוואלט צוזאמענהאלטען דאס, וואס זי האט ניט גע־קאנט צוזאמענהאלטען.

פריקא: זאגט, אז אויב ער לויבט די שענדונג פון דער היי־ראט, זאל ער אויך לויבען די בלוטשאנדע, דעם בונד פון א צווילינג. איהר שוידערט עס פון דעם אומערהערטען פאקט, אז א לייבליכע שוועסטער און ברודער זאלען זיך ליבען.

וואטאן: ענטפערט, אז ווי באלד עס איז אזוי, און זיי ליבען זיך, דערפאר איז זיין עצה, אז זי זאל מיט פרייד בענשען דעם בונד פון ליבע צווישען זיגמונד און זיגלינדע.

פריקא: איז מלא חמה. אט אזוי איז געווארען אוים מיט אייביגע געטער אויך, זינט עס זיינען געבארען די ווילדע וועלשינגען? אויב זי פארשטייט ריכטיג, ווארפט ער אום אלץ וואס ער האט פרי־הער געאכטעט. ער צורייסט די אייגענע קינדער און לאזט לוסט און קאפריז באלעבאטעווען, אבער ער איז אליין געווען דער ערשטער, וואס האט געשענדעט הייראט און שבועה, די טרייע ווייב פארגעסט ער און ווארפט איבעראל זיין תאוה'דיגען בליק. דאס אלץ האט זי געמוזט אריבערטראגען. ער רוקט זיך אוועק אין שלאכט מיט די שלעכטע מיידלאך, די מחנות וואלקירען און ווייכט פון דער ווייב. איצט געפעלען איהם נאך די וועלשען, און ער שלעפט זיך ארום אין וואלד און די שאנד איז געווארען אזוי גרוים, אז ער איז גרייט די ווייב ווארפען צו די פים פון די וועלפין. זאל ער עס אויספירען. די מאס איז פול, זאל ער אויך צוטרעטען די אפגענארטע.

וואטאן: ענטפערט רוהיג, אז זי לאזט זיך ניט לערנען און קאן ניט פארשטעהן. זיין געדאנק טראגט זיך ווייט. ער ווייסט, אז עס מוז קומען א הצלה, וואס וועט זיך אפרייסען פון די געזעצען פון די געטער, און נאר אויף אזא אופן וועט ער קאנען אויפטאן.

פריקא: וויל זיך ניט לאזען אפנארען פון העכערע גע־

דאָנסטן. וואָס קאָן ווער אויפטאָן, אויב עס איז פאַרבאָטען פון די געטער?

וואָטאַן: פרעגט, צו אכטעט זי ניט זייער אייגען מוט?

פריקאַ: ענטפערט, אז דער מוט ביי די מענשען קומט דאָך פון זיין שוץ, ווייל ער מונטערט זיי אויף, שטרעבען זיי. ער וויל מיט דעם נייעם ליב פאר יענע מענשען איהר ווידער אָפּנארען און אנטלויפען פון איהר. אבער זי וועט איהם ניט לאָזען געווינען דעם וועלשינג, ווארים טרעפענדיג יענעם, טרעפט זי איהם דורך וועמען אליין יענער קאָן זיך האלטען. זי וויל אז וואָטאן זאָל ביי איהם צונעמען דעם צויבערשווערד, וואָס ער האָט איהם געשאָנקען.

וואָטאַן: ווייזט איהר אָן אז זיגמונד האָט זיך עס אליין ערוואָרבען אין נויט.

פריקאַ: ענטפערט, אז דאָס האָט ער אליין געשאַפען אי די נויט, אי דעם שווערד. צו דענקט ער, אז ער קאָן איהר אָפּנארען, וואָס שפּירט איהם נאָך טאָג און נאכט? צו וויל ער לייקענען, אז דורך ביטריקייט האָט ער יענעם פארנאַרט אהין, אז ערדעלער קאָן ניט פירען מלחמה מיט א ניט פרייען, און נאָר דער פרייער קאָן באַשטראָפען א זינדער. זיגמונד איז נאָר זיין קנעכט, און צו זאָל זי איהם געהאָרכען איצט? איהר מאָן קאָן ניט פארלאנגען, אז אלע זאָלען פון איהר אָפּלאכען.

וואָטאַן: וויל וויסען, וואָס זי פארלאנגט.

פריקאַ: בעט, אז ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון דעם וועלשינג, איהם ניט שטיצען און אויך אָפּווענדען פון איהם די וואלקירע.

וואָטאַן: פּרובירט זיך ארויסמאכען, נור די וואלקירע טוט וואָס זי וויל.

פריקאַ: ענטפערט, אז זי טוט נאָר זיין ווילען און אז ער זאָל איהר פאַרבאָטען זיגמונדס זיג.

וואָטאַן: טענהט, אז ער קאָן איהם ניט לאָזען פאַלען. ער האָט דאָך זיין שווערד געפונען.

פריקאַ: וויל ער זאָל אוועקנעמען דעם כשוף פון איהם, וועט ער זיין אומבאשיצט געגען שונא.

ברונהילדע באווייזט זיך מיט איהר קריג געשריי.

וואטאן: מעלדעט, אז דאס האט ער איהר געהייסען זיך זאטלען פאר זיגמונד'ן.

פריקא: פאדערט, אז ער זאל היינט באשיצען דעם היילינגען כבוד פון זיין ווייב. די געטער וועלען אונטערגעהן אפגעשפאטעטע פון די מענשען, אויב די מוטיגע מויד וועט היינט פאר איהר ניט נעמען קיין נקמה. זי וויל ער זאל שווערען, אז דער וועלשונג וועט פאלען אלס קרבן פאר איהר כבוד.

וואטאן שווערט.

פריקא: שיקט צו ברונהילדען צום פאטער, ער זאל איהר זאגען וואס ער האט באשלאסען.

ברונהילדע: האט מורא, אז שלעכט האט זיך געענדיגט דער שטרייט. זי וויל וויסען, פאר וואס איז דער פאטער אזוי טרויעריג.

וואטאן: ענטפערט, אז ער האט זיך געפאנגען אין זיינע איינענע קייטען. עס איז א שאנד און טרויער. ער איז דער טרויעריגסטער פון אלעמען.

ברונהילדע: בעט זיך, ער זאל איהר פארטרויען.

וואטאן: שטימט איין איהר צו זאגען, וואס קיינער האט ביז איצט ניט געוואוסט. ער דערציילט איהר, אז ווען די ליבע האט גענומען פארשווינדען, האט ער אנגעהויבען צו פארלאנגען די מאכט איבער דער וועלט. ער האט געביטערעוועט, געפאלשעוועט. לאזשע האט איהם פארנארט, און עס האט זיך איהם נאך אלץ געוואלט ליבע. אין דער נאכט איז געבוירען געווארען דער שרעקעדיגער ניבעלונג. אלבעריך האט געבראכען זיין בונד און איז אנטלאפען געווינענדיג דערביי דאס ריינע גלאנצענדע געלד. דאך האט ער פון יענעם ארא־‍ריסען דעם רינג, וואס יענער האט געטראגען און דאמיט באצאלט פאר די פעסטונג פון וואלהאל, וועלכען די ריזען האבען געבויט פאר איהם. פון דארטען באהערשט ער די וועלט. די קלוגא ערדא ראט איהם אפגעדעדט פון רינג און האט איהם געווארנט פין אייביגען סוף. די ווייב איז פון איהם פארשוואונדען, ער האט פארלוירען דעם מוט. מיט ליבעס צויבער האט ער געוואונען די קלוגע וואלא און פון איהר איז געבוירען די ברונהילדע. ער האט זי ערצוי־

גען מיט אכט שוועסטער און געוואלט דורך זיי, די וואלקירען, אפ־ווענדען דאס, פאר וואס ער האט מורא געהאט, נעמליך, דעם שענד־ליכען סוף. ער האט געהייסען שאפען דעם העלד, וואס זאלריידען צום שטורם, צום רויהען קריג, ביז מחנות פון קעמפער זאלען זיך צוזאמענקלייבען אין זאל פון וואלהאל.

ברונהילדע: פארשטעהט ניט, פאר וואס ער איז אזוי פארזארגט. זיי האבען דאך שוין אנגעפילט דעם זאל.

וואטאן: ענטפערט, אז עס האנדעלט זיך וועגען עפעס אנ־דערש. דער ניבעלונג סטראשעט זיי. ער האט קיין מורא ניט פאר זיינע מחנות. נאר ווען ער זאל געווינען צוריק דעם רינג, איז דער וואלהאל פארלארען. ער האט אלזא אויסגעטראכט א פלאן ווי אזוי ארויסצורייסען דעם רינג. דער ריז, פאפנער, וועמען ער האט באצאלט אמאל מיט די פארשאלטענע געלד, היט איצט דעם אוצר, פון איהם מוז מען דעם רינג ארויסקריגען. אויף איהם באפאלען קאן מען ניט און עס וועט ניט העלפען. ער דארף דערפאר א העלד, וואס איז פריי, ער אליין וואלט קאנען טמייען עס צו טאן געגען דעם ווילען פון גאט. ווי קאן ער מאכען איינעם אזוי, וואס זאל ניט זיין מעהר ער, און וואס זאלווירקען פון זיך אליין. דאס איז אבער א שאנד, וואס שטענדיג געפינט ער אלע, וואס ער טראכט אויס ביי זיך אליין. דער פרייער מוז זיך אליין שאפען.

ברונהילדע: פרעגט, צו ווירקט דען דער וועלשונג, זיג־מונד ניט פון זיך אליין?

וואטאן: ענטפערט, אז ער האט מיט איהם דורכגערייזט די אלע וועלדער און איהם גערייצט געגען ווילען פון גאט. אבער דער שווערד האט איהם געשיצט געגען די נקמה פון די געטער. פרי־קא האט אבער פארשטאנען דעם ליגען און ער מוז איצט געהארכען איהר ווילען.

ברונהילדע: פרעגט, דאס הייסט, אז ער נעמט אוועק ביי זיגמונדען דעם זיג?

וואטאן: ענטפערט, אז זינט ער האט געהאלטען אלבריכס רינג, ליגט אויף איהם א קללה, אז ער מוז פארלאזען וועמען ער ליבט און פארראטען וועט עס פארטרויט זיך אין איהם. איצט מוז אלע,

וואס ער האט געשאפען צוזאמענגעברעכען. פון אלץ ווערט א סוף. עס ווערט מקוים די ווערטער פון דער וואלא: "ווען א זוהן וועט געבוי־רען ווערען פון דעם פינסטערסטען שונא פון ליבע, וועט קומען א סוף צו די געטער", און עס געהט א דערציילונג, אז א קארליק האט באצוואונגען א גאלד־גייציגע פרוי און באלד וועט מען זעהן די פרוכט פון דעם שידוך אהן ליבע, א זוהן ווערט געבוירען צו די ניבעלונגען, אויף איהם פאלט די ירושה פון שאנד און צארן.

ברונהילדע: וויל וויסען, וואס דארף זי טאן?

וואטאן: ענטפערט, אז זי מוז פרום קעמפען פאר פריקא, אז זי דארף היטען איהר ערע און שבועה — קיין פרייען קאן ער ניט שאפען, זאל זי קעמפען פאר פריקא'ס קנעכט.

ברונהילדע: בעט איהם, אז ער זאל צוריקנעמען דאס ווארט. זי ווייסט, אז ער ליבט זיגמונדען און זי איז גרייט איהם צו באשיצען.

וואטאן: באפוילט איהר אז זי מוז זיגמונדען מאכען פא־לען און אויפקעמפען א זיג פאר הונדינג. זי מוז זיך האלטען שטארק, ווייל זיגמונד האט א זיג־שווערד.

ברונהילדע: באקלאגט זיך, אז ער האט זי שטענדיג גע־לערענט צו ליבען דעם, וואס איז איהר טייער צום הארצען, און זיין צוויידייטיג ווארט וועט איהר קיינמאל ניט צווינגען צו ווערען יענעמס שונא.

וואטאן: איז אויפגעקאכט, וואס זי האט די חוצפה זיך צו שטעלען געגען זיין באפעל. צו דען איז ער שוין אזוי ווייט גע־זונקען, אז זיינע אייגענע שאפונגען שטעלען זיך געגען איהם? צו קאן זי ניט זיין צארן? זיין כעס וועט זי צומאלען. ווי צו דעם, ווער עס וועט זיך שטעלען געגען איהם. דערפאר גיט ער איהר אן עצה, איהם ניט אריינצוברענגען אין כעס. זיגמונד מוז פאלען און די וואלקירע מוז עס אויפטאן.

ברונהילדע: באקלאגט זיך, אז זי האט קיינמאל דעם פאטער אזוי אין כעס ניט געזעהן. די משא פון די וואפען זענען אזוי שווער, זי געהט מיט אזא שרעק היינט צו דעם ברודער שלאכט,

ווערן צו דעם וועלשינג, זי מוז איהם טריילאז איצט פארלאזען אין העכסטען נויט. זיי פארשווינדען.

זיגמונד באווייזט זיך מיט זיגלינדע און הייסט איהר זיך דא אפרוהען.

זיגלינדע: וויל געהן ווייטער:

זיגמונד: בעט איהר זיך אויסצורוהען נאך דעם ווי זי איז אזוי דורכגעלאפען אהן אפהאלט, דורך וואלד און פעלד, איי־בער פעלזען שטיינער. ער וויל זי זאל רייבען צו איהם, איהר ברודער, איהר מאן.

זיגלינדע: הייסט איהם אנטלויפען פון דער געשענדעטער, אומהייליגער, ער זאל זי איבערלאזען א טויטע אליין. אין רעכטען גליק פון דער הייליגער ליבע, איז איהר דורכגעלאפען א געדאנק, וואס האט ביי איהר שרעק און שאנד ארויסגערופען, נעמליך, וואס זי האט געהערט צו אן אנדערען מאן אהן ליבע. אן אויסגעשטויסענע איז זי. זי מוז אנטלויפען פון ריינסטען מאן און קיינמאל איהם ניט געהערען. זי ברענגט נאר שאנד אויף דעם ברודער.

זיגמונד: ראט איהר, צו בלייבען. דער וואס האט איהר געשאפען שאנד, וועט איצט באצאלען מיט זיין בלוט. ער וועט פא־לען. ווען נאריינג וועט איהם דאס הארץ דורכשטעכען, וועט זי האבען איהר נקמה.

זיגלינדע: הערט דעם רוף פון די הערנער, א שטארקען געשריי. דאס רופט הונדינג אלעמען צוזאמען, זיך אפצורעכענען. זי זעהט כאר זיך שוין זיגמונדען א פארוואונדעטען, צושניטענעם. זי רופט צו איהם.

זיגמונד זוכט זי צו בארוהיגען מיט די ווערטער: שוועס־טער, געליבטע!

ברונהילדע קומט אן און הייסט איהם נאכגעהן נאך איהר.

זיגמונד: וויל וויסען ווער זי איז, אזא שיינע און ערענסטע?

ברונהילדע: ענטפערט, אז ווער עס קוקט איהר אין פנים אריין, דער שטארבט באלד.

זיגמונד: וויל וויסען, וואוהין זי פירט איהם?

ברונהילדע: ענטפערט, אז זי פיהרט איהם אין וואלהאל, צום וואלפאטער.

זיגמונד: וויל וויסען, צו וועט ער דעם וואלפאטער גע־פינען אליין?

ברונהילדע: ענטפערט, אז א גרויסע מחנה פון געפא־לענע העלדען וועלען איהם באגריסען.

זיגמונד: וויל וויסען, צו וועט ער דארט געפינען זיין אייגענעם פאטער?

ברונהילדע: ענטפערט, אז ער וועט געפונען דארט דעם פאטער.

זיגמונד: פרעגט, צו וועט איהם דארט באגריסען פריי־לאך א פרוי?

ברונהילדע: ענטפערט, אז וואטאנס טאכטער וועט איהם דערלאנגען א געטראנק.

זיגמונד: איז גרייט צו פאלגען איהר, וואטאנס קינד. ער וויל נאך בלויז איין זאך וויסען, צו וועט די שוועסטער־כלה, איהם באגלייטען דארט?

ברונהילדע: ענטפערט, אז זיגלינדע דארף נאך אמערגען די ערדישע לופט.

זיגמונד: ענטפערט, אז אויב אזוי, גריסט ער אלעמען, אבער אהין געהט ער ניט.

ברונהילדע: ווייזט איהם אן אז ער האט געזעהן דעם בליק פון דער וואלקירע, און ער מוז נאכגעהן.

זיגמונד: ענטפערט, אז וואו זיגלינדע לעבט איז לוסט און לייד, און דארט וועט ער פארבלייבען. ער שרעקט זיך ניט אפ פאר'ן בליק.

ברונהילדע: מעלדעט איהם, אז פאר איהם זיינען אפען די טוירען פון טויט. ער וועט פאלען פון הונדינגס האנט.

זיגמונד: גלויבט ניט אין דעם. ער ווייזט איהר אן אויפ'ן שווערד, וואס מוז איהם ברענגען דעם זיג.

ברונהילדע: מעלדעט אבער, אז דער וואס האט עס געשאפען, נעמט איצט אוועק דעם כח פון שווערד.

זיגמונד: באוויינט די זיסע ווייב, די טרויעריגסטע פון אלע געטרייע, וועמען ער קאן מעהר ניט באשיצען. עס איז א שאנד פאר דעם, וואס האט געשאפען דאס שווערד, און אויב ער מוז פאלען, וויל ער ניט וואלהאל.

ברונהילדע: ווארפט איהם פאר, וואס די ווייב איז פאר איהם אלין און ער האלט אזוי ווייניג פון אייביגען גליק.

זיגמונד: ווארפט אבער פאר, וואס זי, אזא יונגע און שיינע, איז אזוי קאלט און הארט, און שפאט פון זיין הארץ. זאל זי איהם לאזען אליין. אומזיסט איהר טרחה איהם איינצורריידען וועגען די גליקען פון וואלהאל.

ברונהילדע: ענטפערט, אז זי פארשטייט דעם וויטאג, וואס צועסט זיין הארץ. זאל ער איהר באפוילען צו באשיצען זיין ווייב.

זיגמונד: זאגט איהר, אז אויב ער וועט דארפען שטארבען, וועט ער זיגלינדע אליין פריהער טויטען. אויב דאס שווערד האט ניט געטויגט פאר'ן שונא, וועט עס טויגען פאר'ן פריינד. ער וועט אוועקנעמען צוויי לעבענס מיט איין שניט.

ברונהילדע: האלט איהם צוריק. זיי וועלעןביידע לעבען. זי וועט ענדערן דעם שיקזאל פון שלאכט. זאל ער טרויען דעם שווערד און די וואפע וועט איהם זיין אזוי טריי ווי די וואלקירע, וואס וועט איהם ווידער זעהן אין וואלהאל.

זיגמונד: בייגט זיך איין איבער זיגלינדע און הייסט איהר שלאפען ווייטער און זעהן פרייליכע חלומות, ביז די שלאכט וועט זיין פאראיבער און דער פרידען וועט קומען.

זיגלינדע: זעהט אין חלום, ווי עס קומען פרעמדע און פארברענען די הויז. זי רופט, אז זיגמונד זאל איהר העלפען.

הונדינג קומט אן און רופט זיגמונדען צום קאמף.

זיגמונד: פרעגט פאר וואס באהאלט ער זיך. זאל ער דארט שטעהן בלייבען.

הונדינג: סטראשעט איהם, אז פריקא ווארט אויף איהם.

זיגמונד: מאכט חוזק, וואס ער, דער טרוס, סטראשעט

איהם מיט ווייבער. ער האט פון זיין הויז ארויסגעצויגען דאס שווערד מיט וועלכען ער וועט איהם איצט דערשטעכען.

זיגלינדע: רופט זיי, זיך צוריקצוהאלטען. זאלען זיי איהר פריהער טויטען.

ברונהילדע: הייסט זיגמונד'ן איהם טרעפען און טרויען דעם שווערד. זי פארדעקט איהם מיט איהר שילד.

וואטאן באווייזט זיך און שרייט אויס: טרעט צוריק מיט'ן שפיז, דאס שווערד איז אין שטיקער צובראכען!

הונדינג שטעכט אריין דעם אומבאוואפענטען זיין שווערד.

ברונהילדע כאפט אונטער זיגלינדע און ראטעוועט איהר מיט זיך.

וואטאן ווענדעט זיך צו הונדינג: געה קניה פאר פריקא און זאג איהר, אז וואטאנס שפיז האט גענומען נקמה פון דעם, וואס האט געשפאט איבער איהר. פאר זיך זאגט ער: אבער ברונהילדע! ווי דער פארברעכערין, שרעקליך וועט זיין די שטראף, ווען זיין פערד וועט זי דעריאגען.

דריטער אקט

אויפ'ן שפיץ פון א פעלזען־בארג.

די אכט וואלקירען קומען זיך צוזאמען און ריידען צווישען זיך קורצע געשפרעכען. זיי דארפען אלע געהן אין וואלהאל. נאר זיי זעהן, אז ברונהילדע פעהלט און אהן איהר קאנען זיי זיך ניט ווייזען פאר וואטאן. זיי דערזעהן איהר אנקומענדיג און פירענ־דיג מיט זיך א פרוי. זיי ווארפען זיך אלע צו איהר מיט דער פראגע: וואס איז געשעהן?

ברונהילדע: בעט, מען זאל זי באשיצען. צום ערשטען מאל אנטלויפט זי. דער פאטער יאגט זיך נאך איהר. זי דערציילט, אז די פרוי איז זיגלינדע, זיגמונד'ס שוועסטער און כלה. וואטאן איז אין כעס, וואס זי האט ביי זיגמונד'ען געדארפט אוועקנעמען דעם זיג און זי האט איהם געשיצט מיט איהר שילד געגען ווילען פון גאט־

פאטער. זיגמונד איז געפאלען, דאך האט זי געראטעוועט די פרוי, און זי בעט זיי, אז זיי זאלען די פרוי באהאלטען פון זיין שטראפענ־דען צארן.

די וואלקירען: זיינען איבעראשט. ווי אזוי האט זי דאס געקאנט ניט פאלגען דעם הייליגען געבאט פון פאטער.

ברונהילדע: בעט, מען זאל דער פרוי געבען דאס שנעל־סטע פערד, וואס זאל איהר קאנען אוועקפיהרען פון וואטאנ'ס צארן.

זיגלינדע: בעט, אז זי זאל זיך ווענען איהר ניט זארגען, זי וועט סאי ווי סאי פאלען פון דער זעלבער וואפע, וואס זיגמונד איז געפאלען. זי בעט זיך, אז בעסער זאל מען איהר דא ארייגשטעכען א שווערד אין הארצען.

ברונהילדע: הייסט איהר לעבען צוליעב דער ליבע און ראטעווען דעם משכן: ביי איהר אין שוים וואקסט א וועלשינג.

זיגלינדע: בעט זיך איצט, אז מען זאל איהר ראטעווען, ראטעווען איהר קינד.

קיינער פון די וואלקירען באשליסט זיך ניט צו שטעלען זיך קעגען וואטאן.

ברונהילדע: הייסט איהר זיך אליין ראטעווען, אין וואלד נאך מזרח, וואו די ניבעלונגען געפינען זיך. וואטאן האט מורא אהין צו קומען. זי זאגט איהר אן, אז זי טראגט אין זיך דעם גרעסטען העלד פון דער וועלט.

וואטאן קומט אן מיט א דונער פאראוים און הייסט זיי בלייבען שטעהן.

אלע זיינען איבערגעשראקענע.

וואטאן: פרעגט זיי אויס, וואו איז ברונהילדע? צו וואגען זיי איהר צו באהאלטען פון איהם?

די וואלקירען: ענטפערען, אז זי האט זיך געבעטען זיי זאלען איהר באשיצען. זיי בעטען, אז ער זאל דעם צארן אפלאזען פון איהר.

וואטאן:ווארפט זיי פאר זייער ווייבערישע ווייכהארציג־קייט. צו האט ער זיי אזוי ערצויגען? זי האט געוואוסט בעסער ווי אלע, זיינע געדאנקען און פארשטאנגען זיין ווילען. און זי האט

טריילאז געבראכענע דעם בונד און די וואפע באנוצט געגען איהם. צו הערט זי, ברונהילדע, וועמען ער האט אליין געשאפען, זיין אנקלאגע און צו באהאלט זי זיך פון זיין שטראף?

ברונהילדע: ענטפערט, אז זי איז דא און איז גרייט אנצונעמען די שטראף.

וואטאן: ענטעפרט, אז זי אליין האט זיך באשטראפט, ווען זי האט זיין ווילען ניט געהרכט. זי איז געווען זיין וואונש—קינד, זיין שילד־קינד. געוועז איז זי א וואלקירע, איצט זאל זי זיין וואס זי איז.

ברונהילבע: פרעגט, צו מיינט עס, אז ער פארשטויסט איהר?

וואטאן: ענטפערט, אז ער וועט מעהר איהר ניט שיקען אין וואלהאל, זי וועט מעהר ניט פירען די זיגער אין זיין זאל. זי איז ארויסגעשטויסענע פון דער געטליכער מחנה, זי ווערט פארטריבען פון זיין פנים.

ברונהילדע: פרעגט, צו בעדייט עס, אז ער נעמט אוועק ביי איהר אלץ?

וואטאן: ענטפערט:, אז ער פארטרייבט איהר אויף דעם בארג און וועט איהר איינשליסען אין א שטילען שלאף, און דער מאן וואס וועט פארבייגעהן און איהר אויפוועקען, דער וועט איהר נעמען געפאנגען.

די וואלקירען: בעטען, ער זאל זיך צוריקהאלטען פון דער שטראף. עס וועט דאך זיין א שאנד, אז זייער שוועסטער זאל פארוויאנען.

וואטאן בייזערט זיך: צו הערען זיי ניט זיין פסק? די טרייַלאזע שוועסטער ווערט אוועקגענומען פון זיי, און ווען זי וועט געפינען א מאן, וועט זי מוזען איהם פאלגען. זי וועט זיצען ביים הערד און שפינען און וועט זיין א ציל פאר אלע שפאטענדע. אויב זיי שרעקען זיך פאר איהר גורל, זאלען זיי אנטלויפען פון איהר, זאלען זיי אויסמיידען דעם פעלז, אז ניט וועט אויך אויף זיי קומען א צרה.

ד וואלקירען צוגעהן זיך מיט וויינעשרייען.

ברונהילדע פרעגט: צו איז איהר פארברעכען געווען

אזא שענדליבער, וואס ער באשטראפט זי אזוי שווער? צו איז עס געווען אזוי נידעריג, אזוי ערענלאז? זאל ער איהר קלאר אנווייזען אין וואס איז באשטאנען איהר שולד. ער האט דאך אין אנהויב אליין איהר געהייסען באשיצען זיגמונדען און ווען ער האט געפאלגט פריקא'ן, איז ער געווארען זיין אייגענער שונא. זי האט געוואוסט, אז ער ליבט דעם וואלשינג און אז איהם האט ווייגעטהאן דאס הארץ, צו ענטזאגען זיגמונדען דעם שוץ. זי האט געזעהן וואס ער האט ניט געזעהן, זי האט זיגמונדען געזעהן, געהערט זיין ווענגעשריי און האט ניט געקאנט אנדערש טראכטען, ווי נאר דעם שיקזאל מיט איהם צו טיילען.

וואטאן ענטפערט, אז זי האט געטאן דאס, וואס איהם וואלט זיך אויך געוואלט טאן. זי האט צו־לייכט געזוכט גליק, ווען ביי איהם איז דאס הארץ צובראכען געווארען פון דעם באשלוס צו מאכען א סוף, צוזאמען מיט די קרבנות, פון דער אייגענער וועלט, אויך פון דעם אייביגען טרויער? זי האט געטרונקען פון ליבע געטראנק, דארט וואו פאר איהם איז גאל געווען פארמישט. זי האט דורך דעם זיך אפגעריסען פון איהם. ער מוז איהר פון איצט אן אויסמיידען, אזוי וויט ווי לעבען און לופט דארף גאט איהר מעהר ניט באגעגענען.

ברונהילדע פרעגט: צו דען ווייל זי, א לייכטזיניג מיידעל, האט פאלש פארשטאנען זיין עצה, דארף זיך שיידען פון איהם, און אין גאנצען אוועקרייסען דאס וואס עס האט צו איהם אינגאנצען געהערט? ער, דער גאט, דארף ניט פארגעסען, אז מיט שאנדע וועט ער זיך אליין בארעקען, אויב ער וועט זי לאזען ווערען צו שפאט.

וואטאן: ענטפערט, אז אזוי ווי זי האט זיך געלאזט פיהרען פון דער מאכט פון דער ליבע, וועט זי מוזען איצט פאלגען דעם, וועמען זי וועט מוזען ליבען.

ברונהילדע: בעט, אויב זי מוז שוין זיך שיידען מיט וואלהאל, זאל ער כאטש דער וואס וועט זי געפינען, ניט זיין קיין גארנישט, ניט קיין בארימער.

וואטאן: ענטפערט, אז אזוי ווי זי האט זיך ענטזאגט פון וואל־פאטער, קאן זי קיין מאן ניט אויסקלייבען.

ברונהילדע: זאגט איהם, אז פון איהם וואקסט ארויס

אן איידעלען דור, פון וועלשונג שטאם בליהט אויף א הייליגער העלד.

וואטאן: פארבאט איהר צו דערמאנען דעם וועלשונג שטאם. ווען ער האט זיך מיט איהר צושיידט, האט ער אויך פון יענעם זיך געשיידט. ער איז פארמשפט געווען צו שטארבען.

ברונהילדע: דערציילט, אז זי האט דעם וועלשונג שטאם געראטעוועט. זיגעלינדע וועט געבוירען, וואס איז אין איהר פאר־בארגען. זי האט באהאלטען זיגמונדס שווערד.

וואטאן: הייסט איהר ניט צושטערען זיין מוט. ער האט דאך דאס שווערד אין שטיקער צובראכען. ער האט זיך שוין לאנג פארזאמט, און ער מוז ווייטער ציהען, ער מוז אבער פריהער די שטראף אויספירען איבער איהר. ער וועט זי פארשליסען אין פעס־טען שלאף, און ווער עס וועט זי אויפוועקען, דעמ'ס ווייב וועט זי ווערען.

ברונהילדע: איז גרייט, אז דער פעסטער שלאף זאל זי ארומנעמען. ער מוז אבער זיין זאך טאן פאר איהר: היטען אז נאר אן אומדערשראקענער פרייער העלד זאל איהר געפינען אויף דעם פעלז.

וואטאן: דענקט, אז זי פארלאנגט צופיעל גנאד.

ברונהילדע: פאדערט אבער, אז דאס איינע מוז ער טאן, זאל ער אלץ צוברעכען, צושטערען, וואס דערמאנט אן איהר שאנד, זאל א פייער זיך איינדען ארום פעלז און אויפעסען יעדען, וואס וועט וואגען זיך דערנענטערען צו איהר.

וואטאן: געזעגענט זיך מיט איהר, זיין געליבט קינד. ער טאר זי מעהר ניט באגריסען, זי וועט מעהר לעבען איהם ניט זיין, ניט דערלאנגען איהם די מעד. ער מוז זי פארלאזען, וועמען ער האט געליבט. ער וועט פאר איהר אנצינדען א כלה־פייער אזא, וואס האט נאך קיינמאל ניט געברענט. יעדער שרעקענדיגער וועט לויפען פון ברונהילדעס פעלז. צום לעצטען מאל זעהט ער פאר זיך די ליכטיגע אויגען און גיט איהר, צום געזעגענען, דעם לעצטען קוש. פאר איהר גליקליכען מאן וועט איהר שטערן גלאנצען, פאר דעם אומגליקליכען אייביגען שליסט זיך איהר שטערן אויף אייביג. אט אזוי קערט זיך

גאט אפ פון איהר און קושט אראפ די גאטהייט פון איהר. ער קושט זי אויףביידע אויגען. זי פאלט אריין אין זיינע ארימס, און ער פירט זי ארויף אויף א נידעריגען בערגעל, דעקט זי ארום. ליינט אוועק איהר שילד. געהט אפ לאנגזאם און רופט צו לאזשע, אז ער זאל א פייער ארויפברענגען אויפ'ן פעלז. ער קלאפט אן מיט'ן שפיץ פון זיין שפיז דריי מאל אויפ'ן שטיין, פון וועלכען עס שפארען ארויס פלאמפייערן און מאכענדיג א קרייז ארום פעלז מיט זיין שפיז, פאר־ענדיגט ער: ווער עס ציטערט פאר דעם שפיץ פון מיין שפיז, דער וועט קיינמאל דורך דעם פייער זיך ניט דורכרייסען.

טאנהייזער

אפערא אין דריי אקטען פון

ריכארד וואגנער

ערשטער אקט

ערשטעס בילד.
אין וועגוס בארג.

ד י ס י ר ע נ ע ן: טאנצען און זינגען א לויב צום לאנד פון ברענענדיגער ליבע.

ו ע נ ו ס: פרעגט ביי איהר געליבטען, טאנהייזער, וואו טראגען זיך זיינע געדאנקען?

ט א נ ה י י ז ע ר: דאנקט איהר, וואס זי האט איהם באלוינט מיט איהר ליבע. אבער לוסט אליין איז פאר איהם ווייניג, ער מוז לויפען פון דאנענט, און ער בעט זי איהם אפצולאזען.

ו ע נ ו ס: וויל וויסען מיט וואס איז זי איהם איבערדריסיג געווארען? וואס האט ער איהר פארצואווארפען!

ט א נ ה י י ז ע ר: זינגט א דאנק און באגייסטערונג־ליד פאר איהר. ער האט דא געשעפט דעם צויבער פון גליק. אבער דאך מוז זי איהם אפלאזען. ער וועט שטענדיג איהר נאר באזינגען. ער האלט פאר איהר אליין דעם פלאם פון זיין הארצען, אבער ער מוז זיך אומקערען צוריק צו דער ערדישער וועלט. ביי איהר קאן ער נאר א שקלאף ווערען. ער אבער דורשט נאך פרייהייט. און דערפאר

מוז ער פון איהר אנטלויפען. ער בעט זיך: קעניגין, געטין, לאז מיך אוועק!

וועננוס: הייסט איהם אוועקגעהן. זאל איהם וואויל באַ־קומען, וואס ער פארלאנגט, זאל ער לויפען פון די געטער צו די קאלטע מענשען. זאל ער זוכען זיין ישועה און עס קיינמאל ניט געפינען. זי וועט באלד זעהן ווי ער וועט קומען צוריק, א צודריקטער, צנטראַטענער און וועט זיך בעטען ביי איהר, אונטער דעם צויבער פון איהר מאכט, ווידער צו קומען.

טאַנהייזער: געזעגענט זיך מיט איהר. ער וועט קיינ־מאל מעהר ניט צוריקקומען.

וועננוס (ווערט בייז): אויב אזוי, זאל דער גאנצער מענש־ליכער מין זיין פארשאלטען, און זיי וועלען אומזיסט זוכען איהרע וואונדערס. די וועלט איז וויסט און איהר העלד איז א קנעכט. זי בעט זיך ער זאל ווידער קומען, עס ציהט זיך צו איהם איהר הארץ.

טאַנהייזער: ענטפערט, אז אויף אייביג געהט איהר געליבטער אוועק.

וועננוס: סטראשעט איהם, אז די וועלט וועט איהם ארויס־שטויסען פון זיך און פארשילטען.

טאַנהייזער: ענטפערט, אז דורך תשובה וועט ער ארויס־קריגען די מחילה. אין מאריא ליגט זיין רעטונג.

צווייטעס בילד.
א שיינער טאל.

א פאסטוך שפילט אויף א פייפעל און זינגט וועגען ליבען מאי.

אלטע פיליגרימען זיינען מתפלל צו גאט און צו דער יונגפרוי. דורך טרייען גלויבען און אין תשובה ערווארטען זיי די באפרייאונג פון דער שווערער משא פון די זינד.

דער פאסטוך: ווינשט זיי א גליקליכע רייזע.

טאַנהייזער: זעהט אין דעם א וואונדער פון גאט און זאגט נאך זייער תפילה.

דער לאנדגראף קומט אן מיט די זינגער, און דערזע־הענדיג דעם קניענדען טאנהייזער, דערקענט ער איהם באלד און פרעגט איהם: צו האט ער פארלאזען זיין גאוה און קומט צוריק אלס פריינד אדער פיינד?

וואלפראם פרעגט: צו זעהען זיי נים, אז עס איז נים די מינע פון א בעל־גאוה? ער באגריסט איהם, אלס דעם טאפפערען זינגער, וואס האט זיי אזוי לאנג געפעלט.

אלע באגריסען איהם.

דער לאנדגראף וויל וויסען וואו ער איז געוועזן?

טאנהייזער: ענטפערט, אז ער האט געוואנדערט ווייט, ווייט פון דאנענט. ער בעט אבער זיי זאלען איהם נים אויספרעגען. ער איז נים געקומען קעמפפען מיט זיי, נאר וויל ווייטער געהן זיין וועג אלס פריינד.

וואלטער: בעט איהם, ער זאל דא פארבלייבען.

טאנהייזער: ענטפערט, אז ער טאר נים בלייבען שטעהן, זיין וועג טרייבט איהם אלץ ווייטער, קיינמאל נים צוריק.

דער לאנדגראף און די זינגער: בעטען זיך ער זאל פארבלייבען. פארוואס אנטלויפט ער נאך אזא קורצער באגעגעניש?

וואלפראם: בעט איהם, ער זאל פארבלייבען ביי עלי־זאבעט.

טאנהייזער איז איבעראשט צו הערען איהר נאמען.

וואלפראם: דערציילט איהם, אז זינט ער האט דעם פרייז אלס זינגער געוואונען און איז אוועק, האט עליזאבעט זיך אפגע־שלאסען פון אלעמען און מיידעט זיי אוים. ער מוז איצט זיך אומ־קערען צו זייער פייערונג, כדי איהר שטערען זאל פון דאס ניי לייכטען פאר זיי.

די זינגער: חזר'ן איבער די בקשה.

טאנהייזער: דערקענט איצט ווידער די שיינע וועלט. עס ציהט איהם צוריק צו איהר. דער פרילינג קלינגט מיט טויזענד ליבליכע קלאנגען, און זיין נשמה, און זיין הארץ, רופט מיט זיסען געדראנג: צו איהר! צו איהר!

דער לאנדגראף און די זינגער: זיינען שטארק צו־פרידען מיט דעם, וואס עס איז ווידער געקומען דער, וועמען זיי האבען געהאלטען פאר לאנג פארלוירען.

צווייטער אקט

דער זינגער־זאל אין ווארטבורג.

עליזאבעט: באגריסט פון דאס ניי דעם טייערען זאל, וואס איז געווען אזוי וויסט זינט ער איז אוועק, ער איז שוין מעהר ניט וויסט און דערפאר זאל דער זאל באגריסט ווערען.

טאנהייזער קומט אריין און ווארפט זיך צו איהרע פיס.

עליזאבעט: בעט ער זאל זיך אויפהויבען. ער טאר דא ניט קניען, וויילל דער זאל איז זיין קעניגרייך. זי דאנקט איהם, וואס ער איז צוריקגעקומען. וואו איז ער געווען?

טאנהייזער: ענטפערט, אז ער איז געווען וויים פון דאנען, נאר א שכחה ליגט צווישען דעם היינט און דעם נעכטען. ער מוז אבער מודה זיין, אז ער האט קיינמאל ניט געהאפט צו קאנען ווידער אויפהויבען זיינע אויגען צו איהר.

עליזאבעט: וויל וויסען, צו האט דאס איהם צוריקגע־בראכט?

טאנהייזער: ענטפערט, אז עס איז געווען אן אומבא־גרייפליכער נס.

עליזאבעט: דאנקט דעם דאזיגען נס. זי פיהלט ווי אין א חלום, זי קאן זיך אליין מעהר ניט. זי בעט, ער זאל איהר העלפען פארענטפערען דעם רעטעניש פון איהר הארצען. זיין ליד האט ביי איהר גאנץ נייע געפיהלען ארויסגערופען, און זינט ער איז אוועק, זיינען פרייד און לוסט פון איהר פארשוואונדען. וואס האט ער פון איהר געמאכט?

טאנהייזער: ענטפערט, אז זי דארף לויבען דעם גאט פון ליבע, וואס האט אנגערירט זיינע סטרונעס, און איהם אהער געבראכט.

בײדע: בענשען די שעה און די מאכט, וואס האט זיי געבראכט אזא פרייליכע בשורה. זיי דארפען זיך איצט מוטיג אפ־געבען דעם ניי־דערקענטען לעבען.

דער לאנדגראף איז שטארק דערפרייט, אריינקומענדיג און זעהענדיג עליזאבעט דא.

עליזאבעט: דאנקט איהר פעטער פאר זיין גוטסקייט צו איהר און זאגט איהם, אז איהרע אויגען גיבען ארויס איהר סוד.

דער לאנדגראף: געפינט, אז דער היינטיגער יום־טוב וועט זיין גרעסער ווי ווען עס איז, ווייל זי וועט זיין די קעניגין.

דער כאר: באגריסט דעם לאנדגראף. עס פארזאמעלט זיך א גרויסער עולם, צווישען זיי די זינגער.

דער לאנדגראף: באגריסט זיי אלעמען. ער מעלדעט, אז היינט דארף די ליבע באזונגען ווערען, און ווער עס וועט עס טאן אמבעסטען, דער וועט פון עליזאבעט'ס האנט באקומען דעם פרייז. אלע זעצען זיך אויס.

וואלפראם איז דער ערשטער, וואס ווערט ארויסגערופען, און ער באזינגט די ליבע אלס א געגענשטאנד פון פארערונג און אנבעטונג, נאך וועלכע ער שמאכט פון ווייטענס.

טאנהייזער: געפינט, אז דאס איז א פאלש בילד פון דער ליבע. דורך אנבעטונג קאן מען זי ניט באגרייפען. ער קאן נאר אזא ליבע, וואס איז פון גלייכען שטאף געשאפען און וואס טרייבט צו גענוס.

ביטערא‌לף: געפינט, אז טאנהייזער'ן איז אלעס טייערער פון דער ליבע. ער אבער איז גרייט זיין בלוט צו פארגיסען צו באשיצען די הויכע ליבע. אבער דער ביליגער גענוס פון יוגענד, איז ניט ווערט מען זאל א האנט פאר דעם אויפהויבען.

טאנהייזער: מאכט חוזק פון איהם. וואס ווייסט ער פון ליבע און גענוס. ער האט אין זיין לעבען גאר ניט גענאסען. זיין לעבען איז געווען ארים אין פריידען, און זיינע פריידען זיינען באמת גאר ניט ווערט געווען.

די ריטער ווארפען זיך אויף איהם פאר זיין חוצפה.

דער לאנדגראף האלט זיי צוריק.

וואלפראם: ווייל, אז די זינד זאָל פארטריבען ווערען פון אזא הויכען קרייז. די ליבע דערנעהנטערט זיך ווי פון גאָט געשיקט, און ער קוקט איהר נאָך פון דער ווייטענס.

טאנהייזער: זינגט אין התפעלות א לויב־געזאַנג צו דער געטין פון ליבע. איהר זיסער רייץ איז דער קוואל פון אלץ וואָס איז שעהן און יעדער וואונדער שטאַמט פון איהר. ווער עס האָט איהר געהאַלטען אין זיינע אָרעמס, דער אליין ווייסט וואָס ליבע איז. די אָרימע וואָס האָבען קיינמאָל קיין ליבע ניט געגאָסען, זאָלען זיי זיך אוועקלאָזען צום בארג פון ווענוס.

אלע: ווערען אויסער זיך, הערענדיג, אז ער איז געווען אין ווענוס בארג. זיי פארשילטען איהם און ווילען איהם טויטען מיט זייערע שווערדען.

עליזאבעט שטעלט זיך איין פאר איהם. וואָס באדייט דער וואונד פון זייער איינעם, אין פארגלייך מיט דעם טויט־קלאַפּ, וואָס זי האָט פון איהם באקומען?

דער לאנדגראף און די איבריגע ווילען זיך ווי־דער וואַרפען אויף איהם, וואָס איז פון גאָט אויף אייביג פאר־שאָלטען.

עליזאבעט האלט זיי צוריק. זי וויל, אז זיי זאָלען א מוסר נעמען פון איהר, וועמעס יונג לעבען ער האָט צובראָכען. זי בעט רחמים פאר איהם און פאר זיין לעבען, ער זאָל קאָנען תשובה טאָן און געפינען זיין ערלייזער.

דער לאנדגראף: געפינט, אז א מלאך האָט גאָטס עצה געמאָלדען. קיינער קאָן ניט ווידערשטעהן אזא בקשה.

טאנהייזער: געפינט, אז גאָטס גנאָד פיהרט איהם צו באַגנאָדיגונג. ער בעט ביי די, וואָס האָט זיך דערהויבען איבער די ערדישע מאָטיוון און געשיקט געוואָרען אלס מלאך־הגואל, זי זאָל אויף איהם רחמנות האָבען.

דער לאנדגראף שטעלט זיך אין מיטען און וואָרענט איהם, אז א מאַן וואָס איז באגאַנגען אזא שרעקליכען פארברעכען, טאָר אין זייער סביבה מעהר ניט פארבלייבען. זאָל ער צושטעהן צו

די פּיליגרימס און וואנדערען קיין רוים בעטענדיג רחמים. ער מוז אויסמיידען זייער נקמה.

עליזאבעט: איז מתפּלל צו גאָט, דעם בעל־רחמים, מוחל צו זיין זיין שולד. זי וועט דעם גאנצען לעבען מקריב זיין, אויסצו־בעטען פאַר איהם מחילה.

טאנהייזער: האָפט ניט אויף קיין מחילה, אבער ער וועט זיין גאנצען לעבען פארוואנדלען אין תשובה.

די איינגערע פּיליגרימען ערוואַרטען פארגעבונג פאַר יעדען, וואָס האָט חרטה און איז טריי צום גלויבען.

טאנהייזער: נאָך רוים!

אלע: נאָך רוים!

דריטער אקט

ערשטעס בילד.
וואַרטבורג טאָל.

וואָלפראם: האָפט דאָ צו באגעגנען עליזאבעט, ווייל מען ערוואַרט די פּילגרימען צוריק פון רוים, און זי איז מתפּלל ער זאָל קומען צוריק א באגנאדיגטער.

ליזאבעט, זיך איינהערענדיג אין ווייטען געזאנג, זוכט ראַט פון איהרע הייליגע.

די פּילגרימען דערנעהנטערן זיך זיך מיט הלילויה גע־זאנג פאַר די מחילה, וואָס זיי האָבען באקומען.

עליזאבעט: פאַלט אויף די קני און בעט ביי גאָט, ער זאָל זי צונעמען פון דער וועלט אלס קרבן, אויב זי קאָן ניט גוט־מאַכען יענעמס זינד. זי געהט אָפּ.

וואָלפראם: באזינגט עליזאבעט, וואָס האָט ווי א ליכ־טיגער שטערן זיך באוויזען אויף דער טונקעלער ערד. ער דערזעהט א פּילגרים אנקומענדיג און פרעגט, ווער ער איז?

טאנהייזער: ענטפערט, אז ער קאָן איהם דאָך גוט.

וואלפראם: דערקענט איהם און פרעגט, ווי אזוי האט ער געוואגט אהער צו קומען ניט א באגנאדיגטער?

טאנהייזער: בארוהיגט איהם. ער זוכט ניט דעם וועג צו זיין חברותא, ער וויל געפינען דעם וועג צו ווענוס־בארג.

וואלפראם איז אן איבערשראקענער: צו איז ער גאר ניט געווען אין רוים?

טאנהייזער: וויל פון רוים גאר ניט הערען, כאטש ער איז דארט געווען. ער וועט איהם אלץ דערציילען, אבער זאל ער זיך האלטען פון וויטען פון איהם, ווייל דער ארט וואו ער שטעהט איז פארשאלטען. א דערנידעריגטער, פול מיט חרטה, האט ער גע־זוכט דעם וועג אין רוים. ער האט זיך געפייניגט. ווען ער איז ענדליך געקומען אין רוים, האבען די גלאקען געקלונגען און מיט א בלויזען קאפ האט ער זיך דערנעהנטערט צו דעם, וואס האט אלעמען מחילה געגעבען. יענער אבער האט איהם געענטפערט, אז ווי באלד ער איז געווען אין ווענוס־בארג איז ער אויף אייביג פארשאלטען, און וועט קיינמאל קיין ערלייזונג ניט געפינען. ער האט דאן מיט שרעק בא־שלאסען זיך צוריק אומצוקערען צו דער ווארימער ברוסט פון דער ווענוס, כדי אויף אייביג איהר רייץ צו געניסען, און ער איז מתפלל צו דער געטין, זי זאל איהם ווידער ווייזען דעם וועג צו איהר.

וואלפראם: וועמען, משוגענער, רופכטו?

טאנהייזער: פיהלט ווי דער צויבער פון דער געטין פאר־כאפט איהם ווידער, און ווי זי דערנעהנטערט זיך צו איהם.

ווענוס באווייזט זיך מיט א באגריסונג צו איהם: צו איז ער ווידער געקומען זוכען דערבארמונג אין איהרע ארעמס?

טאנהייזער: ענטפערט, אז ער האט פארלוירען די רעט־טונג און האט אויסגעקליבען דעם גיהנום פון תאוה.

ווענוס ציהט איהם צו זיך צו ווערען אויף אייביג איהרער.

וואלפראם: דערמאנט איהם אן דעם מלאך אויף דער ערד, וואס איז פאר איהם מתפלל, אן עליזאבעט.

טאנהייזער בלייבט פלוצלונג שטעהן: עליזאבעט!

וואלפראם: דערמאנט איהם, אז א מלאך בעט איצט פאר איהם ביי גאטס טראן, און ער איז ערלייזט.

ו ע נ ו ס איז פארצווייפעלט, וואס זי האט פארלוירען.

מ ע נ ע ר־כ א ר: זינגט א שבח צו דער פארשטארבענער, וואס האט איהר לויז באקומען. זיי טראגען א טרונע, און דערזעהענ־דיג טאנהייזער'ן, לאזען זיי די טרונע אראפ, באמערקענדיג, אז גע־בענשט איז דער זינדיגער פאר ווען זי האט אויסגעבעטען ביים הימעל א מחילה.

ט א נ ה י י ז ע ר, זיך איבערבויגענדיג איבער דער טרונע, רופט אויס: הייליגע עליזאבעט, זיי מתפלל פאר מיר. ער שטארבט.

ד י י ו נ ג ע פ י ל ג ר י מ ע ן: זינגען א שבח צו גאט פאר דעם וואונדער פון זיין גנאד, הלילויה.

טריסטאן און איזאלדע

אפערא אין דריי אקטען פון

ריכארד וואגנער

ערשטער אקט

א צימער אויפ'ן דעק פון א שיף.

אשטימע פון א מאטראס באזינגט דאס שיף, וואס ווערט געטריבען פון ווינט, און באדויערט די אירישע מיידעל, וואס בענקט נאך דער היים.

איזאלדא (די אירישע כלה פון קעניג מארק): געפינט אין דעם ליד א באליידיגונג פאר זיך. זי פרעגט איהר באגלייטערין, בראנגענע, וואו זיי געפינען זיך.

בראנגענע: ערקלערט איהר, אז ביז אווענט וועלען זיי שוין זיין אין קארנוואל.

איזאלדא: רופט צו ים־כחות, זיי זאלען צוברעכען דאס שיף און פארטיליגען אלץ וואס געפינט זיך אויף איהם.

בראנגענע: ווארפט איהר פאר, וואס זי האט אזוי קאלט זיך אבגעזעגענט מיט דער היימאט. זי וויל וויסען, וואס דריקט איהר אזוי שטארק?

איזאלדא: לופט, לופט! דאס הארץ ווערט דערשטיקט. עפען די פארהאנגען!

די שטימע פון מאטראס זינגט דאס זעלבע ליד.

אִיזאָלדאַ: דערזעהט טריסטאַן, וועמען איהר הארץ האט איינמאָל אויסגעקליבען און פאַרלאָרען. זיין קאָפּ און זיין הארץ זיינען צום טויט פאַרמשפּט. זי וויל וויסען, וואָס דענקט בראַנגענע וועגען איהם, וואָס האט מוטלאָז זיך צוריקגעצויגען, ווייל ער האט אכטונג פארשאפט זיין הערין. זי הייסט איהם באַפוילען, אז ער זאָל באלד קומען צו איהר. בראַנגענע טרעט אָפּ.

קורווענאַל: זעהענדיג בראַנגענע אָנקומען, ציהט טריס־טאַנ'ען פאר דער פּאָלע און זאָגט איהם, אז א שליחות קומט פון איזאָלדאַ'ן.

טריסטאַן: פרעגט, וואָס האט זי איהם צו מעלדען?

בראַנגענע: מעלדעט איהם, אז איזאָלדאַ וויל איהם זעהן.

טריסטאַן: ענטפערט, אז עס וועט געשעהן וואָס זי באַ־פעלט. דאָרט וואו עס באַוויזען זיך די גרינע פעלדער, וואָרט דער קעניג אויף זיין פרוי. ער פארגינט קיינעם ניט איהר צום קעניג צו־צופירען.

בראַנגענע: דערמאַנט איהם, אז די הערין וואַרט אויף איהם.

טריסטאַן: ענטפערט, אז ער דינט איהר וואו נאָר ער געפינט זיך. צו קאָן ער פארלאָזען דעם רודער און ברענגען דאָס שיף זיכער צו קעניג מאַרק'ס־לאַנד?

בראַנגענע: דערמאָנט איהם וועגען איזאָלדאַ'ס באַפעל.

קורווענאַל: הייסט איהר ענטפערען איזאָלדאַ'ן, אז וועד עס האט אויסגעקליבען די אירישע מיידעל אלס די ערשטע פון ענג־לאַנדס קרוין, דער קאָן זי ניט האבען פאר זיך. ער מוז זי ברענגען צום פעטער, דעם קעניג. ער ראט דעם העלד, טריסטאַן, עס צו זאָ־גען אָפען, אויב אפילו טויזענט איזאָלדאַס זאָלען זיין בייז. ער זאָגט נאָך דער אוועקגעהענדער בראַנגענע, אז טריסטאַן קאָן צאָלען זיין צינז.

די מענער: זינגען נאָך באַם זעלבע.

בראַנגענע קומט צוריק מיט א באריכט פון טריסטאַנס און קורווענאַלס ענטפער.

איזאָלדאַ: דערציילט איהר, ווי אזוי א שיפעל איז איינ־

מאָל אָנגעקומען צו איהר מיט א קראנקען מאַן אינעווייניג, וועלכער איז געקומען פון איהר אויסגעהיילט צו ווערען. גערופען האָט ער זיך "טאַנטרוס". פון דער וואונד האָט זי דערקענט, אז עס איז דער, וואָס האָט געטויטעט דעם אירישען פרינץ, מאַרנאָלד (איהר געוועזענער חתן). זי האָט געוואָלט נקמה נעמען פאר איהם, אָבער ער האָט אזא בליק געטאָן אויף איהר, אז זי האָט געלאָזט דעם שווערד פאַלען און האָט איהם אויסגעהיילט און אוועקגעשיקט. דאָס איז געווען טריסטאַן. ער האָט איהר געשוואָרען אייביגען דאנק און טרייקייט. געקומען איז ער צוריק אויף א שטאָלצען שיף פאַרלאַנגענדיג זי אלס א כלה פאר זיין פארמאַטערטען אָנקעל, דעם קעניג מאַרק. ווען מאַראלד האָט געלעבט, וואָלט קיינער ניט געוואַגט אזא שאנד איהר אָנצוטאָן. זי איז אָבער אליין שולדיג. זי שווערט נקמה צום פארעטער, דער טויט פאר זיי ביידען.

ב ר א נ ג ע נ ע: ערקלערט איהר, אז טריסטאַן האָט איהר געוואָלט אָפּדאַנקען, זיך ענטזאָגענדיג פון איהר און זי מאַכענדיג פאר א קעניגין, און ווי באַלד אז טריסטאַן דינט דעם קעניג מאַרק אזוי טריי, צו איז עס ניט א גליק צו זיין אזא מאַנס א פרוי?

א י ז אָ ל ד א: געפינט, אז עס וועט פאר איהר זיין א גרויסע מאַטערניש צו זעהן שטענדיג לעבען זיך דעם מאַן אָהן ליבע.

ב ר א נ ג ע נ ע: זוכט איהר צו בארוהיגען, אז קיינער קאָן ניט בלייבען קאַלט צו איהר. זי דערמאָנט איהר אָן איהר מוטערס בשוף־קונסט, צו קאָנען באצויבערען יעדען איינעם.

א י ז אָ ל ד א: געפינט, אז זי האָט איהר אין צייט דערמאָנט אָן דער מוטערס קונסט. זי הייסט זיך ברענגען דאָס קעסטעל, פון וועלכען זי נעמט ארוים א פלעשעל, וואָס ווירקט שטאַרקער.

ב ר א נ ג ע נ ע מיט שרעק: דער טויטגעטראַנק!

ד י מ א ט ר א ז ע ן זינגען פון דרויסען: "הי, הא, הא, הע!"

ק ו ר ו ו ע נ א ל: מעלדעט אין נאָמען פון טריסטאַן, אז דאָס לאַנד פון קעניג מאַרק איז נאָהענט און דערפאַר זאָל זי זיך איילען און צו־רייטען, אז ער זאָל זי קאָנען באגלייטען אין לאַנד.

א י ז אָ ל ד א: הייסט איהם מעלדען, אז אויב ער וועט פריער זיך ניט עטשולדיגען, וועט זי מיט איהם ניט געהן צו באגעגענען דעם

קעניג מארק, זי נעמט ארום בראנגענע און זאָגט, אז זי וועט דא וואַרטען אויף טריסטאַן, זי באפעלט איהר פּאַרצובערייטען דעם טויט־געטראַנק.

טריסטאן: קומט אַן און פרעגט, וואָס זי פארלאַנגט.

איזאָלדא: פרעגט, פאר וואָס האָט ער מורא געהאַט צו ערפילען איהר פארלאַנג, און אָפען חוזק געמאַכט פון איהר געבאָט?

טריסטאן: ענטפערט, אז ערפורכט אליין האָט איהם צו־ריקגעהאלטען, און געהאָרזאמקייט האָט איהם צוריקגעהאלטען, ווייל עס איז איהם אָנגעזאָגט געוואָרען, אז ער זאָל זעהן איהר אויסמיידען אויף דער רייזע. אזוי פאָדערט די זיטע.

איזאָלדא: דערמאָנט איהם אָן אן אנדער זיטע פון בלוט־נקמה. ווען ער איז געלעגען ביי איהר קראַנק, האָט זי א שבועה גע־געבען נקמה צו נעמען פאר מאָראָלד.

טריסטאן: פרעגט, צו מיינט זי עס צו טאָן?

איזאָלדא: הייסט איהם ניט חוזק צו מאַכען פון איהר. זי איז געוועזען פארקנסט צו איהם. צוליב איהר איז ער אָין קריג געגאַנ־גען און זי האָט געשוואָרען, אז אויב א מאַן וועט ניט נקמה נעמען, וועט זי עס טאָן. איצט מוז ער איהר זאָגען זיין שיקזאל: אזוי ווי אַלע מענער זיינען פריינדליך צו איהם, ווער זאָל איהם דערשלאָגען?

טריסטאן: הייסט איהר נעמען פון דאָס ניי דאָס שווערד און איהם דערשלאָגען.

איזאָלדא: ענטפערט, אז זי האָט שוין איינמאָל געלאָזט אויפהויבען דאָס שווערד, דאַן ווען ער האָט זי געפרעגט, צו קעניג מארק איז גוט פאר איהר אַלס א מאַן. זאָלען זיי איצט טרינקען פאר שלום. זי ווינקט צו בראַנגענע צוצוגרייטען דעם געטראַנק. עס הערט זיך אונטערדעסען דער רוף פון די מאַטראָזען. זי פרעגט: אזוי ווי זיי זיינען ביים ציל, וואָס האָט ער איהר צו זאָגען?

טריסטאן: ענטפערט, אז די הערין פון שווייגען, הייסט איהם שווייגען.

איזאָלדא: זאָגט, אז זי טייטשט אויס זיין שווייגען, אז ער ווייכט זי אויס. צו ענטזאָגט ער זיך פון שלום?

טריסטאן: באפעלט, אפּצולאָזען דעם אנקער און אויף

צוהויבען די זעגלען. ער רייסט ארויס דעם בעכער פון איהר און זאָגט, אז ער קאָן די קונסט פון איהר לאַנדס קעניגין. איהר וואונדערבארער באַלזאם האָט איהם אויסגעהיילט. ער נעמט דעם בעכער, כדי אינ גאנצען אויסגעהיילט צו ווערען. ער זאָגט איהר, אז טריסטאנס ערע איז די העכסטע טרייהייט, און טריסטאנס עלענד איז זיין שטאָלצער ווידערשפרוך. ער טרינקט דעם געטראנק פון פארגעסען. ער טרינקט.

איזאָלדא רייסט ארויס דעם בעכער׳ א העלפט געהערט צו איהר.ביידע קוקען זיך אין די אויגען. זיי רופען איינע די אנדערע און נעמען זיך ארום.

די מענער פון דרויסען רופען: הייל צו קעניג מארק!

בראנגענע: ווערט א פארצווייפעלטע פון זייער ליבע סצענע.

ביידע: באזינגען די ליבע און ליידענשאפט, וואס מאכען פארגעסען אן דער וועלט. די פארהאנגען ווערען פאנאנדערגעריסען.

בראנגענע: זוכט זיי ביידען אויסצוניכטערן.

אלע: באגריסען דעם קעניג.

איזאָלדא און טריסטאן פארשטעהן ניט, וואס עס קומט פאר ארום זיי.

בראנגענע: דערציילט איהר, אז זיי האָבען געטרונקען דעם ליבעס־געטראנק.

איזאָלדא פאלט אין חלשות, בעת ארום זינגט מען, הייל צום קעניג, און מענשען קומען ארויף אויפ׳ן שיף.

צווייטער אקט

א גאָרטען לעבען איזאָלדאס צימערן.

איזאָלדא ארויסקומענדיג פון צימער, פרעגט בראנגענע׳ן: צו הערט זי נאך דעם קלאנג פון די רייטער?

בראנגענע: ווארענט זי געגען דעם קעניגס שפּיאָנען, באַ־ זונדערס געגען מעלאט, וועלכער, זייענדיג טריסטאנס פריינד, שפּיאָ־

געוועט אָבער געגען איהם פאַר'ן קעניג. די יאַגד אַליין איז געפּלאַנט געוואָרען אַזוי שנעל מיט אַ ביטרען צוועק.

איזאָלדא בארוהיגט איהר: מעלאָט איז טריי צו איהר. זי הייסט אויסלעשען דאָס ליכט און געבען דעם צייכען, אַז איהר געליבטער זאָל אַריינקומען.

בראַנגענע: פּרובירט נאָכאַמאָל איהר וואָרענען געגען די פאַרשטעהענדע געפאַהר. זי באַשולדיגט זיך אַליין, וואָס זי האָט אָפּגענאַרט די האַרין און געבראַכט די שאַנד.

איזאָלדא בארוהיגט איהר: זי קאָן ניט די ליבע. אויב זי מיינט, אַז דאָס האָט זי פאַרביטען די געטראַנקען.

בראַנגענע: בעט זיך, כאָטש הײנט ניט אויסצולעשען דעם פאַקעל.

איזאָלדא: ענטפערט, אַז די פרייע ליבע וויל, אַז עס זאָל ווערען נאַכט. זי הייסט איהר שטעהן אויף דער וואַך, און ווען עס וואָלט אַפילו געהאַנדעלט זיך וועגען איהר לעבען, וואָלט זי געהייסען פאַרלעשען דאָס ליכט.

טריסטאַן קומט אַן אין דער פינסטערניש.

ביידע: דערפרייען זיך שטאַרק איינע מיט די אַנדערע און ערקלערען זיך אין אייביגע ליבע.

טריסטאַן: באַקלאַגט זיך, וואָס דאָס ליכט איז אַזוי לאַנג ניט פאַרלאָשען געוואָרען. דאָס האָט דער טאָג נקמה גענומען, כדי ער זאָל צו איהר ניט קומען.

איזאָלדא: באַקלאַגט זיך אויך אויף דעם לאַנגען טאָג.

טריסטאַן: באַזינגט די נאַכט, וואָס באַפרייט פון די פאַלשקייטען פון טאָג.

ביידע: זינגען אַ שבח צו דער נאַכט פון ליבע, וואָס ברענגט פאַרגעסונג.

בראַנגענע: דערמאָנט פון דרויסען, אַז די נאַכט געהט שוין באַלד פאַרביי.

טריסטאַן: וויל בעסער אַז ביידע זאָלען שטאַרבען, איידער זיך מיט איהר צושיידען.

איזאָלדא: וויל לעבען נאָר פאַר די ליבע.

בײדע: באזינגען די זיסע נאכט, די אײביגע, ערהאבענע ליבעס־נאכט.

בראנגענע: לאזט ארויס א געשרײ. בײדע בלײבען פאר־ציקט.

קורווענאל פאלט ארײן און הײסט טריסטאן זיך ראַ־טעווען.

מעלאט: װײזט אן דעם קעניג אויף די געליבטע פאר און פרעגט: צו האט ער רעכט געהאט?

קעניג מארק פרעגט מיט א ציטערנדע שטים טריסטאנען: צו האט ער עס באמת געטאן? דער פעראט פון דעם טרײסטען טריסטאן האט זײן הארץ טיף געטראפען.

טריסטאן: טאג־געשפענסטער, מארגען־חלומות אפנארענ־דיג, װיסט, שװעבט אװעק, װײכט אװעק!

מארק: איז אין פארצװײפלונג, אז טריסטאן זאל איהם קאנען פאראטען. וואו איז טרײקײט, וואו איז ערע? וואוהין איז טור־נענד אנטלאפען, װען זי איז אװעק פון זײן פרײנד? װען טריסטאן האט זי פאראטען? צו װאס זײנען געװען אלע קרבנות און טרײ־קײט און איבערגעבענקײט, צו דארף עס אלץ באצאלט װערען מיט מארק'ס שאנד? װען די װײב איז געשטארבען בײ מארק'ן, האבען אלע געפאדערט, אז ער זאל פון דאס נײ חתונה האבען, נאר ער אבער האט עס ניט געװאלט אוים ליבע צו איהם, טריסטאן, ביז ער אלײן האט פאר זײן קעניג געבראכט אט די װאונדערבארע פרױ, װעלכע ער װאלט פאר זיך אלײן געקאנט האבען, און ניט קוקענדיג אויף אלע געפארען, האט ער די װײב איהם געבראכט. פאר װאס זשע האט ער איהם פארשאפט אזא גיהנום? פאר װאס האט ער איהם צוגעטאן אזא שאנד? װער קען איהם ערקלערען דעם טיפען יסוד פון דאס אלץ?

טריסטאן: ענטפערט, אז דאס קאן ער איהם ניט זאגען, װאס ער פרעגט קאן ער זיך ניט דערװיסען. ער װענדעט זיך צו אי־זאל־א'ן: צו װעט זי מיטגעהן נאך איהם, אהין, װאוהין ער געהט איצט? דארט שײנט ניט די זון. עס איז א פינסטערע נאכט־לאנד. דארט האט איהם די מוטער אין לעבען געבראכט און אלײן גע־

שטאַרבען. אין יענעם וואונדערליך לאַנד פון נאַכט, געהט טריסטאַן און ער װיל װיסען, צו װעט איזאָלדא איהם טריי נאָכגעהן אהין.

איזאָלדא: ענטפערט, אז זי מוז איהם בלייבען טריי, וואו טריסטאַנס הויז און היים וועט זיין, דאָרט קומט איזאָלדא. זאָל ער איהר ווייזען דעם וועג אהין.

טריסטאַן: קושט איהר אויפ'ן שטערן.

מעלאָט: רופט צו נקמה געגען פארעטער.

טריסטאַן: ציהט ארויס זיין שווערד און ווענדעט זיך צו מעלאָט: ער איז געווען זיין פריינד און האָט איהם געטריבען צום רום. אַבער איזאָלדאס בליק האָט איהם גלייך פארבלענדעט און ער האָט פון אייפערזוכט איהם פאראטען, ווי ער האָט דעם קעניג פאראַטען. ער הייסט מעלאָט זיך פארטיידיגען, לאָזט אַבער אליין פאלען זיין שווערד און א פארוואונדעטער לאָזט ער זיך אראָפּ אין קורווענאַלס ארעמס.

דריטער אקט

א שלאָס־גאָרטען.

א פּאסטוך: פרעגט קורווענאַל'ן, צו האָט ער זיך אויפגעכאַפּט?

קורווענאַל: ענטפערט, אז אויב ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט, וואָלט עס געווען אום אויף אייביג איינצושלאָפען, צו זעהט ער ניט די איינציגע דאָקטאָרין, וואָס וואָלט איהם געקאָנט העלפען? צו קומט ניט אָן קיין שיף?

דער פּאסטוך: וויל וויסען, וואָס עס האָט פּאסירט מיט זייער האַר?

קורווענאַל: ענטפערט, אז דאָס קאָן ער קיינמאָל ניט וויסען. זאָל ער בעסער אויסקוקען אויף די שיף.

דער פּאסטוך שפּילט אויפ'ן פייפעל.

טריסטאַן כאַפּט זיך אויף און פרעגט: וואָס וועקט איהם?

קורוועגאל: דערפרייט זיך שטארק, דערהערענדיג זיין הארם שטימע.

טריסטאן פרעגט שוואך: וואו איז ער געווען, וואו איז ער?

קורוועגאל: דערמאנט איהם, אז ער איז אין דער היים, אין קארנעאל, וואוהין ער האט איהם געבראכט אין א שיפעל, כדי ער זאל דא געזונט ווערען פון זיינע וואונדען.

טריסטאן: דערציילט, אז ער איז געווען אנדערשוואו, אין דעם וייטען לאנד פון דער נאכט, וואו עס הערשט דאס אייביג־ פארגעסען. צו וואס האט ער איהם צוריקגעבראכט צום פארשאל־ טענעם טאג, כדי צו קוקען אין דאס ליכט, וואס שיינט אזוי העל ארום איזאלדא? ווען וועט ווידער ווערען נאכט?

קורוועגאל: גימט איהם זיין ווארט, אז ער וועט זי נאך זעהן, אויב זי לעבט נאר נאך. ער דערציילט איהם, אז זינט מעלאט האט איהם פארוואונדעט, איז ער ווי טויטער געלעגען, און ער האט בארעכענט, אז די וואס האט איהם אמאל אויסגעהיילט פון מא־ ראלדס וואונדען, וועט זיין די בעסטע דאקטארין איהם צו היילען אויך פון מעלאטס וואונדען, און ער האט נאך איהר געשיקט.

טריסטאן: לויבט קורוועגאלס טרייקייט. ער באדויערט, וואס ער האט געמוזט פאראטען דעם גוטען מארק. ער קאן אבער איהם ניט איבערגעבען ווי ער ליידעט און ברענט,ווארטענדיג אויף איהר. ער פיהלט ווי דאס שיף איז שוין נאהענט און פרעגט: צו זעהט קורוועגאל עס ניט?

קורעוועגאל: ענטפערט מיט טרויער, אז ער זעהט עס נאך ניט.

טריסטאן: הערט פארטרויערט און דערקאנט ווידער דאס אלטע ליד פון טויט. ער לאזט זיך אראפ אונמעכטיג.

קורוועגאל: ווערט דערשראקען און פארשילט דעם פאל־ שען צויבער פון בער ליבע, וואס האט זיין הארן אזוי מיאוס אפ־ געדאנקט.

טריסטאן: פרעגט זיך נאך, צו דאס שיף קומט אן? צו זעהט מען איזאלדא'ן אויפ'ן שיף אנקומענדיג שנעל צו איהם. ער הייסט שנעל לויפען צום ווארטפלאץ זעהן אויב דאס שיף קומט אן.

דער פּאַסטוך פייפט דעם צייכען, אַז דאָס שיף קומט.

קורוועגאַל און טריסטאַן: באַגריסען מיט פרייד־געשרייען דאָס שיף, און קורוועגאַל גיט אַפּ זיין האַרץ באַריכטען פון איהר יעדער באַוועגונג. ער דערזעהט ענדליך איזאָלדאַ'ן און לויפט איהר אַהער ברענגען.

טריסטאַן: אין שטאַרקער אויפרעגונג, באַגריסט דעם גליקליכען טאָג. ער רייסט אַראָפּ דעם באַנדאַזש פון זיין וואונד און הייסט דאָס בלוט רינען. ער שפּרינגט אַראָפּ פון זיין לאַגער און דער־שלעפּט זיך ביז אין מיטען דער בינע.

איזאָלדאַ רופט פון דרויסען: טריסטאַן!

טריסטאַן רייסט זיך אין אויפרעגונג צו איהר. ער פאַלט אַנידער זיך רייסענדיג צו איהר.

איזאָלדאַ: פרעגט דעם שטאַרבענדען טריסטאַן, צו הערט ער זי ניט? זאָל ער כאָטש נאָך איין שעה בלייבען וואַך. זי האָט אַזוי פיעל טעג געוואַרט אויף די איין שעה. צו וועט זי אָפּגענאַרט ווערען פון דער איינציגער האָפענונג. צו איז זי צו־שפּעט געקומען? נאָר איין מאָל נאָך, געליבטער — נאַכט! זי לאָזט זיך אַראָפּ באַ־וואוסטלאָז איבער זיין טויטען קערפּער.

דער פּאַסטוך מעלדעט, אַז א צווייטעס שיף קומט אַן.

קורוועגאַל וואַרפט זיך בויזען א באַריקאַדע. ער שווערט, אַז כל זמן ער לעבט, וועט ער קיינעם ניט אריינלאָזען.

בראַנגענע: בעט זיך, ער זאָל ניט פאַרשליסען די טויערן. זי רופט: איזאָלדאַ!

מעלאָט רייסט זיך אריין מיט באַוואָפענטע מענער, ווערט אָבער געטויטעט פון קורוועגאַל'ן.

מאַרק: בעט זיך ביי קורוועגאַל, ער זאָל זיך באַרוהיגען.

קורוועגאַל: ענטפערט, אַז דאָ הערשט נאָר דער טויט. אויב ער וויל דעם טויט א קוש טאָן, זאָל ער קומען.

מאַרק רייכט זיך דורך מיט זיינע לייט.

בראַנגענע: דערפרייט זיך, וואָס זי זעהט איזאָלדאַ'ן נאָך א לעבעדיגע.

קורוועגאַל פאַלט א טויטער לעבען טריסטאַן.

בראנגענע: דערציילט איזאָלדאַ'ן די גוטע בשורה, אז ווען דער קעניג האָט זיך דערוואוסט פון איהר דעם סוד מיט דעם געטראַנק, האָט ער באשלאָסען נאָכצופאָהרען אום זי צו פאראייניגען מיט'ן פריינד.

מארק: זאָגט איהר, אז עס איז איהם דער גאַנצער גיהנום קלאָר געוואָרען, און ער ווייסט, אז דער בראווער מאַן איז אומשול־דיג און ער איז געלאָפען אהער אום זי חתונה צו מאכען מיט טרים־טאַן. אָבער גליק קאָן ניט אריבעריאָגען דאָס אומגליק, און ער האָט נאָך פארגרעסערט דעם שניט פון טויט.

איזאָלדא פרעגט: צו זעהען זיי ניט, ווי ער שמייכעלט מילד? צו זעהען זיי ניט ווי ער ווערט אלץ ליכטיגער, ווי ער הייבט זיך אלץ מעכטיגער, באשטראַלט פון שטערן? צו זעהען זיי ניט ווי זיין הארץ קלאַפט מוטיג, ווי פון זיינע ליפען בלאָזט א זיסער אָטעם? צו הערט זי אליין נאָר דאָס ליד, וואָס קלינגט אזוי וואונ־דערליך מיט גליק? צו זיינען עס כוואַלעס פון זאנפטע לופט, וואָס הייבען זיך אזוי הויך אויף? צו זאָל זי זיי אריינציהען אין זיך? אין דער זיך באוועגענדע כוואלע, אין דעם טענענדען קלאַנג פון וועלט־אָטעם זיך דערטרינקען, פארזינקען אומבאוואוסט אין העכ־סטער לוסט. זי לאָזט זיך אראָפּ ווי פארטראַכט, אין בראנגענעס אָרימס אויף טריסטאַנס קערפּער.

לאהענגרין

אפערא פון

ריכארד וואגנער

ערשטער אקט

א לאנקע ביים ברעג פון טייך שעלדע, ביי אנטווערפען.

דער הערא‌לד: מעלדעט, אז היינריך, דער דייטשער קעניג, איז היינט געקומען צו שאפען רעכט. וועלען זיי פאלגען?

די בראבאנטער באגריסען דעם קעניג און פארשפרעכען צו פאלגען זיינע באשליסען.

קעניג היינריך: מעלדעט, אז ער האט אלץ געטאן ביז איצט צו באשיצען די דייטשע מלוכה. איצט אבער האלט עס ביי מלחמה, און ער וויל וויסען צו זיי זיינען גרייט צוצושטעלען די נויטיגע סאלדאטען. אויך פעלט ביי זיי אן אינערליכער שלום, ווייל זיי האבען קיין פירשט ניט. זיי רייסען זיך ארום צווישען זיך און ער וויל וויסען די אורזאכען דערפון.

פרידריך פון טעלראמונד: דערציילט, אז דער פארשטארבענער פירשט פון בארבאנט, האט איהם אנגעטרויט פאר'ן טויט זיינע קינדער, עלזא און גאטפריד. דער אינגעל איז אבער פאר־שוואונדען, נאכדעם ווי די שוועסטער עלזא איז מיט איהם אוועק אין וואלד, זי איז געקומען אליין. ער באשולדיגט איצט איהר, עלזא פון בראבאנט, אין ברודער־מארד, און אזוי ווי ער איז דער נאענטסטער

פון דער משפחה, פארלאנגט ער דאס לאנד פאר זיך און בעט דעם קעניג ארויסצוזאגען זיין פסק.

דער קעניג: גלויבט ניט, אז אזא שווערע שולד זאל זיין מעגליך.

פרידריך: קלאגט אז עלזא'ן אויך אין געהיימע ליבשאפט, ווייל זי האט מיט גאוה אמאל זיין האנט צוריקגעוויזען. איהר ווילט זיך אלס הערשערין פון בראבאנט, פריי זינדיגען.

דער קעניג: הייסט רופען עלזא'ן פון בראבאנט, פאר'ן געריכט.

דער העראלד: רופט אויס, אז זי זאל קומען.

עלזא קומט אן באגלייט פון א גרויסער צאל פרויען.

דער עולם: מיינט, אז זי איז אזוי בלייך און געהט אזוי לאנגזאם, ווייל זי פיהלט זיך שולדיג.

דער קעניג פרעגט: צו ווייסט זי פון דער קלאגע געגען איהר און וואס האט זי צו זאגען אויף דעם?

עלזא: ענטפערט, אז זי האט אפט מתפלל געווען צו גאט, ער זאל העלפען די יתומים, און אין איין נאכט האט זי דערזעהן פאר זיך א ריטער מיט א גאלדענעם הארן און גערעדט האט ער אזוי מילד און צערטליך, א נייעם לעבען האט ער אין איהר אריינגעגאסען, און זי האט באשלאסען, אז ער זאל איהר פארטיידיגער און היטער ווערען.

פרידריך: מאכט אויפמערקזאם, אז זי האלט אין חלומ'ן ווענען א געליבטען. ער איז גרייט מיט יעדען איינעם צו האבען א שווערד־קאמפף, ווער עס צווייפעלט אין זיינע ווערטער.

דער קעניג: ענטפערט, אז די פראגע קאן נאר פון גאטס געריכט באשלאסען ווערען, און ער פרעגט פרידריכ'ען, צו איז ער גרייט מיט זיין שווערד צו פארטרעטען זיין קלאגע אין גאטעס געריכט? ער פרעגט דאס זעלבע אויך עלזא'ן.

ביידע: זיינען מסכים.

עלזא: מעלדעט, אז ווער עס וועט פאר איהר געווינען דעם קאמפף, דעם וועט זי איהר האנט שענקען און איהר גאנץ פארמעגען.

דער העראלד רופט אויס, אבער קיינער רופט זיך ניט אפ.

עלזא: בעט דעם קעניג, ער זאל הייסען נאכאמאל אויסרו־פען. זי איז מתפלל צו גאט, ער זאל שיקען איהר באפרייער.

די מענער דערזעהן מיט אמאל, ווי א שוואן שלעפט א שי־פעל און אין שיפעל שטעהט א ריטער מיט גלאנצענדע וואפען. עס איז א וואונדער.

די פרויען: באגריסען איהם אויך.

לאהענגרין טרעט ארויס אויפ'ן ברעג און געזעגענט זיך מיט'ן טרייען שוואן. באגריסט דעם קעניג און מעלדעט, אז ער איז גערייט צו שטעהן אין קאמפף פאר די באשולדיגטע. ער וויל וויסען צו וועט זיך עלזא אנטרויען צו איהם?

עלזא: ענטפערט, אז ער איז איהר העלד און ריטער און זי איז גערייט איהם אלץ אפצוגעבען.

לאהענגרין: איז גערייט איהר מאן צו ווערען, איהר צו באשיצען. אבער זי מוז איהם א שבועה געבען, אז קיינמאל וועט זי ניט פרעגען און זיך ניט זארגען וועגען דעם פון וואנענט ער קומט און ווי זיין נאמען.

עלזא: ענטפערט, אז זי וועט טריי האלטען זיין געבאט.

לאהענגרין: ערקלערט זיך אין ליבע צו עלזא און מעל־דעט די פארזאמעלטע, אז פרידריכס אנקלאגען זיינען פאלש און ער וועט עס באווייזען מיט דעם גאטעס קאמפף.

די פריצים: פרובירען אפריידען פרידריכ'ן פון קאמפף און בעסער ציהען צוריק זיין קלאגע.

פרידריך: ענטפערט, אז דער טויט איז איהם פיל ליבער ווי צו זיין א טרוס, און אז ער נעמט אויף דעם קאמפף מיט דעם פרעמדען.

דער העראלד: רופט אויס דעם קאמפף און די באשטרא־פונג פאר'ן שולדיגען מיט'ן טויט.

דער קעניג: איז מתפלל פאר דעם קעניג פון אלע קעניגען, אז ער זאל העלפען דעם גערעכטען.

לאהענרין באזיגט פרידריכ'ן, שענקט איהם אבער דאס לעבען.

עלזא: איז איבערגליקלאך פון זיין זיג, און וויל ער זאל אלץ ביי איהר צונעמען.

לאהענגרין: ענטפערט, אז דעם זיג האט ער צו פאר־דאנקען איהר אומשולד און ריינקייט.

פרידריך און גערטרוד, זיין ווייב, פיהלען זיך גע־שלאגען.

דער קעניג: רופט אויס דעם זיגערס גרויסקייט און באגריסט איהם מיט זיין קומען און מיט זיין טאט.

צווייטער אקט

א שלאס אין אנטווערפען ביינאכט.

פרידריך רופט זיין ווייב, אז זיי זאלען אוועקגעהן. עס ווערט שוין טאג און קיינער דארף זיי דא ניט זעהן.

ארטרוד: קאן זיך ניט אפרייסען פון ארט. קוקענדיג אויף דעם יום־טוב פון איהרע שונאים, פיהלט זי ווי זי וואלט איינזויגען א שרעקליך־טויטען גיפט.

פרידריך: פארשטעהט ניט, פאר וואס האלט ער זיך נאך ביים לעבען? צוליב איהר האט ער אלץ פארלארען. ער ווערט פון אלעמען פארשאלטען און אלע אנטלויפען פון איהם. זיין עהרע האט ער פארלוירען.

ארטרוד: פארשטעהט ניט, פאר וואס ער טויט איהר ניט?

פרידריך: דערמאנט איהר, אז זי האט די גאנצע זאך אויסגעטראכט, און ווי אזוי עס האט זיך גענדיגט דערמיט, אז גאט האט איהם באשטראפט.

ארטרוד: ענטפערט, אז א גאנץ שוואכער גאט איז עס, וואס באשיצט יענעם. זאל ער זיך זעצען לעבען איהר און זי וועט איהם באווייזען, אז די גאנצע קראפט יענעמס ליגט אין דעם, וואס קיינער ווייסט ניט ווער ער איז. ווי נאר מען וועט זיך דערוויסען זיין נאמען, געהט זיין גאנצע קראפט פארלארען, און קיינער קאן פון איהם דעם סוד ניט ארויסקריגען ווי נאר די, וועמען ער האט

אזוי שטארק פארבאטען איהם אויסצופרעגען. זי הייסט איהם דער־פאר פארקלאגען לאהענגרינען פאר עלזא'ן, אז ער האט דורך כשוף אפגענארט דאס געריכט, און דאס וועט ארויסרופען ביי עלזא'ן א פארדאכט.

פרידריך: זעהט איין, אז זי איז גערעכט. אבער אויב זי וועט איהם דעם מאל אויך אפנארען, איז וועה צו איהר.

ביידע: זינגען א ליעב צו דער נקמה.

עלזא באוויזט זיך אויפ'ן באלקאן און זינגט ווי די וואנדע־רענדע ווינטען האבען דערהערט איהר יאמער און דורך די בלויקייט פון הימעל איהם געבראכט און געפיהרט אהער זי צו ליבען.

ארטרוד: בענקט, אז זי וועט דארפען פארשילטען די שעה, ווען זי האט איהם דערזעהן. זי הייסט דעם מאן אפטרעטען. זי גע־הערט צו איהר, דער העלד אבער געהערט צו איהם.

עלזא: פרעגט, ווער רופט איהר נאמען מיט אזא יאמער?

ארטרוד: וואונדערט זיך, וואס זי דערקענט איהר שטימע ניט? צו וויל זי אינגאנצען זיך אפשאקלען פון איהר, ווען זי האט אזוי פיעל צרות פארשאפט!

עלזא: פרעגט, וואס טוט זי דא איצט, די אומגליקליכע ווייב?

ארטרוד:ווארפט איהר פאר, אז זי איז שולדיג אין איהר אומגליק. וואס האט זי איהר אזויגס שלעכטס געטאן?

עלזא: פארשטעהט ניט איהרע פארוואורפען. זי איז דאך ניט שולדיג אין איהרע צרות.

ארטרוד: דערציילט, אז ביי איהר מאן ווערט איצט דאס הארץ צוריסען פון חרטה. עלזא איז איצט גליקלאך און קוקט לאבענדיג אנטקעגען דעם לעבען, בעת זי ווערט איצט פארשיקט אויף אייביג.

עלזא: דענקט, אז זי וועט טאן אן אומרעכט נעגען גאט, אויב זי וועט אפשטויסען די, וואס ליגט פאר איהר אין שטויב. זי רופט ארטרוד צו זיך.

ארטרוד (פאר זיך): געפינט, אז די שעה פון נקמה איז

געקומען און אז זי דארף זיין שטארק. זי רופט די געטינען זי צו שטארקען אין איהר נקמה. זי פאלט פאר עלזא'ס פיס.

עלזא: קאן ניט צו זעהן, אז די שטאלצע און פרעכטיגע אר־טרוד זאל זיין אזוי געפאלען ביי זיך. זי איז איהר מוחל פאר אלע און בעט ביי איהר אויך מחילה. זי פארשפרעכט אויסצו'פועלן ביי איהר מאן אויך מחילה פאר פרידריכ'ן.

ארטרוד: געפינט, אז זי קאן איהר גאר ניט אפדינען פאר איהר גוטסקייט, זי בלייבט דאך אויף אייביג א בעטלערין. נאר זי באזיצט איין קראפט, דורך וועלכע זי וועט פיליכט קאנען באשיצען עלזא'ס לעבען. זיווארנט עלזא'ן ניט צו זיין אזוי פארבלענדעט פון גליק, ווייל דאס וואס איז געקומען אויף אזא וואונדערבארען אופן, קאן איהר נאך פארלאזען.

עלזא: מיינט אבער, אז זי האט קיינמאל ניט געוואוסט פון דעם גליק, וואס קומט דורך גלויבען.

ביידע זינגען א דועט. עלזא: וויל איהר לערנען וועגען דעם שמאלץ פון א ליבענדען הארצען. ארטרוד: רופט דעם גייסט פון נקמה אויף איהר קאפ.

פרידריך (פון וועיטען): זעהט פאר, אז עלזא געפינט זיך שוין אין די הענט פון זיין ווייב.

עס פארזאמלען זיך סאלדאטען, דינער און איינוואוינער.

דער הערצאלד: מעלדעט אין נאמען פון קעניג, אז פריד־ריך איז אין חרם אריינגעלייגט געווארען און אז דער פרעמדער, וועמען עלזא האט אויסגעקליבען פאר א מאן, ווערט באלוינט מיט דער קרוין פון בראבאנט, און אזוי ווי ער וויל זיך ניט רופען הער־צאג, וועט ער הייסען דער באשיצער פון בראבאנט. היינט ווערט געפייערט די חתונה, און שוין מארגען וועט ער זיך שטעלען אן דער שפיץ פון דער ארמיי.

כאר: זינגט א שבח צום העלד.

אן אנדער כאר זינגט א שבח צו עלזא.

ארטרוד: לאזט עלזא'ן ניט געהן פאר איהר. זי מוז געהן פאראויס. זי וויל מעהר ניט קניען פאר איהר. זי וויל נקמה נעמען פאר איהרע ליידען און פארנעמען דעם פלאץ וואס קומט איהר.

עלזא: זעהט זיך ארום, אז זי האט זיך געלאזט אפנארען. צו פארגעסט זי, אז זי איז די ווייב פון א מאן וואס איז פון גאטס געריכט באשטראפט געווארען?

ארטרוד: ענטפערט, אז דער נאמען פון איהר מאן איז גע־ווען געאכטעט איבער דעם גאנצען לאנד, אבער זי, עלזא אליין, ווייסט אפילו ניט בעם נאמען פון איהר מאן.

די מענער: הייסען מאכען פלאץ פאר'ן קעניג און פאר דעם באשיצער פון בראבאנט, וועלכע קומען אן.

עלזא ווארפט זיך צו לאהענגרין מיט א בקשה, ער זאל זי באשיצען געגען דער פאלשער פרוי, וועמען זי האט אריינגענומען צו זיך פון רחמנות, און וואס ווארפט איהר איצט פאר, אז זי האט צופיעל צוטרויען צו איהם.

לאהענגרין: באפעלט ארטרוד אוועקצושטעהן פון עלזא'ן און ער פרעגט עלזא, צו האט זי איהר גיפט שוין אריינגעגאסען אין איהר הארצען?

פרידריך טרעט פאר און ברענגט א קלאגע, אז דורך א כשוף איז דאס גאטס געריכט פארשענדעט געווארען. זאל מען פאר דער גאנצער וועלט פרעגען ביי זיין געגנער דעם נאמען, שטאנד און פון וואנענט ער קומט? אויב ער קאן ניט ענטפערען אויף דעם, שטעהט עס שלעכט מיט זיין טוגענד.

לאהענגרין: ענטפערט, אז ניט איהם און ניט זאגאר דעם קעניג און דעם העכסטען ראט דארף ער ענטפערן אויף דעם. זיי אלע האבען געזעהן זיין גוטע טאט. נאר איינע מוז ער ענטפערן — עלזא'ן.

דער קעניג און די מענער דריקען אויס צוטרויען צו לאהענגרין.

פרידריך: זוכט איינצורויידען עלזא'ן, אז זי זאל זיך אן איהם פארטרויען. ער וויל נאר איין טראפען בלוט באקומען.

עלזא: ווייזט איהם צוריק.

לאהענגרין: דאנקט אלעמען פאר דעם צוטרוי, וואס זיי האבען אין איהם. ער בעט עלזא'ן, אז זי זאל ניט צווייפלען אין איהם און ער פרעגט: צו וויל זי שטעלען איהם די פראגע?

עלזא: ענטפערט, אז איהר רעטער און העלד שטעהט איי־בער אלע ספקות.

די מענער: ראטען איהר און איהם, צו האָבען צוטרויען און זינגען א שבח צו ביידען.

דריטער אקט

ערשטעס בילד.
דאָס צימער פון דעם פאָר־פאָלק.

דער כאר: באגריסט די ניי פארהייראטע און אלע ציהען זיך צוריק.

לאָהענגרין: בלייבענדיג אליין מיט עלזא'ן, ערקלערט איהר וואס פאר א גליק עס איז פאר זיי ביידען.

עלזא: פיהלט זיך אויך גליקלאך און איהר הארץ איז פול מיט א זיסער פרייד.

לאָהענגרין: דערציילט איהר, אז נאָך איידער ער האָט איהר געזעהן, האָבען זייערע הערצער געפיהלט איינע די אנדערע און ער איז געוועזען איינגעקליבען פאר איהר באפרייער. איהר אויג האָט איהם געזאָגט, אז זי איז אומשולדיג.

עלזא: ענטפערט, אז זי האָט אין חלום איהם שוין פריהער געזעהן, און ווי נאָר זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי ערקענט, אז ער איז געקומען אויף גאָטס בעראָט. זי האָט ווי א בלום זיך גע־וואָלט בויגען פאר זיינע טריט. איז עס נאָר ליבע? זי ווייסט ניט ווי עס צו רופען. זי ווייסט אויך ניט ווי איהם צו רופען, ווייל זי דאַרף קיינמאָל זיין נאָמען ניט רופען. פאר וואס פארגינט ער איהר ניט דעם זיסען קלאנג פון זיין נאָמען? זאָל ער איהר ערלויבען איהם רופען נאָר אין דער שטילקייט פון ליבע.

לאָהענגרין: בעט זיך ביי איהר, זי זאָל ניט פרעגען און צושטערען דעם צויבער. ער האָט איהר געליבט נאָך איידער ער האָט

זי געקאַנט, און האָט דאָס אומערמעסליכע צוטרויען אין איהר באקומען.

עלזא: ענטפערט, אז זי איז גרייט דאָס לעבען מקריב צו זיין פאר איהם. זי וויל, אז ער זאָל איהר מאַכען שטאָלץ דורך זיין פארטרויען און איהר אויסזאָגען דעם סוד, ווער ער איז.

לאהענגרין: באפעלט איהר צו שווייגען.

עלזא: בעט זיך אָבער ער זאָל זאָגען פון וואנענט ער קומט און אויספרובירען דעם כח פון איהר שווייגען.

לאהענגרין: זאָגט, אז זיין פארטרויען אין איהר האָט ער שוין ארויסגעוויזען דערמיט, וואס ער האָט געגלויבט איהר שבועה. ער זעהט אין איהר זיין איינציג גליק און האָט צוליעב איהר ליבע מקריב געווען מיט אזוינס, וואס אפילו א קעניגליכע קרוין וואלט ניט געווען בכח צו באלוינען. ער קומט ניט פון נאכט און ליידען, נאָר פון גלאַנץ און פרייד.

עלזא: האָט מורא, אז אויב אזוי וועט ער איהר פארלאָזען. צו דארף זי שוין אנהויבען ציילען די טעג, וואס ער פארבלייבט נאָך מיט איהר? זי וועט פארוועלקען אין זארג, טאָמער פארלאָזט ער זי.

לאהענגרין: ענטפערט, אז איהר רייץ וועט קיינמאָל ניט פארשווינדען, אויב נאָר זי וועט בלייבען ריין פון צווייפעל.

עלזא: געפינט, אז זי איז צו שוואך איהם צוצובינדען. ער איז געקומען דורך א נס, צו הערט ער ניט אז דער שוואן קומט מיט דער לאָדקע? זי קאָן קיינמאָל זיך ניט בארוהיגען און באפרייען זיך פון דעם וואונש, צו וויסען ווער ער איז. ער מוז איהר זאָגען דעם נאָמען.

לאהענגרין: בעט זיך זי זאָל זיך איינהאלטען. וועה איז איהר!

עלזא: האלט אָבער איהם אין אויספרעגען.

פרידריך רייכט זיך אריין מיט באגלייטער און וואַרפט זיך אויף לאָהענגרין מיט אַן אָפענעם שווערד.

עלזא דערלאנגט לאָהענגרין זיין שווערד און יענער דער־

שטעכט פרידריכ'ן. די באגלייטער ווארפען זיך פאר לאָהענגרין אויף די קני.

לאָהענגרין: ערקלערט, אז דאָס גליק איז געענדיגט. ער באפעלט אוועקצוטראגען דעם מת פאר'ן קעניגס געריכט און אהין אויך צו ברענגען זיין פרוי, דאָרט וועט ער איהר דערציילען ווער ער איז.

צווייטעס בילד.
דאָס זעלבע ווי אין ערשטען אקט.

דער קעניג: עפענט דאָס געריכט, באגריסט לאָהענגרין, פון וועמען ער ערוואַרט, אז ער וועט ציהען די ארמיי אין קאמפף געגען שונא.

לאָהענגרין: ענטפערט, אז אנפירען די לייט אין קריג קאָן ער ניט. געקומען איז ער אלס חבר אין קאמפף. איצט טרעט ער ארויס אלס אנקלאָגער. צוערשט וויל ער וויסען, צו האָט ער געהאַט רעכט צו טויטען דעם, וואָס איז איהם באפאלען.

דער קעניג און די לייט גיבען איהם רעכט אין דעם.

לאָהענגרין: זאָגט ווייטער, אז ער פארקלאָגט זיין ווייב אין פאראט. זי האָט איהם געשוואָרען קיינמאָל איהם ניט צו פרעגען ווער ער איז און זי האָט איהר שבועה געבראָכען. ער מוז איצט אלעמען דערציילען זיין סוד. אין א ווייטען לאנד איז פאראן א טעמפעל, אין וועלכען עס איז דאָ לאָס העכסטע הייליגטום א כלי, עס הייסט דער גראל. דער וועמען עס איז באשערט צו באדינען דעם הייליגען גראל, באקומט א הייליגע קראפט אפילו אין ווייטע לענדער. אָבער נאָר אזוי לאנג ביז וואנענט מען קאָן איהם ניט. ווי נאָר מען דערקענט ווער ער איז, מוז ער פון דאָרט זיך אפטראָגען. ער איז אהערגעשיקט געוואָרען פון גראל. זיין פאָטער פארסיפאל, טראָגט זיין קרוין און ער איז זיין ריטער און הייסט לאָהענגרין. איצט שיקט דער גראל ווידער נאָך איהם דעם שוואן. נאָר איין יאָהר האָט ער נאָך געדאַרפט, ביז איהר ברודער וואָלט זיך אומגעקערט א גליקליכער פון גראל און זיי וואָלטען געקאָנט א לעבען אפלעבען אין

גליק. איצט אבער מוז ער זיך מיט איהר געזעגענען און ווען דער ברודער וועט קומען, זאל זי איהם איבערגעבען דעם האָרן, דאָס שווערד און דעם רינג.

א ר ט ר ו ד: באַגריסט זיין אהיימפאָרען. דאָס האָט זי דאָס קינד, דעם יונגען פרינץ גאָטפריד, פאַרוואַנדעלט דורך איהר כשוף אין א שוואַן. וואָלט דער העלד דאָ לענגער געבליבען, וואָלט ער אויך דעם ברודער באַפרייט.

ד אָ ס פ אָ ל ק: פאַרשילט איהר און וויל זיך אָן איהר נוקם זיין.

א ר ט ר ו ד: האַלט זיי צוריק. גאָט אַליין האָט זיך אָן איהר נוקם געווען.

ל אָ ה ע נ ג ר י ן לאָזט זיך אראָפּ אויף די קני און איז מתפלל. מען דערזעהט מיט אמאָל באַוויזט זיך די גראָל־טויב. ער שפּרינגט אויף און מאַכט לויז איהר קייט. זי לאָזט זיך אראָפּ און לאָהענגרין ברענגט צו פירען דעם יונגען פרינץ גאָטפריד. ער אַליין שפּרינגט אריין אין לאָדקע, וועלכע די טויב ציהט.

א ר ט ר ו ד פאַלט אנידער א טויטע לעבען גאָטפריד, וועלכער וואַרפט זיך אין עלזאַ'ס אָרעמס און פאַרנייגט זיך פאַר'ן קעניג.

ע ל ז אַ: מיין מאַן! מיין מאַן!

פארסיפאל

א פייערליכע דראמא אין דריי אקטען פון

ריכארד וואגנער

ערשטער אקט

א לאנדשאפט אין דעם רייך פון הייליגען גרייל, פארטאַג.

גורנעמאנץ: וועקט אויף די יונגע באגלייטער צו דער מארגען תפילה. ביי די אריינגעהענדע צוויי ריטער פרעגט ער, וואס מאכט אמפארטאס, צו האט דער באלזאם פארלייכטערט זיינע שמערצען?

דער צווייטער ריטער ענטפערט, אז דער שמערץ מאטערט איהם נאך מעהר ווי ווען עס איז. שלאפלאז האט ער באפוילען, פארצובערייטען א פרימארגענבאד.

גורנעמאנץ: ענטפערט, אז אומזיסט וועלען אלע זאלבען זיין. נאר איין רפואה און איין רופא איז פאראן.

דער צווייטער ריטער: וויל וויסען, ווער דאס איז? צו איז עס קונדרי?

קונדרי פאלט אריין אן אויסגעמאטערטע און דערלאנגט דעם באלזאם, וועלכען זי האט געבראכט פון א ווייטער מדינה. דאס איז די איינציגע תרופה. זי פאלט אריין אין א טיפען שלאף.

א פראצעסיע קומט אן, טראגענדיג דעם קראנקען קעניג, אמפארטאס, אויף א קראנקען־בעטעל.

גורנעמאַנץ: באַדויערט, וואָס דער הערשער איז געוואָרען דער שקלאַף פון זיינע ווייטאָגען. ער הייסט זיי פּאַרזיכטיגער אַראָפּ־לאָזען דאָס בעטעל. די פּראָצעסיע שטעלט זיך אָפּ.

אַמפאָרטאַס: דאַנקט אַלעמען. עס איז פאַר איהם אַ מי־נוט פון רוה. נאָך אַ נאַכט פון מאַטערניש. די וואַנע וועט ווידער איהם אַביסעל דערלייכטערן זיינע שמערצען.

דער צווייטער ריטער: מעלדעט, אַז גאַוויין איז דאָ ניטאָ. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזען זוכען אַן אַנדער היילונגס קרייטאַך.

אַמפאָרטאַס: דענקט, אַז ער וועט מוזען טייער באַצאָלען פאַר וואָס ער האָט עובר געווען די דינים פון גראַל. ער וויל מיט זיין אומגליק וואַרטען ביז עס וועט קומען דער, וואָס אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען די נבואה, אַז עס וועט קומען דער "אומשול־דיגער נאַר".

גורנעמאַנץ: דערלאַנגט איהם קונדריס זאַלב, וואָס קונד־רי האָט געבראַכט פון ווייטען אַראַביען. ער פּרובירט זי אויפוועקען, אָבער זי פאָלגט ניט.

אַמפאָרטאַס: דאַנקט איהר. זי האָט ווידער אַרויסגעווי־זען איהר איבערגעבענהייט.

קונדרי ענטפערט: קיין דאַנקען. דאַנקען וועט ניט העלפען. גיך צום באַד.

די פּראָצעסיע באַוועגט זיך אַוועקטראָגענדיג אַמפאָרטאַס.

גורנעמאַנץ: צורעדט זיך מיט די ריטער וועגען קונדרי, אויף וועמען עס ליגט אַ קללה צו בלייבען אויף דער ערד ביז די זינד און פאַרברעכענס וועלען גוט געמאַכט ווערען. דערוייל ברענגט זי הילף צו זייער הערשער. ער קאָן זי שוין זייט לאַנגע יאָהרען, אָבער טיטורעל האָט איהר געקאַנט נאָך לענגער. דעם טאָג ווען קלינגזאָר, דער כשוף מאַכער פון באַרג, האָט געבראַכט אויף זיי דאָס אומגליק און זייער האַר האָט זיין שפּיז פאַרלוירען, האָט ער זי געפונען אין קוסטאַרניק אַ באַמויבטע. ער ווענדעט זיך צו קונדרי אויסצוגע־פינען, וואו איז זי דאַמאָלסט געווען? פאַר וואָס האָבען זיי אומזיסט געזוכט דאָן איהר הילף?

קונדרי ענטפערט: איך העלף קיינמאָל ניט.

גורנעמאנץ: דערמאָנט זיך אָן דעם, ווי אזוי דער וואונ־דער־שפּיז איז דורך אמפּארטאס שוואכקייט צו פרויען־צויבער, ארויסגעפאלען פון זיינע הענט און קלינגזאר האט מיט א געלעכטער איהם צוגעכאפּט און פארשוואונדען. פון דאן אָן איז א וואונד גע־בליבען אין קערפּער פון זייער האר, א שרעקליכע וואונד, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארצוויגען ווערען. ער פרעגט די צוריקקומענדע ריטער, וואָס מאכט זייער האר?

די ריטער: ענטפערען, אז דער באלזאם האט איהם פאר־לייכטערט. זיי ווילען וויסען מעהר וועגען קלינגזאר.

גורנעמאנץ: דערציילט, אז דער אלטער קעניג טיטורעל, האט קלינגזאר'ן גוט געקאנט. ער מיט זיינע הארדען זיינען דאן געווען א געפאר פאר'ן גלויבען. דאן איז געקומען צו איהם אין א הייליגער נאכט א גאסט, א שליח פון ערלייזער און איהם געגעבען דעם בעכער, פון וואס יעזוס האט ביי זיין לעצטען מאלצייט גע־טרונקען, און אין וועלכען זיין בלוט אויפ'ן קרייץ איז ענטהאלטען, און אלץ צוגאב איהם אויך געגעבען דעם הייליגען שפּיז, וועלכען קלינגזאר האט ביי אמפּארטאס'ן צוגענומען. אמפּארטאס האט גע־קניט בעטענדיג א צייכען פון הימעל און ער האט דערהערט קלאָר א שטים: "דורך דערבארמען וועט דער אומשולדיגער נאר קומען, ווארט פאר איהם, מיין אויסדערוועלטער נאר".

עס הערען זיך געשרייען פון די ריטער פון אָזערע. א שאָס קנאַלט און דער שוואן פאלט אראָפּ א פארוואונדעטער.

די ריטער שלעפּען אריין פּארסיפאל'ן: דאָס האט ער געטאן.

גורנעמאנץ פרעגט: צו האָט ער דער'הרג'ט די איידעלע באשעפעניש?

פּארסיפאל: ענטפערט, אז קיין אנדערער ניט. ער האט נאך קיינמאָל ניט פארפעלט א שאָס.

גורנעמאנץ: פרעגט, ווי אזוי האָט ער געמייעט אין הייליגען וואלד צו מארדען? וואס פאר א שלעכטס האט דער טרייער שוואן איהם געטאן? צו פיהלט ער ניט, אז ער איז באגאנגען א פארברעכען?

פארסיפאל: ענטפערט, אז ער ווייסט ניט פון קיין פארברעכען.

גורנעמאנץ: פרעגט, פון וואנען ער קומט, ווער האט איהם געפירט אהער? ווי איז זיין נאמען?

פארסיפאל: ענטפערט, אז ער ווייסט ניט. נעמען האט ער געהאט א סך, אבער ער קאן זיך ניט דערמאנען.

גורנעמאנץ: הייסט די ריטער געהן צו די אזערע, און בעט פארסיפאל'ן ער זאל איהם זאגען וועמען ער געדענקט פון זיין משפחה.

פארסיפאל: ענטפערט, אז ער האט געהאט א מוטער, הערצליידע האט זי געהייסען. זייער הויז איז געוועזען אין דער וויל־דעניש, די וואפע האט ער אליין געמאכט, ארויסצוטרייבען די הונ־געריגע אדלערס פון וואלד.

גורנעמאנץ: פרעגט, ווי אזוי קומט עס, וואס מען האט איהם ניט געלערענט צו באנוצען ווערטפולערע וואפען?

קונדרי: מישט זיך אריין און דערציילט, אז זיין מוטער האט איהם געבוירען נאכדעם ווי זיין פאטער, גאמורעט, איז אין שלאכט געפאלען, און כדי איהם צו ראטעווען פון אזא זארט שיק־זאל, האט זי איהם ערצויגען אפגעזונדערט, ניט געלערנט, ווי א נארן.

פארסיפאל: באשטעטיגט עס און דערציילט, אז ער האט אמאל געזעהן ווי א טרופע מענשען רייטען אויף פרעכטיגע חיות ביים ברעג וואלד. ער האט געוואלט ווערען ווי איינער פון זיי, אבער זיי זיינען שנעל אנטלאפען. ער האט זיי נאכגעיאגט, כאטש קיינמאל ניט איבערגעיאגט, ביז עס איז געקומען דער טאג. זיין טרייער בויגען האט איהם קיינמאל ניט פארפעלט איהם צו ראטעווען פון די מענער און חיות.

קונדרי: באשטעטיגט עס און דערציילט, אז די פארדאר־בענע האבען מורא פאר איהם.

פארסיפאל: וואונדערט זיך, וואס די, וואס האבען איהם שלעכטס געטאן, זיינען פארדארבען געווען. ער וויל וויסען ווער איז גוט.

גורנעמאנץ: פרעגט, ווי אזוי האט ער פארלאזען די מוטער, וואס בענקט אזוי נאך איהם?

קונדרי: דערציילט, אז די מוטער איז טויט און לאזט איהם געריסען.

פארסיפאל: גלויבט ניט און ווארפט זיך איהר שטיקען.

גורנעמאנץ: האלט איהם צוריק. זי האט דאך איהם קיין בייז ניט געטאן, דערציילענדיג דעם אמת.

פארסיפאל פאלט אין חלשות. קונדרי לויפט צום וואלדקוואל און ברענגט וואסער. זי וויל אבער ניט אנערקענען, אז זי טוט גוטעס, און זי פאלט ווידער אריין אין א שלאף.

גורנעמאנץ נעמט פארסיפאל'ן מיט צום שלאס פון הייליגען גרייל, וועלכער באווייזט זיך ביסלעכווייז.

די ריטער פון גרייל טוען תפילה.

כאר פון יונגעלייט און אינגלאך זינגען א שבח צום ערלייזער.

טיטורעל: פרעגט ביי זיין זוהן אמפארטאס, צו זאל ער ווידער האלטען דעם הייליגען גרייל אין לעבען, אדער זאל ער אונטערגעהן ראטעוועענדיג איהם?

אמפארטאס: בעט איהם, ער זאל נאך איינמאל דורכפירען די הייליגע צערמאניע. זאל ער לעבען און אליין וועט ער אונטערגיין.

טיטורעל: זאגט, אז ער איז צו שוואך, און הייסט דעם זוהן פראוועגען די צערעמאניע.

אמפארטאס: דערמאנט די פארזאמעלטע אן די וואונדען פון ערלייזער, און הייסט אפדעקען דעם הייליגען בעכער. ער בעט רחמים ביי גאט ער זאל שיקען אויך פאר איהם אן ערלייזער.

כארען זינגען וועגען דעם ערלייזער, דער כאר וואס וועט קומען. אמפארטאס מאכט קדוש איבער'ן וויין.

די כאר'ן באזינגען די הייליגע סעודה און זינגען א שבח צו די גלויבענדע.

גורנעמאנץ: פרעגט פארסיפאל, צו פארשטעהט ער וואס ער האט געזעהן? ער איז אלזא ניט מעהר ווי א נאר, זאל ער אבער

געדענקען אין צוקונפט צו לאָזען די סוואנס צו רוה, און ער שטופּט איהם ארוים פון טעמפּעל.

צווייטער אקט

קלינגזארס שלאָס אין די בערג.

קלינגזאר: זיצענדיג ביי א כשוף־שפּיגעל, רופט ארוים קונדרי צו זיך. צו דער ערוואכענדער קונדרי ווענדעט ער זיך מיט א פראגע, מיט וועמען האט זי לעצטענס זיך גע'חבר'ט? צו איז דער שלאָס ניט מעהר רייצענד, ווי דער, פון איהר נארישען האר און קרבן? וואס האט איהר פארטריבען פון די הייליגע?

קונדרי רופט אוים: וועה, שווארצע נאכט, מאטערניש, שלאף, ענדלאָזער שלאף, טויט! מיין קללה — דאס אייביגע בענקען.

קלינגזאר: וויל וויסען, צו בענקט זי נאך די טוגענד־האפטע טעמפּעל־דינער? זי האט געזוכט תשובה פאר די שלעכטס, וואס זי האט זיי געטאן. אבער היינט שטעהט איהר פאר די געפער־ליכסטע באגעגעניש. זיין שוץ איז זיין אומשולד.

קונדרי: ענטזאגט זיך יענעם צו פארפירען.

קלינגזאר: ענטפערט, אז ער וועט איהר צווינגען, ווייל אויף איהם אליין האט איהר כשוף קיין שליטה ניט.

קונדרי לאכט אפּ פון איהם: צו איז ער ריין פון זינד?

קלינגזאר: ווארפט איהר פאר, וואס זי מאכט חוזק פון זיין אמאָליגען פערלאנג פאר'ן גרייל. ער הייסט איהר זיך פאר־בריימען.

קונדרי: באקלאגט זיך, וואס זיי אלע זיינען שוואך און דורך דעם איז זי פארשאָלטען. שלאפען איז איהר איינציגע בא־פרייאונג.

קלינגזאר: פארזיכערט איהר, אז אויב ווער עס וועט קאנען ביישטעהן געגען איהר, וועט דורך דעם זי באפרייען, דערפאר זאָל זי פּרובירען איהר מאכט איבער דעם אינגעל. ער ווייזט איהר אן, אז יענער קריכט איבערן וואנד און לויבט זיין שענקייט. ער

רופט צוזאמען זיינע סאָלדאטען צו באשיצען די מכשפות. ער זוכט קונדרי, וואָס איז פארשוואונדען אונטערדעסען. ער פיהלט שוין פאראוים זיין גיכען זיעג איבער דעם יונגענמאַן, דורך וואָס זיין מאַכט וועט בלייבען פאראייביגט.

די בלומען מיידלאך זיינען פארזאָרגט וועגען זייערע געליבטע, וואָס קעמפען און ווערען פארוואונדעט. זיי באפאלען פאר־סיפאַל'ן מיט פראגען: ווי אזוי איז ער געקומען אהער? פאר וואָס האָט ער געשלאָגען זייערע געליבטע?

פארסיפאל: ענטפערט, אז ער האָט זיי געמוזט נידער־שלאָגען, ווייל זיי האבען געוואָלט איהם ניט ארייננלאָזען אהער.

די בלומען מיידלאך זוכען איהם ארויסצורייסען איינע פון די אנדערע.

פארסיפאל: זוכט פון זיי זיך ארויסצורייסען, ווען ער דערהערט קונדרים שטים, וואָס רופט איהם, פארסיפאַל.

פארסיפאל: איז איבעראשט צו הערען דעם נאָמען, מיט וועלכען די מוטער האָט איהם אמאָל גערופען.

די מיידלאך צולויפען זיך פון קונדרי'ס שטים.

קונדרי: דערציילט איהם, אז זיין פאָטער, האָט שטארבענ־דיג, איהם געגעבען דעם נאָמען, זי איז געקומען אהער אויף איהם צו ווארטען. זי דערציילט איהם, ווי זיין מוטער האָט איהם געצער־טעלט אלס קינד, ווי אזוי זי האָט איהם געזוכט צו האלטען ווייט פון אלעמען, כדי איהם צו באשיצען. און צו האָט ער ניט געהערט די שרעקליכע יללות פון דער מוטער, ווען ער האָט איהר פארלאָזען? זי איז פון הארצווייטאָג געשטאָרבען.

פארסיפאל: פיהלט זיך שולדיג, וואָס ער האָט זיין מייערסטע מוטער אין קבר געבראכט. ווי אזוי האָט ער די מוטער געקאָנט פארגעסען?

קונדרי: צערטעלט איהם און וויל איהם איינריידען אין ליבע צו געפינען די ברכה פון דער מוטער. זי קושט איהם.

פארסיפאל: ווערט א דערשראָקענער. ער דערמאָנט זיך אן אמפארטאַס און זיין וואונד. זיין געוויסען ערוואכט אין איהם. אבער אויך די ליידענשאַפט ברענט אין איהם נאָך שטארקער, ביז ער הערט

די שטים פון ערלייזער: "ערלייז מיך, ראטעווע מיך!" און דורך זיין נשמה געהט דורך א שוידער. ער בעט ביים ערלייזער מחילה פאר זיין זינד.

קונדרי: ענדערט אינגאנצען איהר האלטונג און באגריסט איהם מיט באוואונדערונג, אלס דעם נאבעלען ריטער.

פארסיפאל: פארשטעהט איצט איהר גאנצען פארפירע־רישען כשוף און איהר שרעקליכען קוש. ער פארטרייבט זי פון זיינע אויגען אויף אייביג.

קונדרי: בעט זיך, ער זאל איהר אויך ערלויבען האבען מיטלייד און דורך דעם זיך ראטעווען. זי האט דורות געווארט אויף איהם. ווען ער וואלט געוואוסט די קללה וואס איז געלעגען אויף איהר און איהר שטענדיג פארפאלגט, זינט זי האט אפגעלאכט פון דעם ערלייזערס בליק. זי זעהט איצט ווידער זיין בליק. זי הערט אבער דעם געלעכטער פון די זינדער, זי פיהלט, אז זי האט פארדינט די רעטונג פון איהר נשמה.

פארסיפאל: ווייזט איהר אן, אז זי וואלט צוזאמען מיט איהם אויף אייביג פאר'משפ'ט געווארען, ווען ער וואלט איין מינוט זיך אונטערגעבען אונטער איהר. ער וועט פאר איהר אויך געווינען רעטונג, אבער ווער קאן ווייזען, וואו די אמת'ע רעטונגס־וואסערען פליסען?

קונדרי: בעט, ער זאל איהר לאזען איהם ליבען און ברענגען איהר רעטונג.

פארסיפאל: שלאגט איהר פאר ליבע און ערלייזונג, אויב זי וועט איהם פירען צו אמפארטאס.

קונדרי: פארזיכערט איהם, אז ער וועט קיינמאל ניט גע־פינען. זאל ער איבערלאזען דעם בעל־תעוה צו זיין אייגענער צושטע־רונג. דער שפיז וואס האט זיין וואונד איינגעשטאכען, איז געווען זיין אייגענער שפיז, זי וועט איצט דעם שפיז געגען איהם אויפ־פאדערען. זאל ער נאר איין שעה זיין איהרער און זי וועט איהם מיט פרייד פיהרען צו אמפארטאס.

פארסיפאל: טרייבט אוועק די מכשפה.

קונדרי: זוכט איהם ארומצונעמען. זי הייסט צושליסען

אלע טירען, ער זאָל פון איהר ניט קאָנען אנטלויפען. ער וועט זיין לעבען וואנדערען און קיינמאָל דעם וועג צו איהם ניט געפינען.

קלינגזאר קומט אַן און ווארפט דעם שפּיז אויף פּארסיפאל. דער שפּיז בלייבט אָבער הענגען איבער פּארסיפאל'ס קאָפּ.

פּארסיפאל: כאפּט צו דעם שפּיז און זאָגט, אז ער האָט דעם כשוף געבראָכען. די וואונד וועט געהיילט ווערען מיט דער זעלבער מאכט און צושטערט וועט ווערען די פארפירונג און גלאנץ. ער מאכט א קרייץ צייכען איבער דעם שפּיז. דער שלאָס זינקט איין. ער ווענדעט זיך צו קונדרי: דו ווייסט וואו איך און דו קאָנען זיך טרעפען.

דריטער אקט

אַ לאַנדשאַפט אין דעם געביט פון גראַיל.

גורנעמאנץ, פארעלטערט און גרוי, אנגעטאָן אלס נזיר קומט ארויס פון זיין ביידעל און הערט זיך צו צו דעם גערויש. ער געהט צום וועלדעל און דערזעהט קונדרי ליגענדיג ווי א טויטע. ער זוכט איהר אויפצואוועקען און פרעגט: צו האָט זי גאר קיין ווערטער פאר איהם ניט?

קונדרי, בויגט איין לאנגזאם דעם קאָפּ: דינסט, דינסט!

גורנעמאנץ: וואונדערט זיך מיט דער גרויסער ענדערונג וואס איז אויף איהר געקומען. ער איז זיכער, אז ער האָט איהר אויפגעוועקט צוליעב איהר ערלייזונג. ער דערזעהט אנקומענדיג פּארסיפאל'ן אלס ריטער. ער פרעגט: צו האָט ער פארלאָרען דעם וועג? פּארסיפאל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער פרעגט ווייטער: פאר וואס שווייגט ער? טאָמער האָט ער צרות, זאָל ער וויסען, אז ער קאָן געפינען טרייסט, ווייל ער געפינט זיך אויף א הייליגען באָדען און היינט איז קאר־פרייטאג. זאָל ער ניט זיין פארטרויערט און ווייטאָן דעם האר, דעם ערלייזער. ער דערקענט איצט איהם, אז דאָס איז דער, וואס האָט דעם סוואן דער'הרג'עט און ער ווייסט, אז פון

דאמאלסט אַז האָט ער געוואַנדערט, ער דערקענט אויך דעם שפּיז. ער זאָגט איהם, אַז ער געפינט זיך לעבען היילינען גרייל און אַז די ריטער ווארטען אויף זיין קומען. דער אלטער האר, טיטורעל, איז שוין געשטאָרבען, און ער וואָהנט דאָ אין איינזאַמקייט ווארטענדיג גערולדיג אויפ'ן טויט.

פארסיפאל איז שטארק פארטרויערט: איהם איז אָנפער־טרויט געוואָרען די רעטונגס־ארבייט. ער האָט אָבער דורך פאַלשע באַמיהונגען אויף אייביג די גנאדע פארשפּילט. ער האלט אין פאַלען, נאָר קונדרי טראָגט איהם אונטער וואסער.

גורנעמאנץ: דענקט, אַז מען וועט מיט דעם וואסער פון היילינען קוואל דאַרפען וואשען זיינע פיס; עס קאָן זיין, אַז זיי וועלען היינט דארפען א הייליג־דינסט אָפּטאָן. מען מוז זעהן, אַז ער זאָל זיין ריין.

פארסיפאל פרעגט: צו וועט ער איהם פיהרען צו אמ־פארטאס?

גורנעמאנץ: ענטפערט, אַז געוויס. יענער ווארט שוין אין שלאָס. די קבורה־צערעמאָניע פאר זיין פארשטאָרבענעם האר, פאָדערט זיין אנוועזענהייט.

קונדרי וואשט איהם די פיס.

פארסיפאל: בעט, אַז מען זאָל דעם קאָפּ איהם אויך באַשפּריצען.

גורנעמאנץ: באַגיסט איהם דעם קאָפּ און בענשט איהם, אַז זינד זאָל פון זיינע אויגען פארשוואונדען.

פארסיפאל: בעט, ער זאָל איהם זאַלבען דעם קאָפּ.

גורנעמאנץ: זאַלבט איהם מתפלל־זייענדיג, אַז די לעצ־טע ליידען זאָלען פון איהם אַוועקגענומען ווערען.

פארסיפאל: שעפּט אַז וואסער אין זיינע הענט און טויפט קונדרי דערמיט. ער געפינט, אַז די לאָנקעס זיינען היינט אַזוי שעהן, אַז די בלומען בליהען אַזוי וואונדערליך.

גורנעמאנץ ענטפערט, אַז דאָס איז דער כשוף פון קאר־פרייטאָג.

זיי צורייזען זיך וועגען דער בעדייטונג פון קאר־פרייטאָג.

פארסיפאל: זעהט, אז קונדרי ווײנט און ער טרייסט זי, צערטליך א קוש־טוענדיג איהר אין שטערן.

גורנעמאנץ: פיהרט איהם צום הייליגען גרייל, אנטוענדיג אויף איהם דעם מאנטעל פון א ריטער.

דאס בילד בייט זיך. גלאקען קלינגען און דער טעמפעל פון היי־ליגען גרייל באווייזט זיך ווידער. טיטורעלס ארון שטעהט אין מיטען.

די ריטער: באוויינען דעם פארשטארבענעם.

אמפארטאס: רופט אויף זיך די שטראף פאר דעם טויט פון זיין פאטער. ער בעט דעם נפטר, ער זאל ביי גאט בעטען, אז זיינע ליידען זאלען זיך ענדיגען מיט'ן טויט. ער זאל בעטען ערלייזונג פאר זיין זוהן.

די ריטער פון גרייל: פאדערען, אז ער זאל אפדעקען דעם גרייל.

אמפארטאס זאגט: אז קיינמאל נים. ער בענקט נאכ'ן טויט און פיהלט, אז דער טויט קומט. ווער וועט איהם דען צווינגען צוריק צום לעבען? זאלען זיי מיט זייערע וואפען אין זיין וואונד אריינשטעכען, פיליכט וועט דער גרייל פון זיך אליין שיינען.

די ריטער האבען אין שרעק זיך צוריקגעצויגען. פארסיפאל קומט אן באגלייט פון גורנעמאנץ און קונדרי. ער רירט אן אמפאר־טאס מיט'ן שפיץ פון שפיז, וואס קאן אליין איהם נאר היילען. ער בענשט איהם מיט מחילה, ער אליין וועט איצט איבערנעמען דעם אמט. ער ברענגט צוריק דעם הייליגען שפיז, די קרוינונג פון א גרויסען וואונדער־פרייז. ער הייסט אויפדעקען דעם הייליגען גרייל און עפענען דעם שריין.

דער כאר זינגט: דער נס פון רעטונג, די ערלייזונג פון רעטער.

אָבעראָן

אָפּערא אין דריי אקטען פון

קארל מאריא פאָן וועבער

ערשטער אקט

א פייען־גאָרטען אין אָבעראָנים קעניגרייך.

א כאָר פון עלפען באזינגען דעם שלאָפענדען קעניג, אָבעראָן און ווינשען פרידען צום הארצען פון איהם, דעם פייען־קעניג. דער כאָר ציהט זיך צוריק.

פוק, אָבעראָנס לייטענאנט־גייכט, קומט אריין, געהט צו צום שלאָפענדען אָבעראָן און ווינשט איהם א רוהיגען שלאָף, ער זאָל פארגעסען אָן זיינע שטרייטיגקייטען מיט דער קעניגין. ער דער־ציילט, אז עס איז געווען אַ נארישע קריגעריי וועגען דעם, ווער איז מער אומבאשטענדיג, דער מאן אָדער די פרוי, און זיי זיינען זיך צו־גאנגען, שווערענדיג, זיך מעהר ניט צו טרעפען. דערהערענדיג, אז אָבעראָן באוועגט זיך, טראָגט ער זיך שנעל אָפּ.

אָבעראָן טרייסעלט זיך אויף פון שלאָף און באקלאָגט זיך, וואָס אפילו אין שלאָף קאָן מען ניט זיין רוהיג. ער באדויערט דעם אומגליקליכען נדר, וואָס ער האָט זיך געגעבען.

פוק לויפט אריין מיט דער פרייליכער בשורה, אז ער האָט געפונען פאר זיין הארץ א פארלייכטערונג. ער איז געשטאַנען ביים טראָן פון קארל, וועמעס זוהן איז אקאָרשט דאָן דער'הרג'עט געוואָרען אין קאמף מיט הואָן. דער קעניג האָט איהם פאַרשפּראָכען

צו שאָנעוועז זיין לעבעז, אַדיב ער וועט שנעל לויפעז איז באַגדאַר צו האַרון־אַל־ראשיה, וועט דער'הרג'ענעז דעם מאַן, וואָס זיצט ביי זיין לינקער האַנט און וועט אַ קוש טאָן זיין טאָכטער, רעזיא, ווי זיין כּלה.

אַבעראַן ווערט פאַראינטערעסירט און הייסט ביידען ברענגען צו איהם. ער דענקט, אַז דורך יענעם טרייע ליבע, וועט ער ווידער געווינען פאַר זיך זיין ווייב, טיטיאַנא. ער וועט איז חלום לאָזען זיין קונסט ווירקען אויף זיי. ער גיט אַ מאַך מיט'ן האַנט, און הואָן און זיין באַגלייטער שעראַזמון באַווייזען זיך שלאָפענדיגע.

רעזיאַ מיט אַלוטע איז האַנט קומט אָן, און פרעגט: פאַרוואָס שלאָפט הואָן, דער העלד, אַ מיידעל וויינט איז באַבילאָן, און דער העלד האַרף זיך איילען זי צו ראַטעווען.

אַבעראַן באַפעלט די ביידע זיך אויפצוכאַפּען, און דערציילט פריינדליך צו דעם ערוואַכענדען הואָן, אַז ער איז דער קעניג פון פייען־לאַנד, אַז ער ווייסט פון די שליחות פון קאַרלען, נאַר דער האַרן וועט דורך זיין לייכטעסטען קלאַנג איהם באַשיצען, און ער דערלאַנגט איהם דעם האָרן.

הואָן: פאַרזיכערט, אַז זיין האַרץ און זיין אָרעם מעגען אויסגעפּרובירט ווערען.

אַבעראַן טוט אַ מאַך מיט זיין שטעקען און פאַרשפּרעכט, אַז ער וועט באַלד זיין איז באַגדאַד.

די סצענע פאַרוואַנדעלט זיך איז באַגדאַד ביים ברעג פון טיגרים.

הואָן: גלויבט זיינע אייגענע אויגען ניט, זעהענדיג די באַנילטענע געביידעס און דעם שעהנעם מייד. ער האָט אָבער מורא, אַז די, וועמען ער האָט איז שלאָף געזעהן, איז אויף אייביג פון איהם אַנטלאָפען. דער כאַר קומט אָן.

אַבעראַן; באַרוהיגט איהם און הייסט איהם געהן ווייטער און אַרומנעמען די מיידעל, וואָס לעבט איז באַבילאָן.

דער כאר הייסט איהם זיך איילען.

הואן: זינגט דאס זעלבע ליד פון פארזיבערונג אז זיין מוט און ארעם.

די מלוכה פון אברעאן פארשווינדעט און באגראר ווערט נאך נעהענטער.

הואן: פרעגט זיך נאך ביי זיין באגלייטער וועגען דאס מיידעל.

שעראזמין: דערמאנט איהם אז דעם קעניגס שפרוך און לאזט זיך אוועק צוגרייטען אלץ וואס איז נויטיג פאר'ן קאמף.

הואן: בלייבענדיג אליין, דערמאנט זיך, אז זיין גאנץ לעבען איז פארביי אויפ'ן שלאכטפעלד. איצט אבער פאלט א מילדער ליכט אויף איהם, און די ליבע באצויבערט איהם און ברענגט אין זיין הארצען א נייעם זארט ציטערן, דאס ציטערן פון ליבע. דאך וועט ער גיכער שטארבען איידער פארלירען זיין עהרע.

די סצענע פערוואנדעלט זיך אין א זאל אין הארעם פון כאליף הארון-אל-ראשיד.

רעזיא קומט אן און רופט דעם העלד, דעם ריטער, ער זאל קומען גיכער איהר ראטעווען פון קבר. וואס עפענט זיך פאר איהר, ווארום ארום איהר האנט דרעהט זיך א ווארים. רעזיא לעבט נאר פאר איהם אליין, נאר פאר איהם פיהלט איהר הארץ ליבע.

פאטימא, איהר באגלייטערין, קומט אן מיט דער פריילינבער בשורה, אז דער העלד, דער ריטער, האט זיך געפונען. ער איז געקור־מען אין אוועגט אין דער אלטער נאמונאס הייזעל, מיט דעם באַ־שלוס ענטוועדער זי צו ראטעווען, אדער צו שטארבען.

רעזיא: איז איבערגליקליך, וואס די באפעגונג האט ניט אפגענארט איהר הארצען און די ליבע האט איהר חלום פאר־ווירקליכט.

פאטימא הערט ווי עס קומען אן טריט. זיי געהן ארונטער און זעהן ווי יאניסארן קומען אן און שטעלען זיך אוים. די פרויען שטעלען זיך אוים באזונדער.

דער כאר פון שקלאפען אין הארעם זינגען אן אב־שיד־ליד.

רעזיא קאן קוים קאנטראלירען איהר פרייד און דערפאר וויל זי אויך בעסער אוועקגעהן.

צווייטער אקט

א פרעכטיגער זאל אין פאלאץ פון הארון-אל-ראשיד.

דער כאר זינגט: א הייל צום כאליף! און רופט אלע גלויבינגע צו קניען פאר איהם.

הארון־אל־ראשיד הייסט אריינברענגען די כלה, רעזיא און רופט דעם פרינץ, באביקאן צו זיך, כדי צוזאמען זיך צו פרעהען מיט דער חתונה. ער הייסט די אריינקומענדע רעזיא דערלאנגען די האנט צום פרינץ. עס הערט זיך אין מיטען א קלאפען פון שווערד'ן און הואן רייסט זיך אריין, נאך איהם שעראזמין.

הואן דערקענט באלד רעזיא און זאגט, אז זי איז זיינע.

רעזיא ווארפט זיך צו איהם, ער זאל זי ראטעווען.

הואן נעמט זי ארום און באווייזט דערמיט, אז דעם באליפס טאכטער איז איצט זיין פארקנס'טע.

הארון־אל־כאשיד באפעלט איהם צו טויטען.

באביקאן פאדערט אבער, אז דאס איז זיין אויפגאבע.

הואן זאגט, אז דאס איז דער, וואס איז געזעסען לעבען באליפס רעכטער האנט, און דערשטעכט איהם.

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין א טונקעלן גארטען לעבען וואסער.

שעראזמין קומט אן מיט פאטימא, און ער בעט זיך ביי איהר, אז זי זאל זאגען אז זי ליבט איהם.

פאטימא: ענטפערט קאקעטיש, אז מיט דער צייט קאן עס נאך קומען.

חואן, אנקומענדיג מיט רעזיא, הייסט איהם שנעל געהן צום פארט, א שיף ווארט דארט, אין אסקאלאן וועט רעזיא זיין זיינע.

הואן און שעראזמון זינגען: צו ווילען די שיינע טעכטער פון אראביען פארען מיט זיי איבער דעם טונקעלען וואסער, איבער דעם וויטען ים?

רעזיא און פאטימא ענטפערן, אז ווען אפילו עס וואלט ניט געווען קיין גרעניץ צו דעם וואסער, וואלטען אראביענס טעכטער אויך געפארען מיט זיי.

אלע זינגען, אז זייערע טרייע הערצער, און פול פון האפענונגען, פארען זיי אויף דעם דעק פון שיף.

פוק א מאך־טוענדיג מיט א ליליע שטעקען, רופט ארויס דורך זיין כשוף רינג די גייסטער פון לופט, ערד און ים און אלע אנדערע גייסטער. זיי קומען ארויס און רינגלען איהם ארום.

דער כאר פון גייסטער פרעגט: וואס פארלאנגט ער פון זיי? צו זאלען זיי דורכשפאלטען די לבנה, פארפינסטערן די זון, אדער אויסגיסען דעם ים אויף די ברעגעס? זיי האבען די מאכט דאס צו טאן און אנדערע זאכען אויך.

פוק: ענטפערט, אז די גאנצע זאך וואס זיי דארפען טאן איז צו צושמעטערן א שיף.

דער כאר: ענטפערט, אז קיין לייכטערערע זאך ווי דאס ווייסען זיי ניט. עס בליצט און דונערט, און די גייסטער מעלדען, אז עס איז שוין אפגעטאן געווארען.

הואן: בעט זיך ביים הערשער פון דער שרעקליכער שטונדע ער זאל זיינע קלעפ ווענדען געגען איהם, דעם שולדיגען אין אלץ. ער דערפרייט זיך אבער צו זעהן, אז רעזיא לעבט אפ. ער קלעטערט ארויף אויף א פעלזען־שטיין, צו זעהן אויב עס איז ניטא ווער עס איז זיי צו העלפען.

רעזיא פארבלייבענדיג אליין, רעדט וועגען דעם אקעאן וואס איז שוידערליך, ווען ער צעיושעט זיך. זי דערזעהט א שיין, און דערקענט א שיפעל, רייכט ארונטער פון זיך דעם שלייער און נעמט רופען הואן, ער זאל ארונטער צום ברעג; זיי האבען איהר באמערקט. פיראטען באפאלען און בינדען זי.

אבדאלא, א ים רויבער, געפינט, אז זי איז א שענער פריין.
רעזיא רופט אז הואן זאל איהר העלפען.
הואן לאזט זיך אריין אין קאמף מיט די רויבער און פאלט אום.
אבעראן באוויזט זיך און זוכט איינצופליסען מוט און האַ־פענונג. ער באפעלט פוק'ן איהם א שלאפענדיגען צו ברענגען אין זיכערהייט אין אלעמאנזאר'ס גארטען.
פוק: רופט ארוים די ים פרויען פון וואסער.
די ים־פרויען: באזינגען ווי אנגענעם עס איז צו שווימען אויפ'ן ים ווען די כוואלעס זיינען שטיל און די לעצטע זון־שטראַ־לען פארשוואונדען.
פוק און אבעראן: רופען ארוים די ים־פרויען, אז זיי זאלען זיך אוועקלאזען אין טאנץ. צו זיי שטעהען צו א כאר פון לופט־גייסטער און אנדערע.
דער כאר פון די אלע גייסטער באזינגען די פריילינבע רייזע.

דריטער אקט

ערשטעס בילד.

פאלאץ־גארטען פון עמיר אלאמאנזאר אין טונים

פאטימא, פלעכטענדיג א בוקעט, דערמאנט זיך אן אראַ־ביען, איהר געבורטלאנד, וואו איהר פאטערס געצעלט איז געשטאַ־נען און וואו די פריילינבע מוזיק־טענער זיינען געקומען זים ווי א ווינטעל.
שעראסמון קומט אן, אנגעטאן ווי א גערטנער, און פרעגט זיי געפעלט ער איהר אין זיין נייער פראפעסיע? ער אליין פיהלט ווי צו וויינען, וואס זיהר הארנטע און הואן זיינען פערשוואונדען, און זיי ביידע זיינען שקלאפען פון אלמאנזאר.
פאטימא: זוכט איהם צוצוגעבען מוט.
שעראסמון: דערמאנט זיך אן די ברעגעס פון דער זיסער

גאראנא, וואו ער איז געבוירען געווארען, און וואו ער האט אזוי פריה זיך ענטוויקעלט אין א מוטיגען קערפער.

פאטימא: דערמאנט זיך אן די כוואלעס פון בונדעמור, וואו זי האט צוערשט דערזעהן די ליכט־שטראלען, און וואו זי האט קיינמאל ניט געוואוסט פון שמערץ און זארג. איצט זיינען זיי שקלאפען!

שעראסמון: ראט איהר צו זיין צופרידען, וואס זיי זיינען כאטש צוזאמען. ליבע איז זייער געזאנג; פרייד — זייער כאר. זאלען זיי טאנצען און זינגען און זיך משמח זיין כל זמן די באפעגונג שיינט נאך פאר זיי.

ביידע: זינגען דאס זעלבע ליד און פאטימא געהט אפ.

פוק לאזט זיך אראפ פון א וואלקען אויף דער ערד מיט הואן נעבען זיינע פיס און ער באפעלט הואן זיך אויפצוכאפען: זיינע פריינד זיינען נאהענט.

שעראסמון דערפרייט זיך, געפינענדיג מיט אמאל דעם כשוף־הארן דא אין א קעסטעל באהאלטען אונטער בלומען.

הואן כאפט זיך אויף און דערציילט, אז ער האט אויך צו דערציילען נייעס: א שיף האט זיך פאראנקערט דעם פריהמארגען און אויף איהר איז א שעהנע פרוי. דער קאפיטאן זאגט, אז ער האט איהר געפונען איינזאם אויף א וויסטען אינזעל און זי פארקויפט צו אלמאנזאר, זי איז איצט אין פאלאץ.

פאטימא: דענקט אז פיליכט איז עס איהר הארנטע.

הואן שפרינגט אויף און זיי דערקענען איינע די אנדערע. הואן וויל, אז מען זאל איהם פיהרען צו רעזיא.

שעראסמון: וויל פריהער געפינען פאר איהם פאסיגערע קליידער, ביז דאן זאל ער זיך ניט ריהרען.

הואן: פארשפרעכט זיך צו נעמען נקמה אן זיין טיראן.

פאטימא: איז מתפלל צו די גייסטער, אז זיי זאלען בענשען דעם שווערד פון טרייען הארצען.

צווייטעס בילד.

א זאל אין אלמאנזארס פאלאץ.

רעזיא, אליין, זינגט א טרויער־ליד נאך די פארגאנגענע פרייד. איצט האט זי נאר אן אוצר פון טרויער.

אלאמאנזאר קומט אריין, באגלייט פון צוויי יעוונוכען, און פרעגט איהר, פאר וואס איז זי אזוי פארטרויערט? ער וויל זי זאל איהם, דעם אלמעכטיגען, אלץ דערציילען. ער באפעלט די יעוונוכען דורך א האנט קלאפ, ארויסצוגעהן, און פרובירט זי ארומ־נעמען. זי שטופט איהם אבער אפ צוריק.

שקלאפען ברענגען אריין לאבונג.

א כאר פון טענצערקעס זינגען, אז די גאנצע שעהנ־קייט איז פאר איהר. צו קאן זי דען ווידערשטעהן געגען דעם? זיי ציהען זיך צוריק טאנצענדיג.

אלמאנזאר: ערקלערט זיך אין ליבע צו רעזיא. ער דער־מאנט איהר ווי גרויס זיין מאכט איז און אז ער קאן זי צווינגען.

הואן גנב'ט זיך אריין און באפעלט איהם זיך צוריקצוציהען.

רעזיא דערקענט איהם און לויפט צו איהם.

אלמאנזאר: ציהט זיין שווערד און רופט די וואכע. ער ווערט אבער פון הואן ענטוואפענט.

די וואך־לייט כאפען הואן. ער באפרייט זיך אבער און לאזט זיך אריין אין א קאמף מיט זיי.

שעראסמון קומט אן מיט פאטימא און ער בלאזט אין ציינ הארן און אלע ווערען מיט אמאל פארשטיינערט.

א כאר פון שקלאפען טאנצען און זינגען וועגען דעם וואונדערליכען קלאנג.

רעזיא, פאטימא, הואן און שעראסמון זיינען דערפרייט מיט דעם רוף פון מעכטיגען הארן, וואס מאכט אלעמען טאנצען.

אבעראן, אנקומענדיג מיט טיטאניא, שליסט זיך אן אין זייער פרייד און לויבט די טריוע פאר, וואס האט צוריק צוזאמענגע־

בראכט איהם מיט זיין טיטאניא באפרייענדיג איהם פון דער שבועה, און געזעגענט זיך פארשפרעכענדיג איהם צוריק צו ברענגען אין פראנקרייך צום קעניג.

דריטעס בילד.

דער טראָן-צימער פון קייזער קארל.

הואן טרעט אויף פאר'ן קייזער, פיהרענדיג רעזיא'ן און זאגט, אז טריי צו זיין שבועה, האט ער מיט הילף פון הימעל, ערא־בערט פון באליף די שעהנע מיידעל דורך אלערליי געפאהרען.

קייזער קארל הייבט זיך אויף און הייסט זיי זיך אויך אויפהייבען און ערקלערט, אז הואן האט דורך זיין נאבעלע טהאט געוואונען זיין הארץ. די פּאר ווערט פון אלעמען באגריסט.

דער כאָר: זינגט א שבח צום העלד, וואס איז שטארק אין זיין שטאלץ, און באגריסט איהם און זיין כלה.

דער קייזער באצירט הואן מיט א גאלדענעם קרייץ און קושט רעזיא אין שטערן. אלע זיינען זיך משמח.

אאידא

אפערא אין פיער אקטען פון

דזשוזעפא ווערדי

ערשטער אקט

ערשטעס בילד.
א זאל אין פאלאץ פון קעניג פון מעמפיס.

ראמפיס (דער הויפט פריסטער): מעלדעט, אז די עטיאפיער באפאלען ווידער אויף עגיפטען און אז די הייליגע איזיס האט באַשטימט אלס מלחמה פירער געגען זיי א יונגען העלד.

ראדאמוס: ערוואַרט מיט פרייד, צו ווערען באשטימט אלס דער פיהרער און זיך אומצוקעהרען אין פולען גלאנץ צו זיין זיסע אאידא, די הימלישע אאידא, די שענסטע שאפונג פון הימעל. ער וואלט זי צוריקברענגען צו די ליכטיגע הימלען און איהר בויען א טראן, וואס זאל שטעהען צווישען די שטערען.

אמענאריס (די טאכטער פון קעניג) קומט אריין און וואונדערט זיך, וואס זיין בליק איז אזוי פייערדיג, ווי שטארק וואלט מען געהארפט מקנה זיין די פרוי, וועמען ער וועט ליבען.

ראדאמוס: זאגט איהר, אז זיין הארץ איז געבענשט, טאמער איז ער באשטימט צו זיין דער פירער פון די עגיפטישע ארמייען.

אמענארים: וויל וויסען, צו האט ער ניט אנדערע, זיסערע חלומות, וואס ריידען צו זיין הארצען. פאר זיך זאגט זי, אז וועה

זואָלט געוועזן, ווען אַן אַנדער ליבע זאָל ברענען אין זיין האַרצען, און זי וועט עס דערגעהן. זי איז איבעראַשט זעהענדיג וואָס פאַרע בלי־קען ער וואַרפט אויף די אריינגעקומענע אאידא. זי רופט אאידא'ן צו זיך, ערקלערענדיג, אַז זי איז ניט מעהר איהר שקלאַפין, נאָר זי ער־קלערט איהר פאַר איהר שוועסטער. זי וויל וויסען דעם סוד פון איהרע טרערען.

ראַדאַמוס זינגט: ציטער, פאַראַכטעטער שקלאַף, פינסטערן פאַרדאַכט זעה איך אין דיין נשמה.

אאידא: זאָגט, אַז אַ'הר האַרץ ווערט צוריסען וועגען איהר געליבט לאַנד. די טרערען רינען וועגען אַן אומגליקליכע ליבע.

דער קעניג מיט זיין גאַנצע סוויטע קומען אריין, און ער מעלדעט, אַז ער האָט זיי פאַרזאַמעלט צו הערען וויכטיגע נייעס.

אַ שליח מעלדעט, אַז די עטיאָפּער זיינען באַפאַלען דאָס עגיפּטישע לאַנד, ברענען און צושטערען. זיי ווערען אַנגעפירט פון אַ שרעקליכען פירער, אַמענאַסראָ.

דער קעניג: מעלדעט, אַז איזיס האָט באַשטימט אַלס העכסטען פירער, ראַדאַמוס. איצט דאַרף ער געהן אין טעמפּעל פון וואולקאַן צו באַקומען די הייליגע ברכה.

ראַמפיס מיט די פּריסטער זינגען אַ שבח צו גאָט.

ראַדאַמוס: האָפט צו ברענגען אַ זיג.

אַמענאַריס: דערלאַנגט איהם די פאָן, וואָס זאָל איהם פירען צום גלאַנץ.

אאידא: פאַרשטעהט ניט, ווי אַזוי קאָן זי וויינען און בעטען פאַר איהם, צו וועמען זי איז אַזוי צוגעבונדען, כאָטש ער איז איהר שונא. ער דאַרף עס קומען אַ זיגער און עראָבערן איהר פאָטער, וואָס קעמפפט איהר צו באַפרייען. זי בעט, אַז גאָט זאָל צושטערען די מחנות פון זייערע אונטערדריקער. אָבער רופען דעם טויט אויף ראַ־דאַמוס'ן קאָן זי ניט. זי ליבט איהם, איהר האַרץ איז צובראָכען, זי קאָן ניט אָנרופען, ניט דעם הייליגען נאָמען פון איהר פאָטער און ניט פון געליבטען. איהרע טרערען זיינען אַ פאַרברעכעריין, איהר זיפץ אַ שאַנד. זאָל דער גוטער הימעל רחמנות האָבען אויף איהר.

זי האט קיין האפענונג ניט. די אומגליקליכע ליבע צוברעכט איהר הארץ.

צווייטעס ביל ד.
אינעווייניג אין טעמפעל פון וואולקאן.

די פריסטערינס: רופען ארוים דעם גייסט פון פטא, דאס ליכט פון דער זון, דאס לעבען פון אוניווערזום רופען זיי צו הילף.

ראדאמוס ווערט אריינגעפירט בארעקט מיט א זילבער־נעם שלייער.

ראמפיס, בער הויפט פריסטער, דערלאנגט איהם דעם הייליגען שווערד, מיט וועלכען ער דארף די שונאים פארניכטען. ער רופט צו גאט, ער זאל באשיצען און נעמען נקמה פאר זיין הייליג לאנד.

ראדאמוס: זאגט א תפילה צו גאט, ער זאל באשיצען די היילינע ערד פון עניפטען.

צווייטער אקט.

ערשטעס ביל ד.
אמענארים צימער אין פאלאץ.

די שקלאפען־מיידלאך זינגען א שבח צום גרויסען עראבערער.

אמענארים: הייסט זיי אנטשוויגען ווערען און זי פארלאזען זעהענדיג אז אאידא קומט אן. זי דריקט אוים צו יענער איהר מיט־געפיהל מיט דער נידערלאגע פון איהר לאנד, זי וועט אבער פאר־בלייבען איהר פריינדין און לעבען גליקליך.

אאידא: ענטפערט, אז זי קען ניט זיין גליקליך ווייט פון

איהר לאנד, ווען זי ווייסט ניט דעם שיקזאל פון איהר פאטער און ברידער.

ביידע זינגען א דועט.

אמענארים: טרייסט זי, רופט זי צום טראן ביים זייט פון קעניג, צוזאמען מיט איהר.

אאידא: באקלאגט זיך, אז אין לעבען איז איהר גארניט געבליבען. זי וועט אין קבר פארלעשען באלד די ליבע.

צווייטעס ביל ד.
דער ארייגאנג אין דער שטאדט טעבען.

דער קעניג און זיין סוויטע קומען אן.

אלע זינגען א לויב־געזאנג צו איזיס, וואס זי האט געראטעוועט עגיפטען.

די סאלדאטען קערען זיך אום אין גרויס פאראד.

ראדאמוס ברענגט פאר'ן קעניג די געפאנגענע, צווישען זיי אמאנסארא.

אאידא כאפט זיך אויף, דערקענענדיג אין איהם איהר פאטער.

דער קעניג בעט איהם צוגעהן נעהנטער.

אמאנאסרא: דערציילט, אז ער איז איהר פאטער, ער האט בראוו געקעמפט פאר זיין קעניג און פאטערלאנד. דער שיקזאל איז אבער געוועזען שלעכט צו זיי און זיי זיינען אלע גרייט צו שטארבען. ער בעט, אז דער קעניג זאל רחמנות האבען אויף זיי. דער שיקזאל איז היינט געוועזען שלעכט צו זיי, מארגען קאן ער איהם טרעפען.

אאידא, דאס פאלק און די געפאנגענע בעטען אום רחמנות.

ראדאמוס איז נאך מעהר ענטציקט פון אאידא'ס שענקייט.

אמענארים קאן ניט פארטראגען זיינע ליבלע־בליקען צו אאידא'ן.

ראדאמוס: דערמאנט דעם קעניג, אז ער האט געשווארען

ביי זיין קרוין, צו ערפילען װאָס ער װעט פאַרלאַנגען, בעט ער דערפאַר, אז ער זאָל שענקען דעם לעבען צו די עגפּטישע געפאַנגענע.

ראַמפּיס, די פּריסטער און דאָס פאָלק זיינען שטאַרק געגען דעם. ראַמפּיס איז מתריא דעם יונגען העלד, אז זיי װעלען באַלד װידער זיך כאַפּען צו װאַפען, און ער שלאָגט פאַר ענד־ליך א פּשרה, אז אלע זאָלען באַפרייט װערען, נאָר אמאָנאַסרא מיט אאידא'ן זאָלען פאַרבלייבען דאָ.

דער קעניג: פאַרשפּרעכט ראַדאַמוס'ן, אז ער װעט נאָך קריגען די האַנט פון זיין טאָכטער און װעט רעגירען איבער עגיפּטען.

אלע זינגען א לויב־געזאַנג צו עגיפּטען.

אמאַנאַסרא: זאָגט צו די טאָכטער, זי זאָל זיין גרייט צו דער קומענדער נקמה.

דריטער אקט

ביים ברעג פון ניל.

ראַמפּיס באַגעגענט אמענאַריס אַרויסגייענדיג פון א שיפעל און רופט זי אין טעמפּעל פון איזיס צו בעטען איהר גנאָד.

אמענאַריס: ענטפערט, אז זי געהט בעטען די געטין, דאָס ראַדאַמוס זאָל אויף אייביג בלייבען איהרער. זי געהט אַפּ.

אאידא קומט אָן. זי װאַרט אויף ראַדאַמסון, אויב ער װעט מיט איהר זיך געזעגענען, װעט זי זיך אַריינװאַרפען אין טייך. זי געזעגענט זיך מיט איהר היימלאַנד צו װעלכער זי װעט זיך מעהר ניט אומקערען.

אמאַנאַסרא קומט אָן, און ערקלערט איהר, אז ער װייסט פון איהר ליבע צו ראַדאַמוס'ן. פּרעה'ס טאָכטער איז איהר קאָנקור־רענטין. אבער זי קאָן די קאָנקורענטין בייקומען, קאָן באַפרייען איהר לאַנד און װערען א גליקליכע כלה. זי דאַרף געדענקען װאָס פאַרע צרות די מערדערישע עגיפּטער האָבען געטאָן צו זיי. ער איז גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף. ער װיל נאָר װיסען װאָס זיינע שונאים פּלאַנעװען.

אאידא: פרעגט מיט שרעק, ווער קאָן עס וויסען?

אמאנאסרא: ענטפערט, אז זי קאָן פון ראַהאמוס'ן זיך דערוויסען. ער הייבט אָן פאַר איהר צו שילדערען די שרעקענס פון וייער לאנד, רופט ארויס דעם שאָטען פון איהר מוטער, וואָס פאַר־שילט זי, ער שטויסט זי צוריק פון זיך: זי איז א שקלאפין פון די עגיפטער.

אאידא: בעט זיך, ער זאָל איהר ניט צוריקשטויסען. זי איז ניט קיין שקלאפין, זי ועט וייזען, אז זי איז ווערט איהר פא־טערלאנד.

ראדאמוס קומט אָן. ער ערקלערט זיך אין ליבע צו אאידא'ן.

אאידא: דערמאָנט איהם אָן די ליבע פון אמענארים.

ראדאמוס: ענטפערט, אז ער ליבט נאָר זי.

אאידא: פרעגט, צו דענקט ער, אז ער וועט זיך קאָנען באפרייען פון דער ליבע פון אמענארים, פון קעניגס ווילען, פון דעם ווילען פון פאָלק און צאָרן פון די פריסטער?

ראדאמוס: דערציילט איהר, אז א נייע מלחמה אויף עטיא־פיא גרייט זיך צו, ער וועט זיין דער פירער און אויף די קני וועט ער בעטען דעם קעניג, אז ער זאָל באלוינט ווערען מיט איהר ליבע.

אאידא: באוויזט איהם, אז עס איז דאָ נאָר איין מיטעל פאר זיי, און דאָס איז צו אנטלויפען מיט איהר און איבערלאָזען אָט די וויסטעניש. זיי וועלען לעבען אין א ווייטע לאנד רוהיג און פרידליך. זי וויל וויסען דורך וועלכען וועג די עגיפטער וועלען געהן?

ראדאמוס: קאָן זיך אין אָנהויב ניט באשליסען. נאָר ווען אאידא שיקט איהם אָפּ צו אמענארים, איז ער מסכים און ער זאָגט איהר דורך וועלכען וועג די עגיפטישע טרופען גרייטען צו זייער אָנ־פאל. ער וייסט, אז ער האָט צוליב איהר, זיין לאנד פאראטען, זיין עהרע פארלאָרען.

אמאנאסרא קומט ארויס פון באהעלטעניש און טרייסט איהם, אז דאָס איז געוועזן דער ווילען פון שיקזאל.

אמענארים קומט ארויס פון טעמפעל, נאָך איהר די פריסטער. זי ווארפט פאר ראַהאמוס'ן זיין פאראט.

אמאנאסרא ווארפט זיך אויף איהר מיט א קינזשאל.
ראדאמוס האלט איהם צוריק. ער באשליסט זיך צו פאר־בלייבען דא.

פערטער אקט

ערשטעס בילד.
א זאל אין קעניגליכען פאלאץ.

אמענאריס, ווארטענדיג אויף ראהאמוס'ן, צווייפעלט, צו איז ער טאקע געוועזן א פארעטער. זי ווייסט אבער, אז איהר לעבען איז חרוב דורך איהר ליבע. ווען ער וואלט געקאנט זי ליבען, וואלט זי איהם געראטעוועט. ווען ראדאמוס קומט אריין באוואכט, ערקלערט זי איהם, אז די פריסטער האבען זיך שוין פארזאמעלט צו באשלי־סען זיין שיקזאל, דאך וועט זי בעטען ביים טראן איהם צו פארגע־בען. אויב ער וועט זיך ענטשולדיגען, וועט זיין לעבען געראטעוועט ווערען.

ראדאמוס: ענטפערט, אז ער וועט קיינמאל ניט בעטען קיין ענטשולדיגונג. ער פיהלט זיך אומשולדיג, כאטש זיינע ליפען האבען ארויסגעזאגט דעם סוד, זיינען זיינע געדאנקען געווען ריין און זיין עהרע גאנץ.

אמענאריס: סטראשעט איהם, אז אויב אזוי, וועט ער שטארבען.

ראדאמוס: זאגט, אז ער האט מעהר קיינע האפענונגען ניט און ווינשט צו שטארבען.

אמענאריס: זאגט, אז ער מוז לעבען צוליב איהר ליבע. זי וואלט פאר איהם מקריב געווען מיט'ן לאנד און טראן.

באדאמוס: ענטפערט, אז פאר די ליבע האט ער מקריב געווען מיט'ן פאטערלאנד און עהרע.

אמענאריס: פארבאט איהם וועגען יענע צו ריידען.

ראדאמוס: פארשטעהט ניט, ווי אזוי וויל זי גאר ער זאל

לעבען, ווען מען האָט איהם אזוי אומגליקליך געמאכט, אאידא'ן צו־גענומען פון איהם, פיליינכט איהר געטויט.

אמנעריס: דערציילט, אז אאידא לעבט. איהר פאָטער איז געטויטעט געוואָרען אין שלאכט, זי איז אָבער אנטלאָפען. מעהר קיין נייעס האָט מען פון איהר ניט. זי וויל, אז ער זאָל שווערען, אז אויב זי וועט איהם ראטעווען, זאָל ער אאידא'ן מעהר ניט זעהן, זאָל ער זיך פון איהר ענטזאגען און ער וועט בלייבען לעבען.

ראדאמוס: ענטפערט, אז דאָס קאָן ער ניט. ער איז גרייט צו שטאַרבען, אז דער טויט וועט זיין די גרעסטע ברכה פאר איהם. אויב ער זאָל פאר איהר שטאַרבען, ער האָט מעהר קיין מורא ניט פאר קיין זאך.

אמנעריס פאַלט אנידער א פארצווייפעלטע. ווער וועט איהם ראטעווען? זי פארשילט איהר אייגענע אייפערזוכט, וואָס האָט פאראורזאכט זיין טויט.

די פריסטער (פון אונטערשטען זאָל) לייענען פאר דעם צעטעל פון ראדאמוס חטאים, און פאָדערען איהם זיך צו פארטיי־דיגען. ער שווייגט, און זיי גיבען ארויס דעם פסק, אז ער זאָל א לעבעדיגער באַגראָבען ווערען אונטער'ן אלטאר פון צובייזטען גאָט.

אמנעריס וואַרפט זיך אויף די פריסטער, פאר זייער בלוט־דורשט. ער האָט קיין שלעכטס ניט געטאָן.

די פריסטער ענטפערן, אז ער איז א פארעטער, ער מוז שטאַרבען.

צווייטעס בילד.

צווײ עטאזשען פון טעמפעל.

ראדאמוס: א פארצווייפעלטער פאר'ן טויט דערזעהט מיט אמאָל אאידא'ן.

אאידא: דערצעהלט איהם, אז איהר הארץ האָט נביאות געזאגט, אז דאָ וועט ער שטאַרבען, און זי האָט זיך אריינגעכאַפּט דאָ כדי צו שטאַרבען אין זיינע ארימס.

ראַדאַמוס: קאָן ניט דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז זי, אַזוי יונג און שעהן, זאָל שטאַרבען פאַר איהם.

אאידא: זאָגט איהם אָבער, אַז די הימלען עפענען זיך פאַר זייער אייביגע פרייד, אַז דאָרט הייבט זיך אָן די אומשטערבליכע ליבע.

ראַדאַמוס: פּרובירט דעם שטיין אָפּרוקען פון אָרט.

אאידא: זאָגט איהם אָבער, אַז עס איז אומזיסט. אַלץ איז געענדיגט פאַר זיי אויף דער ערד.

ביידע געזעגענען זיך מיט דער וועלט. דער הימעל עפענט זיך פאַר זייערע וואַנדערנדע נשמות.

אמענאַריס (פון אויבען): בעט ביי איזיס, אַז זיין נשמה זאָל רוהען אין פרידען.

לאַ טראַוויאַטאַ

אָפּעראַ אין דריי אַקטען פון

דזשוזעפּאַ ווערדי

ערשטער אקט

א זאַל אין הויז פון וויאַלעטאַ.

ערשטער כאָר: זינגט, אז עס איז שוין צייט, די געסט פאַרשפּעטיגען זיך.

צווייטער כאָר: באַשטעטיגט, אז די שטונדען זיינען פאַרפלויגען.

וויאַלעטאַ (א קורטיזאַנקע): בעט די פריינד צו האָבען גע־דולד, די נאַכט איז נאָך גרויס. צווישען די ווייןבעכערן פליהען די שטונדען.

פלאָרא, איהר פריינדין, און מארקיז ד'אָביגיני פרעגען: צו איז זי צופרידען דערמיט?

וויאַלעטאַ: ענטפערט, אז זי זוכט דורך פאַרגעניגען אָפּ־צושטעלען די קראַנקהייט.

אַלע: זינגען פון פאַרגעניגען פאַרלענגערט די טעג.

גאַסטאָן דע לעטאָריע שטעלט פאָר אַלפרעד זשער־מאָן, וויאַלעטאַס נאָך א פאַרערער. ער ווערט אויפגענומען מיט פרייד.

וויאַלעטאַ לאַדעט אַלעמען איין צום טיש.

דער כאר ווידערהאלט, אז א ווייבעכער איז א רפואה צו אלע צרות.

גאסטאן: דערציילט וויאלעטא'ן, אז אלפרעד טראכט נאר וועגן איהר. ווען זי איז קראנק געווען פלעגט ער יעדען טאג קומען זיך נאכפרעגען אויף איהר.

וויאלעטא: וויל וויסען פון איהם אליין, צו עס איז אמת, און זי דאנקט איהם זעהר.

אלפרעד זינגט אויף אלעמענס ביטע, א טרינק ליד.

וויאלעטא: ענטפערט, אז די גאנצע וועלט איז נאר א משוגעת, אויב עס איז נית קיין פרייליך פארגעניגען, מען דארף געניסען די שטונדע, ווארום שנעל לויפען די פריידען פון לעבען און שטארבען אפ ווי זומער בלומען. פארזוכט זיי כל זמן איהר קענט, געניסט.

אלע: זינגען נאך, אז מען דארף געניסען.

עס הערט זיך מוזיק פון צווייטען צימער און וויאלעטא וויל אויך געהן טאנצען. עס ווערט איהר אבער שווינדעלדיג. אלע דער־שרעקען זיך. זי בארוהיגט זיי, און הייסט זיי געהן טאנצען, זי וועט נאכקומען. זי איז אבער ערשטוינט צו זעהן, אז אלפרעד איז פארבליבען.

אלפרעד: מוסרט איהר, אז זי רואינירט זיך מיט די שמחות. זי נויטיגט זיך אין גרויס זארג, ווען זי וואלט געווען זיינע, וואלט ער איהר מיט דער גרעסטער צערטליכקייט אפגעהיט.

וויאלעטא: פרעגט, צו איז גאר ניטא ווער עס זארגט זיך וועגען איהר?

אלפרעד: ענטפערט, אז נאר ער איינער ליבט זי.

וויאלעטא: וויל וויסען ווי לאנג ער ליבט זי.

אלפרעד: ענטפערט, אז עס איז אקוראט א יאהר. ער דער־ציילט איהר, ווי איין טאג האט א ליידענשאפט זיין הארץ פאר־כאפט און פון דאן אן איז דאס לעבען פאר איהם נאר די ליבע, אט די מיסטאריעזע ליידענשאפט און מאטערניש.

וויאלעטא: ראט איהם צו אנטלויפען פון איהר, אויב דאס איז אמת. זי קאן נאר פריינדשאפט איהם פארשלאגען. זי איז

אויפריכטיג מיט איהם און דערפאר ראט זי איהם צו זוכען אן אנדערע, א פריינדליכערע, א ווארימערע. הערענדיג אז גאסטאן קומט אן, בעט זי איהם מעהר ניט צו ריידען וועגען ליבע. זי גיט איהם א בלום, ער זאל עס איהר צוריקברענגען אזוי גיך ווי עס וועט פארוועלקט ווערען.

אלפרעד געהט אוועק א גליקליכער, מארגען צוריקצוקומען.

אלע קומען אריין, זינגען א דאנק צו דער בעל־הביתטע און געהען אפ.

וויאלעטא בלייבענדיג אליין זינגט, אז עס איז פיליכט געוועזען איהר בענקענדע נשמה, וואס איז געוועזען איינזאם אין מיטען פון פארגעניגען סצענעס און וואס האט געפארבט מיט איהר אייגען בלוט. ער האט מיט זיין באשיידענער וואכזאמקייט אנגעצונדען נייע פלאמען און באשטימט איהר הארץ צו ליבען. אין איהר יונגער הארץ שיינט עס ווי שטערן, זעהונגען פון האפענונגען זיינען געקומען איבער איהר. אבער דאס זיינען נאר פוסטע פאנטאזיעס. זי, דאס קינד פון פארגעניגען, פיהלט זיך פארלאזען און איינזאם אין גרויסען מדבר פאריז. צו וועט זי אייביג דארפען וואנדערן פון פארגעניגען צו פארגעניגען? דאס לעבען איז קורץ, די מינוטען פליהען, זאלען איהרע געזאנגען פליהען נאך די פארגעניגענס.

צווייטער אקט.

ערשטעס בילד.

א לאנד־הויז לעבען פאריז.

אלפרעד קומט אריין א צופרידענער, וואס וויאלעטא האט שוין דריי חדשים אפגעגעבען אלע פארגעניגענס צוליב איהם און איז צופרידען צו פיהרען א שטילען לעבען. זי האט באַרוהיגט זיינע יוגענדליכע אימפולסען מיט איהר פרידליכען שמייכעל. די ערד קוקט איהם אויס ווי גן־עדן.

אניגא קומט אַן און דערציילט, אַז די בעל־הביתטע האָט איהר געשיקט אין פּאריז פּארזעצען איהר צירונג.

אלפרעד באַקומט געוויסענסביסען, וואָס ער האָט אין זיין בלינדקייט ניט געזעהן די ווירקליכקייט. זיין עהרע איז פאַרלעצט און ער שעהמט זיך. ער טאָר עס ווייטער ניט דערלאָזען

וויאָלעטא קומט אַן. דערוויסט זיך, אַז אלפרעד איז אוועק אין פּאריז. זי לייענט א בריף פון פלאָרא, וואו יענע לאַדעט איהר איין צו א טאַנץ.

דזשאָזעף (דער דינער) מעלדעט, אַז א מאַן וויל זי זעהן.

זשערמאָן קומט אריין און שטעלט זיך פאַר אלס אל־פרעדס פאָטער, וועמעס זוהן איז פון איהר פארפירט געוואָרען ביז זיין רואינע.

וויאָלעטא: פּראָטעסטירט געגען דעם, וויל אוועקגעהן, קעהרט זיך אָבער צוריק און ערקלערט איהם, אַז ער האָט א טעות. זי ווייזט איהם א פּאַפּיר, אַז זי האָט איהר גאַנצען פאַרמעגען פאַר־קויפט, און וואָס איז שייך איהר אויפפירונג איז זינט זי ליבט אל־פרעד'ן לעבט זי א לעבען פון תשובה.

זשערמאַן: אנערקענט, אַז זי האָט איידעלע געפיהלען און דערפאַר פאָדערט ער פון איהר א קרבן, צוליב זיין כבוד און צוליב דער צוקונפט פון זיינע צוויי קינדער, אויב אלפרעד זאָל זיך איצט ניט אומקעהרען פון איהר, וועט ער רואינירען דעם נאָמען פון זיין געליבטע שוועסטער.

וויאָלעטא: איז גרייט צו ברענגען דעם קרבן און זיך שיידען מיט אלפרעד'ן.

זשערמאן: וויל אָבער, אַז זי זאָל אויף אייביג זיך ענט־זאָגען פון איהם.

וויאָלעטא: פּראָטעסטירט געגען דעם. זי לעבט נאָר מיט דער ליבע צו אלפרעד. עס איז שרעקליך זיך פון איהם צו שיידען.

זשערמאן: זוכט איהר צו איבערצייגען, אַז זי איז נאָך יונג און שעהן. אָבער וואָס וועט זיין שפּעטער, ווען אלפרעד וועט זיך אָפּקילען פון איהר, חתונה האָבען מיט איהר וועט ער דאָך ניט. זאָל זי ניט צושטערען זייער הויז כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט.

וויאלעטא: אנערקענט, אז כאטש דער הימעל איז מוחל די זינדיגע, זיינען אבער די מענשען ניט מוחל, און זי איז גרייט צו שטארבען, אבי צו העלפען זיין קינד.

זשערמאן: בעט איהר, זי זאל אלפרעד'ן מעלדען, אז זי ליבט איהם ניט, און אויב ער וועט ניט גלויבען, זאל זי איהם פארלאזען.

וויאלעטא: איז גרייט צו טאן זיין בקשה. זי וויל נאר, אז ווען זי וועט שטארבען, זאל ער דעם זוהן דערציילען דעם אמת, אז זי האט געאפפערט די ליבע פאר פליכט.

זשערמאן: טרייסט איהר, אז זי וועט נאך לאנג לעבען און אז גאט וועט איהר בענשען פאר איהר קרבן.

וויאלעטא בלייבענדיג אליין, שרייבט א בריף צו אלפרעד'ן און פארקלעפט עס.

אלפרעד קומט אן און פארלאנגט דעם בריף. ער גלויבט, אז דער פאטער וועט קומען און וועט זי שטארק ליב קריגען.

וויאלעטא: בעט, אז זי וויל זיך איצט צוריקציהען. זי געזעגענט זיך פון איהם מיט דער בקשה, ער זאל זי אזוי שטארק ליבען, ווי זי ליבט איהם.

דזשאזעף מעלדעט אין א ווילע ארום, אז וויאלעטא איז אפגעפארען, און א שליח ברענגט אריין וויאלעטא'ס בריף.

אלפרעד נעמט לייענען דעם געזעגען־בריף, ווען דער פאטער קומט אן.

זשערמאן קומט אריין און ווענדעט זיך צום זוהן מיט א פראגע: פאר וואס איז ער אוועק פון זיין געבורטס־ארט? ער רופט איהם צוריק. דער פאטער־איז אלט און פיהלט זיך איינזאם און פארלאזען. ער האפט נאר אויף איין זאך, אז דער זוהן וועט ווידער געפינען די עהרע.

אלפרעד: בעט איהם, ער זאל איהם לאזען אליין.

זשערמאן: האפט, אז סוף כל סוף וועט ער צוריקקומען.

אלפרעד: טראכט וועגען וויאלעטא, וואס האט איהם פאר־

לאָזען, און נעהמט איהר זוכען אוים פלאָראַ׳ס שמחה, אום פון איהר נקמה צו נעמען.

צווייטעס ביל ד.
א זאל אין פלאָראַ׳ם פּאלאץ.

פלאָרא: מעלדעט איהרע געסט, אז זי ערוואַרט די נאכט אי וויאָלעטא, אי אלפרעד׳ן.

דער כאָר זינגט און דער באַלעט טאנצט.

גאסטאָן, פאַרמאַסקירט אלס שפּאַנישער מאטאדאָר, דער־ציילט וועגען דעם מאטאדאָר פוקולא, וועמען זיין געליבטע האָט געהייסען פינף אָקסען דער׳הרג׳ענען.

אלפרעד קומט אַן, און אויף אלע פראַגען וועגען וויאָלעטא׳ן ענטפערט ער, אַז ער ווייסט ניט.

וויאָלעטא קומט אינטערדעסען אריין א צוטראַגענע.

אלפרעד מיט די אנדערע לאָזען זיך אריין אין שפּיל און ער מאַכט באַליידיגענדע באַמערקונגען וועגען דעם, אַז מיט די גע־וואונענע געלט, וועט ער געהן ווידער זיין גליקליך מיט איינער וואָס האָט איהם פאַרלאָזען.

דער באַראָן רופט איהם ארויס אויף נאָך און נאָך א שפּיל.

וויאָלעטא לאָזט צורופען צו זיך אלפרעד׳ן און מעלדעט איהם, אַז ער מוז פאַרלאָזען באַלד דעם פּלאַץ, ווייל ער איז אין גרויס געפאַהר. זי האָט מורא פאַר דעם באַראָנ׳ס צאָרן.

אלפרעד: ענטפערט, אז ער וועט זיין צופרידען, אויב זיין האַנט וועט יענעם טרעפען אויף טויט.

וויאָלעטא: האָט אָבער מורא, אַז עס זאָל ניט געשעהן פאַרקערט. זי וועט עס ניט אריבערלעבען.

אלפרעד וויל אוועקגעהן, אויב זי וועט געבען א שבועה, אַז זי וועט געהן מיט איהם וואָהנען, ער זאָל ניט וואַנדערן.

וויאָלעטא: ענטפערט, אַז זי וועט קיינמאָל מיט איהם

ניט געהן. ער מוז זי פארגעסען. זי האט געגעבען א שבועה איהם אויסצומיידען.

אלפרעד: וויל וויסען, וועער עס האט אזא רעכט אויף דעם און רופט אן דאפאל.

וויאלעטא: ענטפערט, אז זי ליבט טאקע יענעם.

אלפרעד עפענט די טיר, רופט אריין די געסט און ווייזט זיי, אז ער באצאלט דערמיט, וויאלעטא׳ן זיין חוב, און ער ווארפט איהר דאס בייטעל געלט אנטקעגען.

אלע זיינען שטארק אויפגערעגט.

זשערמאן, דער פאטער, קומט אריין און נעמט מיט דעם זוהן מיט זיך.

וויאלעטא, זיך אויפכאפענדיג, בעט ביי גאט, אז ווען ער וועט זיך דערוויסען דעם אמת, זאל דער הימעל איהם שפארען דאס געוויסענביסען.

דריטער אקט

וויאלעטאס שלאפצימער.

וויאלעטא רופט פון בעט איהר דינערין אנינא.

אנינא מעלדעט, אז דער דאקטאר איז געקומען.

דער דאקטאר: טרייסט זי, אז זי געהט אויפ׳ן וועג גע־זונט צו ווערען.

וויאלעטא ווייסט, אז דער דאקטאר נארט זי. עס איז היינט יום־טוב, און זי וויל, אז א העלפט פון דאס פארבליבענע געלט זאל אוועקגעגעבען ווערען צו די ארימע. זי לייענט א בריף פון אלטען זשערמאן, אין וועלכען ער מעלדעט, אז דער באראן איז פאר־וואונדעט געווארען אויפ׳ן דועל, אז אלפרעד איז פארייזט, ער ווייסט פון איהר אפפער און וועט קומען בעטען מחילה. זי זינגט אן אבשייד געזאנג צו אלפרעד׳ן. זי ווייסט, אז דער פינסטערער קבר ווארט אויף איהר.

א באקבאנאליען־כאר זינגט פון דרויסען.

אנינא קומט אריין און זוכט איהר צוצוגרייטען צו אלפרעד'ס באזוך.

אלפרעד קומט אן און ערקלערט זיך אין ליבע.

ביידע זינגען א דועט וועגען זייערע פאראייניגטע הערצער, וועגען נייע האפענונגען.

וויאלעטא ווערט באפאלען פון א שוואכקייט. זי זעהט איהם צו בארוהיגען. זי הייסט ברענגען א שאל און וויל געהן מיט איהם, זי זעהט זיך אבער ארום, אז זי איז צו־שוואך צו געהן.

אלפרעד: הייסט רופען דעם דאקטאר.

ביידע זינגען א דועט. זי באקלאגט דעם שלעכטען מזל, צו שטארבען אזוי יונג, ווען די האפענונגען לעבען אויף. ער רופט נאך איהר ליבע און איבערגעבענהייט, אין וועלכע ער נויטיגט זיך אזוי שטארק.

זשערמאן קומט אריין און זאגט, אז ער איז געקומען ערפילען זיין פארשפרעכען און ארומנעמען זיין נאבעלע טאכטער. זיין געוויסען פלאגט איהם, וואס ער האט אזוי פיעל צרות זיי אנגעטאן.

וויאלעטא וויל, אז אלפרעד זאל צוגעהן צו איהר, און זי גיט איהם איהר בילד און בעט איהם, אויב ער וועט ווען זיך פאר־ליבען און חתונה האבען, זאל ער יענער שענקען איהר בילד אלס מתנה. זי וועט אין הימעל פאר איהם, פאר איהר מתפלל זיין. זי פיהלט ווי א נייער לעבען הויכט אין איהר אריין און גיט איהר נייע קראפט.

זי שטארבט.

דער טרובאדור

אפערא אין פיער אקטען פון

דזשוזעפא ווערדי

ערשטער אקט

ערשטעס בילד.

א פארצימער אין פאלאץ פון אלאפיערא.

פערראנדא: רופט די דינער צוזאמען, וועיל דער פירשט קומט און און ער דערציילט די פאמיליע געשיכטע, ווי אזוי דער אלטער פירשט, דע לונא, האט געהאט צוויי זיהן. איין נאכט איז אן אלטע ציגיינערין־מכשפה ענדעקט געווארען ביי דער וויגעל פון איטגערן איגגעל. מען האט איהר פארטריבען אבער דער אינגערער איגנעל האט אנגעהויבען צו זיינקען אין געזונט. מען האט געהערט, אז די ציגיינערין האט איהם פארכשפט. מען האט איהר אויסגעזוכט און פארברענט. איהר טאכטער מיט א קינד אויפ'ן האנט, צוזעהענדיג דעם טויט אורטייל, האט פארשפראכען צו נעמען נקמה, און זי האט ביינאכט ארויסגע'גנב'עט דעם אינגערן איגגעל. קומענדיג צום פייער, וואס האט נאך געברענט אויף איהר מוטער, האט זי פון אויפרעגונג געמאכט א טעות און אריינגעווארפען אין פייער איהר אייגען קינד אנשטאט דעם יונגען פירשט. דער אלטער פירשט איז פון צרות געשטארבען. די טרייע דינסט איז אויך באלד געשטארבען. אין יענעם אויגענבליק האבען די גלאקען געקלונגען.

צווייטעס בילד.
דער גארטען פון פאלאץ.

לעאנארא קומט אן מיט איהר הויף־פריילין, אינעץ, וואר־טענדיג אויף איהר געליבטען, אין וועמען זי האט זיך פארליבט אויפ'ן טורניר, וואו ער איז געווען דער זיגער. נאכהער אין א שטי־לער נאכט האט זי דערהערט פלוצלונג די זיסע קלאנגען פון א לוטנע, מיט ווערטער וויא תפילה און זי האט איהם דערזעהן פון באלקאן ווי ער שטעהט און ווארט אויף איהר.

אינעץ: ווארענט איהר פאר די געפארען פון אזא ליבע און הייסט איהר פארגעסען.

לעאנארא: ענטפערט, אז פארגעסען אזא ליבע קאן מען ניט. איהר שיקזאל איז פארבונדען מיט זיינעם.

מאנריקא (דער טרובאדור): זינגט פון ווייטען וועגען די האפענונג, וואס בעט זיך פון הארצען, און וועגען דעם גליקליכען טרובאדור, וואס גלויבט אין ליבע.

לעאנארא: לויפט אנטקעגען, באגעגענט דעם פירשט וואס קומט אן, און ווערט אנגענומען פון איהר פאר איהר געליבטען. זי זעהט זיך אבער ארום איהר טעות, ווען די לבנה קומט באלד ארויס, און זי דערהערט מאנריקאס שטים. זי ערקלערט איהם, אז דאס איז זי צו איהם געגאנגען אנטקעגען, אז נאר צו איהם ציהט זיך איהר נשמה.

דער פירשט: איז מלא שמחה און וויל וויסען יענעמס נאמען.

מאנרקא: רופט אן זיין נאמען.

דער פירשט: ווארפט זיך ארויף אויף איהם מיט פאר־ווארפע, ווי אזוי האט ער געהאט די העזה צו קומען צוריק, ווען ער איז פארמשפט.

מאנריקא: הייסט איהם מיט שפאט, צוזאמענרופען די דינער, זיי זאלען איהם העלפען כאפען זיין קאנקורענט.

דער פירשט: רופט איהם אויף א דועל. ער מוז זעהן זיין בלוט.

לעאנארא: בעט זיך, ער זאל איהר דערשטעכען, ווייל זי איז די שולדיגע.

מאנריקא: שפאט פון דעם פירשט'ס אהנמעכטיגען צארן. ער דענקט, אז זיין שיקזאל איז באשלאסען און דער הימעל פאר־משפט איהם צו שטארבען פון זיין, מאנריקאס, האנט.

צווייטער אקט

ערשטעס בילד.
א ציגיינער-לאגער אין די בערג.

מענער־כאר: זינגט וועגען דעם אנקומענדען טאג, וואס באוויזט זיך ווי א יונגע אלמנה. ער רופט אלעמען אויפצושטעהן.

פרויען־כאר זינגט: ווער מאכט דאס ציגיינער לעבען פאר א פארגעניגען? די ציגיינער־פרויען.

אלע: זינגען א באגריסונג צום אנקומענדען טאג.

אצוסענא: דערמאנט זיך אז דער סצענע פון פארברענונג און פאדערט אויף מאנריקא צו נעמען נקמה.

מאנריקא: וויל וויסען די טרויעריגע געשיכטע.

אצוסענא: דערציילט איהם די מוטערס טרויעריגע געשיכ־טע, וועמעס לעצטע ווערטער זיינען געווען: נעם נקמה! און ווי אזוי זי האט, על פי טעות, איהר אייגען קינד פארברענט.

מאנריקא: פרעגט, אויב אזוי, איז ער דאך ניט איהר זוהן?

אצוסענא: ענטפערט, אז ער איז אויף אייביג איהרער. צו איז זי ניט געווען פאר איהם שטענדיג א טרייע, צערטליכע מו־טער? צו איז זי ניט געקומען צו איהם און איהם געראטעוועט און אויסגעהיילט, ווען ער איז א טויט פארוואונדעטער געלעגען?

מאנריקא: איז שטאלץ מיט זיין האלטונג אין קאמף מיט דעם שונא, דע לונא, ווען א שטילע שטים האט ניט דערלאזען יע־נעם דעם טויט־קלאפ דערלאנגען, בשטענדיג צו שאנעווען דעם שונא.

א שליח קומט אַן און ברענגט א שליחות, אַז ער מוז באַלד קומען, ווייל לעאָנאָרא, דענקענדיג, אַז ער איז טויט, האָט באַשלאָסען די נאכט אריינצוטרעטען אין קלויסטער.

מאַנריקאָ גרייט זיך צו לויפען עם פארהיטען.

אַצוסענאַ: פּרובירט איהם צוריקהאַלטען. זי מאַכט איהם בּאַרוואורפען, וואָס זיין אַפּבּבּרען באַדייט איהר בלוט פּאַרגיסונג.

מאַנריקאַ: ערקלערט אָבער, אַז קיין זאַך אין דער וועלט קאָן איהם ניט צוריקהאַלטען, ערד און הימעל אין איינעם פאַרבונדען וואָלטען געווען אומעכטיג עס צו טאָן.

צווייטעס בילד.

א קלויסטער.

דער פירשט: ערקלערט, אַז לעאָנאָרא מוז איהם געהערן. ער מוז איהר כאַפּען געפאַנגען איידער זי נעמט אָן די שבועה אלס מאָנאַשקע. ער הייסט זיינע אנהענגער זיך באַהאַלטען.

דער כאָר פון מאָנאַשקעס: טרייסט די זינדיגע, אַז דער שלייער וואָס וועט איהר דערוויטערן פון מענשען, וועט איהר ברענגען די ערלייזונג.

לעאָנאָראַ: זאָגט צו איהרע פריינדינ'ס, אַז פאַר איהר איז קיין זאַך ניט געבליבען נאָר גאָט אַליין, און דורך טעג פון תפילה און תשובה וועט זי אין הימעל געפינען דאָס גליק און אין הימעל זיך ווידער טרעפען מיט איהר געליבטען. זי בעט זיי צורקצוהאַלטען זייערע טרערען און איהר פיהרען צום אַלטאַר.

דער פירשט: טרעט פאָר און זאָגט, אַז ניט דער אַלטאַר, נאָר די חופּה ערוואַרט זי. ער וויל ארומנעמען לעאָנאָרא, אָבער מאַנריקאַ קומט אַן שטעלט זיך צווישען זיי.

לעאָנאָראַ: גלויבט ניט איהרע אייגענע אויגען, זי מיינט, אַז עס איז נאָר א חלום. צו איז ער פון הימעל אַראָפּ און זי איז מיט איהם דאָרט?

ד ע ר פ י ר ש ט: מיינט אויך, אז ער איז פון גיהנום געקו־מען, אבער אויב ער איז לעבעדיג, זאל ער אנטלויפען.

מ א נ ר י ק א: ענטפערט, אז אין הימעל איז ער נאך ניט געווען, כאטש דער מערדער האט איהם טויטליך פארוואונדעט, האט אבער א העכערע קראפט איהם געראטעוועט.

ר ו א י ץ און מאנריקאס סאלדאטען קומען אן און נעמען מיט מאנריקאן און לעאנארא'ן.

דריטער אקט

ערשטעס בילד.

דע לונאס לאגער.

פ ע ר ר א נ ד א: דערציילט די סאלדאטען, אז דער פירשט האט באשלאסען צו שטורמען דעם שלאס און אז זיי זיינען זיכער מיט א זיג, כאטש יענע זיינען בראוו.

ד ע ר פ י ר ש ט: קאן זיך ניט באַרוהיגען ביי דעם געדאנק, וואס לעאנארא איז אין יענעמס אָרעמס. איידער די זון וועט אויפ־גהען וועט ער מאכען א סוף דערפון.

פ ע ר ר א נ ד א: מעלדעט, אז מען האט געכאפט א ציגיינער־קע, וועלכע זיי פארדעכטיגען אלס שפיאנקע.

א צ ו ס ע נ א, אריינגעבראכט א געפאנגענע, בעט דעם פירשט, ער זאל זי באפרייען, זיי האבען אין גארניט זי צו באשולדיגען.

ד ע ר פ י ר ש ט: פרעגט איהר אויס, פון וואנען זי קומט און וואוהין זי געהט.

א צ ו ס ע נ א: ענטפערט, אז ציגיינער וואנדערן ארום אהן א צוועק. זי קומט פון ביסקאליא. זי איז געווען ארים, האט געהאט איין זוהן, וועלכער האט איהר פארלאזען, איצט וואנדערט זי ארום איהם זוכענדיג.

ד ע ר פ י ר ש ט: פרעגט איהר אויס, צו געדענקט זי, אז א פירשט'ס א זוהן איז גע'גנב'עט געווארען. ער איז יענעמס א ברודער.

אצוסענא: ענטפערט, אז געהערט האט זי, ווייסט אבער ניט וואס פון איהם איז געווארען.

פערראנדא: דערקענט אז דאס איז זי, וואס האט דאס קינד גע'גנב'ט.

אצוסענא: רופט אויס, צו וועט מאנריקא ניט קומען איהר באפרייען.

דער פירשט: איז צופרידען. איצט האט ער מאנריקא אין זיינע הענט. פאר'משפטענדיג די מוטער וועט ער נקמה נעמען פון זיין שונא, דעם פארפירער.

צווייטעס בילד.
א זאל לעבען קלויסטער.

מאנריקא: זאגט אויס לעאנארא'ן, אז מארגען פריה ער־ווארטען זיי געשטורמט צו ווערען. ער־דענקט אבער, אז זיי קאנען זיך פארגלייכען מיט'ן שונא. ער הייסט זיין לייטענאנט אלץ פארברייטען.

לעאנארא: באקלאגט זיך, וואס אזא טרויעריגער גלאנץ באשיינט זייער חתונה.

מאנריקא: זוכט זי צו בארוהיגען. די ליבע גיט איהם צו מעהר מוטה. אבער ווען ער זאל געפינען דעם טויט, וואלטען זיינע געדאנקען זיין געווענדעט צו איהר. דער טויט וועט זיין פאר איהם נאר א פארטריט צום הימעל, וואו ער וועט זי באגעגענען.

רואיץ: מעלדעט, אז מען האט געכאפט די ציגיינערין און מען האלט איהר געפאנגען.

מאנריקא: באפעלט זאפארט צוזאמעצוקלייבען די סאל־דאטען און מאכען א באפאל. ער דערציילט לעאנאר'ן, אז ער איז איהר זוהן און מוז יעצט איהר ראטעווען, אדער שטארבען צוזאמען מיט דער מוטער.

פערטער אקט

ערשטעס בילד.
א פליגעל אין פאלאץ ביי נאכט.

רואיץ: ווייזט אַן לעאנאר'ן, וואו מען האט די געפאנגענע פארשפארט.

לעאנארא: בעט, ער זאָל זי לאָזען אליין, פיליכט וועט זי איהם קאָנען ראטעווען. איהר באזוך אין זיין צעלע וועט איהם טרייסטען, און בארוהיגען.

דער כאר: בעט רחמים פאר די נשמות, וואס פארלאָזען די וועלט.

לעאנארא: זינגט וועגען דעם, ווי איהר הארץ איז אויפגע־רעגט, ווי דער פולס קלאפט שטארק און זי קאָן ניט אטעמען. זי זעהט מיט שרעק דעם טויט אנקומענדיג אויף איהם.

מאנריקא (פון געפענגניש) געזעגענט זיך מיט'ן לעבען. ער געזעגענט זיך מיט לעאנאר'ן, וועמען ער קאָן ניט פארגעסען און מיט וועמען דער קבר וועט איהם פאראייניגען.

דער פירשט: באפעלט מען זאָל דעם זוהן טויטען פארטאָג און די מוטער אויפהענגען. ער דענקט, אז צוליב זיין ליבע איז ער אזוי בלוטדורשטיג. ער באדויערט אבער וואס ער קאָן אין ערגעץ ניט געפינען לעאנאראן.

לעאנארא: רופט זיך אָפּ, אז זי שטעהט דאָ.

דער פירשט פרעגט: צו וועט זי אויך איצט זיך שטעלען געגען איהם?

לעאנארא: בעט רחמים פאר מאנריקא. זי איז גרייט זיך צו לאָזען טויטען אויב נאָר ער וועט יענעם שאנעווען.

דער פירשט: ענטפערט, אז איהר ליבע צו יענעם פאר־שטארקט נאך טויזענט מאָל מעהר זיין האס צו יענעם.

לעאנארא: שלאָגט זיך אליין פאר אלס פרייז. זאָל ער ארויסלאָזען דעם געפאנגענעם וועט זי זיין זיינע. זי איז גרייט צו געבען א שבועה דאפיר.

דער פּירשט: באשליסט, אז זיין שונא זאָל לעבען.

לעאָנאָרא: פיהלט זיך גליקליך מיט דעם געדאנק. אז זי האט דורך איהר טויט געראטעוועט איהר געליבטענס לעבען.

צווייטעס בילד
א פינסטערע געפענגעניש.

מאַנריקא: פרעגט זיך נאָך ביי דער מוטער, צו שלאָפט זי ניט? צו פיהלט זי ניט קאלט?

אצוסענא: בארוהיגט איהם. דער טיראן וועט לאנג איהר מעהר ניט מוטשען. דער פינגער פון טויט האט שוין זיין דרוק געלאָזען. זיי וועלען געפינען נאָר א סקעלעט. זי הערט ווי די טורעמשטשיקעס קומען אָן און זי בעט ער זאָל זי ראטעווען.

מאַנריקא: זוכט זי צו בארוהיגען.

אצוסענא: זעהט פאר זיך ווידער דעם עשאפאָט, וואו מען האט איהר מוטער פארברענט.

מאַנריקא: בעט זיך, זי זאָל זיך באמיהען אָט די שרעקענס בילדער צו פארטרייבען פון זיך.

אצוסענא: וויל איינשלאָפען, ער זאָל וואכען איבער איהר און זינגען שטילע, בארוהיגענדע לידער. מאַנריקא בלייבט אויף די קני לעבען איהר.

לעאָנאָרא קומט אריין, אַנזאָגענדיג די שמחה, אז ער וועט ניט שטארבען. זי געזעגענט זיך אבער מיט איהם. זי מוז דא פארבלייבען.

מאַנריקא: ענטזאגט זיך צו אנטלויפען אָהן איהר. איהם איז פאַרדעכטיגט, פון וואנעט האָט זי אזא מאכט באקומען איהם צו באפרייען. זי האָט מן הכתם איהר ליבע פארקויפט.

לעאָנאָרא: בעט זיך ער זאָל זי ניט אָפּשטויסען. ער זאָל מתפלל זיין פאר איהר, ווארים זי שטארבט. זי האָט פארגעצויגען דעם טויט איידער צו ווערען אן אנדערנ'ס א כלה.

דער פירשט קומט אַז, און געקרענקט, וואָס לעאָנאָרא האָט איהם אָפּגענאַרט, הייסט ער אָפּפירען מאַנריקאָ'ן צום טויט.

מאַנריקאַ: געזעגענט זיך מיט דער מוטער.

אַצוסענאַ: הייסט אָפּהאַלטען די באשטראַפונג: ער איז דאָך זיין ברודער!

דער פירשט ענטפערט: עס איז צו שפּעט.

אַצוסענאַ רופט אויס: מוטער, די נקמה פאַר דיר איז געקומען!

דאן קארלאס

אפערא אין פיער אקטען.

פון דזשוזעפא ווערדי.

ערשטער אקט.

א וואלד לעבען פאנטעבלא.

האלץ־האקער, יעגער, עליזאבעט דע־וואלאא, די טאכטער פון פראנצויזישען קעניג הענרי דעם צווייטען, באוויזט זיך אויף א פערד, באגלייט פון איהר פאזש, טעאבאלד. זי ווארפט די האלץ־האקער מטבעות.

דאן קארלאס, דער זוהן פון פיליפ דעם צווייטען, און דער קרוינפרינץ פון שפאניען, באוויזט זיך פון דער צווייטער זייט, באהאלטענדיג זיך צווישען די בוימער. ער דערציילט, אז ער האט פארלאזען זיין לאנד און זיין הויף, ניט אפשרעקענדיג זיך פאר פיליפ׳ס צארן, זיך דורכמאכענדיג אומבאמערקט צווישען דער סוויטע פון קעניגליכען געזאנדטען, כדי אנצובליקען זיין פרעכ־טיגע געליבטע, וואס ווערט אייביג קעניגען אין זיין הויז. זי האט פאר איהם געעפענט דעם טרוים פון האפענונג. געבענשט זאל זיין די אייביגע ליבע. ער לאזט זיך אוועק נאכפאלגען עליזאבעט ווען ער דערהערט פון ווייטען דעם קלאנג פון הארן. דער

טאָג שטאַרבט אָפּ. דער רוף פון די יעגער הערט זיך ניט מעהר. ווי וועט ער געפינען דעם וועג דורך אַט דעם פינסטערען וואַלד?

ט ע אָ ב א ל ד באַווייזט זיך מיט עליזאַבעט. ער בעט זי זאָל איהם נעהמען פאַר'ן אָרעם, אַזוי ווי די נאַכט איז פינסטער און זי ציטערט פאַר קעלט.

ע ל י ז אַ ב ע ט באַקלאָגט זיך, אַז זי איז אַזוי פאַרמאַטערט.

ד אָ ן ק אַ ר ל אָ ס באַווייזט זיך און פאַרבויגט זיך פאַר עליזאַבעט. ער דערציילט איהר, אַז ער איז אַ פרעמדער, אַ שפּאַ־ניער.

ע ל י ז אַ ב ע ט פרעגט: צי איז ער פון דעם געזאַנדטענס סוויטע?

ד אָ ן ק אַ ר ל אָ ס ענטפערט, אַז יאָ, ער וויל זיין איהר באַשיצער.

ט ע אָ ב א ל ד מעלדעט מיט פרייד, אַז ער זעהט דאָס ליכט פון פאָנטענבלאָ און וועט איהר פיהרען אַהין, צום קעניגליכען פּאַלאַץ.

ע ל י ז אַ ב ע ט הייסט איהם געהן און זיין רוהיג וועגען איהר זיכערקייט. זי איז די פאַר'קנס'טע צו דאָן קאַרלאָס, און זי גלויבט אין שפּאַנישער עהרע. און אַזוי ווייזענדיג אויף דאָן קאַרלאָס זאָגט זי, אַז ער ווייס ווי צו באַשיצען דעם קעניגס טאָכ־טער.

ע ל י ז אַ ב ע ט זעצט זיך אויף אַ שטיין, דאָן קאַרלאָס לעבען איהר. זי איז איבעראַשט צו זעהן איהם דאָ פאַר איהרע פיס. צוליב וואָס?

ד אָ ן ק אַ ר ל אָ ס קניט פאַר איהר און זאָגט, אַז שוין אין דער מלחמה זייענדיג אונטער דעם פרייען הימעל, פלעגען זיי רופען די זיך באַווייזענדע פלאַמען פאַרלויפער פון זיג אָדער... ליבע.

ע ל י ז אַ ב ע ט פרעגט, צי קומט ער פון מאַדריד און צי וועט דער פרידען היינט אונטערשריבען ווערען?

ד אָ ן ק אַ ר ל אָ ס ענטפערט, אַז אויסער דעם וועלען אויך

אויסגעארבייט ווערען די איינצעלהייטען מכח די הייראט פון זיין קעניג'ס זוהן דאן קארלאס..

עליזאבעט וויל טאקעריידען דערפון. זי איז זעהר איינגעשראקען צו דארפען פארלאזען פראנקרייך און איהר פאטער. אבער אז גאט וויל וועט זי עס טאן און זיין צופרידען מיט דעם נייעם לאנד.

דאן קארלאס פארזיכערט איהר, אז זי קאן טרויען די טרייהייט פון דאן קארלאס. ער דערלאנגט איהר א קעסטעל אלס שליח פון פרינץ. דארט איז פאראן זיין אמת בילד.

עליזאבעט איז שטארק צופרידען צו זעהן זיינע גע־זיכטסציגען און איז איבערראשט דערקענענדיג אין פארטרעט דאן קארלאס'ען.

דאן קארלאס ווארפט זיך פאר איהר אויף די קני מיט א ליבעס־ערקלערונג.

עליזאבעט ערקלערט, אז זי האט זיך איצט באפרייט פון דעם שרעק, וואס האט איהר געדריקט. פארקערט, איצט האט א פרייד פארכאפט איהר נשמה.

דאן קארלאס פארזיכערט איהר זיין הייסע ליבע. ער וועט נאר פאר איהר אליין לעבען.

עליזאבעט איז גרייט זיך צו לאזען פון איהם פיהרען.

עס הערט זיך דער גערויש פון קאנאנען און עס עפענען זיך די העל־באלויכטענע פענסטער פון קעניגליכען פאלאץ און זייביידע דאנקען גאט, וואס ער האט ענדליך פאראייניגט זייערע הערצער.

טעאבאלד קומט מיט פאזשען וואס טראגען פאקעלען און בעט עליזאבעט, אז זי זאל איהם ערלויבען שטענדיג צו פאר־בלייבען אין איהר דינסט. ער באגריסט זי אלס איהר קעניגליבע הויכקייט און פרוי פון קעניג פיליפ.

עליזאבעט פראטעסטירט, ווייל זי איז פאר'קנס'ט צום קעניג פיליפ'ס זוהן, דעם קרוינפרינץ.

דאן קארלאס פיהלט, אז א קעלט פארכאפט איהם, אז א תהום עפענט זיך פאר איהם.

דער כאר קומט אן זינגענדיג א שבח צום פרידען און צו די פאראייניגונג פון צוויי הערצער, צו דעם שדוך צווישען פיליפ און דער פרינצעסין.

דאן קארלאס און עליזאבעט באקלאגען זיך, וואס דער גאלדענער חלום פארשווינדט, וואס די שעה פון אומגליק איז געקומען, וואס זייערע נשמות זיינען פאר'משפט.

פירשט דע לימא, דער שפאנישער געזאנדטער, ווענדעט זיך צו עליזאבעט מיט דער מעלדונג, אז איהר פאטער שענקט איהר האנט צו זיין קעניג פיליפ. אבער פיליפ וויל איבער־לאזען צו איהר די וואהל: וועט זי אננעמען זיין האנט?

א פרויען כאר בעט זיך ביי איהר זי זאל עס טאן און ברייננען פרידען.

עליזאבעט ענטפערט מיט א טויטליכער שטים, אז זי איז מסכים, כאטש — זאגט זי אן אזייט — אז זי פיהלט ווי צום שטארבען.

בעת דער כאר זינגט הייל צו דער קעניגין, דריקען עליזאבעט און דאן קארלאס אויס זייער פארצווייפלונג.

צווייטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

א קלויסטער.

א כאר פון מאנאכען זינגט א אל מלא רחמים נאך קעניג קארל.

א מאנאך זאגט איהם נאך, אז ער האט געשטרעבט די וועלט צו באהערשען, פארגעסענדיג אז גאט, וואס איז אליין גרויס. ער בעט רחמים ביי גאט פאר דעם זינדיגען.

דאן קארלאס זאגט, אז אט איז דעם שטילען קלויסטער

וואו דער גרויסער קארל האט געזוכט בארוהיגונג, זוכט ער איצט צו בארוהיגען זיין אויסגעמאטערט הארץ, אבער אפילו דער אומעט פון קלויסטער קאן זיין שמערץ ניט פארטרייבען.

ד ע ר מ א נ א ד ערקלערט, אז די ליידען פון דער וועלט געהען אונז נאך אפילו אין קלויסטער, נאר אין הימעל אליין קאן אן אומרוהיג הארץ געפינען רוה.

ק א ר ל א ס ווערט א דערשראקענער פון דעם מאנאד'ס שטימע. ער האט גאר געמיינט דארט דעם שאטען פון מעכטיגען קייזער צו טרעפען.

ר א ד ר י ג א קומט אריין און ווערט ווארים באגריסט פון דאן קארלאס. ער מעלדעט, אז עס איז געקומען די שטונדע, דאס פלעמישע פאלק רופט איהם. ער מוז זיי העלפען און ווערען זייער רעטער. אבער פאר וואס איז ער אזוי טויט-בלייך? פאר וואס ברענט אזא טרויעריג פייער אין זיינע אויגען? ער מוז וויסען כדי מיט איהם די צרות צו טיילען.

ד א ן ק א ר ל א ס זאגט איהר אויס, אז עס איז די ליבע צו עליזאבעט, וואס ברענט אין איהם. און דערזעהענדיג ווי דער פריינד איז בלייך געווארען, פרעגט ער: צי וויל ער איהם אויך פארלאזען?

ר א ד ר י ג א שווערט איהם טרייהייט און בעט איהם ער זאל געהן אין פלאנדערן איבערנעהמען די ממשלה איבער'ן פאלק.

ד א ן ק א ר ל א ס פארשפרעכט עס.

ב י י ד ע שווערען א טרייהייט-בונד, צוזאמען צו לעבען אדער צוזאמען צו שטארבען

פ י ל י פ באווייזט זיך, פיהרענדיג עליזאבעט, באגלייט פון מאנאכען

ד ע ר כ א ר זינגט דעם זעלבען ליד וואס אין אנהויב.

ד א ן ק א ר ל א ס איז פארצווייפעלט: זי איז אויף אייביג פארלארען.

א מ א נ א ד זינגט, אז פרידען קומט נאר פון הימעל, גאט אליין איז גרויס.

דאן קארלאס און ראדריגא באשטעטיגען זייער לעבענס־בונד.

צווייטעס בילד.
א לאנדשאפט לעבען א קלויסטער.

די דאמען פון דער קעניגין זינגען א שבח צו דער רוה און פרידען.

די פרינצעסין עבאלי זינגט דעם געזאנג פון שלייער, וועגען דער שעהנער אלעמא. וואס איז געשמאנען פאר־שלייערט, צו וועלכער דער קעניג האט זיך אין ליבע ערקלערט.

עליזאבעט באווייזט זיך און זאגט זיי, אז זי האט געהערט א פרעהליכען געזאנג. פאר זיך אבער טענה'ט זי אז די טעג פון פרעהליכקייט זיינען שוין פאר איהר יונג הארץ פארשוואנ־דען.

ראדריגא באווייזט זיך, ווערט פארגעשטעלט אלס מאר־קיז פון פאזא און גיט עליזאבעט איבער א בריף, כלומר'שט פון איהר מוטער, בעטענדיג זי זאל עס תיכף דורכלייענען.

עבאלי שטעהט צו, ראדריגא זאל דערציילען וואס עס הערט זיך אין פראנקרייך.

ראדריגא פארפיהרט מיט איהר א געשפרעך.

עליזאבעט איז שרעק עפענט דערווייל דעם בריף פון דאן קארלאס. אין וועלכען ער בעט איהר זיך צו ראדריגא צו פאר־טרויען אין נאמען פון די עראינערונגען וואס פאראייניגען זיי.

עליזאבעט ווענדעט זיך צו ראדריגא, אז זי איז דאנק־באר און ער קען בעטען וועלכע טובה ער וויל.

ראדריגא ענטפערט, אז ניט פאר זיך, נאר פאר זייער ביידענס געליבטען קארלאס בעט ער, וועלכער מוטשעט זיך אזוי. זי מוז איהם נאך איינמאל געבען אלס מתנה איהם צו עמפפאנ־גען און ער וועט געראטעוועט ווערען.

ע ל י ז א ב ע ט ווענדעט זיך צו טעאבאלד, אז זי וויל זעהן איהר זוהן.

ד א ן ק א ר ל א ס באווייזט זיך, געפיהרט פון טעאבאלד. ער ערקלערט, אז ער וויל זיין קעניגין זאל פאר איהם ארויסקריגען איין טובה. די לופט דא איז געפעהרליך פאר איהם. זאל זי פאר איהם ארויסקריגען אן ערלויבניש אפצופאהרען אין פלאנדערן.

ע ל י ז א ב ע ט רופט אוים: מיין זוהן!

ד א ן ק א ר ל א ס בעט איהר, אזוי איהם ניט צו רופען, נאר ווי זי פלעגט איהם רופען. זי זאל אויף איהם רחמנות האבען און איהם שענקען איין טאג פון גליק.

ע ל י ז א ב ע ט ענטפערט, אז אויב פיליפ וועט איהר בקשה פאלגען, וועט ער איידער די זון וועט מארגען אויפגעהן שוין זיין דער וויצע־קעניג פון פלאנדערן.

ד א ן ק א ר ל א ס ווארפט איהר פאר, וואס זי האט אפילו קיין איין ווארט, קיין איין זיפץ ניט פאר דאס, וואס ער ווערט אז ארויסגעשטויסענער. אזוי קאלט איז איהר הארץ, א קאלטער מאר־מאר פון א קבר.

ע ל י ז א ב ע ט זאגט, אז ער האט זי ניט געדארפט באשול־דיגען, נאר בעסער פארשטעהן איהר שווייגען. זי ווערט געפיהרט פון איהר פליכט. זי טרויט זיך אן גאט און איהר אומשולד.

ד א ן ק א ר ל א ס בעט זיך, זי זאל ריידען כאטש נאך איינמאל, ער זאל נאך איינמאל זי זעהן ביי זיין זייט ווי אין יענעם טאג.

ע ל י ז א ב ע ט בעט איהם זיך צו געזעגענען און בארוהיגען.

ד א ן ק א ר ל א ס קאן זיך ניט צוריקהאלטען און ער־קלערט זיך ווידער אין ליבע צו איהר.

ע ל י ז א ב ע ט ענטפערט איהם: זאל ער ענדיגען זיין טאט, זאל ער ערמארדען דעם פאטער און א בלוט־באשמירטער פיהרען זיין מוטער צום אלטאר. זי פאלט אויף די קני.

פ י ל י פ קומט אן און איז פארוואונדערט וואס ער גע־פינט זי אליין. קאן איינער ניט לעבען איהר זיין, אזוי ווי ער

האָט באַפוילען? ער ענטזאגט די הויף־דאַמע און הייסט איהר זיך אומקעהרען צוריק אין פראַנקרייך.

עליזאַבעט טרייסט זי, אַז זי פאַרבלייבט ביי איהר טיף איינגעבאַקען אין הארצען, און איהר הארץ וועט זי באַגלייטען.

פיליפּ איז באַליידיגט, וואָס עליזאַבעט האַלט זיך אַזוי שטאָלץ אין זיין אַנוועזענהייט. די דאַמען געהען אָפּ.

פיליפּ באַפעהלט ראַדריגאָ צו פאַרבלייבען. ער פרעגט, פאַר וואָס האָט ער ניט געבעטען קיין ערלויבניש פון איהם צוגע־לאָזען צו ווערען? ער האָט פאַרלאָזען די מלחמה. צי קאָן ער פאַרבלייבען אַ ליידיג־געהער?

ראַדריגאַ ענטפערט, אַז ער איז שטענדיג גרייט, ווען שפּאַניען וועט נאָר דאַרפען אַ שווערד, אַ האַנט וואָס זאָל זיך נוקם זיין פאַר איהר כבוד.

פיליפּ פרעגט, וואָס קאָן ער פאַר איהם טאָן?

ראַדריגאַ ענטפערט, אַז פאַר זיך דאַרף ער גאָר ניט, נאָר אויב איהם איז ערלויבט וועט ער בעטען פאַר אַנדערע. פלאַנ־דערן פון וואַנען ער קומט איז אַמאָל געווען אַ פרעכטיג לאַנד. איצט איז עס ווי אַ בית־עלמין פול מיט שרעקען. אַלץ איז צו־שטערט, רחמנות איז פאַרטריבען. ער דאַנקט גאָט, וואָס האָט איהם ערלויבט צו קאָנען דערציילען דעם קעניג וועגען אָט דעם שרעקליכען אָנגסט.

פיליפּ ענטפערט, אַז נאָר דורך דעם בלוט־באָד האָט ער געקאָנט פרידען קריגען.

ראַדריגאַ זאָגט איהם אָבער, אַז עס איז אַ שרעקליכער פרידען, אַזאַ פרידען רופט אַרויס אַ שוידערליכען טעראָר. יעדער גלח איז אַ הענקער, יעדער סאָלדאַט אַ באַנדיט. דאָס פאָלק שילט איהם, דעם קעניג. זאָל ער זיך אַרויפהויבען איבער אַלע קעניגע און געבען דעם לאַנד פרייהייט.

פיליפּ ענטפערט, אַז ער איז אַ זאָנדערבאַרער פאַנטאַ־זיאָר. זיינע געדאַנקען וואָלטען זיך אויך געביטען, ווען ער וואָלט אַזוי גוט געקאָנט דאָס מענשליכע הארץ ווי פיליפּ קען עס. זאָל ער קיין מורא ניט האָבען און מעהר ניט ריידען. דער קעניג האָט

גאר ניט געהערט. אבער זאל ער זיך היטען פאר דער אינקוויזיציע. ער האט נאך גאר ניט געבעטען פון זיין קעניג? ער, דער קעניג, וויל איהם האבען לעבען זיך.

ראדריגא ענטזאגט זיך.

פיליפ ענטפערט, אז ער איז צו שטאלץ. דער קעניג האט אזוי פיל צרות אין זיין מלוכה, איז אן אומגליקליכער פאטער און נאך א מעהר אומגליקליכער מאן. ער האט א פארדאכט אויף די קעניגין און זיין זוהן.

ראדריגא פרובירט בארוהיגען זיין פארדאכט. זיין זוהנס נשמה איז ריין.

פיליפ ענטפערט, אז קיין זאך אונטער'ן הימעל קאן עס ניט גוט מאכען. ער פארטרויט איהם אן זיין שיקזאל. זאל ער זוכען אין דאס הארץ, וואו עס וואקסט א נארישע ליבע. עס איז צו יעדער צייט איהם ערלויבט צו זעהן די קעניגין. ער איז דער איינציגער מענש, אין וועמענס איבערגעבענהייט ער טרויט זיך אן.

ראדריגא איז אין זיך מלא שמחה, דעם קעניגס הארץ האט ארויסגעגעבען דאס, וואס קיינער האט ניט געקאנט אפילו זוכען.

פיליפ פארזיכערט איהם, אז פרידען וועט זיך אומקערען צו איהם ווען עס איז.

ער איז איהם אבער מתרה: היט זיך פאר דעם גרויס־אינ־קוויזיטאר!

דריטער אקט.

ערשטעס בילד.

אין דער קעניגינס גארטען אין מאדריד

דאן קארלאס לייענט דעם צעטעל פון עבאלי, אז ער זאל ווארטען אין מיטען נאכט ביים לאוור־בוים, ביים פאנטאן. עס קומט אן עבאלי פארשלייערט און מיינענדיג אז דאס איז די

קעניגין, ווענדעט ער זיך צו איהר מיט צערטליכע ליבע־ווערטער.

עבאָלי מיינט, אַז דאָס ווענדעט ער זיך טאַקע צו איהר און איז איבערגליקליך. ווען ער ציהט אָבער אַראָפּ די מאַסקע, דערזעהט ער, אַז עס איז ניט די קעניגין און בלייבט אַ צורודער־טער.

עבאָלי קאָן ניט פאַרשטעהן, פאַר וואָס ער האָט מיט אַמאָל דעם לשון פאַרלאָרען, פאַר וואָס ער איז אַזוי בלאָס גע־וואָרען: צי צווייפעלט ער, אַז איהר הארץ קלאַפּט נאָר פאַר איהם? צו ווייס ער ניט פון אונצעהליגע געפאַהרען וואָס רינגלען איהם אַרום? איבער זיין קאָפּ הענגט אַ שטורם־וואָלקען, וואָס קאָן יעדע מינוט אויפדונערען און איהם צו דער ערד אַנידער־וואַרפען.

דאָן קאַרלאָס ענטפערט, אַז ער ווייסט עס און וואָלט וועלען צו דער ערד נידערגעשלאָגען ווערען.

עבאָלי דערציילט, אַז זי האָט געהערט, ווי דער קעניג און די־פּאָזאַ האָבען ערענסט גערעדט וועגען איהם, נאָר זי קאָן איהם ראַטעווען.

דאָן קאַרלאָס דאַנקט איהר פאַר איהר גוט הארץ, אָבער איהר ליבע קאָן ער קיינמאָל איהר ניט צוריקגעבען. זיי האָבען ביידע גע'חלום'ט פאַרשידענע חלומות אין אָט דער ליב־טיגער זומער־נאַכט צווישען די שמעקעדיגע בוימלאַך.

עבאָלי כאַפּט זיך, אַז ער ליבט די קעניגין.

דאָן קאַרלאָס בעט רחמים.

ראָדריגאָ שרייט אויס, אַז ער איז פאַר'שכור'ט. מען קאָן איהם ניט טרויען.

עבאָלי ענטפערט אָבער, אַז זי האָט אין זיין הארצען גע־לייענט זיין ליבע. זי ווייסט איצט אַלץ. זי ווייסט, אַז ער איז פריינדליך מיט'ן קעניג. אָבער זי איז אַ מעכטיגער שונא. זיין שיקזאַל איז איצט אין איהרע הענט.

ראָדריגאָ פאָדערט, זי זאָל אַרויסגעבען אַלץ, וואָס עס האָט איהר אַהער געצויגען.

עבאָלי ענטפערט, אַז זי וויל זיך איצט נוקם זיין ווי אַ

טינעריז. איהר הארץ איז צעבראכען און פאדערט באר נקמה. זיווארפט זיך פאר, וואס זי האט אזוי געציטערט פאר די קעניגין, וואס האט געזוכט מיט הימלישער מאכט צוצודעקען איהר הארץ כדי צו זופען פון דעם בעכער פון ליבע.

ראדריגא ווארפט זיך אויף איהר מיט א קינזשאל.

דאן קארלאס זוכט איהם צוריקצוהאלטען און בארו־היגען.

דאן ראדריגא ווארפט דעם קינזשאל אוועק.

עבאלי סטראשעט דעם פאלשען זוהן, ער זאל ציטערען פאר איהר נקמה.

דאן קארלאס בעט איף זיך דעם טויט, כדי ער זאל איהם איינשלינגען.

ראדריגא בעט זיך ביי איהר, זי זאל אכטען זיין שמערץ און שווייגען, אז ניט זאל איהר די ערד איינשלינגען. זי געהט אפ און ער בעט אויך ביי דאן קארלאס, אז יענער זאל איהם אנטרויען וועלכע פאפירען ער האט ביי זיך.

דאן קארלאס פארזיכערט איהם אין זיין שטענדיגער ליבע און צוטרויען. אין איהם איז זיין איינציגע האפענונג. זיי פאלען איינע צו די אנדערע אין די ארעמס.

צווייטעס בילד.
א פלאץ לעבען א קירך.

א כאר פון פאלק זינגט א תפלה פאר דעם אלמעכ־טיגען קעניג, וועמעס גלאנץ וועט לעבען איבער אלע דורות.

א כאר פון מאנאכען זינגט קללה־ליד פאר די פאר'משפט'ע פון דער הייליגער אינקוויזיציע, וועלכע דארפען חרטה האבען אין זייער לעצטער שעה.

די קעניגליכע סוויטע באווייזט זיך אין פולען פאראד.

פיליפ ווענדעט זיך צום פאלק מיט א שבועה אויסצור־ראטען מיט פייער און שווערד אלע אפיקורסים. ער וויל וויסען.

וואס פאר א לייטע עס זיינען די, וואס ליגען אויסגעצויגענע פאר איהם?

דאן קארלאס ענטפערט, אז דאס זיינען פון פלאנדערן און בראבאנט, וועמען זיין זוהן שטעלט פאר פאר'ן קעניג.

די דעפוטאטען בעטען רחמים פאר זייער אומגליקליך לאנד ביים קעניג, וואס האט די מאכט פון הימעל.

פיליפ ענטפערט, אז זיי זיינען אומטריי צום הימעל און צו זייער קעניג. ער וויל אזוינע רעבעלען גאר ניט אנקוקען, מען זאל זיי אוועקנעהמען פון דאנען.

אלע בעטען רחמים ביי איהם.

זעקס מאנאכען באשולדיגען אבער זיי, אז זיי זיינען אפיקורסים, אומטרייע און פארדינען דעם קעניג'ס שטראף.

דאן קארלאס ווענדעט זיך מיט א בקשה, אז דאס פלעמישע לאנד מוז לעבען. עס איז איהם איבערדריסיג דאס ליידיג לעבען אין שפאניען. ער בעט, אז דער פאטער זאל פארבערייטען א ווערטפולען הערשער. איבערגעבענדיג דערוויל איהם פלאנדערן און בראבאנט.

פיליפ בייזערט זיך אן אויף איהם. צי דענקט ער, אז ער מיט זיינע אייגענע הענט וועט איהם איבערגעבען דעם שטאל, וואס וועט דעם קעניג אויף יענער וועלט אוועקשיקען?

דאן קארלאס זאגט, אז דער הימעל אליין וועט זיין דער שופט צווישען זיי. און זיך ווענדענדיג צו די דעפוטאטען ציהט ער ארויס דעם שווערד און שווערט, אז ער וועט זיין דער רעטער פון פלעמישען פאלק.

פיליפ באפעלט די ארומיגע ביים זוהן אוועקצונעהמען די וואפען. ער שרייט, פאר וואס קיינער ריהרט זיך ניט.

דאן קארלאס פאדערט אויף יעדען, וואס וועט האבען די חוצפה צו באגעגנען א שווערד מיט זיין שווערד.

פיליפ נעמט מיט כעס אוועק דעם שווערד ביי דעם קאמאנדיר פון דער וואכע, ראדריגא, און באפעלט איהם צוצונעהמען דעם שווערד ביי דאן קארלאס.

ר א ד ר י ג א בעט, אז דאן קארלאס זאל איהם דעם שווערד אוועקגעבען.

ד א ן ק א ר ל א ס גיט איהם דעם שווערד איבער.

פ י ל י פ באלוינט ראדריגא מיט דעם טיטעל פון א פירשט און הייסט אנגעהן מיט'ן יום־טוב.

פ א ר ש י ד ע נ ע כ א ר ע ן זינגען א לויב צו דעם קעניג.

ד י ז ע ק ס ד ע פ ו ט א ט ע ן רופען צו גאט מיט פאר־צווייפלונג נאך נקמה.

פערטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

אין קעניגס ביבליאטעק אין מאדריד

פ י ל י פ רעדט צו זיך, אז דאס ווייב האט קיינמאל איהם ניט געליבט, מען קאן עס זעהן פון דעם טרויער, מיט וועלכען זי קוקט אויף זיינע שניי־ווייסע האר. ער כאפט זיך אויף, וואנדערט זיך, וואו ער געפינט זיך. דער פריהמארגען קומט אן, און זיינע טעג געהען לאנגזאם פארביי. זיינע אויגען לעכצען נאך שלאף, אבער ער וועט שוין שלאפען נאר אין פינסטערען קבר. ער וואלט געוואלט צוזאמען מיט'ן סצעפטער און קרוין קענען לייענען טיף אין יעדענס הארצען. ווען דער פרינץ שלאפט, איז דער פאר־רעטער וואך, דער קעניג פארלירט דעם סצעפטער, דאס ווייב — די עהרע.

ד ע ר ג ר ו י ס א י נ ק ו י ז י ט א ר קומט אן, א בלינדער געפיהרט פון צוויי מאנאכען. ער פרעגט, צי געפינט ער זיך אין דער אנוועזענהייט פון קעניג?

פ י ל י פ ענטפערט, אז ער האט איהם אויפגעפאדערט צו קומען, ווייל ער געפינט זיך אין גרויס צווייפעל. קארלאס איז

פאַר איהם אַ קוואַל פון זאָרג, ער רעבעלירט געגען זיין ווילען, האַסט איהם, האָט דעם שווערד געגען איהם אויפגעהויבען.

דער גרויסאינקוויזיטאָר וויל ער זאָל אפּען זאָגען, וואָס פאַר אַ שטראָף ער קלייבט אויס פאַר זיין זוהן.

פיליפּ פרעגט: צי וועט מען איהם מוחל זיין די זינד, אויב ער וועט איהם פאַר'משפּט'ן צום טויט?

דער גרויסאינקוויזיטאָר ענטפערט, אַז די רוה פון דער מלוכה איז ניט לפי ערך וויכטיגער ווי דאָס לעבען פון אַ רעבעל.

פיליפּ פּרובירט אויסגעפינען, צי קאָן ער אַלס קריסט מקריב זיין אַ זוהן? צי גיט דער גרויסאינקוויזיטאָר די מאַכט פאַר אַזאַ שטרענגען געזעץ?

דער גרויסאינקוויזיטאָר ענטפערט, אַז דער גלויבען וועט אויף אַלץ מוחל זיין, און ער פרעגט: צי האָט פיליפּ איהם מעהר ניט וואָס צו זאָגען?

פיליפּ ענטפערט: ניין.

דער גרויסאינקוויזיטאָר ענטפערט, אויב אַזוי האָט ער איהם וואָס צו זאָגען: עס איז פאַראַן אַ מאַן, וואָס איז דעם קעניגס טרייער דינער און חבר, אָבער ער איז אַ טייוועל, וואָס פיהרט דעם קעניג צו רואינע. איז פאַרגלייך מיט איהם איז דער פאַרראַט פון דאָן קאַרלאָס אַ קינדער־שפּיל. צי דאַרף ער, דער גרויסאינקוויזיטאָר, פאַרמאַכען די אויגען אויף אָט דעם פאַר־רעטער?

פיליפּ ענטפערט, אַז לאַנגע יאָהרען האָט ער אומזיסט געזוכט און ענדליך געפונען אַ פריינד און אַ טריישע האַרץ.

דער גרויסאינקוויזיטאָר פרעגט: צו וואָס דאַרף ער אַזאַ? צו וואָס איז ער באַעהרט מיט דעם נאָמען פון קעניג, אויב ער דאַרף צו זיין גלייכען נאָך וועמען?

פיליפּ הייסט איהם שווייגען.

דער גרויסאינקוויזיטאָר וואַרפט איהם פאַר, וואָס ביי איהם האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ נייער גייסט, און ער וויל צורייסען די בענדער פון דער הייליגער קירך. ער מוז זיך אומקערען

צו פליכט. די קירך איז ניט געניויט מוחל צו זיין בעלי־עבירות. ער פאדערט אז ער זאל איהם איבערגעבען סיניאר די פאזא.

פיליפ ענטפערט: קיינמאל ניט!

דער גרויסאינקוויזיטאר שווערט פאר'ן הי־מעל, אז איידער א נייע זון וועט אויפגעהן וועט ער איהם פיליפ'ן אליין פארקלאגען פאר'ן טריבונאל פון דער היילינגער אינקוויזיציע.

פיליפ איז איהם מתרה, ער זאל זיך היטען. צו לאנג האט ער אויסגעהערט זיין חוצפה'דיגע רייד.

דער גרויסאינקוויזיטאר פרעגט איהם, פאר וואס זאל ער ארויסרופען דעם שאטען פון שמואל'ן. צוויי קעניגען האט ער שוין אפגעגעבען צו דער מעכטיגער אימפעריע. צי וויל ער איצט צושטערען זיין לעבענס־ארבייט? וואס טוט ער דא? ער וויל זיך צוריקציהען.

פיליפ בעט זיך, עס זאל ווידער זיין שלום צווישען זיי. ער זאל פארגעסען זיינע רייד.

דער גרויסאינקוויזיטאר ענטפערט: אפשר.

פיליפ: צי מוז דער טראן זיך בויגען פאר'ן אלטאר?

עליזאבעט קומט אריין און ווארפט זיך צום קעניגס פיס. זי באקלאגט זיך, אז זי ווערט שלעכט באהאנדעלט אין הויף. זי איז ארומגערינגעלט מיט שונאים, איהרע טייערסטע ווערען אוועקגענומען פון איהר. זי פאדערט גערעכטיגקייט.

פיליפ ווייזט איהר אן אויף א קעסטעל, וואס זי זוכט געוויס, און באפעלט איהר עס צו עפענען. ער עפענט עס אליין און נעמט ארויס דאן קארלאס'עס פארטרעט. ער פרעגט: צי האט זי די חוצפה פאר איהם זיך מודה צו זיין?

עליזאבעט ענטפערט, אז ער ווייסט גאנץ גוט, אז זי איז איינמאל געווען פאר'קנס'ט פאר זיין זוהן. זי באלאנגט איצט צו גאט און איז ריין ווי א ליליע. זאיצט צווייפעלט מען אין עלי־זאבעט'ס עהרע! און ווער? דער קעניג.

פיליפ ענטפערט, אז זי רעדט צו שטאלץ, זי מיינט, אז ער איז שוואך. אבער וואס וועט זיין, אז די שוואכקייט וועט זיך פארוואנדלען אין געוואלט? זי וועט דאן ציטערען פאר איהם.

עליזאבעט וויל וויסען, וואס איז איהר חמא?

פיליפ ענטפערט, אז זי איז איהם געווען אומטריי, האט איהם דערנידעריגט. ער שווערט, אז בלוט וועט זיך גיסען.

עליזאבעט פאלט און חלש'ט, און ווערט איבערגע־לאזען אליין מיט עבאלי.

עבאלי ווארפט זיך צו איהרע פיס, בעטענדיג מחילה. דער געוויסען פלאגט איהר, דאס האט זי דעם קעסטעל צוגענומען. זי האט עס איהר באשולדיגט. די ליבע האט איהר משוגע געמאכט. זי האט געליבט דאן קארלאס.

עליזאבעט ענטפערט, אז זי מוז דעם הויף פארלאזען. זי קאן אויסקלייבען ענטוועדער פארשיקונג, אדער טויט

עבאלי איז פארצווייפעלט, וואס זי וועט מעהר קיינמאל ניט זעהן די קעניגין. די פארשילט די שעהנקייט. איהר פאר־ברעכען איז אזוי נידעריג, אזוי שענדליך. זי האט געאפפערט מיט דער געליבטער קעניגין פון דעם רעבעלירענדען הארץ. זי רופט צום הימעל, צו דאן קארלאס, וועלכער וועט מארגען געפיהרט ווערען צום טויט. עס איז אבער געבליבען נאך איין טאג און זי דאנקט גאט, זי וועט איהם נאך ראטעווען.

צווייטעס ביל ד.
דאן קארלאס'עס טורמע.

ראדריגא מעלדעט זיך

דאן קארלאס איז איהר שטארק דאנקבאר, וואס ער איז געקומען איהם באזוכען. ער באקלאגט זיך, אז די ליבע צו עליזאבעט עסט איהם אויף. זיינע כחות פארלאזען איהם. ער קאן שוין מעהר גאר ניט טאן פאר די לעבעדיגע. זאל ראדריגא זעהן צו ראטעווען די אונטערדריקטע.

ראדריגא איז איבערגליקליך, וואס ער האט נאך איינ־מאל געקאנט איהם זעהן און איהם ארומנעמען. ער מעלדעט איהם,

אַז ער האט איהם גערעטעוועט. אבער זיי מוזען זיך איצט גע־זעגענען אויף אויביג; זיי װעלען זיך ערשט ווידער זעהן אין הימעל. ער וויל, אַז קארלאס זאָל זיך אויפמונטערן, ווייל עס וועט איהם דאָן זיין פיעל לייכטער צו שטארבען פאר איהם. ער דערציילט, אַז ער האט אויף זיך גענומען די פאראנטװארטליכקייט פאר די פלעמישע אומרוהען און אפגעווענדעט דעם קעניג׳ס כעס פון איהם. מען האט ביי איהם געפונען געהיימע פאפירען, וואס וויזען קלאר זיין שולד.

ד א ן ק א ר ל א ס זאגט, אַז ער וועט אויפדעקען פאר דעם קעניג ראדריגא׳ס קונץ.

ר א ד ר י ג א בעט איהם צו לעבען צוליב פלאַנדערן. ער פיהלט, אַז קארלאס איז גערופען צו פארווירקליכען דעם גאלדענעם טרוים דורך זיין רעגירונג. ער אבער איז פאר׳משפט צו שטארבען פון זיין אייגענער האנט, ווארום דעם קעניגס נקמה פארשפעטיגט זיך זעלטען ווען. ער דערציילט איהם, אַז מארגען וועט זיין מוטער איהם ערווארטען אין קלויסטער סט. זשוסט. זי ווייסט אַלץ. ער בעט אַז קארלאס זאָל איהם געבען די האנט. ער פיהלט, אַז ער חלש׳ט. זאָל קארלאס נאר איהם געדענקען. ער פאלט און שטארבט.

ד ר י ט ע ס ב י ל ד.

אין קלויסטער סט. זשוסט.

ע ל י ז א ב ע ט קומט אריין און קניט פאר דעם קבר פון קארל דעם 5טען. זי האפט דא צו געפינען רוה. קארלאס וועט קומען. זאָל ער קיינמאל ניט פארגעסען, אַז זי האט געשווארען איהם צו היטען, וואס עס זאָל ניט געשעהן מיט איהם. פאר איהר אבער זיינען די גליקליכע טעג פאראיבער: זי געזעגענט זיך מיט איהרע יונגע יאהרען. דאס איינציגע וואס איהר הארץ פארלאנגט, איז די רוה פון קבר.

ד א ן ק א ר ל א ס קומט אן און איז איבערראשט נאך איהר צו געפינען.

ע ל י ז א ב ע ט בעט איהם נאר איין זאך: ער זאל פאר־געסען די פארגאנגענהייט.

ד א ן ק א ר ל א ס ענטפערט, אז ער וויל זיין שטארק אין הארצען, אבער די ליבע קאן ער ניט פארגעסען ביז דער טויט וועט איהם פארכאפען.

ע ל י ז א ב ע ט בעט איהם צו געדיינקען ראדריגא, ווי ער האט זיין לעבען געענדיגט.

ד א ן ק א ר ל א ס בעט פאר ראדריגא'ס נשמה. ער זעהט אבער פאר זיך א קופע פון קברים, די טייכען שטראמענדיג מיט בלוט, די פעלדער פארלאזען, די מענשען אויסציהענדיג זייערע פארצווייפעלטע הענט צו זייער רעטער. ער וועט צו זיי געהן גליקליך. איהר הארץ שלאגט לעבען זיינע. אבער טוגענד און עהרע גיבען איהם צו העלדישע קראפט. ער ציהט צוריק זיין האנט פון איהרער.

ע ל י ז א ב ע ט זאגט, אז כאטש זי וויינט, באוואונדערט זי איהם. זיי וועלען זיך ווידער זעהן אין הימעל אין א בעסערער וועלט; דארט וועלען זיי געפינען דאס פארלאנגטע גליק. איצט זאלען זיי זיך געזעגענען אויף אייביג.

פ י ל י פ קומט אונטער און כאפט אונטער די קעניגין. יא, געזעגענט זיך, א דאפעלטער קרבן איז נויטיג. ער מוז אייך טאן זיין פליכט. ער פרעגט דעם גרויסאינקוויזיטאר, וואס ווייטער צו טאן.

ד ע ר ג ר ו י ס א י נ ק ו י ז י ט א ר ענטפערט, אז די הייליגע קירך וועט אויך איהר פליכט טאן. ער רופט אריין די וואך.

ד א ן ק א ר ל א ס האפט, אז גאט וועט נעמען פאר איהם נקמה און דער בלוטיגער טריבונאל וועט צושטערט ווערען.

א מ א נ א ד באווייזט זיך און זאגט, אז נאר דער הימעל קאן ברייגנען בארוהיגונג.

אלע כאפען זיך, אז עס איז קארל דעם 5טענס שטימע.

ק א ר ל ד ע ר פ י נ פ ט ע ר ציהט צו זיך ארײַן דאן קארלאס, וועלכער האט פארלארען דעם וועג.

ריגאלעטא

אפערא אין דריי אקטען.

פון דזשוזעפא ווערדי

ערשטער אקט.

ערשטעס ביلד.

א זאל אין פירשטליכען פאלאץ.

דער פירשט מעלדעט זיין באדינטען, אז ער איז שטארק פאראינטערעסירט אין דער אומבאקאנטער, אין וועלכער ער איז פארליבט. זי וואהנט אין א צווייטען טייל פון שטאדט און ווערט באזוכט יעדע נאכט פון איינעם אן אומבאקאנטען.

בארזא ווייזט איהם אן אויף די פארשידענע שיינהייטען.

דער פירשט איז אבער פארטראכט. דער גרויסער עולם אינטערעסירט איהם ניט. ער פליהט ארום פון איינער צו דער אנדערער. אויב איינע פאראינטערעסירט איהם, ארט איהם דאן וועגען קיין אנדער זאך ניט.

די גרעפין סעפראנא געזעגענט זיך מיט'ן פירשט.

דער פירשט זאגט איהר אן א פולע קאמפלימענטען און קושט איהר.

ריגאלעטא, דעם פירשט'ס הויף־נאר, מאכט חוזק פון גראף סערפאנא, וואס ער איז אזוי אייפערזיכטיג אויף זיין

ווייב. פאר דעם פירשט איז טרינקען, שפילען, טאנצען, באנקע־טעווען אדער זיך ארומשלאגען דאס זעלבע. איצט פיהרט ער די באלאגערונג אויף די גרעפין. ער געהט אפ.

מ א ר ו ל א ברייננט די נייעס, אז ריגאלעטא פיהרט א ליבע.

ד ע ר פ י ר ש ט קומט אריין מיט ריגאלעטא, דערציילענ־דיג איהם וואס פאר א מלאך די גרעפין איז. אבער דער גראף טוט אן צרות.

ר י ג א ל ע ט א גיט איהם אן עצה, ענטוועדער ער זאל דעם גראף אין טורמע פארזעצען, אדער ארויסשיקען, אדער אויב ער קען דאס ניט, זאל ער דעם קאפ ארונטערנעמען.

ד ע ר פ י ר ש ט ווארנט איהם ניט צו געהן אזוי וויט מיט זיינע וויצען. ער קאן אויף זיך ארויפברייננען אן אומגליק.

ר י ג א ל ע ט א ענטפערט, אז ער האט קיין מורא ניט. קיינער וועט ניט וואגען אנצוריהרען דעם פירשט'ס ליבלינג.

צ ע פ ר א נ א באשליסט מיט חברה צו נעמען נקמה פון ריגאלעטא.

מ א נ ט ע ר א נ ע קומט אריין, מאכענדיג פארוואורפען דעם פירשט פאר זיין אויפפיהרונג..

ר י ג א ל ע ט א ענטפערט איהם אנשטאט דעם פירשט, מאכענדיג חוזק וואס ער טומעלט אזוי מיט דער עהרע פון זיין טאכטער.

מ א נ ט ע ר א נ ע סטראשעט דעם פירשט מיט נקמה פאר די באליידיגונג פון דער פאמיליען עהרע. די קללה פון א פאטער זאל אבער ליגען אויף זיין ארויסהעלפער.

ר י ג א ל ע ט א ווערט איבערגעשראקען פון דער קללה.

ד ע ר כ א ר האווינט דעם שיקזאל פון אלטען, וואס האט ארויסגערופען דעם צארן פון זיין הערשער.

צווייטעס בילד.

א גאס ארום ריגאלעטא'ס וואוינונג.

ר י ג א ל ע ט א קומט אן, נאכזאגענדיג פארזארגט די קללה.

ספאראפוצילע. א געדונגענער מערדער, האלט איהם אפ. לייגט פאר זיין דינסט איהם צו באפרייען פון דעם קאנקורענט, וואס קומט דא צו זיין געליבטער.

ריגאלעטא שליסט אפ דעם אפמאך מיט איהם. ער געפינט, אז זיי זיינען ביידע גלייך. ביי איהם איז דער צונג די וואפע, ביי יענעם דער קינזשאל. ער קאן אבער ניט פארגעסען די קללה. ווי מאדנע די מענשען זיינען, אט דארף ער שפילען דעם נאר, אלעמען פאלגען, זיי משמח זיין. ער האסט זיי אבער, די אלע הויפלינגען, זיי האבען איהם פארקריפעלט. איצט אבער וועט ער ווערען אן אנדער מענש. פאר וואס פארפאלגט איהם די קללה פון אלטען מאן. ער עפענט די טיר און באגריסט די טאכטער, גילדא, וואס איז זיין איינציג פרייד.

גילדא וויל וויסען, פאר וואס ער קרעכצט אזוי? ער מוז זיינע סודות איהר דערציילען, וועגען איהר משפחה דערציילען. ווי איז זיין אמת'ער נאמען?

ריגאלעטא ענטפערט, אז קיין משפחה האט ער ניט, דער נאמען איז גאנץ גלייך. ער וויל וויסען, צי געהט זי אוים?

גילדא ענטפערט, אז נאר אין קירך. זי וויל אבער, אז ער זאל איהר וויינינגסטענס דערציילען וועגען איהר מוטער.

ריגאלעטא בעט זי, זי זאל ניט ריידען וועגען דער, וועמענס פארלוסט די גאנצע וועלט קאן מעהר ניט ווידערשטעלען. זאל זי רחמנות האבען מיט איהם. זי זאל מעהר ניט פרעגען. יענע איז געשטארבען. און איצט איז זי זיין איינציגע האפנונג.

גילדא פיהלט מיט זיין טרויער, וויל אבער וויסען זיין נאמען.

ריגאלעטא ענטפערט, אז דאס איז אומזיסט. מאנכע האבען פאר איהם מורא, אנדערע זיינען איהם פיליכט מקנא, נאר איינער האט איהם געשאלטען.

גילדא וויל וויסען, צו האט ער ניט קיין פאטערלאנד, פא־מיליע, פריינד?

ריגאלעטא ענטפערט, אז זי אליין איז די איינציגע, די גאנצע וועלט פאר איהם.

גילדא וואָלט געוועז גליקליך זי זאָל קאָנען איהם פאַר־שאַפען פרייד. זי איז שוין צוויי חדשים דאָ און זי האָט נאָך גאָר ניט געזעהן די שטאָדט.

ריגאָלעטא וויל וויסען, צי געהט זי אויס און איז צו־פרידען צו הערען אַז ניט. ער זאָגט איהר אַז, אַז זי זאָל אין ערגעץ ניט געהן. ער האָט זעהר שטאַרק מורא, מען זאָל איהר ניט כאַפּען און איהר שענדען. ער רופט אַרויס איהר אויפזעהערין דזשיאָוואַנאַ און זאָגט איהר אַז צו האַלטען פאַרשלאָסען דעם טויער. זי זאָל היטען זאָרגפעלטיג די צאַרטע בלום, וועלכע ער טרויט איהר אָן. זי זאָל איהר באַשיצען פון די נעצען פון זינד.

גילדא פרעגט, פאַר וואָס שרעקט ער זיך אַזוי וועגען איהר. פון הימעל פיהרט איהר דער מוטערס גייסט און היט איהר אָפּ פון שלעכטע נעצען.

דער פירשט באַוויייזט זיך אין גאַס איבערגעטאָן.

ריגאָלעטא געהט אַרויס פון טויער, דורך וועלכען דער פירשט שפּאַרט זיך אַריין. ער זאָגט, אַז מען זאָל קיינעם ניט עפענען, אויב מען וועט קלאַפּען, אפילו ניט דעם פירשט. ער געזעג־נענט זיך און געהט אָפּ.

גילדא פיהלט געוויסענסביסען וואָס זי נאַרט אָפּ דעם פאָטער.

דזשיאָוואַנאַ זוכט זי צו באַרוהיגען, דער וואָס געהט איהר נאָך זעהט צו זיין אַ וויכטיגע פּערזאָן.

גילדא ענטפערט, אַז זי וויל ניט קיין כבוד און ניט קיין עשירות. וואָס אָרימער ער וואָלט זיין אַלץ מעהר וועט זי איהם ליבער. איהרע געדאַנקען זיינען שטענדיג פול מיט איהם. און זי וויל איהם זעהן.

דער פירשט קומט פּלוצלונג אַרויס און כאַפּט אונטער: איך ליב דיך.

גילדא איז דערשראָקען זיך געפינענדיג אַליין מיט'ן פירשט. זי הייסט איהם אַוועקגעהן.

דער פירשט ענטפערט, אַז אַוועקגעהן קאָן ער נאָך ניט. די ליבע, וואָס ברענט אין זיי ביידען פאַראייניגט זיי. ליבע

איז די זון, דורך וועלכע די ליידענשאפט ווערט באלויכטעט. זאל זי רוהען אויף זיין ברוסט, אום קיינמאל זיך ניט צו צושיידען.

גילדא וויל וויסען זיין נאמען.

דער פירשט ענטפערט, אז ער איז אן ארימער סטודענט און הייסט וואלטער מאלדע.

דזשיאוואנא מעלדעט אין שרעק, אז זי הערט טריט אנקומענדיג.

גילדא הייסט דזשיאוואנא'ן איהם אפפיהרען דורכ'ן באסטיאן.

ביידע געזעגענען זיך, און דער פירשט געהט אפ.

גילדא, בלייבענדיג אליין, זינגט, אז דער טייערער וועט בלייבען אין איהר, דורשט, פרייד און גליק פילען אן איהר הארץ. וואס קלאפט פאר איהם ביז'ן טויט. זי געהט אפ.

עס קומען אן די אדעל־לייט און זוכען זי.

ריגאלעטא קומט אן טראכטענדיג וועגען דער קללה פון דעם אלטען מאן. ער רעדט זיך פאנאנדער מיט די אדעל־לייט און באשליסט זיי אפצופיהרען אין אן אנדער ארט.

זיי פארבינדען איהם אבער די אויגען און שלעפען ארויס גילדא.

גילדא שרייט: פאטער, העלף!

ריגאלעטא רייסט אראפ די טיכעל, לויפט אריין אין שטוב און זעהענדיג אז גילדא איז ניטא, ווערט ער פארצווייפעלט און שרייט אויס: אט דאס איז די קללה!

צווייטער אקט.

זאל אין פירשטליכען פאלאץ.

דער פירשט איז גאר פארצווייפעלט, וואס מען האט איהר צוועקגע'גנב'עט אין דעם מאמענט ווען די טיר איז געווען ווייט אפען פאר זיין ליידענשאפט. דורך איהר ריינער ליבע האט

ביי איהם אליין זיך ערוועקט די פרייד פון אמת'ער ליבע. ער וועט מוזען נעהמען נקמה פון דעם, וואס האט געסמייעט זי אוועק־צונעמען פון איהם. טייערע מיידעל! דיין יעדער טרער פאר־שאפט מיר שמערץ. אומזיסט האסטו געשריען: העלף מיר, וואלטער! וויט בין איך געוועז און ניט געקאנט דיר העלפען.

ד י א ד ע ל ל י י ט קומען אן מיט דער נייעס, אז זיי האבען ביי ריגאלעטא אוועקגענומען זיין געליבטע, אז זי געפינט זיך אין פאלאץ.

ד ע ר פ י ר ש ט פארזיכערט זיי, אז ער וועט שוין וועגען איהר זארגען. ער מוז לויפען צו איהר מיט ליבע און ליידענשאפט. ער קאן שוין מעהר זיין נאמען ניט באהאלטען. ער וועט איהר זיין ליבע ערקלערען.

א ל ע באגלייטען דעם אריינקומענדען ריגאלעטא. זיי ווילען וויסען וואס פאר א נייעס ער ברייגנט.

ר י ג א ל ע ט א זאגט, אז זיי האבען איהם היינט מעהר ווי אלע מאל דערעסען. פאר זיך וויל ער וויסען, וואוהין זיי האבען די טאכטער אוועקגעטראגען.

צו זיי זאגט ער, אז ער איז צופרידען וואס קיינער האט זיך ניט פארקיהלט לעצטע נאכט. ער וויל וויסען, צי שלאפט נאך דער פירשט.

א פ א ז ש קומט מעלדען, אז די גרעפין וויל ריידען מיט דעם פירשט. ער גלויבט ניט דעם ענטפער, אז ער איז אוועק אויף יאגד אהן זיינע באגלייטער און אהן וואפען.

א ל ע ענטפערן איהם: צי פארשטעהט ער ניט, אז דער פירשט קען ניט געשטערט ווערען איצט?

ר י ג א ל ע ט א כאפט זיך איצט, אז די טאכטער איז אין פאלאץ, מיט איהם.

א ל ע ענטפערן איהם, ער זאל זוכען זיין געליבטע אנדערש־וואו.

ר י ג א ל ע ט א שרייט אוים: ער מוז האבען צוריק זיין טאכטער. זי איז דא. זיי האבען זיך ניט אזוי שטארק צו פרעהען מיט זייער זיעג. ער לויפט צום טיר, ווערט אבער צוריקגעהאלטען.

ער באשימפפט זיי אלע. זיי ווייסען ניט, ווי טייער א קינד איז פאר א פאטער. זיי מוזען זי איהם צוריקגעבען, אז ניט וועט ער זיי מיט די היילע הענט באפאלען. קיין זאך קאן ניט צוריקהאלטען א פאטער, ווען די עהרע פון זיין קינד איז אנגעריהרט. מערדער, זיי מוזען איהם לאזען. ער בעט מארולא רחמנות צו האבען און זאגען: צי איז זי דא? זאלען זיי רחמנות האבען און אוועקגעבען צוריק די טאכטער צום אלטען פאטער.

ג י ל ד א קומט אריין און ווארפט זיך אין פאטערס ארימס.

ר י ג א ל ע ט א איז אויסער זיך פון שמחה. דאס איז אלזא געווען ניט מעהר ווי א שטיפעריי? ער וויל וויסען, פאר וואס וויינט זי אבער?

ג י ל ד א ענטפערט: פון שאנד, ווייל מען האט איהר מיסהאנדעלט. אבער קיינער דארף ניט הערען, וואס זי האט צו זאגען.

ר י ג א ל ע ט א טרייבט אלעמען ארויס און זאגט אז, אז דער פירשט זאל אויך ניט סמייען ארייננצוגעהן, ווייל ער איז דא.

ג י ל ד א דערצעהלט דעם פאטער די געשיכטע פון איהרע באגעגענישען און פון איהר ליבע און ווי אזוי מען האט איהר מיט געוואלט געבראכט אהער.

ר י ג א ל ע ט א הייסט איהר מעהר ניט ריידען. ער ווייסט אלעס. דאס האט דער הימעל זיך נוקם געווען אן איהם. ער הייסט איהר וויינען אויפ'ן פאטערס ברוסט. ער וועט שנעל אפטאן וואס נויטיג און דאן וועלען זיי אויף אייביג פארלאזען דעם פלאץ.

מ א נ ט ע ר א נ ע ווערט געפיהרט אין טורמע און באמערקט צום בילד פון פירשט, אז היות ווי אומזיסט איז ער פארשאלטען געווארען און ניט דער הימעל און ניט די ערד קאנען איהם דער־גרייכען, וועט ער נאך לאנג לעבען.

ר י ג א ל ע ט א ענטפערט איהם, אז ער וועט נקמה נעהמען און נאהענט איז די שעה פון באלוינונג. ווי א דונער פון הימעל וועט זיין קלאפ פאלען.

דריטער אקט.

אן איינזאמע הויזביים ברעג.

ריגאלעטא פרעגט די טאכטער, צי ליבט זי נאך יענעם? זי האט געדארפט די משוגעת באזיגען.

גילדא ענטפערט, אז זי ליבט איהם און ער זאל רחמנות האבען מיט איהב.

ריגאלעטא פיהרט איהר צום הויז וואו זי זאל זעהן וואס דארט געהט פאר.

דער פירשט קומט אן און ארדערט א צימער און וויין און זינגט ווי קאפריזנע די מענער זיינען, זיי פליהען און בייטען זיך, קיינמאל זיינען זיי ניט פעסט; ווי פעדערען באוועגען זיי זיך, גנב'ענענדיג ליבע און פארגעניגען. פארשליסענדיג ליפען מיט א קוש.

ספאראפוציליע פרעגט ביי ריגאלעטא, צי זאל דער מאן בלייבען לעבען אדער שטארבען?

ריגאלעטא הייסט איהםווארטען א ווייל.

דער פירשט ערקלערט זיך אין ליבע צו מאדאלענע. ספאראפוצילעס שוועסטער, און שווערט איהר טרייהייט.

מאדאלענע פרעגט, צי וועט ער זי געדענקען אזוי פיעל ווי די צוואנציג אנדערע. זי הייסט איהם לאזען זי צורו.

דער פירשט הייסט איהר ניט מאכען אזא וועזען פון טוגענד, ווען ליבע ערוואַרט זיי. ער כאפט איהר האנט: ס'ארא שעהנע הענט זי האט!

מאדעלענע ענטפערט, אז זי ווייסט, אז זי איז מאוס. אז ער מאכט חוזק פון איהר, ער מוז זיין שכור.

דער פירשט פארשפרעכט מיט איהר חתונה צו האבען.

מאדעלענע בעט, אז ער זאל איהר געבען א שבועה.

דער פירשט לויבט איהר שעהנקייט.

ריגאלעטא פרעגט די טאכטער: צי האט זי געהערט געזנג?

גילדא ענטפערט, אז ער איז א שענדליכער פארדעטער. אזוי האט ער צו איהר אויך גערעדט פון ליבע. און זי, אומגליק־גליקליכע, האט אזא אויסוואורף געגלויבט.

ריגאלעטא הייסט איהר שווייגען. איצט איז נוצלאז צו קלאגען. איצט מוז די נקמה קומען ווי א דונער. זי זאל תיכף געהן אהיים, מיט נעהמען אזוי פיעל געלד ווי מעגליך, באשטעלען א פערד און אפפאהרען אין וועראנא. דארט וועט ער זי מארגען טרעפען. ער געהט הינטער דאס הויז, קומט צוריק מיט ספארא־פוצילע, גיט איהם 10 געלד־שטיק, די איבעריגע 10 וועו די זאך וועט זיין אפגעטאן. פארשפרעכענדיג צו קומען צוריק אין מיטען נאכט.

ספאראפוצילע זאגט, אז ער אליין וועט אין טייך איהם קאנען ארייננשלעפען.

ריגאלעטא וויל אבער, אז דאס זאל בלייבען פאר איהם. טאמער ווילסטו וויסען אונזערע נעמען, טא וויים — זאגט ער — אז זיין נאמען איז פארברעכען און מיינער באשטראפונג.

מאדעלענע ווארענט דעם פירשט, אז דער ברודער קומט.

דער פירשט בעט מען זאל איהם געבען א צימער.

ספאראפוצילע פיהרט איהם ארויף אין א צימער.

מאדעלענע בעט זיך ביים ברודער צו שאנעווען אזא שעהנעם יונגען מאן און גיט א פלאן בעסער צו דער׳הרג׳ענען דעם וואס האט איהם גערונגען.

ספאראפוצילע ענטזאגט זיך אזוי צו באהאנדלען דעם וואס האט איהם גערונגען. ער איז אבער מסכים צו דער׳הרג׳ענען דעם ערשטען, וואס וועט אנקומען ביז האלבע נאכט.

גילדא הערענדיג דעם אפמאך, באשליסט זיך צו אפפערען פאר איהר געליבטען און קומענדיג אנגעטאן אלס מאן קלאפט זי אן אין טיר. זי בעט מחילה ביים פאטער פאר איהר טויט. און זי ווערט פון מערדער באפאלען.

ריגאָלעטאָ קומט אונטער, פול מיט שמחה, וואָס די נקמה איז געקומען. ער באַצאָהלט דאָס געלד און נעהמט דעם זאַק מיט דעם קערפּער אריינצואווארפען עס אין טייך. ער דערהערט אבער דעם פירשט׳ס שטים און וויל וויסען, וואָס עס ליגט אין זאַק. און דערזעהט דער טאָכטער׳ס קערפּער. ער קלאַפּט און רופט.

גילדאָ רופט זיך אָפּ און דערציילט, אז מען האָט איהר אריינגעשטעקט אַ קינזשאַל, אז זי שטאַרבט און בעט מחילה ביי איהם.

בײדע זינגען אַ דועט. גילדאָ: אז אויבען אין הימעל, פון דער זייט פון דער מוטער, וועט זי שיקען איהרע תפלות פאַר איהם. ריגאָלעטאָ: דו טאָרסט ניט שטאַרבען, לאָז מיך ניט אַליין, מיין קינד. גילדאָ זינגט: זיי איהם מוחל, ווען איך וועל שטאַרבען, פון הימעל וועל איך שיקען מיינע תפלות. ריגאָלעטאָ זינגט: לאָז מיך ניט אַליין צו שטאַרבען. אַלץ איז פינסטער. אַ קללה ליגט אויף מיר!

עווגעני אניעגין

לירישע אפערא אין דריי אקטען

פון פיאָטר טשאַיקאָווסקי.

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

א גארטען אין דעם גוט פון דער אלמנה לארינא.

טאטיאנא (איינע פון די צוויי טעכטער פון דער אלמנה לארינא) איז שטארק נתפעל פון די זיסע טרעלען פון נאכטיגאל, וואס זינגט פון ליבע און טרויער. זי פרעגט די שוועסטער: צי הערט זי דעם טרויער געזאנג פון איינפאכען ליד?

אלגא (די עלטערע שוועסטער) זינגט אויך דאס זעלבע.

לארינא (די מוטער) און פיליפיעווגא (די אלטע ניאַנע) בעטען דעם האר פון הימעל זיי צושיקען רוה אין דעם פלאץ פון גליק.

א כאר פון פויערים דערנעהענטערט זיך, זינגענדיג א באגריסונג צו דער פריצ'טע. איינינע טאנצען, די אנדערע זינגען א געזאנג וועגען א קליין אינגעל, וואס געהט איבער'ן בריק און זינגט א פריהמארגען געזאנג, וועגען דער פרעהליבער נינא, וואס איז די צווייטע שעהנהייט און וואס באגריסט דעם קליינעם אינגעל, וואס געהט איבער'ן בריק און זינגט א ליד יעדען פריהמארגען.

ט א ט י א נ א (אויף דער טעראסע, צו דער שוועסטער): זי איז דאנקבאר פאר דעם קלאנג פון אט די שטימען, וואס העלפען איהרע וואנדערענדע געדאנקען זיך ווייט אוועקטראגען פון דאנען.

א ל ג א ווארפט איהר פאר, פאר וואס זי האלט אין איין פאנטאזירען. ביי איהר רופט דער געזאנג דוקא ארויס פרעהליכ־קייט.

ל א ר י נ א דאנקט די פויערים און הייסט זיי בריינגען א ביסעל משקה.

ד י פ ו י ע ר י ם געהען אוועק מיט דאנק.

א ל ג א פרעגט די מוטער: צי דענקט זי ניט, אז טאטיאנא ליידעט?

ל א ר י נ א פרעגט זיך נאך ביי טאטיאנא פאר וואס זי איז אזוי בלייך.

ט א ט י א נ א ענטפערט, אז זי זאל זיך ניט באאומרוהיגען. זי לייענט אפט די געשיכטע וועגען די ביטערע ליידען פון צוויי ליבענדע הערצער און דאס רירט אזוי שטארק.

ל א ר י נ א דערמאנט זיך, אז זי האט אמאל אויך געזיפצט וועגען די אומגליקליכע העלדען, אבער דאס זיינען נאר חלומות.

א ל ג א כאפט זיך, אז לענסקי (דער חתן) קומט מיט עפעס איינעם.

פ י ל י פ י ע וו נ א מעלדעט באלד, אז עס זיינען געקומען לענסקי מיט איינעם אנעגין. און דאס רופט ארויס א צערודערונג ביי די מיידלאך.

ל ע נ ס ק י שטעלט פאר זיין פריינד אנעגין.

ל א ר י נ א לאדעט זיי איין צו מאכען זיך באקוועם. זי מוז אריינגעהן אין הויז, און פארלאזענדיג די געסט ווינקט זי אונטער צו טאטיאנא, אז יענע זאל זיין פריינדליכער.

ט א ט י א נ א דערקענט אין אנעגין דעם העלד פון איהר חלום. זי זעהט אין איהם די האפענונג, דעם הערשער פון איהר הארץ.

א ל ג א זאגט איהר, אז זי האט שוין באמערקט, דאס אנעגין

איז אַן אומגעוויינליכער מענש און אַז ער וועט מוזען ווערען פאַר־קנס'ט פאַר טאַטיאַנאַ.

ל ע נ ס ק י פרעגט, פאַר וואָס איז טאַטיאַנאַ אַזוי טרויעריג. ער געפינט, אַז אַן אַלפּען־באַרג אונטערשיידעט זיך ניט מעהר פון אַ קליינעם טייכעל, פּראַזע ניט מעהר פון פערזען, פלאַם ניט מעהר פון וואַסער, ווי זיין האַרץ אונטערשיידעט זיך פון זיין פריינדס.

אַ נ ע ג י ן וויל וויסען, ווער פון זיי איז טאַטיאַנאַ? ער וויל וויסען, צו ליבט זיין פריינד ניט די צווייטע. ער אַליין וואָלט אויסגעקליבען די צווייטע. זייערע הערצער זיינען באמת פאַר־שידען.

ל ע נ ס ק י לאָזט זיך אַוועק אין אַ ליבעס־געשפּרעך מיט אָלגאַ און זיי געהען צוזאַמען אַוועק.

אַ נ ע ג י ן ווענדעט זיך צו טאַטיאַנאַ, אַז איהם דוכט זיך דאַס זי פיהלט דאָ לאַנגווייליג. פרעהליכע פלעצער זיינען פאַראַן. זיי זיינען אָבער ווייט.

ט אַ ט י אַ נ אַ ענטפערט, אַז זי חלומ'ט אַרומשפּאַצירענדיג איבער'ן גאָרטען און אַז דאָס חלומ'ען איז פון קינדווייז אַן איהר בעסטע קוראַציע.

אַ נ ע ג י ן ערקלערט איהר, אַז ער פיהלט אויך דאָס זעלבע. זיי געהען אָפּ אין אַ זייט.

ל ע נ ס ק י קומט אַן מיט אָלגאַ און ערקלערט זיך איהר אין הייסער ליבע. אין איהר ליגט זיין פרייד, זיין נשמה.

אָ ל ג אַ ענטפערט איהם מיט אַ געגענזייטיגער פאַרזיכערונג פון איהר ליבע צו איהם.

צווייטעס בילד.
טאַטיאַנאַ'ס שלאָפצימער.

פ י ל י פ י ע װ נ אַ זוכט איינצורעדען טאַטיאַנאַ, אַז עס איז צייט צו שלאָפען.

ט אַ ט י נ אַ ערקלערט איהר, אַז זי קאָן ניט שלאָפען, אַז אַלץ

האט איהר דערעסען, אז איהר ווילט זיך ווינען. עס איז אבער ניט קיין שמערצען, ווי די אלטע מיינט, נאר איהר הארץ ליידעט. זי בעט די אלטע איהר לאזען אליין. און בלייבענדיג אליין פאר־ביינקט זי זיך נאך אנעגין, וואס האט מיט זיין איין בליק דורכ־געשטאכען איהר הארץ, ווי מיט א שפיציגען פייל. זי שרייבט א וויילע, צורייסט דעם בריף, יאמערנדיג: ניט אזוי, מעי דארף פון דאס נייע אנהויבען. זי באקלאגט זיך, אז זי ווייסט ניט וואס צו זאגען. צי וועט קומען א טאג, ווען זי וועט געפינען א הארץ צו ליבען? דאך, אז אנדערען, בשום אופן ניט. וואס איהר שיקזאל זאל ניט זיין, זי איז זיינע. זינט דעם טאג, וואס גאט האט איהר אויף דער וועלט געבארכט, האט זי נאר פאר איהם געלעבט, זי פיהלט אז גאט האט איהם געמאכט פאר איהר אויף לעבען און אייביגקייט. דאך, ווער ווייסט, טאמער איז די האפנונג נאר א פאלשע כימערא, ליידיג ווי א חלום. זאל זיין ווי עס איז. איהר שיקזאל איז אין זיין מאכט און אלץ הייננט אפ פון איהם. זי מוטשעט זיך דא איינע אליין, און אליין וועט זי שטארבען. ער מוז קומען צו איהר און ענטוועדער ווערען א שטראל פון האפענונג, אדער צושטערען איהר חלום. זי ווארט. זי פארקלעפט דעם בריף און שרעקט זיך אליין אפ פאר דאס, וואס זי האט געטאן. שרעק און שאנד האבען איהר הארץ פארכאפט. זי געהט צו צום פענסטער, הויבט אויף דעם פארהאנג, זעהט אז עס איז שוין טאג.

פ י ל י פ י ע ו ו נ א קומט אריין און זעהענדיג טאטיאנא שוין אזוי אויפגעשטאנענע און אזוי אויפגערעגטע, דאנקט זי גאט וואס יענע איז ניט קראנק.

ט א ט י א נ א דערלאנגט איהר דעם בריף, זי זאל עס גע־היים אפשיקען דורכ'ן אינגעל.

פ י ל י פ י ע ו ו נ א זוכט זיך איין אנהויב ארויסצודרעהען פון דעם בריעף, ענדליך נעמט זי דאך עס צו.

ט א ט י א נ א ווערט ערשט רעכט א דערשראקענע: צו וואס האט זי עס געטאן? וואס וועט ער טראכטען פון איהר?

א נ ע ג י ן קומט אריין מיט ווירדע: איהר האט געשריבען צו מיר, קענט איהר עס לייקענען? איך פארשטעה דאס מיסטע־

ריעזע געפיהל פון דיין הארץ. עס איז א ריינע און הייליגע ליבע. ער וויל איהר ניט לויבען, נאר זיינע גערדאנקען איהר. אנטפלעקען, ביי איהרע פיס וויל ער זיך מתודה זיין, און זאל איהר הארץ דאן באשליסען.

טאטיאנא פאלט אנידער פון איפרעגונג אויפ'ן באנק.

אנעגין זוכט איהר צו בארוהיגען: אויב חתונה וואלט געווען א קוראציע און זיין נאטור וואלט געקאנט זיך אונטערגעבען אונטער דער ענטציקונג פון ליבע, דאמאלס וואלט זי אליין געווען זיין טרייע באגלייטערין פון שיקזאל. אבער די פרעהליכע זון שמייכעלט צו איהם ניט און ברייננט איהם ניט קיין גליק. ליבע איז א פוסטע סקאזקע. חתונה וואלט געווען אן אומגליק פאר זיי. די ליבע פון היינט וועט מארגען ניט אנהאלטען. די גליקליכע יאהרען זיינען פאר איהם פארביי און ענדערען די נשמה קאן מען ניט. ער וואלט איהר וועלען ליבען מיט א ברידערליכער ליבע און פיליכט מיט א שטארקער ליבע. זאל אבער איהר הארץ ניט פול ווערען מיט האס. ווארום ליבע יאגט זיך שטענדיג נאך ליבע.

דער כאר הינטער דער ביהנע רופט צום שפיל, צום טאנץ, צום געזאנג.

צווייטער אקט.

ערשטעס בילד.

א פרעהליכער טאנץ אויפ'ן פרייען לופט.

דער כאר זינגט א שבח צום פרעהליכען טאנץ.

אלטע הערדען, אלטע דאמען, א קאפיטאן — אלע זיינען שטארק צופרידען מיט די טענץ און שרעקען זיך, אז אנעגין וועט זיין א טיראן.

אניעגין הערט זיך איין צו זייערע רייד און איז שטארק אויפגעבראכט אויף זייער מיינונג וועגען איהם. ער וועט זיך אבער

נוקם זיין פאר אזא באהאנדלונג. ער וועט געהן שפּילען אין ליבע מיט אלגא. און ער װענדעט זיך צו איהר מיט אן אײנלאדונג צום טאנץ.

א ל ג א קװײנקעלט זיך אין אנהױב, איז אבער באלד מסכים.

ל ע נ ס ק י איז אויסער זיך, זעהענדיג אז אלגא טאנצט גאר מיט אנעגין, אנשטאט וואס זי האט איהם פארשפּראכען.

ד ע ר כ א ר מאכט חוזק פון איהם.

ל ע נ ס ק י געהט צו צו אלגא, ווי נאר זי האט אפּגעטאנצט און הויבט אן איהר מאכען פארוואורפען.

א ל ג א מאכט זיך ניט פארשטעהענדיג פאר וואס ער האט זיך צוגעטשעפּעט.

ל ע נ ס ק י בעט זיך ביי איהר, זי זאל מיט איהם כאטש איצט טאנצען.

א נ ע ג י ן רוקט זיך אונטער, דערמאנענדיג איהר, אז זי האט איהם פארשפּראכען.

א ל ג א וויל אויסקורירען לענסקי פון זיין אייפערזוכט און לאזט זיך אוועק טאנצען מיט איהם.

ט ר י ק ע דער פראנצויזישער לעהרער קומט אן און לייענט פאר א געדיכט, געווידמעט צו טאטיאנא.

ד ע ר ק א פּ י ט א ן לאזט זיך אוועק טאנצען מיט טא־טיאנא.

א נ ע ג י ן קומט צו נאכ'ן טאנץ און רייצט זיך מיט לענסקי, פאר וואס ער טאנצט ניט און שטעהט ווי א סטאטוע? מיט וואס איז זיין הארץ אזוי צוטראגען?

ל ע נ ס ק י ענטפערט, אז ער האט ביז איצט גאר ניט גע־וואוסט, אז אנעגין איז אזא עקספּערט צו גנב'ענען מיידעלשע הערצער. ער איז געווען זיכער, אז ער שדכנ'ט זיך צו טאטיאנא, און איצט איז עס גאר ניט אמת. א טרייער פריינד, ער וויל אלגא אויך! צי וויל ער ברעכען איהר הארץ און זיך משמח זיין מיט איהר צער?

אנעגין פרעגט איהם, צי האט ער דעם קאפ פארלארען?

לענסקי ענטפערט, אז פאר אזא באליידיגונג איז ער מיט איהם אוים פריינד. די אלטע ליבע איז פארגעסען און זיין הארץ איז איצט פול מיט האס.

אנעגין פרובירט איהם צוריקהאלטען, ווייל אלע הערען.

לענסקי ענטפערט אבער, אז פאר אנעגינס אויפפיהרונג קאן נאר דער שווערד באשליסען. און צו דער אלטער לארינא זאגט ער, אז דא האט ער צוערשט דערקענט דעם הייליגען סוד פון ליבע. איצט איז דאס לעבען פוסט. פריינדשאפט האט זיך ארויסגעוויזען אזוי פאלש ווי די ליבע.

אנעגין שלאגט זיך על חטא פאר וואס ער האט מאטיא־נאס און לענסקים געפיהלען אנגעריהרט.

טאטיאנא עסט זיך מיט אייפערזוכט. זי פיהלט זיך א פארלאזענע.

אלגא, לארינא און דער באר — אלע זיינען שטארק צורודערט.

אלגא זוכט פון זיך ארא פצוווארפען די שולד.

לארינא מאכט זיי פארוואורפען פאר זייער געוואלט־זאמע האנדלונגען.

אנעגין ערקלערט, אז ער האט לענסקי'ן געליבט מיט'ן גאנצען הארצען און ער נעמט אויף זיך די שולד פאר וואס ער האט זיין הארץ פארוואונדעט.

לענסקי זאגט, אז ער מוז איהם באשטראפען. ער רופט אן אנעגינ'ען פארפיהרער.

אנעגין ווארפט זיך אויף לענסקי, הייסט איהם האלטען דאס מויל, אדער ער וועט איהם אויפ'ן ארט דער'הרג'ענען.

מען זוכט איהם צוריקצוהאלטען. טאטיאנא וויינט. אלגא זוכט צו בארוהיגען לענסקי'ן, וועלכער ציהט זיך צוריק געזעגענ־גענדיג זיך אייף אייביג.

צווייטעס בילד.
אַ מיל אויפ'ן ברעג טייך.

זאַרעצקי דער סעקונדאַנט וואונדערט זיך, וואָס אָנעגין איז נאָך ניטאָ. און געהט איהם אַנטקעגען.

לענסקי באַדויערט די זיסע טעג, וואָס זיינען ווייט פון איהם, וואָס וועט איהם די נייע זון ברייננען? עס איז בעהאַלטען דער סוד. אָבער צו איז נאָר ווערט אין איהר אַריינצוקוקען? אַט ברייננט מען איהם דעם שווערד, וועט דער שיקזאַל באַשליסען. אָבער צי פרייד, צי טרויער, די פאַטאַלע שעה איז באַשטימט. און טאָמער וועט ער אין קבר פאַרגעסען צרות און פּיין? פאַרגעסען וועט אויך זיין די עראָינערונג אָן דיכטער. אָבער זי. אָלגאַ. צי וועט זי ניט קומען צו זיין קבר טרויערען, טראַכטענדיג ווי פיעל ער האָט זי געליבט! ווי האָט ער איהר פאַרגעטערט, נאָר פאַר איהר אַליין זיך געקניט. זאָל זי איצט רוהען זיין זיסע ליבע. אָבער ווייט זיינען פון איהם די שעהנע טעג, אויף אייביג מיט זיי מוז ער זיך געזעגענען.

אָנעגין קומט אָן און שטעלט זיך צו זייער דינסט. ער רופט לענסקי'ן: צי איז ער פאַרטיג?

לענסקי ענטפערט, אַז ער איז גרייט. אָנעגין האָט זיין גלויבען צעשטערט און זיין הארץ איז פול מיט האַס.

אָנעגין בעט איהם פאַרגעסען אויף אַ מינוט דעם האַס.

לענסקי זאָגט: קיינמאָל ניט.

ביידע שיסען אויס. לענסקי פאַלט אַנידער טויט.

דריטער אַקט.

ערשטעס בילד.
אַ זאַל אין אַ פּעטראָגראַדער וואָהנונג. אַ באַל.

אָנעגין באַקלאָגט זיך, וואָס איהם איז אויך דאָ אומעטיג. די אַרומיגע פרעהליכקייט קאָן איהם ניט מאַכען פאַרגעסען

דעם וועהטאג פון זיין הארצען. אומזיסט איז ער אייסגעפאהרען די וועלט, פרובירענדיג פארגעסען די אומגליקליכע טעג. ער איז צוריקגעקומען אהיים און אויך דא געפינט ער די זעלבע פארמא־טערטקייט פון זיין הארצען. ער דערזעהט מיט אמאל טאטיאנא און איז איבערראשט: ווי קומט זי אהער? ער פרעגט זיך נאך ביים בעל־הבית פון הויז גרעמין: ווי קען ער זי?

גרעמין ענטפערט, אז דאס איז זיין ווייב, אז שוין צוויי יאהר ווי זיי זיינען פארהייראט. כאטש ער איז אן אלטער סאלדאט ברענט אין איהם די ליבע צו טאטיאנא. ער איז געווען איינזאם. ווען זי האט זיך באוויזען פאר איהם ווי א ליכטיגע זעהונג און צוריק אריינגעבראכט גליק אין זיין אלט הארץ. ער שטעלט דאן אניעגינ'ן פאר טאטיאנא'ן פאר, אז אניעגין איז זיינער א קרוב, אן אלטער פריינד און אז זי זאל איהם מאכען זיך פיהלען גוט אין זייער הויז.

טאטיאנא פרעגט זיך נאך, וואו אנעגין איז געווען און טרעט אפ מיט איהר מאן געארעמט.

אנעגין מאכט זיך פארוואורפען, פאר וואס ער איז אזוי שטרענג געווען דאמאלס צו איהר. ווי קאן עס זיין, אז דאס איז די זעלבע, אז זי זאל זיין אזוי רוהיג. א נייע ליידענשאפט ער־וועקט זיך ביי איהם אין הארצען: צי איז עס ליבע אדער האס? עס איז קיין ספק נים, עס איז א שטארקע ליבע. א נייע האפנ־נונג לעבט אויף אין איהם. אן אנגענעמער חלום שמייכעלט איהם צו. ער איז באצויבערט פון איהר פרעכטיגען בליק.

צווייטעס בילד.

גאסט־צימער אין גרעמינ'ס הויז.

טאטיאנא קומט אריין מיט א בריף אין האנט: ווידער האט אנעגין זיך באוויזען פאר איהר, זיין בליק האט אין איהר הארץ ווידער ערוועקט דעם אלטען שמערץ, זי פיהלט זיך ווידער פאר איהם ווי א יונג מיידעל. זי וויינט זיך פאגאנדער.

אנעגין קומט אריין און פאלט פאר איהר אויף די קני.

טאטיאנא בעט זיך איהם אויפהויבען. זאל ער שוויי־גען און זי וועט אלע איהרע געדאנקען פאר איהם דערציילען. צי געדיינקט ער יענעם טאג אין גארטען, ווען דערשלאגען פון שמערץ זי האט זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער?

אנעגין בעט זיך זי זאל רחמנות האבען. ער האט זיך גענארט און איז באשטראפט.

טאטיאנא דערציילט ווייטער: זי איז דאן געווען א יונג, אומשולדיג מיידעל. ער האט איהר הארץ צעבראכען, נאר שארפע ווערטער איהר געגעבען. זי ציטערט נאך איצט, ווען זי דערמאנט זיך אין זיין חוזק מאכען. זי מאכט איהם ניט קיין פארוואורפען, ווארום ער איז דאמאלס געווען עהרליך. וואס קומט ער אבער איצט איהר מאטערען? צי רופט זיין עהרע ביי איהם ניט ארויס קיין געדאנקען וועגען איהר צושטאנד? צי וועט זי ניט ווערען צו שאנד ביי יעדען? צי וועט ניט וואס שטארקער איהר שמערץ, אלץ גרעסער זיין באריהמעריי זיין?

אנעגין האקט איהר איבער די רייד: צי קאן אזא גרויסע ליבע זיין נאר פאלשקייט? זי ווייסט ניט, ווי זיין ליבע ברענט אין זיין הארצען, אז ניט וואלט זי רחמנות געהאט אויף זיינע זינד, אויף זיינע שמערצען. ביי איהרע פיס וויל ער מתפלל זיין.

טאטיאנא צעוויינט זיך.

ביידע דערפרעהען זיך אויף א מינוט.

טאטיאנא מעלדעט אבער באלד, אז דער שיקזאל איז באשלאסען. זי איז פארהייראט און ער מוז איהר פארלאזען.

אנעגין וויל גאר ניט דערלאזען דעם געדאנק איהר צו פארלאזען. ער קאן זי ניט פארגעסען. זיין הייסעסטער וואונש איז שטארבענדיג צו זאגען, אז ער ליבט זי.

טאטיאנא בעט זיך ביי איהם ער זאל וואגען זיין אייגע־נער ווירדע טראכטען, אויף איהר רחמנות האבען, ער מוז זי פאר־לאזען. ניטא וואס צו באהאלטען! זי ליבט איהם נאך אלץ.

אַ נ ע ג י ן איז אויסער זיך. זי ליבט איהם נאָך אַלץ. פּונקט ווי ער האָט זי געזעהן אין זיינע חלומות!

ט אַ ט י אַ נ אַ ענטפערט, אַז דאָס וואָס איז אוועק וועט צוריק ניט קומען. זי האָט אַ שבועה געגעבען אַן אַנדערן און וועט בליי־בען איהם טריי.

אַ נ ע ג י ן בעט זיך, אַז זי איז נאָך פאַר איהם געשאַפען געוואָרען אויף אייביג, זי מוז זיינע זיין.

ט אַ ט י אַ נ אַ ווערט זיך אַבער. זי האָט געשוואָרען און מוז בלייבען טריי. איהר שיקזאַל וועט מוזען בלייבען אַזוי, ווי שטאַרק דאָס האַרץ זאָל ניט צעבראָכען ווערען.

אַ נ ע ג י ן פּרובירט זיך באַרופען אויף איהר אייגענע ער־קלערונג, אַז זי ליבט איהם.

ט אַ ט י אַ נ אַ זאָגט אַבער, אַז זי מוז איהם פערלאָזען, און אויף אייביג איהם אַ זיי־געזונט זאָגען.

אַ נ ע ג י ן בלייבענדיג אַליין: וואָס פאַר אַ שרעק! מיין האַרץ איז צובראָכען!

זאזא

א לירישע קאמעדיע אין 4 אקטען.

פון רודזשיערא לעאנקאוואלא.

ערשטער אקט.

א ביהנע. פון דער לינקער זייט זאזא'ס טואלעט צימער.

פלאריאנא זינגט: איך ווייס, אז איך בין א קאפריז, איך לעב פאר'ן פארגעניגען פון דער מינוט, פאר ליבע און געלעבטער.

מישלין דער זשורנאליסט, צוזאמען מיט נאך א פאר זיצען ביי א טיש. קלאונען באווייזען זיך. זיי באגריסען און ליבען פלאריאנא און פארפיהרען א געשפרעך וועגען זאזא. וועלכע באווייזט זיך און נעמט אנטייל אין געשפרעך און פרעגט זיך נאך אויף מישלינ'ס פריינד דעפרענס. זי געהט אוועק צו זיך אין טואלעט־צימער און נעמט זיך אנטאן ארויסצוטרעטען פאר'ן פובליקום. אנדערע זינגער קומען אונטער, צוזאמען מיט'ן אייגענטימער פון־קאנצערט זאל, מאלארדא און מאנאלאגיסט לאריגאז. אנדערע קומען אונטער און אונטערהאלטען זיך.

אין זאזא'ס צימער קומט אן איהר שותף קאסקאר און דערציילט איהר וועגען א גוטען קאנטראקט פון אן אגענט אין מארסייל.

זאזא ענטזאגט זיך דערפון און צורעדט זיך וועגען איהר טרויעריגער, ארימער פארגאנגענהייט, מיט איהר שכור'ער, בעט־

לענדיגער מוטער. זי טרייבט איהם ארויס, אזוי ווי זי דארף זיך אנטאָן, און פרעגט זיך נאָך ביי דער מיידעל גאטאליא: צו האבען עס ניט בוסי און דעפּרען זאיהר געשיקט די בלומען? יענע ענטפערט אז ניין, נאָר קורטאא האט עס געשיקט, ווארום זיי אלע ווערען משוגע פאר איהר.

עס קומען אָן אנאיד, זאזא'ס מוטער, און דער לאקיי אוגוסטא, וועלכער ברייננט אויף א טאַץ משקה. זיי ריידען זיך פאנאנדער וועגען זאזא'ס טריאומף. דער לאקיי געהט אפּ ברייננען נאָך משקה און אנאיד צורײדט זיך מיט דער טאכטער. זי וויל באַ־איינפלוסען זאזא געגען איהר שותף קאסקאר. דער לאקיי ברייננט נאָך משקה. די טאכטער הייסט דער מאמען טרינקען אבי זיין שטיל. די מוטער זוכט ארויסצוקריגען פון דער טאכטער געלט. זיי דינגען זיך. עס קומט אָן בוסי. זאזא איז ענטוױשט, וואס ער איז געקומען אליין. זי דערוויסט זיך, אז זיין פריינד איז דא, נאָר אונטערהאלט זיך מיט פלאריאנא. זי וועט זיך מיט בוסי, אז אויב זי זאל נאָר וועלען, וועט זיין פריינד ליגען ביי איהרע פיס, און אויב זי פארלירט, וועט זי זיין זיינע, בוסי'ס.

עס קומען אָן פארשידענע הערען, צווישען זיי אויך דופרען. זיי טרינקען אלע פאר דעם ערפאָלג פון זאזא, וואס זי רופט ארום די אייפערזוכט און פארוואורפען פון פלאריאנא.

זאזא רייצט זיך מיט איהר. עס קומט צו א געשלעג צווישען זיי, אין וועלכען אלע מענער זיינען אויף זאזא'ס זייט. אלע פרויען אויף פלאריאנא'ס, ביז עס הערט זיך א סיגנאל און קאסקאר טרעט ארויס האלטענדיג זאזא פאר'ן האנט. זיי ווערען באגריסט שטורמיש. אלע געהען אוועק אויסער בוסי און דופרען, וועלכע צורײדען זיך וועגען זאזא.

דופרען איז זיך מודה, אז ער איז הינגעריסען פון זאזא, אז ער שפּיעלט זיך מיט פייער. זי קאן זיין זיס און אויך ברענענ־דיג, און קאן מאכען א מענשען פארגעסען אן שיכזאל.

בוסי דערצעהלט איהם וועגען זיין וועט מיט זאזא, וועלכע האט זיך אונטערגענומען איהם צו באזיגען.

ד ו פ ר ע ן גלויבט ניט, אז זי זאל זיין פארליבט און האט מורא, אז דער סוף וועט זיין ווי זי וויל.

אונטער א שטורם פון אפלאדיסמענטען קומען אלע צוריק. ז א ז א און ק א ס ק א ר קעהרען זיך אום צוריק אויף דער ביהנע און מען הערט זייער דיאלאג, ווי ע ר בעט זיך ביי איהר איין קליין קוש; זי ענטפערט, אז עס איז ניט רעכט ביי נאכט, אז עס איז געפעהרליך. זיי קעהרען זיך אום צוריק באגלייט פון נייע אפלאדיסמענטען. דער אנטרעפעניאר שלאגט פאר, מען זאל באלד נעמען איינשטודירען בוסי'ס נייע שטיק. יענער ענטפערט, אז זיין פריינד דופרען וועט איהם פארבייטען, איהר העלפענדיג. אלע צוגעהען זיך, נאר זאזא בלייבט אליין מיט דופרען.

ז א ז א צורעדט זיך מיט איהם וועגען איהר קאנקורענטין פלאריאנא, צי איז זי ניט זיין א י ד ע א ל.

ד ו פ ר ע ן ענטפערט, אז ער האט ניט קיין אידעאל, נאר ער ליבט װאריעטעט.

ז א ז א הייסט איהם ניט חתונה האבען. וועגען זיך אליין זאגט זי, אז עס איז פאראן נאר איין מאן, וואס איז פאר איהר די גאנצע וועלט. זי ענטזאגט זיך אבער זיין נאמען אנצורופען. זי וויל זיך איבערטאן און בעט איהם איהר באהילפיג צו זיין דערביי. זי זוכט איהם מתקרב צו זיין צו זיך.

אונטערדעסען קומט אריין די גאנצע חברה און געפינט איהר אין נעגלידזשע. זיי טרייבען איהר אונטער אנצוגעהן מיט'ן שטר־דירען די ראלע. זי בלייבט ווידער אליין מיט דופרען, וועלכער צינדט זיך אן מיט ליידענשאפט צו איהר. זיי קושען זיך, אומ־ארמען זיך און זי לאזט דערווייל דורך איהר אויפטריט. עס קומט צוליב דעם צו א דורכרייך מיט איהר שותף קאסקאר, אבער זי איז גליקליך מיט דער נאהענטקייט פון דופרען, וועלכער קושט איהרע הענט און טרעלענדיג פארלאזט זי די ביהנע.

צווייטער אקט.

א צימער אין זאזא'ס וואהנונג.

זאזא און דופרען זיצען נאהענט איינע צו די אנדערע. און דופרען מעלדעט איהר, אז ער מוז אפפאהרען פאר א חדשים 4.

זאזא וויל ער זאל איהר מיטנעמען.

דופרען ערקלערט איהר אבער, אז איהר פארלאנג איז קינדיש. ער פאהרט אין אמעריקא. ער איז ניט רייך. און דערווייל פאהרט ער נאך פאריז נאר אויף צוויי טעג.

זאזא באשטורמט איהם מיט איהר ליבע און צערטליכקייט. זיווארפט זיך אין זיינע ארעמס און רופט דאן די דינסט, אז זי זאל אריינברייינגען דופרען'ס הוט און שטאק, און זיי געזעגענען זיך אפ.

זאזא קוקט איהם נאך אויף'ן גאס ווי ער דערווייטערט זיך פון איהר הויז און פארשווינדעט. דאן כאפט זי זיך אנטאן איהרע שפאציר־שיך, הענטשקעס. אנאידע, די מוטער, קומט אונטערדעסען אן, אבער די טאכטער פארלאזט איהר. פון א געשפרעך מיט דער דינסט דערוויסט זי זיך, אז דופרען פאהרט אוועק און איז שטארק צופרידען דערמיט.

קאסקאר קומט אריין און אנאידע פארפיהרט מיט איהם א געשפרעך. זי ווארפט איהם פאר, וואס ער האט צוגענומען די טאכטער פון איהר. אבער דאך האט די טאכטער ניט געמאכט מיט איהם קיין ליבעס, ניט פארפיהרט קיין ליבעס, ניט אבער ווי יענער אנדערער.

זאזא קומט דערווייל אן און איז פארוואונדערט זיי צו זעהן אזוי פריינדליך צוזאמען.

קאסקאר דערצעהלט, אז ער האט פאר זיי ביידען א פרעכטיגען פארשלאג.

זאזא וויל אבער ניט הערען דערפון.

ק א ס ק א ר וואַרפט איהר פאר, אז זי ווערט געפיהרט פון יענעם, אז זי פארלאזט די קונסט און אז ער האט א רעכט אלס דער מאַן, וואס האט איהר געראַטעוועט פון נויט און ערנידערונג איהר צו ווארנען, אז פון יענעם קאן זי נאר צרות ערווארטען. ער איז ניט רייך. און ווען ער זאל אפילו חתונה האבען מיט איהר, וועט זי זיין נאר א הויז־פרוי. אבער איהר גאלדענע שטים איז ניט פאר איינזאמקייט: זי מוז וויעדער ווערען די זעלבע.

ז א ז א ענטפערט, אז דאס לעבען איז זיס נאר, ווען מען איז פאראייניגט אויף אייביג מיט דעם געליבטען.

ק א ס ק א ר דערמאנט איהר, אז זי האט איהם אמאל אויך געליבט.

ז א ז א לייקענט עס אפ. זי איז דאן יונג געווען, איז גע־פיהרט געווארען פון איהם, זיך איבערגעגעבען צו איהם ווי צו פיעלע אנדערע, אבער ניט מעהר.

ק א ס ק א ר זאגט איהר, אז זי חלומ'ט נאר, ווארום אן אנדער פרוי האט מעהר רעכט אויף איהם. ער האט אין פאריז אן אנדער ליבע.

ז א ז א ציטערענדיג פון אויפרעגונג פרעגט: פון וואנען ווייס ער עס?

ק א ס ק א ר דערציילט, אז אין פאריז האט ער אליין געזעהן איהם אין א טעאטער מיט א פארנעהמער פרוי, מיט וועלכער ער איז נאכ'ן טעאטער אוועקגעפאהרען צוזאמען.

ז א ז א מאכט איהם פארווירפע, פאר וואס ער האט פון איהר עס ביז איצט באהאלטען.

א נ א א י ד ע קומט אריין און איז שטארק צופרידען מיט דער נייעס.

ז א ז א אבער וויינט ביטער, איהר הארץ איז צובראכען. אבער זי ענטזאגט זיך פון געדאנק איהם צו פארלאזען און זי באַ־שליסט גלייך אויף אז ארט איהם נאכצופאהרען קיין פאריז, און בעט נאטאליא, זי זאל מיטפאהרען מיט איהר. ער מוז אויסקלייבען צווישען איהר און יענער אנדערער.

דריטער אקט.

א זעהר רייכער גאסט־צימער אין דופרען'ס פאריזער וואהנונג.

דופרען זיצט ביים שרייב־טיש און ברייננט אין ארדנונג פאפירען. מארגען פאהרט ער צוריק אין סט. עטיען אויף אייביג זיך צו געזעגענען מיט זאזא. אבער ווי וועט ער עס קאנען טאן איידעל? ווי וועט ער עס קאנען אריבערטראגען?

מאדאם דופרען קומט אריין מיט'ן קעלנער און זאגט איהם, אז אויב מאדאם דונאיע וועט קומען זאל ער זי בעטען ווארטען, ווייל זי געהט דעם מאן באגלייטען צו דער סטאנציע.

מארקא דער קעלנער בלייבענדיג אליין לאזט זיך וואויל געהן מיט דעם בעל הבית'ס ציגארען, ציהט זיך אוים אויף דער זאפא, פארפיהרט א געשפרעך מיט דער וועשערין, פארטיפט זיך אין א צייטונג.

זאזא מיט נאטאליא קומען אריין און אויף די פראגע: צי איז זי מאדאם דונאיע ענטפערט זי יא.

מארקא דערציילט איהר, אז די מאדאם איז אוועק צום באנהויף צו באגלייטען דעם בעל־הבית, וואס פאהרט ווידער אפ, און געבעטען איהר ווארטען.

נאטאליא, א דערשראקענע, זוכט איינצורעדען זאזא זי זאל פארלאזען דאס הויז.

זאזא מאכט חוזק פון איהר, קוקט זיך ארום, איז ענטציקט פון דער וואהנונג, וואס שמעקט מיט ליבע און צערטליכקייט. זי וויל וויסען, ווער איז יענע פרוי און דערזעהט דערווייל אויפ'ן טיש א בריף אדרעסירט איינפאך צו מאדאם דופרען. הייסט עס, אז ער איז פארהייראט? זי פרובירט זיך טרייסטען, אז דאס איז א מנהג אזא אנצונעמען דעם נאמען פון געליבטען. זי לייענט דעם בריעף גופא, וועלכער איז אפען, און דארט שטעהט: „איך וועל באגעגנען אייער מאן". הייסט עס, אז ער און דאך פארט

פארהייראט! ער האט אבער געווים דאס ווייב. זי גלויבט איהם. ער וועט מיט איהר אוועק.

טאטא, דופרענ'ס קליין מיידעל, קומט אריין, און זאגט, אז זי איז געקומען שפיעלען פיאנא. זי פרעגט זיך נאך, צי זיי ווארטען אויף איהר מוטער?

זאזא פרעגט זיך נאך אויף איהר נאמען.

טאטא ענטפערט, אז איהר נאמען איז אנטאניעטא דופרען. אבער מען רופט איהר טאטא. זי דערציילט, אז זי איז זעהר ענליך צום פאטער, אז זי ליבט איהם, נאר גאנצע זעקס חדשים האט זי איהם ניט געזעהן. איצט איז ער אבער דא, האט זיי אויסגענומען אין צירק און באלד וועלען זיי אלע דריי אוועקפאהרען אין אמע־ריקא. זי פרעגט זיך נאך: צי האט זאזא ניט א קליין טאטא? איהר פא און מא האבען אזוי ליב זייער קליינע טאטא! צי ליבען איהרע עלטערן זי אויך?

זאזא דערציילט, אז זי האט איהר מוטער זעהר ווייניג געזעהן, ווייל זי פלעגט גאנץ פריה אוועק און אז ניט אלע מענ־שען זיינען גוט, אנדערע ליידען זעהר פיעל. עס זיינען פאראן קינדער, וועמען עס פעהלט מעהר ווי גרויסע. עס פעהלט זיי פא־טערס. און ארומנעהמענדיג טאטא, מיט טרעהרען אין די אויגען: דו דארפסט אבער קיין מורא ניט האבען, קיינער וועט ביי דיר דעם פא ניט צונעמען. זי האט געבעטען טאטא אויפצושפילען עפעס אויף דער פיאנא.

טאטא נעמט שפילען „אווע מאריא" פון טשערוביני און זאזא ווארפט זיך א וויינענדיגע אריין אין זאפא: עס איז דער סוף. ער איז פארהייראט, האט א קליינעם מלאך, א טאכטער. עס זיינען פאראן אין דער וועלט גליקליכע ווייבער און געבענשטע מוטערס. וואס ווייסען זיי פון אונז, קינדער פון נויט און קאמף? מיר זיינען די פארשטויסענע, די גאנצע וועלט ענטזאגט אונז אין ליבע.

טאטא ענדיגענדיג זעהט, אז זאזא וויינט און בעט איהר, אז זי זאל איהר א קוש טאן. אונטערדעסען הערט זיך א גערויש פון קארידאר און דאס קינד זאגט, אז דאס קומט די מוטער.

מאדאם דופרען קומט אריין א פארוואונדערטע.

זאזא ערקלערט, אז זיי האבען געמאכט א טעות און אריין אין א פרעמד הויז, אבער אז דאס קליין קינד, דאס מלאכ׳ל, האט זיי אונטערהאלטען. זי בעט אום ענטשולדיגונג, און זיי פארלאזען דאס הויז.

פערטער אקט.

זאזא׳ס וואהנונג ווי אין צווייטען אקט.

אנאאידע און מאלארדאריידען וועגען זאזא וואס איז אפגעפאהרען. מאלארדא ציטערט טאמער קומט זי ניט, וועט זיין געשעפט געהן צו גרונד.

זאזא קומט אריין א צעטומעלטע און באמערקט ניט דעם דירעקטאר. נאך איהר קומען אריין קאסקאר און נאטאליע. מען באווארפט איהר מיט פראגען.

זאזא ענטזאגט זיך צו געבען ערקלערונגען ניט דער מוטער און ניט דעם דירעקטאר: זי בעט איהם און די מוטער זי צו לאזען אליין. קאסקאר׳ן ערקלערט זי אבער, אז זי האט קיין אנדער טרייען פריינד ניט ווי נאר איהם און זי בעט ביי איהם אן עצה וואס צו טאן.

קאסקאר ערקלערט איהר, אז זי פארזוכט איצט די ביטער־קייט פון ליבע. אבער דער בעבער איז נאך ניט אויסגעטריקענט. עס ליגט פאר איהר א חוב, איהר חלום ביז יעצט איז געווען א פארפירונג. די האנט פון מלאך האט איהר דעם וועג אנגעוויזען. איהר געליבטער האט א פאמיליע. זי מוז איהם באפרייען. דאס איז די פליכט, דאס איז דאס רעכט. זי טאר איהם מעהר ניט עמפפאנגען. עס וועט זיין א גרויסער טעות איהם נאך אמאל צו זעהן. זי דארף איהם שרייבען, אנגעבען די אורזאך, עס איז ניט קיין פראגע פון העפליכקייט. א ווייב און קינד, דו מוזט איהם באפרייען!

נאטאליע מעלדעט, אז דופרען שטעהט אין עק גאס.

זאזא. ווילד פון פרייד, איז משלח קאסקאר'ן, נעמט זיך צופוצעו, הייסט פארבערייטעו אוועגט־עסעו, ראמט אויף דאס צימער, שטויבט ארום, איז פול פון אויפרעגונג און ערוואַרטונג.

דופרעז. ארומנעמענדיג איהר, פרעגט, פאר וואס איז זי אזוי אויפגערעגט.

זאזא. ארומנעהמענדיג איהם, דערציילט איהם, אז עס האט איהר זיך געחלומ'ט, אז זיין ליבע צו איהר איז טויט, אז ער האט איהר איבערגעלאזען, אז קיין זאך איז ניט געבליבען פון זייער ליבע, קיין פארשפרעכען, קיין צייכען. דערפאר איז זי איצט אזוי גליקליך, אז טרערען רינען. זי איז נאר נערוועז. זאלען זיי פייערען צוזאמען. זאל ער לאכען צוזאמען מיט איהר. דאס לעבען איז אזוי זיס. זי הייסט נאטאליע'ן דערלאנגען צום טיש, און בעט דופרען, ער זאל דערציילען נייעס פון שטאדט.

דופרען ענטפערט, אז אלץ איז דאס זעלבע. איינע ווערען געבארען, אנדערע שטארבען, רייסעס, נייע געלערנטע הינט אין צירק.

זאזא פרעגט: צי איז ער געגאנגען זיי זעהן.

דופרען ענטפערט, אז צוזאמען מיט צוויי פריינד איז ער געגאנגען אין צירק.

זאזא: מיט צוויי פריינד? פאר וואס נעמט ער איהר קיינמאל ניט אוים אין טעאטער?

דופרען זאגט, אז ער איז גרייט כאטש היינט ביי נאכט צו געהן מיט איהר. ער פרעגט, וואס פעהלט איהר, וואס דריקט איהר?

זאזא דערציילט, אז קאסקאר צווינגט איהר צו שליסען א קאנטראקט אין מארסייל, אבער ער קומט דאך אהין ניט.

דופרען ענטפערט, אז אזוי ווי ער פאהרט דאך סיי ווי סיי אוועק, קאן זי דעם קאנטראקט אננעמען. אבער זי דארף ניט זיין אויפגערעגט. עס איז דאך נאר אויף דריי, פיליכט פיר חדשים, און ער געהט אליין.

זאזא שפירנגט אויף: דו זאגסט ליגען, דו געהסט מיט דיין איינענער ווייב!

דופרען: פרעגט: צי ווייס זי?

זאזא: איך ווייס, דו האסט א פאמיליע און ווילסט מיך פארלאזען. איהר פארדריסט ניט די פארגאנגענהייט, אבער פאר וואס האט ער איהר גענארט, פאר וואס איז ער אריין אין איהר לעבען? ער האט ניט געהאט קיין רעכט איהר צו מאכען ליידען. ער האט געוואוסט איהר פארגאנגענהייט. אבער זי האט גע־חלומ׳ט צו געהן ביי זיין זייט אלס ווייב, אלס מוטער, געליבט, געאכטעט. איצט ווידער דאס אלטע לעבען פון שרעק. ער האט איהר געדארפט זאגען דעם אמת. ער האט איהר געקאנט שאנע־ווען.

דופרען פרעגט: צי קאן זי איהם פארווארפען, פאר וואס ער האט זי אזוי ליב געהאט? צי האט ער געקאנט ביישטעהן? עס איז די מאכט פון שיקזאל, וואס האט זיי צוזאמענגעבראכט. ער פארלאזט איהר ניט אויף לאנג.

זאזא ענטפערט, אז עס איז אויף אייביג, אז טאטא אליין האט עס איהר געזאגט, זי איז דאך געווען אין שטאדט אין זיין וואהנונג.

דופרען איז אויסער זיך: ווי האט זי געהאט די חוצפה, צו באגריסען זיין פרוי. וואס האט זי, פארשטויסענע באשעפע־ניש, געטאן צו צעשטערען איהר נשמה־רוה?

זאזא: ווי שטארק ער ליבט זי!

דופרען: אבער זי איז דאך מיין ווייב, בעת דו...

זאזא: געוויס, מיט אונז דארף מען זיין באהאלטען. איך צאהל מיט טרעהרען דעם פרייז, מיט דעם רויטען צייכען פון שאנד. האט די וועלט מיך געשטעמפעלט. „מיין ווייב״ — אין דעם ליגט די גאנצע געשיכטע. און מיט כעס האט זי איהם געגומען ארויס־טרייבען.

דופרען איז גרימצארן: ווי סמייעסטו?

זאזא: ניט נאר סמייע איך, דעם גאנצען אמת האב איך איהר דערציילט וועגען אונזערע קושען, וועגען די נעכט פון פאר־גניגען, דו געדיינקסט דאך.

ד ו פ ר ע ז כאַפּט זיך איהר ווי שלאַגעז, דאַן טוט איהר אַ שליידער אַן פאַדלאַגע מיט צאָרן: ווי אַזוי האָב איך איהר געקאַנט פאַרגעסען, די ריינע, ליבליכע באַשעפעניש, און ווערען ענטציקט פון דיר און פאַראומריינינגען דעם נאָמען, וואָס זי טראָגט מיט מיר דורך דיין צויבער־קונסט.

ז אַ ז אַ דאַנקט איהם, וואָס ער האָט איהר געהיילט פון איהר משוגעת. זי האָט טיעף אַריינגעקוקט ביי איהם אין האַרצען, און נאָר שאַנדע איז געבליבען ביי איהר. ער קאָן געהן צוריק צו זיין היים, וואָס איז אומגעשטערט, זיין ווייב ווייס גאָר ניט, זי האָט איהר גאָר ניט געזאָגט, זי אַליין האָט נאָר זיך דערוואוסט, וואָס זי האָט געדאַרפט.

ד ו פ ר ע ז פרעגט: צי קאָן זי איהם מוחל זיין?

ז אַ ז אַ ענטפערט: אייער ווייב איז אייער ליבע, דאָס איז אַלץ. זי קאָן ניט זאָגען, אַז זי האַסט איהם. נאָר זי וויל איהם מעהר ניט זעהן, און זי שטופּט איהם אַרויס. נאָר ווען ער געהט אַוועק, כאַפּט איהר ווידער אַן אַ בענקעניש נאָך איהם, זי רופט איהם, ער קומט ניט. איצט איז דאָס ענד!

פאליאטשי

(פאיאצען)
אפערא אין צוויי אקטען
פון רודשיערא לעאנקאוואלא

פראלאג.

טאניא, דער קלאון, טרעט ארויס פאר'ן פארהאנג און בעט דעם עולם אויסצוהערען זיין פראלאג, ווייל דער פארפאסער ליבט א פראלאג, אבער ער וועט זיי ניט דערציילען, אז די טרעהרען פון אקטיארען זיינען פאלש, אז ער האט קיין הארץ ניט צו פיהלען. ניין, אונזער פערפאסער האט א פראגע געבארגט דירעקט פון לעבען. צי איז אן אקטיאר ניט אזא מענש ווי איהר? מען וועט דא זעהן די פרוכט פון מענשליכע ליבע און ליידענשאפטען, הערצער וואס ליבען, געשרייען פון וועהטאג און צארן און ביטערען געלעכטער. מיר זיינען אלע מענשען ווי איהר פאר פרייד און טרויער. ווילט איהר הערען די געשיכטע ווי זי אנטוויקעלט זיך אליין זיכער און באשטימט? הויבט אויף דעם פארהאנג!

ערשטער אקט.

דער אריינפאהר אין א דארף.

מענער, פרויען און אינגלאד ווייזען אז אויף די אנקומענדע אקטיארען. זיי באגריסען דעם פאיאץ, דעם קעניג פון פרעהליכקייט.

קאניא, דער פאיאץ, לאדעט איין דעם עולם אויף זיבען

א זייגער זיי צו ווייזען די צרות פון ארימען פאנטשיעלא און זיין נקמה, און טאניא דער קלאון וועט אויך אויפטרעטען. טאניא. דער קלאון ,וויל העלפען נעדא ארויסגעהן פון וואגאן. אבער קאניא טרייבט איהם אוועק.

ק א נ י א רופט טאניא מיט זיך.

ט א נ י א ענטפערט, אז ער דארף צופוצען דאס פערדעל. דאן וועט ער קומען.

א ד א ר פ ס מ א ן ווארנט קאניא, ער זאל האלטען אן אויג, יענער איז א מחותן מיט נעדא.

ק א נ י א בארוהיגט איהם. דאס לעבען איז אנדערש ווי אין שפיל. דארט אין שפיל, אויב ער כאפט א ליב־האבער מיט זיין ווייב, לאזט ער זיך פון יענער שלאגען. אבער אויב נעדא זאל אין אמת'ן איהם אפנארען, וואלט גאר אן אנדער סוף געווען.

ד ע ר ד א ר פ ס מ א ן פרעגט: צי ער פארדעכטיגט זי נישט?

ק א נ י א ענטפערט, אז דאס איז ניט מעגליך. ער ליבט און אכטעט זי.

ד ע ר כ א ר רופט אלעמען אין קירך. ווארום עס ווערט אווענד.

נ ע ד א בלייבענדיג אליין איז שטארק איבערגעשראקען פון מאנ'ס בייזען בליק. זי ציטערט, איהר הארץ קלאפט פון שרעק. קוקענדיג צום הימעל פרעגט זי די פויגעלאך, וואוהין גהען זיי? וואס זוכען זיי? איהר מוטער האט פארשטאנען דעם מיין פון זייער זיסען געזאנג. זיי פליהען אוועק ווייט אין הימעל אויף אייביג. זיי האבען זייערע שעהנע פאנטאזיעס, זייערע חלומות. דער שיקזאל פיהרט זיי און זיי געהען אלץ ווייטער. דערזעהענדיג טאניא, פרעגט זי, ווי קומט ער דא?

ט א נ י א ענטפערט, אז איהר זינגען האט איהם צוגעצויגען. ער ווייסט, אז זי האסט איהם און לאכט אפ פון איהם. ווארום וואס איז א קלאון? ער שפילט זיין ראלע. אבער ער האט א הארץ. זיין גאנצען לעבען וויל ער איהר אפגעבען און שטארבען פאר איהרע פיס. ער בעט, זי זאל איהם אויסהערען.

נ ע ד א ענטפערט, אז זי ווייס אז ער ליבט זי. פאר וואס לייגט ער ניט אפ די ודוי ביז ביינאכט, ווען ער וועט שפּילען דעם פּאיאץ?

ט א נ י א זאגט, אז ער מוז איצט זיך ערקלערען. אז ער ליבט זי און פארגעטערט זי, און זי מוז זיין זיינע.

נ ע ד א פרעגט מיט וואס זאל זי אפקיהלען זיין ליבע, צי זאל זי איהם אנרייסען פאר די אויערען.

ט א נ י א סטראשעט איהר, אז ער וועט איהר מאכען צו באצאהלען.

נ ע ד א פרעגט, צי זאל זי רופען קאניא?

ט א נ י א וויל איהר כאפּען א קוש טהאן.

נ ע ד א דערזעהט א בייטש, כאפּט עס און דערלאנגט איהם א שמיץ איבער'ן געזיכט.

ט א נ י א שווערט, אז ער וועט זיך נוקם זיין.

נ ע ד א רופט איהם מאוס'ער שלאנג, שוטה, מאוס אין גוף און נאך מאוס'ער אין נשמה.

ס י ל ו ו י א, א יונגער פויער, קומט אן און רופט זי.

נ ע ד א האט מורא אין אזא שעה.

ס י ל ו ו י א זאגט, אז ער האט קאניא געלאזען אין שענק טרינקענדיג.

נ ע ד א האט מורא פאר טאניא, וואס האט אקארשט גע־פּרובירט איהר א קוש טאן, פאר וואס זי האט איהם א שמיץ געטאן.

ס י ל ו ו י א בעט זיך ביי איהר, זי האט זיין שיקזאל אין איהרע הענט, זי וועט אוועק. ער ליבט זי און קאן אהן איהר ניט לעבען. זי מוז מיט איהם אנטלויפען.

נ ע ד א ענטפערט, ער זאל איהר ניט פּרובירען פארפיהרען. זי האט איהם איהר הארץ אוועקגעגעבען. זאלען זיי זיך געזעגענען. אז ניט וועט איהר הארץ צובראכען ווערען. דאס בעסטע איז זיך פאנאנדערצוגעהן, כאמש זי וועט שטענדיג חלום'ען וועגען איהם און לעבען מיט איהם.

ט א נ י א דערזעהט זי פון זייט און ער איז צופרידען וואס ער האט זיי געכאפּט.

ס י ל ו ו י א בעט זיך ביי איהר, פאר וואס האט זי איהם געלערנט די צויבער־געשיכטע פון ליבע, פאר וואס האט זי איהר הארץ איהם געשאנקען? ער מוז האבען איהר ליבע.

נ ע ד א פארשפרעכט, אז זי וועט זיין אויף אייביג זיינע און פארשפרעכט צו קומען.

טאניא קומט אן מיט ק א נ י א און הייסט איהם געהן שטיל, וועט ער זיי נאך כאפען.

ס י ל ו ו י א און נ ע ד א פארשפרעכען זיך צו טרעפען ביינאכט, ווען יענע קומען אן. סילוויא אנטלויפט אין צייט.

נ ע ד א . זיך וואונדערנדיג צו טאניא זאגט, אז עס איז זיין אויפטהו.

ט א נ י א לייקענט ניט און פארשפרעכט א צווייטען מאל בעסער צו טהאן.

ק א נ י א פאדערט, אז זי זאל איהם זאגען דעם ליבהאבערס נאמען, און אויב ער האט ביז איצט ניט איהר האלז צושניטען, איז עס ווייל זי מוז איהם פריהער זאגען, ווער עס איז איהר געליבטער.

נ ע ד א ענטפערט, אז קיינמאל וועט זי ניט אויסזאגען.

ק א נ י א ווארפט זיך אויף איהר.

ב ע פ ע פרובירט איהם בארוהיגען. מענשען זעהען. ער בעט טאניא זאל איהם העלפען איהם צוריקהאלטען. ער הייסט נעדא זיך אנטאן, זי ווייסט דאך, אז קאניא איז א היציגער אבער א צערטליבער.

ט א נ י א רעדט איהם איין, אז ער זאל מאכען זיך ווי ער האט זיך כלומר'שט בארוהיגט, ווארום יענער וועט צוריקקומען.

ק א נ י א זעהט, אז ער מוז זיין באצוואונגען, ער מוז זיך אנקלייבען מיט מוט, זיך באפארבען, באשמירען, דער עולם צאהלט און וויל ער זאל לאכען. אויב הארלעקין האט פאנטשינעלא בא־גנב'עט, טו לאכט פאנטשינעלא, דער עולם וועט פאטשען בראווא, געה, באהאלט דיינע טרעהרען אונטער דייז געלעכטער. לאך פאנ־

טשינעלא, ווארום דיין ליבע איז געענדיגט, לאז ווארום דער אומעט עסט אויף דאס הארץ.

צווייטער אקט.

פ ר ו י ע ן און מ ע נ ע ר רופען איינע די אנדערע שנעלער זיך אונטערצואיילען צו דער פארשטעלונג.

ב ע פ ע פרובירט האלטען ארדנונג.

ס י ל ו ו י א באמערקט נעדא און רופט איהר צו, זי זאל ניט פארגעסען צו קומען ביינאכט.

ד א ס ש פ י ל הויבט זיך אן.

ק א ל ו מ ב י נ א (נעדא) פיהלט זיך זיכער, וואס קיינער איז ניטא און זי באשליסט זיך צו באגעגענען דעם געליבטען.

ד ע ר ק ל א ו ן (בעפע) זינגט הינטער דער ביהנע רופענדיג צו קאלומבינא, זי זאל עפענען די טיר און ארונטער צו איהם, אז ניט וועט ער שטארבען אהן ליבע.

ט א ד ע א (טאניא) ארייננקומענדיג מיט א קערבעל און מיינענ־דיג ,אז קאלומבינא איז אליין, ערקלערט ער זיך איהר אין ליבע.

ק א ל ו מ ב י נ א וויל וויסען, וואו דער מאן איז און מיט וואס פאר א שליחות איז ער געשיקט געווארען?

ט א ד ע א ערקלערט זיך צו איהר אין ליבע און פאדערט איהר אויף, זי זאל זיין זיינע.

ק א ל ו מ ב י נ א כאפט איהם אן פאר'ן אויער אוןווארפט איהם ארויס.

ד ע ר ק ל א ו ן קומט אריין און איז צופרידען וואס זי ענטפערט זיין ליבע.

ק א ל ו מ ב י נ א לאדעט איהם איין צום אווענדעסען.

ד ע ר ק ל א ו ן דערלאנגט איהר א פלעשעל, פון וועלכען ער הייסט איהר ארייננגיסען אין מאנ'ס וויין.

ט א ד ע א קומט אריין א דערשראקענער, מעלדענדיג אז דער מאן איז נעקומען און זוכט וואפע.

ד ע ר פ א י א ץ (קאניא) קומט אריין, און כאטש ער ווערט פריינדליך באגריסט פון זיין ווייב, איז ער דאך מיסטרויאיש און וויל וויסען, ווער דא איז געווען?

ק א ל ו מ ב י נ א פרובירט לייקענען און באשליסט ענדליך ארויסצורופען טאדעא פון באהעלטעניש.

ט א ד ע א באשטעטיגט, אז זי איז ריין און אומשולדיג.

ק א נ י א וויל אבער וויסען דעם נאמען. עס איז שוין מעהר ניט, זאגט ער, קיין שפיל. מיט בלוט וויל ער זיין שאנד אפוואשען. ער האט זי געליבט מעהר ווי גאט. ער האט גע'חלמ'ט, אז זי איז טריי. זי האט אבער זיין הארץ צובראכען. ער האט זי געליבט. איצט האסט ער זי.

נ ע ד א ענטפערט, אז אויב זי איז אומווירדיג פאר איהם, זאל ער זי אפלאזען.

ק א נ י א פארזיכערט איהר, אז ער וועט איהר ניט אפלאזען אין דעם געליבטענס ארעמס. זי מוז פארבלייבען און אנרופען יענעמס נאמען.

נ ע ד א מאכט חוזק פון זיין טראגישקייט. דער ארימער קלאון איז עס און ניט קיין אנדערער, וואס איז מיט איהר געווען.

ק א נ י א געהט ארויס פון די כלים. זי מוז אנרופען דעם געליבטענס נאמען.

נ ע ד א שווערט ביי איהר מוטערס נשמה, אז זי וועט ניט זאגען. זי האט פאר זיין כעס קיין מורא ניט. ליבע איז א שטארקערע וואפע.

ק א נ י א ווארפט זיך צו איהר מיט א קינזשאל.

נ ע ד א רופט אוים: סילוויא, העלף מיר! און שטארבט.

ק א נ י א ווארפט זיך אוי פסילוויא און דערשטעכט איהם אויך.

עס ווערט א גערודער. מען ווארפט זיך אויף איהם.

ק א נ י א: די קאמעדיע איז געענדיגט!

לאמארע דעי טרע רע

(די ליבע פון דריי קעניגען).

א טראגישע פאעמע אין דריי אקטען.

פון איטאלא מאנטעמעצי.

ערשטער אקט.

א גרויסער זאל אין א שלאס אין איטאליען, אין מיטעלאלטער.

א ר ט ש י ב א ל ד א , דער אלטער בלינדער פירשט, בעט זיין באדינטען, פלאמיניא, נאכצוקוקען, צי די טיר איז פארשלאסען, האט אבער באלד חרטה און הייסט אזוי לאזען. ער וויל וויסען ווער שלאפט דארט אנטקעגען?

פ ל א מ י נ א ענטפערט, אז דארט שלאפט פיארא, זיין זוהנס ווייב.

א ר ט ש י ב א ל ד א הייסט איהר לאזען שלאפען, זי איז יונג. ער אבער קאן ניט צושליסען די אויגען. ער פיהלט, אז זיין זוהן מאנפרעדא קומט אן.

פ ל א מ י נ א ענטפערט, אז דאס איז ניט מעגליך, ווייל ער קעמפט נאך געגען זייערע לייט הינטער די בערג. ער דערציילט איהם, אז ער איז געבארען אויף די שפיץ בערג, דארט איז אויך די פרינצעסין פיארא געבארען געווארען. מען האט צוליב שלום זי אפגעגעבען איהם, באטש דער פרינץ אוויטא האט געדארפט מיט איהר חתונה האבען.

ארטשיבאלדא קאן זיך אלץ ניט בארוהיגען. זיינע געדאנקען טראגען זיך אין דער פארגאנגענהייט, פון וועלכע ער קאן געדענקען נאר איטאליען. אלס יונגער מאן, מיט פערציג יאהר צוריק, איז ער אין דעם געגענד געקומען מיט א שטארקען אייזער־נעם ווילען צו ערָאבערן. די שטארקסטע פון צווישען אונז האט מען אויף פערד געזעצט און ווי נאר זיי האבען דערפילט דעם באל־זאם־ווינטעל פון איטאליען, האבען זיי באלד איינגעאטעמט דעם אויפרעגענדען גייסט פון ערָאבערונג. און די שעהנע גאטהייט האט זיך באוויזען פאר אונז... מיר האבען זי ליב געקראגען און קיינער וועט זיך מעהר פון איהר ניט ענטזאגען. און דאס האבען מיר געוויינט בעטענדיג, אז זי זאל זיין ניט די מוטער נאר די שקלאפין, ווייל ווען זי זאל זיין די מוטער, וואלט זי אונז געלערנט ווי אין אמת'ן צו ערָאבערן די וועלט. און זיך ווענדענדיג צום דינער, באפעלט ער איהם אנצוציגדען א לאמטערנע. יענער ציהט איהם אוועק צו זיין צימער אויף לינקס, ער קערט זיך אבער אום צו געהן צוריק אין דער נאכט.

אוויטא, דער פרינץ, קומט ארויס פון רעכטס אייגעוויי־קעלט אין א מאנטעל. נאך איהם באוויזט זיך די ווייסע פיגור פון פיארא. ער זאגט, אז די נאכט איז נאך טיף, צו פריה האט זשער־ראנטע דעם סיגנאל געגעבען. זיי זאלען נאך פארבלייבען דא א ביסעל אין אט דער נאכט פון ליבע און שיידונג.

פיארא איז איבערגעשראקען פאר וואס ער ציטערט אזוי. זי בעט ער זאל איהר געבען די ליפען א קוש צו טאן, דאס וועט איהם ברייגגען פרידען.

זיי האלטעןביידע אין זייער ליבעס־געשפרעך, ביז אוויטא באמערקט, אז עס הויבט אן צו שפראצען אויף טאג. עס איז שפעט. די לאמטערנע איז אויסגעלאשען.

פיארא פרובירט איהם צוריקהאלטען, דערשרעקט זיך אבער אליין ענדליך און הייסט איהם לויפען. ער אנטלויפט דורך דער טעראסע.

ארטשיבאלדא באוויזט זיך אונטערדעסען פאר'ן טיר

און רופט איהר: פיארא, איך פיהל, אז דו ביזט דא נאהענט, דו ביזט אזוי אויפגערעגט, מיט וועמען האסטו דא גערעדט?

פ י א ר א ענטפערט, אז דאס האט זי צו זיך אליין גערעדט.

א ר ט ש י ב א ל ד א גלויבט אבער ניט, ער וויל וויסען דעם אמת. זי איז ווי א קינד וועו זי זאגט ליגען. ווער איז געוועזען מיט איהר?

פ י א ר א ענטפערט, אז קיינער ניט, אז זי איז ארויס אויף דער טעראסע טראכטען וועגען איהר מאן.

א ר ט ש י ב א ל ד א שרייט אויס, אז די אומענדליכע נאכט דריקט איהם ווי מיט אייזענס. ער וויל, אז זי זאל צו איהם ניט צוגעהן, עס שווידערט איהם פון איהר. ער האט געהערט די פערזאן. וואס האט דא זיך פארבייגעטראגען ווי א פליגעל פון שניי. ער ווייסט, אז זי נארט איהם, מוז ער איהר ליגען אננעמען, אום ניט רויט צו ווערען, וועו ער וועט איהר משפט׳ענדיג מוזען זאגען: ניין, זי נארט מיך ניט!

פ י א ר א רופט אויס: מיין הערשער!

א ר ט ש י ב א ל ד א הייסט איהר געהן, ווארום ער קאן איהר ניט אנרירען, סיידען איהר צו דער׳הרג׳ענען.

פ ל א מ י נ י א מעלדעט דערוויל פון דרויסען, אז א טרופע סאלדאטען קומט אן איבער׳ן בריק און ער דענקט, אז מאנפרעדא איז צווישען זיי.

א ר ט ש י ב א ל ד א הייסט איהם לויפען אנטקעגען איהם; איהר אבער הייסט ער געהן צוריק אין בעט. זי פארשווינדט.

מ א נ פ ר ע ד א, דער זוהן, קומט אן און באגריסט דעם פאטער. ער ערווארט אז די מלחמה וועט באלד זיין צו ענד. ער פרעגט זיך נאך אויף די פרוי, פיארא, און באקומט דעם ענטפער פון פאטער, אז זי שלאפט. ער פערזיכערט דעם פאטער, אז די גאנצע צייט האט ער זיך אויפגעפיהרט אומשולדיג־רייז. ער האט אלץ געווארט, אז פיארא וועט איהם אויסלערנען ווי צו ליבען, ווארום דער פאטער האט זי דאך ערצויגען,ווי אן אומשולדיג שעפכעלע.

א ר ט ש י ב א ל ד א הייסט איהם געניסען זיין גליק. פיארא ווארט אויף איהם, זי קומט, ער הערט איהרע טריט.

פ י א ר א באווייזט זיך מיט א קאלטער פריינדליכקייט, זי דערצעהלט איהם, אז זי איז דעם פריהמארגען אויפגעשטאנען פאר־טאג, איז ארוים אויף דער טעראסע אויסקוקענדיג אויף איהם.

א ר ט ש י ב א ל ד א באשטעטיגט אויף דעם זוהנס פראגע איהר דערצעהלונג.

מ א נ פ ר ע ד א איז איבערגליקליך. ער וויל איהר אוועק־טראגען צו איהר בעט און זיך וועגדענדיג צום פאטער זאגט ער, אז יענער מוז זעהן, ווי גליקליך ער איז, ווארום א צו שטארקער שטראהל שטראמט פון זיין הארצען.

א ר ט ש י ב א ל ד א דאנקט גאט, וואס ער איז בלינד, וואס ער דארף עס ניט זעהן.

צווייטער אקט.

א רונדע טעראסע אויף דעם הויכען שלאס־טויער.

מ א נ פ ר ע ד א , אריינגעהענדיג געארעמט מיט פיארא, פרעגט איהר פאר וואס איז זי אזוי צוריקגעהאלטען ביי זיין נייער צרה, וואס ער מוז איהר ווידער פארלאזען און איהם דאכט זיך, ווי אויף אייביג?

פ י א ר א ענטפערט, אז זיין גיכער אוועקפאהרען און זיין אפטער אוועקזיין, ברייננען איהר אליין אין אזא געדריקטע שטימונג.

מ א נ פ ר ע ד א פיהלט זיך ניט באפרידיגט פון איהר ער־קלערונג. ער וואלט וועלען עפעס א באווייז, אז זיין הארץ זאל קאנען בלייבען רוהיג ווען ער איז פון ווייטען.

פ י א ר א וויל וויסען, וואס פארלאנגט ער, איהר לעבען?

מ א נ פ ר ע ד א ענטפערט, אז זיינע טרייע באגלייטער ווארטען אויף איהם. זיי זיינען אלע פרעהליך, פול מיט אמביציעס. נאר ער אליין האט פארלארען יעדע פרייד, ווייל ער לאזט איבער זיין נעליבטע אליין. ער וויל פון איהר איין זאך: זי זאל פאר־

בלייבען א ביסעל לענגער, זיך אויפהאלטען אויפ׳ן מויער און זאל מיט איהר טוד באגריסען איהר אפרייזענדען מאן און ער שווערט, אז איהם וועט זיך דאן דוכטען, אז זי טרינקט אפ די טרעהרען פון זיין הארצען.

פיארא ענטפערט מיט אמת׳ער מיטלייד, אז דאס וועט געטאן ווערען און נאכדעם ווי דער מאן קושט איהר הייס, הויבט זי זיך אויף די טרעפ און עס דערהערט זיך ווי אוויטא רופט איהר.

אוויטא דערצעהלט איהר, אז ער איז די גאנצע צייט געוועזען לעבען איהר באהאלטען.

פיארא ענטפערט, אז זי קאן איהם מעהר ניט זעהן. ניט ליבען, ניט הערען זיין שטים.

אוויטא וויל גאר ניט גלויבען, אז זי זאל אזוי ריידען.

פיארא ערקלערט איהם, אז אין איהר לעבען איז אריין א פינסטערע שטילקייט. זי איז ערגאבערט דורך דער פריינדליכ־קייט, רחמנות צום מאן. צי ווייסט ער, אז איהר מאן איז אוועק? ער זאל איבערלאזען און פרידען.

א דינערין קומט אן און ברייננט אריין א קעסטעל.

פיארא עפענט און ציהט ארויס א ווייסע טוד. זי געהט ארויף אויף די טרעפ, זעהט ווי די רייטער געהען פארביי און בא־גריסט זיי מיט׳ן טוד.

אוויטא קערט זיך אום, געזעגענט זיך מיט איהר צום לעצטען מאל, אויב זי ענטזאגט איהם דעם לעצטען קוש, זאל זי איהם כאטש ערלויבען דאס ווייסע טוך לאשטשענען.

פיארא לאזט איהם זיך ניט אנריהרען. זי ערקלערט איהם, אז זיין לעבען איז איהר לעבען, אבער א מיסטעריעזע כוואליע פון פריינדליכקייט האט איהר פארכאפט. ער איז אויך ווי א צווייג, וואס איז פון ווינט פארכאפט געווארען. זי פארבאט איהם ארויפצוקומען צו איהר.

אוויטא וויל אויב אזוי אנטלויפען פון דאנען.

פיארא הייסט איהם אבער פארבלייבען, א קוש טאן דעם פראנז פון איהר קלייד.

אוויטא קושט הייס איהר קלייד. אבער די קושען

שטעכען, אזוי ווי נאדלען וואלטען דארט שטעקען. ער קאן מעהר איהר ניט געהארכען. ער קניעט פאר איהר.

פיארא באקלאגט זיך, אז ער איז אזוי ווי בליי, וואס שלעפט איהר ארונטער. זי לאזט זיך ארונטער און פאלט אריין אין זיינע ארעמס. זיי פאלען אריין אין א ליבעס־עקסטאז, זיך קושענדיג איינע ביי דעם אנדערען אין די ארימס.

ארטשיבאלדא רופט פארדראסיג: פיארא, און קומט שנעל אריין, נאכגעפאלגט פון פלאמינא. ער הייסט דעם זעלבען איהם זאגען ווער דארט איז?

פלאמינא ענטפערט, אז קיינער ניט אויסער פיארא און מעלדעט איהם, אז דער יונגער באראן האט אומגעקערט דאס פערד אויף צוריק.

ארטשיבאלדא הייסט פלאמיניא'ן געהן איהם באַגעגענען, און שטעהט צו צו פיארא'ן: ער האט געהערט פוס־טריט דא.

פיארא באשליסט זיך איהם צו זאגען, אז דאס איז געווען איהר אמת'ער געליבטער און ער, דער אלטער, וואס האט איהרע טריט נאכגעפאלגט ווי נקמה אדער טויט קאן מעהר איהר ניט איינשרעקען.

ארטשיבאלדא וויל וויסען יענעמס נאמען.

פיארא זאגט, אז זי וועט עס זאגען מאנפרעדא'ן, וועלכער איז פריינדליכער.

ארטשיבאלדא גיט איהר א שטארקען קלאפ, כאפט איהר פאר'ן האלז: זי מוז זאגען דעם נאמען! מאנפרעדא וועט איהר מוחל זיין, אויב זי וועט זאגען דעם נאמען, אבער ניט ער.

פיארא ערקלערט,אז זיין נאמען איז: טויט איז וויל־קאמען. זי פרובירט זיך אויפהויבען.

ארטשיבאלדא דערוועהגט איהר שרייענדיג: דו פאלשע, פארדארבענע האלז. עס בעפאלט איהם א שרעק, דערמאנענדיג זיך אז מאנפרעדא'ס באלדיגען אנקומען.

מאנפרעדא קומט אן און וויל וויסען וואס עס האט פאסירט מיט פיארא'ן: צי איז זי אפשר אראפגעפאלען פון מויער.

ווייל ער האט מיט אמאל אויפגעהערט זי צו זעהן פאכענדיג מיט׳ן טוך.

א ר ט ש י ב א ל ד א בעט דעם שווערט, כדי ער זאל קאנען אריינשטעכען זיך אין ברוסט. ער האט זי ערמארדעט.

מ א נ פ ר ע ד א קען עס ניט גלויבען: זי איז טויט? זי עקזיסטירט מעהר ניט?

א ר ט ש י ב א ל ד א ענטפערט, אז זי איז געווען פונקט אזוי אומריין ווי שעהן. זי האט איהם אפגענארט אין איינען הויז. ער האט זי געכאפט ביי דער שענדליכסטער טאט, בעת זי האט געפאכעט צו איהם אן אבשייד.

מ א נ פ ר ע ד א איז אויסער זיך, וואס זי איז געווען פעהיג אויף אזא ליבע, זאגאר ביז נאכ׳ן טויט! ער וויל זיך אויסוויינען אויף איהר ברוסט.

א ר ט ש י ב א ל ד א דערלאזט איהם ניט. אויף די פראגע: ווער איז יענער געווען? ענטפערט ער, אז צום באדויערען איז ער בלינד און ניט געקאנט זעהן, אבער ער וועט טאפען די שאטענס און וואו דער פאררעטער זאל זיך ניט באהאלטען, וועט ער איהם דערזעהן און כאפען. ער וויל, אז דער זוהן זאל איהם ווייזען דעם וועג צום ים און ער וועט נאכגעהן נאך זיינע טריט. און ארויפלעגענדיג פיארא׳ס קערפער ביי זיך אויפ׳ן ברוסט, האט ער גענומען נאכגעהן זיין זוהנ׳ס טריט.

דריטער אקט.

א צימער אין קלויסטער.

פיארא ליגט אויף א בעט פון בלומען.

ד ע ר כ א ר זינגט: וועגען טויט, וואס דער באשעפער רופט.

א י ו נ ג ע מ י י ד ע ל הויבט זיך אויף פון די קני און זאגט, אז זי איז געקומען פון א ווייטען לאנד צו זעהן די פרינצעסין פון דאס ניי און זי געפינט נאר די גאנצע וועלט וויינענדיג.

מענער, פרויען, יונגע נ ד אלע באוויינען פיארא.

אז אלט פאר שרייט אוים, אז אין פיארא׳ס געזיכט איז אנגעשריבען: נקמה.

די פרויען באשטעטיגען עס און פאדערען אויף צו נעהמען נקמה פאר איהרטוועגען.

אוויטא, ווענען די אלטע פרוי דערקענט צו ערשט, געזעגענט זיך מיט פיארא. איהם דוכט זיך צו ערשט, אז זיי זיינען ווידער אליין. מיט אמאל דערמאנט ער זיך, אז זי איז טויט. זי איז אבער א טויטע אויך פארבליבען זיינע. וויינענדיג ווארפט ער זיך אנידער לעבען איהר; ער פיהלט, אז ער געהט אונטער צוזאמען מיט איהר. אבער מיט אמאל הויבט ער זיך אויף: איהם דוכט זיך, אז מען דערקענט איהם.

מאנפרעדא דערנעהענטערט זיך. ער איז צופרידען וואס ער האט ענדליך געכאפט דעם פארפיהרער, ווערט אבער איבעראשט דערזעהענדיג, אז אוויטא איז עס געווען איהר גי־ליבטער: ער האט אויף איהרע ליפען א שטארקען גיפט ארויפגע־טאן כדי צו פארגיפטען דעם פארפיהרער, וואס וועט קומען איהר דעם לעצטען קוש טאן. איצט מוז ער שטארבען.

אוויטא וויל ניט גלויבען, אז מאנפרעדא זאל אויף אזא אופן באשמוצען איהרע הייליגע ליפען.

מאנפרעדא ענטפערט, אז דאס האט ניט ער, נאר דער פאטער געטאן צוליב איהם. ער וויל נאר וויסען, צי האט זי טאקי געליבט אוויטא.

אוויטא ענטפערט, אז זי האט איהם געליבט ווי דאס לעבען, וואס זיי האבען פון איהר אוועקגענומען, נאך מעהר. אבער זאל ער ניט אפלייגען די נקמה, ווייל ער האלט שוין ביים שטארבען. ער שאקעלט זיך ווי אומצופאלען.

מאנפרעדא כאפט איהם אונטער און לייגט איהם אוועק אויף דער ערד. ער הויבט אויף די הענט צום הימעל און פרעגט ביי גאט, פאר וואס קען ער ניט האסען? ער ווענדעט זיך צו

פיארא, זי זאל איהם העלפען אין זיין נויט, זי זאל קומען צוריק. ער וויל קומען צוריק צו איהם, אויף אייביג. ער לאזט זיך אראפ און קושט אויך איהרע ליפען און בלייבט ליגען דארט, פיהלענדיג ווי דער טויט קומט אונטער.

א ר ט ש י ב א ל ד א קומט אן, ווען עס איז אין גאנצען פינסטער. ער כאפט אן מאנפרעדא׳ס קערפער און שרייט: גנב, איצט האב איך דיך געכאפט, איך פיהל דיין הארץ איז טויט.

מ א נ פ ר ע ד א מיט אפשטארבענדער שטים: פאטער, דו האסט א טעות!

א ר ט ש י ב א ל ד א הויבט זיך אויף אין פולער הויך: מאנפרעדא, דו געהסט אלזא אויך מיט מיר אין די שאטענס צו זוכען די רעטונג.

טאיס

א לירישע אפערא אין 3 אקטען און 7 בילדער
פון זשול מאסנע.
(לויט דער ערצעהלונג פון אנאטאל פראנס).

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

אין דעם מדבר פון טעבען. געצעלטען פון סענאביטען. פאר נאכט. צוועלף פרומע פרושים־ סענאביטען מיט זייער עלטסטען פאלעמאן זיצען ארום א טיש און עסען רוהיג. עס איז דא איין ליידיג פלאץ פאר דעם פעהלענדען אטאנאעל. זיי דאנקען גאט פאר זיינע מתנות און זיינען מתפלל, אז גאט זאל אפהיטען זייער ברודער אטאנאעל געגען פארפיהרונגען. מאנכע צווייפלען צי וועט ער גאר צוריקקומען. דער עלטסטער פאלעמאן פארזיכערט אבער זיי, אז ער דערנעהענטערט זיך שוין.

אטאנאעל קומט אן לאנגזאם און ווערט באגריסט. ער זעצט זיך אוועק א פארמאטערטער, ענטזאגט זיך פון עסען, טענה׳־ענדיג אז זיין הארץ איז פול מיט ביטערניש דערפאר, וואס די שטאדט איז אזוי זינדיג. באזונדערס איז עס א פרוי טאיס, וואס פארשלעפט די גאנצע שטאדט אין גיהנום אריין. טאיס. זאגט ער

וויטער, איז די בארימטע פריסטערין פון דער געטין פון ליבע, ווענוס. שוין אלס קינד האט ער איהר געקענט. אבער ער האט גע־ראטעוועט זיין נשמה פון איהרע נעצען אנטלויפענדיג אין מדבר און טוענדיג תשובה. איצט וויל ער ראטעווען איהר נשמה פאר גאט.

פאלעמאן און די סענאביטען פרובירען איהם אפריידען דערפון, זיך ניט מתחתן צו זיין מיט'ן טייוועל.

אטאנאעל ציהט זיך אויס, און ווי די גאכט קומט אן דערזעהט ער פאר זיך א זעהונג — דאס אינעווייניגסטע פון טעאָ־טער אין אלעקסאנדריא מיט דער האלב־נאקעטער טאיס אויף דער ביהנע. א גרויסע באגייסטערונג הערשט ארום איהר. מיט אמאל פארשווינדעט די זעהונג און עס הויבט אן צו טאגען. אטאנאעל כאפט זיך אויף און אין גרויס אויפרעגונג בעט ער ביי גאט איהם צו געבען כחות צו ראטעווען איהר נשמה. ער באשליסט זיך אומ־צוקערען אין שטאדט דורכצופיהרען זיין מיסיאן, ניט הערענדיג די התראות און בקשות פון זיין עלטסטען און חברים.

צווייטעס ביל ד.

א טעראסע ביים הויז פון ניציאס אין אלעקסאנדריא.

אטאנאעל קומט לאנגזאם אן און א דינער וויל איהם אוועקטרייבען. ער אבער הייסט איהם מעלדען דעם בעל־הבית, אז ער וויל ריידען מיט איהם. און ווארטענדיג רעדט ער וועגען דער זינדיגער שטאדט אלעקסאנדריא, זיין געבורטס־שטאדט, וועל־כע ער האסט אבער פאר איהר רייכקיים, פאר איהר וויסענשאפט,

פאר איהר שעהנקייט און פארשילט אלס א טעמפעל, וואס איז באזוכט פון שלעכטע כחות.

נ י צ י א ס באוויזט זיך, זיך אנשפארענדיג אויף צוויי בילד־שעהנע פרויען, קראביל און מירטאל, און דערפרעהט זיך דער־זעהענדיג זיין אלטען פריינד און ברודער, און פרעגט איהם: צי האט ער שוין פארלאזען דעם מדבר און געקומען צורים?

א ט א נ א ע ל זאגט, אז ער איז געקומען נאר אויף א טאג און פרעגט צי קען ער די קאמעדיאנטקע טאיס, די קורטיזאנקע.

נ י צ י א ס ענטפערט, אז ניט נאר קען ער זי, נאר אז זי איז זיינע פאר נאך איין טאג, און צוליב איהר האט ער אלץ פארקויפט. נאר וואס וויל ע ר פון איהר?

א ט א נ א ע ל ענטפערט, אז ער וויל איהר פיהרען צוריק צו גאט, אז ער וויל איהר אפרייסען פון די שמוציגע ליבשאפטען... און וויל איהר פאר'קנס'ען צו יעזוס'ען. ער בעט, אז מען זאל איהם לייהען אן אנשטענדיגען מאנטעל, ווייל ער וויל בייוואוינען דעם פעסט, וואס ניציאס גיט לכבוד איהר.

מ י ר ט א ל און ק ר א ב י ל נעמען זיך פאר די ארבייט איהם צוצופוצען און זיי, ווי אויך ניציאס אליין, ווערען איבער־ראשט ווי שעהן און פרעכטיג ער זעהט איצט אוים. ווי פייערדיג זיינע אויגען זיינען.

אונטערדעסען באווייזען זיך גרופען קונצען־מאכער און קאמע־דיאנטען, דורכגעמישט מיט פילאזאפען, און מעלדען דאס אנקומען פון טאיס.

ט א י ס זעגענט זיך מיט ניציאס, ווען זי האלט איז פארלאזען נאך דער נאכט, און באמערקענדיג אטאנאעל'ן פרעגט זי: ווער איז דער פרעמדער מיט די פייערדיגע אויגען? פון וואנען קומט ער? וואס ברייננגט ער? ליבע?

נ י צ י א ס דערציילט איהר, אז דער צוועק פון אטאנאעל'ס קומען איז איהר מגייר צו זיין.

א ט א נ א ע ל און ט א י ס לאזען זיך אריין אין א וכוח מכח זינד און רעטונג. ער שרעקט זיך ניט אפ פאר איהר עקשנות און זאגט, אז ער ו ו ע ט ראטעווען איהר נשמה. און ווען די

שקלאפינען קלייבען זיך אויסצוטאן טאים, אנטלויפט אטאנאעל אין שרעק.

צווייטער אקט.

ערשטעס בילד.

אין הויז פון טאים.

טאים באקלאגט זיך, אז זי איז פארמאטערט ביז צום טוידט, אז די מענער זיינען ברואטעל, די פרויען שוואך און פארדאר־בען; זי בעט ביים שפיגעל, אז ער זאל איהר זאגען, אז זי וועט אייביג בלייבען שעהן. זי שרעקט זיך פאר די אינערליכע שטים וואס זאגט איהר, אז זי וועט ווערען אלט און וועט שוין מעהר ניט זיין די זעלבע טאים. זי זוכט טרייסט ביי דער סטאטוע פון ווענוס. יענע זאל איהר זאגען אז זי וועט אייביג בלייבען שעהן. און באמער־קענדיג דערוייל אטאנאעל, בעט זי איהם זיך ארויסזאגען.

אטאנאעל זאגט איהר, אז זי איז שעהן און פרעכטיג, אז ער ליבט איהר שטארקער, אבער דאס איז א גאנץ אנדער ליבע, אז דאס גליק וואס ער ברייננגט איהר וועט זיך קיינמאל ניט ענדיגען.

טאים מאכט חוזק פון איהם, זאגענדיג, אז זי האט שוין אויסגעפרובירט אלע סארטען גליק און אז זיינע רייד זיינען א באליידיגונג.

אטאנאעל זוכט איהר צו איבערצייגען, אז ער איז געקומען אהער איהר ווייזען דעם אמת און איהר ברייננגען אייביג־קייט.

טאים איז גרייט זיך איהם איבערצוגעבען און רופט ווענוס צו קומען און באגינגען.

אטאנאעל לעבט דורך אן אינערליכען קאמף מיט דעם יצר הרע, ווארפט ענדליך ארונטער דעם פרעכטיגען מאנטעל און

ניט זיך ארויס פאר דעם וואס ער איז: דער פלוסיטעה־פרויש. וואס איז געקומען פון מדבר צו פארשילטען די פלייש איז איהר און איהר אויפצופאדערען צו פאר׳קנס׳ען צו קריסטוס׳ען.

ט א י ס פיהלט, ווי אין איהר נשמה קומט פאר א פרישקייט. זי איז ווי פאר׳כשופ׳ט און ווען עס הערט זיך די שטים פון ניציאס, וועלכער רופט איהר צו פארברייינגען נאך איין מאל אין ליבע, שאקעלט זי זיך ענערגיש אפ פון דעם און הייסט מעלדען, אז זי האט א שנאה באקומען צו אלע רייכע, צו אלע גליקליכע. זי פרובירט נאך איין מאל זיך אנטאן א כח און בלייבען ביים אלטען. זי שרייט, אז זי גלויבט ניט אין דעם נייעם גאט, ניט אין אטאנאעל׳ן. זי פאלט אריין אין א נערוועזען געלעכטער, וואס גערט אריבער אין כליפען. זי לאזט זיך אראפ אויף די קישענס. דער פארהאנג לאזט זיך לאנגזאם ארונטער און די מוזיק שפילט א סימפאני פון רעליגיעזער התלהבות.

צווייטעס בילד.

א סקווער פאר טאיס׳ הויז. פארטאג.

א ט א נ א ע ל שלאפט ביים אונטערשטען טרעפ.

ט א י ס געהט ארויס מיט א לאמפ אין האנט, באמערקט איהם. זי לעשט אויס דעם לאמפ, געהט צו און זאגט איהם, אז זי איז געקומען געהארכענדיג די שטים פון גאט. זיינע ווערטער זיינען פארבליבען אין איהר נשמה. זי האט געוויינט, מתפלל געווען און ענדליך געקומען לויט זיין באפעהל און וויל וויסען וואס זי האט צו טאן.

א ט א נ א ע ל זאגט איהר, אז ניט ווייט פון דאנען צו מערב צו איז פאראן א מאנאסטיר, וואו די אויסגעוועהלטע צווישען די פרויען לעבען ווי מלאכים אין פולער זעלבסט־פארטיפונג: ארים, באשיידען, צנועה׳דיג, פאר׳קנס׳ט צו יעזוס׳ען. אהין וועט ער זי פיהרען, צו זייער פרומער מוטער אלבין, דארט וועט ער זי מקדש זיין צו גאט, דארט וועט ער איהר איינשליסען אין א שמאלער צעלע

ביז דעם טאג, ווען יעזוס וועט קומען זי צו באפרייען. ער פאר־זיכערט איהר, אז קריסטוס אליין וועט קומען און וואס פאר א גליק עס איז צו פיהלען אין די אויגען די באריהרונג פון זיינע ליכטיגע פינגער, וואס ווישען אפ די טרעהרען. מעהר ניט, זי מוז פריהער צושטערען אלץ, וואס איז אומריין אין טאיס, דעם פאלאץ, די רייכקייט, די שאנד, — אלץ דארף זי פארברענען, אלץ צושטערען!

ט א י ס איז מסכים דערצו. זי וויל נאר אז עס זאל פאר־בלייבען די קליינע סטאטועלע פון דעם ליבעס־גאט עראס, ווארום ליבע אליין איז דאך אזא זעלטענע טוגענד. און געזינדיגט האט זי דאך געגען דער ליבע, אפגעבענדיג זיך אהן ליבע. זי וויל, אז אטאנאעל זאל דאס וועקשטעלען אין עפעס א מאנאסטיר, ווארום ניציאס האט דאס איהר געגעבען, ווען ער האט איהר געליבט.

א ט א נ א ע ל זאגט אבער, אז ווי באלד עס שטאמט פון ניציאס איז עס פארשאלטען און פארגיפטעט. ער כאפט און צו־שמעטערט עס, כדי אלץ וואס האט באלאנגט צו איהר זאל פאר־וואנדעלט ווערען אין שטויב.

זיי געהען ביידע אוועק און דאן באווייזט זיך די גאנצע חברותא פון צווייטען בילד אין ערשטען אקט. נ י צ י א ס מיט'ן כאר זינגען א הימן צו טאיס, צו לוסטיגקייט, צו אויסגעלאסענקייט, קיין זאך איז ניט אמת, נאר דאס לעבען, קיין זאך איז ניט קלוג נאר שטות. עס קומען טענצער, שפילער. מען טאנצט. מען איז זיך משמח. קראביל און מירטאל זינגען א שבח צו דער קעניגין פון שבא און איהרע טענץ. אין דעם אויגענבליק קומט אטאנאעל שנעל ארויס פון הויז מיט אן אנגעצונדענעם פאקעל אין האנט. ניציאס און זיינע פריינד פרובירען מאכען חוזק פון איהם, זאגענדיג אז טאיס האט איהם פון זינען אראפגעפיהרט.

א ט א נ א ע ל הייסט זיי שווייגען, ווייל טאיס איז פאר־קנס'ט צו גאט. די טייוועלשע טאיס איז טויט פאר אייביג, א נייע טאיס שטעהט דא. טאיס באווייזט זיך א צערודערטע, מיט האר צעשויבערטע, די שקלאפען נאך איהר, פון הויז באווייזען זיך וואל־קענס רויך, און נאך דעם פייער־צונגען.

נ י צ י א ס וויל ניט גלויבען זיינע אויגען, אז טאיס זאל

זיי פארלאזען און כאפט איהר אן פאר'ן ארעם. אבער אטאנאעל שרייט, אז ער זאל איהר אפלאזען, זי איז היילינ.

דער המון וויל זיך א ווארף טאן אויף אטאנאעל. זיי ווילען איהם פארברענען אויפ'ן פייער. אטאנאעל און טאים בלייבען רוהיג, זיינען גרייט צו שטארבען. נאר ניציאס טוט א ווארף דעם המון א הויפען מיט גאלד און געזעגענט זיך מיט אטאנאעל און טאים. זיי ביידע אנטלויפען.

דריטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

אן אאזיס. א ברונען אונטער די פאלמען-בוימער.

די זון שטעהט הויך. פרויען קומען שטיל, שעפען וואסער פון ברונען און קערען זיך אום צוריק. טאים און אטאנאעל באווייזען זיך.

טאים קאן זיך קוים האלטען פון פארמאטערטקייט און זי בעט זיך ביי אטאנאעל זיי זאלען זיך אפשטעלען.

אטאנאעל הייסט איהר אבער ווייטער געהן, כדי צו ברעכען דעם גוף און צעשטערען דאס פלייש, וואס זיינען אפגעגעבען געווארען צו די אומטרייע, צו די געצענדינער, צו ניציאס.

טאים שטרענגט זיך ווייטער אן צו געהן, ביז זי האלט אין אומפאלען. דאן כאפט ער איהר אונטער אין זיינע ארימס און זיין געזיכט ווערט ווייכער.

אטאנאעל זעהט אין איהר איצט א היילינע. זיין נשמה ווערט צוגאנגען. ער זאגט, אז צו לאנג האט ער איהר געפייניגט. ער וויינט און קושט איהרע בלוטענדע פיס. ער רופט איהר היילינע. און ווען זי פיהלט זיך דערמוטיגט און וויל ווייטער געהן, לאזט ער נים. ער לאזט זיך צוועס זוכען פאר איהר פרישע וואסער. דריסט

איהר צו שטארקער און ווייזט איהר, אז דארט איז דער קלויסטער פון אלבין, דער ציעל פון זייער רייזע.

ט א י ס . בלייבענדיג אליין, דאנקט דעם שליח פון גאט, וואס האט געעפענט דעם הימעל פאר איהר. כאטש איהר פלייש בלוטיגט, איז אבער איהר הארץ פול מיט גליק.

א ט א נ א ע ל קומט צוריק און ברייננט איהר קאלטע וואסער אפצוקיהלען איהרע הענט און ליפען און צו בארוהיגען די היץ. ווארום איהר לעבען איז איצט זיין טייערסטער אוצר. גאט האט עם איהם אנפארטרויט. ער אליין אנטזאגט זיך צו טרינקען און איז גליקליך מיט איהר בארוהיגונג. ער דערלאנגט איהר ברויט.

פון ווייטען דערהערט זיך א תהלים־געזאנג, וואס דערנעהענ־טערט זיך אלץ מעהר. שטימען זינגען: „פאטער אינזער, וואס איז אין הימעל". דאס קומט אן די עהרווירדיגע אלבין מיט איהרע שוועסטער. ווען אלבין מיט איהרע ווייסע שוועסטער קומען אן און זי דערזעהט אטאנאעל, בלייבט זי שטעהן לעבען איהם מיט יראת־הכבוד.

א ט א נ א ע ל דערצעהלט איהר, אז ער ברייננט איז איהר הייליגען בינשטאק א ביז, וואס ער האט געפונען דורך גאטס גנאדען פארלאזען אויף א וועג אהן בלומען, און צו טאיס זאגט ער, אז ווייטער דארף מען ניט געהן, זיין ווערק איז אויפגעטאן. ער גע־זעגענט זיך מיט איהר און הייסט איהר פארבלייבען איינגעשלאסען אין דער צעלע.

ט א י ס קניט פאר אלבין, וועלבע נעמט איהר איז די ארימס און דאן קניט זי פאר אטאנאעל און קושט זיין העלפענדע האנט, וואס האט איהר איבערגעגעבען צו גאט. זי געזעגענט זיך מיט איהם, ביז אין דער הימלישער שטאדט, וואו זיי וועלען זיך ווידער טרעפען. זיי אלע געהען אוועק.

א ט א נ א ע ל בלייבענדיג אליין וויינט אין אנגסטען, וואס ער וועט איהר מעהר ניט זעהן און זיך אנשפארענדיג אויף זיין שטעקען, קוקט ער נאך אויף דעם וועג, מיט וועלבען טאיס איז אוועק. דער פארהאנג פאלט.

צ ו ו י י ט ע ס ב י ל ד.

דער מדבר אין טעבען. די געצעלטען פון די סענאביטען.

ד י ס ע נ א ב י ט ע ן ריידען וועגען דער שווערער לופט. וועגען די געשרייען פון די שאקאלען. וואס דערנעהען צו זיי נאר פון ווייטענס. דער עלטסטער פ א ל ע מ א ן ווארנט זיי געגען קומענדען שטורם. זיי דערמאנען זיך אן אטאנאעל און פ א ל ע־מ א ן דערצעהלט זיי, אז ער איז שוין זייט צוואנציג טעג געקומען צוריק און ער האט נאך ניט געגעסען און ניט געטרונקען. זיין נצחון איבער'ן טייוועל האט געבראכען זיין גוף און זיין נשמה.

אט א נ א ע ל באווייזט זיך, ער געהט פארביי ניט זעהענדיג זיי, נאר ער בעט דעם עלטסטען פאלעמאן, אז ער זאל פארבלייבען מיט איהם און ער דערצעהלט איהם, אז ער האט געוואונען די נשמה פון טאאיס, און א שטאלצע פרייד איז אויף איהם ארויף נאך דעם נצחון. ער איז געקומען צוריק אהער אין שטילען מדבר, אבער קיין רוה קען ער מעהר אין זיין נשמה ניט געפינען. אומזיסט פייניגט ער זיין פלייש, דער טייוועל האט זיך אריינגעכאפט אין איהם, די שעהנקייט פון דער פרוי פארפאלגט זיינע זעהינגען. ער פאלט פאלעמאן צו די פיס, באטויבט פון שאנד.

פ א ל ע מ א ן דערמאנט איהם, אז ער האט איהם מתרה געווען. איצט אבער מוזען זיי זיך געזעגענען און גאט וועט איהם העלפען. ער נעמט ארום אטאנאעל'ן און קושט איהם.

א ט א נ א ע ל בלייבט אליין, קניט און ציהט זיך אויס אויף זיין מאטע. ער ווערט באלד אנטשלאפען און דערזעהט פאר זיך, ווי טאיס באווייזט זיך, שטארק באלויכטען, רופענדיג צו איהם און דערמאנענדיג אן ליבע און אן די פארגעניגענס פון לעבענס. ער טרייבט איהר אוועק, און זי פארשווינדט מיט א געלעכטער. אבער א נייע זעהונג פון טאיס באווייזט זיך, ווי זי זיצט ביים שאטען פון פייגען־בוים און די וויסע שוועסטער קניען ארום איהר.

ד י ש ט י מ ע ן זאגען, אז א הייליגע האלט ביים פארלאזען די ערד, טאיס פון אלעקסאנדריא האלט ביים שטארבען.

אטאנאעל איז גרויס שרעק, ווילד, שרייט, ווי אזוי קאן עס טאיס שטארבען? אויב אזוי, צו וואס זיינען הימעל, מענשען, ליכט? וואס פאר א גוטס איז פאראן אויף דער וועלט? ער מוז לויפען, איהר ווידער זעהן, האלטען, ראטעווען. זי מוז ווערען זיינע! ער לויפט. די נאכט איז פולשטענדיג פינסטער. עס דונערט. די מוזיק שפילט ווייטער.

דריטעס ביל ד.

דער גארטען פון מאנאסטיר.

טאיס איז אויסגעצויגען אונטער א פייגענבוים. די ווייסע שוועסטער קניען ארום איהר און זיינען מתפלל פאר איהר. אלבין זאגט, אז גאט רופט איהר. איז א משך פון דריי חדשים האט מען זי געזעהן בעטענדיג, וויינענדיג, איהר גוף איז חרוב געווארען דורך די תשובה, אבער איהרע זינד זייגען אפגעמעקט געווארען.

אטאנאעל באוויזט זיך. ער קאנטראלירט זיך נעגען אלבין, וועלכע באגריסט איהם מיט אכטונג אלס גאסט אין זייער געצעלט, און זאגט איהם, אז די הייליגע, וואס ער האט זיי גע־שאנקען, האלטען ביים דערזעהן דאס אייביגע ליכט.

אטאנאעל פאלט אנידער פון גרויס שמערץ און דער־שלעפט זיך אויף די קני צו טאיס, רופענדיג איהר ביים נאמען.

טאיס עפענט די אויגען און דערקענענדיג איהם פרעגט זי: צי געדענקט דער הייליגער פאטער די ליכטיגע רייזע, ווען ער האט איהר אהער געבראכט? צי געדענקט ער יענע שטונדען אין פרישקייט פון אאזיס?

אטאנאעל ענטפערט, אז ער געדענקט נאר איהר שטערב־ליכע שעהנקייט, און נאך יענעם דורשט, וואס נאר זי אליין וואלט געקענט שטילען.

טאיס פרעגט ווייטער: צי געדענקט ער די הייליגע ווער־

טער. ווען דורך איהם האט זי זיך באקאנט מיט דער איינציגער ליבע?

א ט א נ א ע ל ענטפערט, אז דאמאלסט האט ער ליגען גע־זאגט.

ט א י ס זעהט דעם אויסגאנג און די רויזען פון אייביגען פריהמארגען.

א ט א נ א ע ל לייקענט אין הימעל, אין אלץ. קיין זאך עקזיסטירט ניט. ווירקליך איז נאר דאס לעבען און די ליבע פון אמת'ע באשעפענישען און ער ליבט זי.

ט א י ס זעהט די מלאכים, מיט די כרובים, מיט די נביאים, מיט די הייליגע, מיט די שרפים אין זייער הימעל־בלוי, דעם מילדען טרייסטער, זיין — פינגער פון ליבע, וואס ווישען אפ די טרעהרען אויף אייביג.

א ט א נ א ע ל טענה'ט אבער, אז זי מוז לעבען פאר איהם, פון איהם געליבט צו ווערען.

און ט א י ס שטארבט מיט די ווערטער, אז זי הערט די קלאנגען פון גאלדענע הארפען... די זאנפטעסטע פארפיומען דרינ־גען אריין אין איהר נשמה, אז זי זעהט דעם הימעל, גאט!...

א ט א נ א ע ל פאלט אנידער לעבען איהר מיט א שרעקליכען געשריי און שטארבט לעבען איהר.

מאנאָן

אפערא אין 5 אקטען

פון זשול מאַסנע.

ערשטער אקט.

א הויף פון א קרעטשמער אין אמיען אין יאהר 1700.

ג י ל א, ב ר ע ט י נ י און דריי אקטריסעם: פ י י ס ע ט. ז ש א ו ו א ט און ר א ז ע ט קומען אריין, אונטערהאלטען זיך און פאדערען געטראנק. עס נעמט צייט, ביז דער ק ר ט ש - מ ע ר קומט ארויס, און נאך איהם א דינער מיט משקה. זיי געהען אלע אוועק אין הויז.

א כ א ר פ ו ן ש ט א ט ל י י ט זינגט א ליד.

ל ע ס ק א קומט אן און זאגט צו זיינע לייט, אז דא איז דער פלאץ, וואו די פוהרען פון אראס שטעלען זיך אפ כאפען א צוביים. און ער שיקט אפ זיינע לייט, הייסענדיג זיי זיך אונטער־האלטען אין שענק און פארשפרעכענדיג באלד צו זיי ווידערצו־קומען. ער אליין וויל דא ווארטען אויף זיין קוזינע.

עס באווייזען זיך רייזענדע, וואס ווערען באגריסט פון די שטאטלייט. א ט ר ע ג ע ר קומט ארויס און אלע ווארפען זיך צו איהם. זיי באקלאגען זיך אלע און דאס שטאדט־פאלק מאכט חוזק פון זיי.

מ א נ א ן. וואס איז אויך געקומען מיט דעם המון, רופט ארויס באוואונדערונג.

לעסקא איז כמעט זיכער, אז דאס איז זיין שעהנע קוזינע און ער שטעלט זיך פאר פאר איהר. ער איז ענטציקט פון איהר.

מאנאן דערפרעהט זיך מיט איהם און הייסט זיך א קוש טהאן און דערציילט איהם פון איהר רייזע, וואס איז איהר ערשטער ארויספאהר אין דער גרויסער וועלט.

די אנדערע רייזענדע און פאסטיליאָנען מאכען זיך גרייט ווייטער צו פאהרען און לאזען איבער מאנאן און לעסקא אליין.

לעסקא געהט זוכען איהר באגאזש.

גילא באווייזט זיך אויפ'ן באלקאן און איז שטארק ענט־ציקט דערזעהענדיג מאנאן אליין. ער ווענדעט זיך צו איהר מיט א ליבעס־ערקלערונג.

מאנאן ענטפערט מיט א הילכיגען געלעכטער, וואס ווערט אונטערגעכאפט פון די דריי אקטריסעס, וואס באווייזען זיך אויך אויפ'ן באלקאן. זיי זוכען אלע ארייננצושלעפען גילא אין הויז.

גילא זוכט איינצורעדען מאנאן, אז זי זאל מיט איהם אוועקפאהרען.

לעסקא קומט אן און דערהערט די רייד און מאכט א סוף דערצו.

די צוויי שומרים קומען ארוים און ווילען ער זאל קומען צו זיי אין קרעטשמע.

לעסקא ענטפערט, אז ער מוז זיך פריהער דורכריידען מיט דער יונגער דאמע און ער בעט מאנאן, אז זי זאל אויף איהם ווארטען, די פליכט רופט איהם איצט. זי קאן אבער זיכער זיין אין זיינע הענט און אויב ווער עס איז וועט איהר זאגען נארישע רייד, זאל זי זיך מאכען אז זי הערט ניט. זי זאל זיין פארזיכטיג.

מאנאן פארטראכט זיך: זי וועט פון זיך אפווארפען אלע חלומות, וועט ניט ריידען א ווארט. זי איז אבער מקנא אַט די אקטריסעס, ווי שעהן זיי זיינען געקליידעט, ווי הימליך עס לעבט זיך זיי! זי כאפט זיך, און פאר'חלומ'ט זיך ווידער און מאכט זיך פארוואורפען דאפיר. דאך ווי גליקליך מוזען זיין די פרויען, וואס פארברייינגען זייער לעבען זוכענדיג פארגעניגען.

דע־גריאיי קומט אן: ער מוז אפפאהרען. מארגען

וועט ער באגעגענען דעם פאטער. דערזעהענדיג מאנאן, כאפט ער זיך אויף ווי פון א חלום. ער פיהלט, אז מיט איהר קומט א נייער לעבען פאר איהם. אן אייזערנע האנט שלעפט איהם אוועק פון דעם וועג, וואס ער האט געדעבענט צו געהן. ער וואנדערט זיך צו מאנאן מיט א באוואונדערענדען ליד: זי איז פון היינט אן די הערשערין איבער זיין הארץ. זי מוז זיך איצט פארלאזען אויף איהם. זיין לעבען און נשמה געהערען יעצט צו איהר.

מ א נ א ן זאגט איהם, א דא ווארט א קארעטע פון איינעם, וואס האט זיך ערלויבט איהר צו ערקלערען אין ליבע. זאלען זיי איצט נקמה נעהמען פון איהם אוןביידע אוועקפאהרען מיט דער קארעטע.

מ א נ א ן און ד ע־ג ר י א י י זינגען צוזאמען, אז זיי געהען קיין פאריז מיט א פאראייניגט הארץ אום זיך קיינמאל ניט צו שיידען.

ווען די אנדערע באווייזען זיך, זיינען ביידע שוין ווייט אפגע־פאהרען. לעסקא רודערט אויף דעם גאנצען עולם. נאך איהם גילא, ווען ער דערוויסט זיך, אז זיי האבען פארנומען זיין קארעטע. ער פארשפרעכט נקמה, בעת אלע זינגען, אז דער פויגעל איז אנט־לאפען.

צווייטער אקט.

די וואהנונג פון דע־גריאיי און מאנאן אין פאריז.

ד ע־ג ר י א י י שרייבט און מאנאן וויל וויסען, וואס ער שרייבט. ער ענטפערט, אז ער שרייבט צום פאטער און עס שוי־דערט איהם ,ווען ער דערמאנט זיך ווי יענער וועט פיהלען בעת ער וועט עס לעזען.

מ א נ א ן לעזט פאר דעם בריף, אין וועלכען ער באשרייבט

זי מיט אזוי פיעל ליבע און באוואונדערונג. און אונטערדעסען קומט פאר צווישען זיי א ליידענשאפטליך־ליבענדע סצענע.

ד ע ־ ג ר י א י י גיהט אריינווארפען דעם בריעף, דער־זעהט אבער א בוקעט בלומען און ווערט אומרוהיג, וויל וויסען ווער עס האט זיי איהר געשאנקען?

מ א נ א ן בארוהיגט איהם: איהר הארץ געהערט נאר איהם אליין.

עס הערט זיך א קלאפ אין טיר און די דינסט קומט אריין א צושראקענע און מעלדעט, אז צוויי סאלדאטען זיינען אונטען: איינער וואס רופט זיך איהרער א קרוב, דער אנדערער א שכן, וואס ליבט זי.

ל ע ס ק א און ד ע ב ר ע ט י נ י קומען ביידע אן. דער ערשטער ווענדעט זיך מיט באליידיגונג צו דע־גריאיי. ער איז געקומען זיך נוקם זיין אן איהם.

ד ע ־ ג ר י א י י ענטפערט, אז ער זאל זיין א ביסעל איידע־לער, אז ניט וועט ער איהם דורכשמייסען.

ל ע ס ק א בעט זיין פריינד, ער זאל איהם צוריקהאלטען. יענער זוכט איהם צו בארוהיגען.

מ א נ א ן מישט זיך אריין. זי איז א דערשראקענע.

ד ע ־ ג ר י א י י בארוהיגט איהר.

ד ע ב ר ע ט י נ י ערקלערט, אז דע־גריאיי מוז פארשפרע־כען, צי וועט ער מיט איהר חתונה האבען.

ד ע ־ ג ר י א י י ענטפערט, אז ער האט אקארשט געשרי־בען וועגען דעם צו זיין פאטער, און ער גיט איהם איבער צו לייענען זיין בריף.

ד ע ב ר ע ט י נ י פארבלייבענדיג מיט מאנאן, ווארנט איהר, אז די נאכט וועט מען איהר געליעבטען מיט געוואלט אוועק־שלעפען פון איהר, לויט דעם באפעהל פון זיין פאטער.

מ א נ א ן וויל מתרה זיין איהר געליבטען.

ד ע ב ר ע ט י נ י סטראשעט איהר, אז זי טאר עס ניט טאן: עס וועט זיין ערגער.

ל ע ס ק א לייענט דעם בריף מיט התפעלות.

דע־גריאיי ערקלערט זיך זייביידען אין ליבע. ארום איהם שיינט דאס ליכט פון ליבע.

דער דינער קומט אריין דעקען דעם טיש צו אבענד־עסען. דאן דערמאנט זיך דע־גריאיי, אז ער האט דעם בריף נאך ניט אוועקגעשיקט און ער געהט עס טאן.

מאנאן בלייבט א צושראקענע. זי ווייסט, אז עס מוז אזוי זיין, צוליב איהם אליין. זי קאן ווידער ניט ביישטעהן די פארפיהרונג. זי געזעגענט זיך מיט איהר קליינעם טיש, וואו זיי זיינען אזוי אפט געזעסען צוזאמען.

דע־גריאיי קומט אן. ער איז דערשראקען זעהענדיג אז זי האט געוויינט.

מאנאן בארוהיגט איהם. זי בעט איהם צום טיש.

דע־גריאיי באזינגט, ווי אזוי ער האט צוערשט באגעגענט מאנאן. אבער דער גן־עדן איז אזוי טרויעריג און טרוקען. עס איז נאר א פוסטער חלום.

מען קלאפט אין טיר. דע־גריאיי וויל געהן עפענען. מאנאן בעט ער זאל זי ניט פארלאזען איצט. זי באמיהט זיך איהם צוריקצוהאלטען. ער געהט אבער יא. עס הערט זיך א קאמפף פון דרויסען. מאנאן לויפט צום פענסטער: מיין ארימער קאוואליער!

דריטער אקט.

ערשטעס בילד.

דער קור־לא־זיין שפאציר־פלאץ אין א טאג פון פאלקס־יום־טוב

האנדעלס־לייט באווייזען זייערע נייערע סחורות צו די אקטריסעס.

לעסקא איז גרייט אלץ צו קויפען פאר די וועמען ער ליבט.

ער וויל די שעהנהייטען זאלען קומען צו איהם. ער איז גרייט צו געבען א ציערונג פאר א קוש.

דער עולם ווערט לעבעדיג. גילא מיט זיינע אקטריסעס און ברעטיני, אלע באווייזען זיך, אונטערהאלטען זיך. און ברעטיני בעט זיך ביי גילא, ער זאל ניט אוועקנעהמען מאנאן פון איהם.

מ א נ א ן קומט אן, באגלייט פון ברעטיני און עטליכע יונגעלייט. זי איז צופרידען צו הערען, אז זי זעהט אוים שעהן, וואס זי קאן אלעמען באצויבערן. זי איז א מין קעניגין, וואס קאן אלעמען עראבערן און זיי אלע מוזען צאהלען אפצאהל צו איהר. אלע פאלגען איהר, געהארכען איהר. זי זינגט א שבח צו דער שטים פון יוגענט, וואס לעבט פאר ליבע. כל זמן מען איז יונג, דארף מען זיין היימליך, ווארום די טעג פארשווינדען אום ווידער ניט צו קומען. זי בעט איהרע פריינד צו פארבלייבען דא, זי וועט געהן קויפען קליינינגקייטען.

ד ע ר א ל ט ע ר פ י ר ש ט ד ע ג ר י א י י קומט אן. אויף דער פראגע, ווי אזוי קומט ער אין פאריז? ענטפערט ער, אז זיין זוהן האט איהם אהער געבראכט. דער זוהן איז מעהר ניט קיין קאוואליער, ער איז אריינגעטראטען אין קלויסטער. דער־זעהענדיג מאנאן און דערוויסענדיג זיך זוער זי איז ווערט ער שטארק ענטציקט פון איהר שעהנקייט. קיין וואונדער ניט, וואס זי איז אזוי געליבט.

מ א נ א ן ווענדעט זיך צו איהם: ניט ווילענדיג האט זי זיך איינגעהערט. צו האט ער ניט גערעדט וועגען קאוואליער דע־גריאיי, וואס האט איין צייט געליבט איהרע א פריינדין? זי וואלט וועלען וויסען: צי איז ער ארוים דער זיגער פון קאמפף? צי האט ער פארגעסען די, וואס האט איהם פאראורזאכט אזוי פיעל שמערצען?

ד ע ר פ י ר ש ט פרעגט: צי ווייס זי ניט, וואס ווערט מיט דער שענהייט פון דער ערשטער ליבע? וואהין געהט אוועק דער פערפיום פון די ראזען? זאל זי בעסער לאזען די פאר־גאנגענהייט אין רוה.

מ א נ א ן וויל אבער דורכאוים וויסען: צי ליידט זיין

הארץ פון איהר אבוועזענהייט? צי דערמאָנט ער איהר נאָמען? צי באַשולדיגט ער איהר טרייל֞אָזיגקייט?

דער פירשט ענטפערט, אַז ער האָט שטיל אַריבער־געטראָגען זיין שמערץ, איהר ניט פאַרגעוואָרפען. אָבער איצט איז זיין הארץ ווידער לייכט געוואָרען. ער האָט געלערנט זיינם. איצט האָט ער פאַרגעסען.

מאנאן איז אויסע זיך. ער האָט זי פאַרגעסען! עס קאָן ניט זיין. זיין לעבען איז צוגעבונדען צו איהרם, און זיך ווענדענדיק צו לעסקאָ, פאָדערט זי איהם אויף, ער מוז זי אָפּפיהרען אין קלויסטער סט. סילפּיס.

צווייטעס בילד.

א זאַל אין קלויסטער סט. סולפּיס.

דאַמען ריידען וועגען דעם, ווי וואונדערבאר דע־גריאיי דרשנ׳ט. וואָס פאַר א זיסקייט אין זיין שטים און וואָס פאַר א פייער! ער דערמאָנט אַן די הייליגע. און אַליין איז ער א הייליגער.

דע־גריאיי דער גלח קומט אריין און ווערט וואַרים באַגריסט פון די דאַמען.

דער פאָטער גראַטולירט איהם מיט זיין ערפאָלג. ער איז א שטאָלץ פאַר דער פאַמיליע.

דער זוהן בעט איהם, ער זאָל איהם שאָנעווען, ניט ריידען דערפון. ער איז אוועק פון דער וועלט, ווייל זי האָט געהאַט פאַר איהם נאָר ביטערניש און עקעל.

דער פאָטער פּרובירט איהם איינריידען, אַז ער האָט ביז איצט נאָך גאָר ווייניג געזעהן פון דער וועלט. זאָל ער זיך אומקעהרען אַהין צוריק און חתונה האָבען מיט א שעהנער מיידעל. וואָס זאָל ווערטה זיין זייער אַלטע משפחה, זאָל ער געהן מיט׳ן וועג פון פליכט צוריק אין דער וועלט.

דער זוהן זאגט, אז קיין זאך וועט איהם ניט צוריק־האלטען פון זיין נדר.

דער פאטער זאגט, אז ער וועט געהן אנזאגען, אז זיי האבען א הייליגען אין דער משפחה, כאטש ער צווייפעלט, צי וועט מען עס גלויבען, און אזוי ווי ער איז ניט זיכער, אז ער וועט מארגען זיין אן אויפזעהער אין קלויסטער, וועט ער איהם שיקען באלד הונדערט טויזענד פראנק, דאס איז זיין מוטער'ס געלט.

דער זוהן, בלייבענדיג אליין, ערקלערט, אז עס איז געקומען דער וויכטיגער מאמענט, ווען ער דארף זיך באפרייען פון ערדישע בענדער און זוכען רוה אין דעם גלויבען, וואס דער הימעל קאן געבען. זאל די שעהנע געזיכט איהם פארלאזען, זאל זי רעספעקטירען זיין תפלה און ערלייכטערן זיין אויסגעמאטערטע ברוסט. טויט איז איצט די ליבע און אלץ וואס די מענשען רופען רוהם. איך וויל פון מיין זכרון פארטרייבען דעם שלעכטען נאמען, וואס פארפאלגט איהם. זאל דאס ריינע ליכט פארטרייבען דעם שאטען, וואס דריקט נאך זיין הארץ.

מאנאן קומט אריין. זי פיהלט זיך געדריקט פון אט די שטילע ווענט און קאלטער לופט. צי האט ער דא ניט געלערנט איהר צו פארשילטען?

דער כאר אין קאפעלע זינגט א לאטייניש תפלה.

מאנאן פאלט אריין אין א געבעט־שטימונג און בעט ביי גאט, ער זאל איהר שענקען דאס הארץ פון דע־גריאיי.

דע־גריאיי קומט אריין און איז איבערראשט זי דא צו טרעפען. ער טרייבט איהר ארויס.

מאנאן בעט זיך: זי האט געזינדיגט געגען איהם. אבער ער דארף ניט פארגעסען איהר ליבע. צו דארף זי ניט זעהן אין זיינע אויגען קיין מחילה?

דע־גריאיי ענטפערט, אז פון זיין נשמה איז פארטריבען געווארען יענעם אומריין ליבע־בילד, א, דו אומטרייע מאנאן.

מאנאן: אבער ווי איז, אז זי האט איצט חרטה? זאל זיין הארץ ניט פארשלאסען ווערען פאר מחילה.

דע־גריאיי ענטפערט, אז ער קאן לענגער צו איהר

זיך ניט צוהערען. זי איז אויף אייביג ארוים פון זיין זכרון און פון זיין הארץ.

מ א נ א ן ווארפט זיך צו זיינע פיס: ער מוז איהר צוריק־געבען זיין ליבע.

ד ע ־ ג ר י א י י ענטפערט, אז זיין גאנצע ליבע איז גע־שטארבען.

מ א נ א ן גלויבט ניט אין דעם. ציי איז עס ניט איהר האנט איהר שטים? ציי איז זי דען ניט די זעלבע מאנאן?

ד ע ־ ג ר י א י י איז מתפלל, גאט זאל איהם העלפען אין דעם אויגענבליק. ער בעט, זי זאל ניט ריידען פון ליבע, ווייל דאס איז לעסטערונג. עס איז געקומען די שעה פון תפלה.

מ א נ א ן טענה'ט אלץ, אז זי ליבט איהם און ועט פון איהם זיך ניט שיידען.

ד ע ־ ג ר י א י י גיט ענדליך זיך אונטער. ער איז גרייט צוליב איהר צו נעהמען אויף זיך די גאנצע שטראף פון הימעל. זיין לעבען איז אין איהר הארץ, אין איהרע אויגען. קום, קום, מאנאן, איך ליב דיך!

פערטער אקט.

א שפיל־זאל אין פאריז.

ל ע ס ק א און אנדערע שפילען אין אזארט־שפילען.

ד י א ק ט ר י ס ע ס: אין די שפיל־הייזער געפינט דער עולם גרויס פארגעניגען. אבער ווער עס זאל ניט פארלירען, מוז די שעהנע געווינען שטענדיג.

ל ע ס ק א אונטערהאלט זיך מיט זיי.

מ א נ א ן, ד ע ־ ג ר י א י י און ג י ל א קומען אן און ווערען באגריסט פון די אקטריסעס. אלע געהען אוועק שפילען. נאר מאנאן און דע־גריאיי בלייבען אליין.

מ א נ א ן פרעגט, צי איז זי נאך די הערשעריין איבער זיין הארץ?

ד ע ־ ג ר י א י י ענטפערט, אז זי איז א ספינקס, א צושטע־רענדע סירענע. ער ליבט און האסט זי. פארגעניגען און גאלד וועלען אייביג פארבלייבען איהרע געטער. אבער ער ליבט זי דאך.

מ א נ א ן ענטפערט, אז זי וואלט איהם אויך געוואלט ליבען, ווי ער וויל. אבער זייער פארגעניגען איז צופליגען. קיין זאך איז ניט געבליבען. דא אבער, אויב עס זאל אפגליקען, קאן מען מאכען אן אנדער פארמעגען.

ל ע ס ק א העלפט איהר איהם איינצורעדען.

ד ע ־ ג ר י א י י שטעלט זיך אנטקעגען: ווי אזוי וועט ער עס ווערען א געמבלער? זיי ביידע שטעהען אבער צו און ענדליך זוכט ער זיך צו בארוהיגען, אז ער וועט איהר אלץ אפגע־בען.

מ א נ א ן פארשפרעכט איהם אין גאנצען צו זיין זיינע. עס וועט ווידער קומען זייער גליק.

ג י ל א לייגט פאר, אז דע־גריאיי זאל שפילען מיט איהם און זיי שטעלען איין צו טויזענד לואידארען, וועלכע ווערט נאכהער געהעכערט אויף נאך טויזענד.

מ א נ א ן זינגט אינטערדעסען א ליד פון פרייד, יוגענד און פארגעניגען.

ד ע ־ ג ר י א י י געווינט איין מאל און נאך א מאל ביז גילא ענטזאגט זיך ווייטער צו שפילען, באשליסענדיג אז דע־גריאיי בא׳גנב׳עט איהם.

ג י ל א נעמט אלעמען פאר עדות, סטראשענדיג, אז מאנאן און דע־גריאיי וועלען באלד פון איהם הערען.

ד י א נ ו ו ע ז ע נ ד ע באשולדיגען דע־גריאיי אין גנבות.

ד ע ־ ג ר י א י י פראטעסטירט שטארק געגען די פאלשע באשולדיגונג.

עס הערט זיך א קלאפ און רעגירונגס־בעאמטע קומען אריין צוזאמען מיט גילא. לעסקא אנטלויפט און גילא ווייזט אן אויף דע־גריאיי אלס דעם גנב און אויף מאנאן אלס מעטהעלפערין.

דער אלטער פירשט קומט אן און ערקלערט, אז די שאנד האט איהם געבראכט אהער.

מאנאן און דע־גריאיי זינגעןביידע א דועט פון טרויער און פארצווייפלונג.

דער אלטער פירשט הייסט זייביידען צונעמען, פארשפרעכענדיג אבער, אז דער זוהן וועט באלד באפרייט ווערען.

מאנאן פיהלט זיך פארצווייפעלט: זי איז פארלארען.

דע־גריאיי איז אויך פארצווייפעלט, ווייל זייערע לעבענס זיינען איצט אויף אייביג צוטיילט.

פינפטער אקט.

א פארלאזענער ווינקעל אויפ'ן וועג צו האוור.

דע־גריאיי איז פארצווייפעלט, וואס מאנאן איז איצט צוזאמענגעבונדען מיט אלע אויסוואורפען. דערזעהענדיג לעסקא וועקט זיך ביי איהם אויף די האפענונג, אז ער וועט איהר באלד ראטעווען און ברייגגען צו איהם.

לעסקא מעלדעט, אז ער האט געטאן אלץ וואס מעגליך. נאר אלץ שיינט צו זיין פארלארען.

די סאלדאטען דערנעהענטערען זיך און דע־גריאיי איז גרייט זיך אויף זיי צו ווארפען מיט'ן שווערד.

לעסקא פרובירט איהם צוריקהאלטען, אבער אומזיסט.

דע־גריאיי שלעפט איהם אוועק מיט זיך.

די סאלדאטען דערנעהענטערען זיך און איינער גיט אפ א באריכט צום עלטסטען, אז איינע פון די ארעסטאנטקעס, מאנאן, איז שוין האלב טויט.

מאנאן באווייזט זיך און איז שטארק דערפרעהט צו זעהן דע־גריאיי. זי זאגט אז זי וויינט מיט טרערען פון שאנד פאר זיך און פון וועהטאג פאר איהם.

ד ע ־ ג ר י א י י פּרובירט איהר טרייסטען, אז עס וועט קיינמאָל איהר ניט אויסקומען צו זעהן אָט די ווייטע לאַנד, וואוהין מען שלעפּט זי, זיי וועלעןביידע אַנטלויפען צוזאַמען.

מ אַ נ אַ ן ענטפערט, אז איהר הארץ איז פול מיט ליבע און חרטה פאַר אַלע איהרע זינד, און פאַר וואס זי האט איהם פאַרשאַרפט אַזוי פיל פּיין. זי בעט מחילה ביי איהם.

ד ע ־ ג ר י א י י ענטפערט, אז עס איז איצט ניט קיין צייט פון מחילה, ווען זייערע הערצער זיינען ווידער צוזאַמען.

מ אַ נ אַ ן איז ווידער איבערגליקליך. זי וויל ריידען מיט דער פאַרגאַנגענהייט. זי גלויבט אָבער ניט אין דער צוקונפט: די כחות פאַרלאַזען זי, און אַ טיפער שלאָף איז באַפאַלען אַלע איהרע חושים. זי ליבט איהם. זי וויל ער זאָל איהר אַ קוש טאָן. דאס איז איהר געזעגנונגס־קוש.

ד ע ־ ג ר י א י י פּרובירט אין איהר וועקען מוט.

מ אַ נ אַ ן בעט ער זאָל זי פאַרוויגען אין זיינע אָרעמס. זיי זאָלען פאַרגעסען די פאַרגאַנגענהייט, וואס איז פול מיט חרטה. איצט ווען זי שטאַרבט, קומט די רוה.

ד ע ־ ג ר י א י י רופט אַ צושראָקענער: מאַנאָן!

מ אַ נ אַ ן ענטפערט: עס איז בעסער אַזוי. איצט איז דאס ענד פון דער געשיכטע פון מאַנאָן לעסקאָ.

קאוואלעריא רוסטיקאנא

(דארפישע קאוואלערן)

אפערא

פון פיעטרא מאסקאני.

פראלאג.

טורידו, א יונגער סאלדאט זינגט הינטער'ן פארהאנג: אזוי ווי די בלומען שמעקען שעהן, אזוי לייכט ליבע פון די אויגען, דער וואס וועט איהרע ליפען קושען, ווערט פיהלען דאס גליק פון הימעל.

אן עפענטליכער פלאץ אין א סיצילישען דארף. פסח פרי.

פרויען כאר און מענער כאר זינגען הינטער'ן פארהאנג.

סאנטוצא, א דארף מיידעל קומט אן און וויל וויסען וואו איז טורידו?

לוציא (טורידו'ס מוטער) וויל אין אנהייב ניט זאגען, נאכהער לאזט זי זיך איבעררעדען און דערציילט, אז ער איז אוועקגעפארען אין פראנקאפארט בריינגען וויין.

סאנטוצא דערציילט איהר, אז מען האט איהם לעצטע נאכט געזעהן אין דארף. זי דערציילט איהר, אז זי איז א פארשאלטענע, אן אויסגעשטויסענע.

אלפיא (א פורמאן) זינגט וועגען דעם ווי עס לויפט פרייליך דאס פערד, די גלאקען קלינגען, עס קנאקט דער בייטש, גליקלאך איז דאס לעבען פון א פורמאן; ווער איז גליקלאכער פון איהם? זיין ליבענדע לאלא רופט איהם. ער געהט צו צו דער אלטער לוציא און בעט פון אלטען וויין.

לוציא ענטפערט, אז זי האט ניט, נאר טורידו איז אוועק־געפאהרען ברייננען.

אלפיא ענטפערט איהר, אז טורידו איז דא, ער האט איהם געזעהן דעם מארגען זיך ארומשלעפען ארום זיין הייזעל.

סאנטוצא הייסט איהם שווייגען.

דער כאר זינגט אין קירך.

סאנטוצא זינגט א הלל צו גאט דעם זיגער און צו קריס־טוס, וואס איז אויפגעשטאנען.

לוציא בלייבענדיג אליין מיט סאנטוצא, וויל וויסען, פאר־וואס האט זי געמאכט צייכענס צו שווייגען?

סאנטוצא דערציילט איהר, אז איידער טורידו איז אוועק אין סאלדאטען, האט ער געליבט לאלא, און קומענדיג צוריק, האט ער געפונען, אז לאלא איז פארהייראט. ער האט גענומען ליבען זי און זי איהם. אבער לאלא האט איהם ווידער גענומען אריינציהען אין איהר נעץ און איצט האט ער זי פארלאזען און יענע ביידע ליבען זיך פון דאס ניי. זי איז א פארשאלטענע. זי וויל אז די מוטער זאל איהם בעטען, אז ער זאל זי ווידער ליבען.

לוציא געהט מיט א תפלה צו מאריא אריין אין קירך.

טורידו קומט אן און זאגט, אז ער זוכט די מוטער.

סאנטוצא וויל מיט איהם זיך דורכריידען. זי וויל וויסען פון וואנען ער קומט?

טורידו ענטפערט, אז זי ווייסט דאך, אז ער קומט פון פראנקאפארט...

סאנטוצא באשולדיגט איהם אין זאגען ליגען. מען האט איהם היינט געזעהן לעבען לאלאס וואהנונג. איהר מאן אלפיא אליין האט עס איהר דערציילט.

טורידו מאכט איהר פארווירפע פאר אזא באהאנדלונג. זי האט איהם פשוט געקוילעט און ער וויל, אז זי זאל איהם לאזען אליין. עס ברענט אין איהר דער כעס.

סאנטוצא טייטשט עס אויס, אז ער ליבט זי מעהר ניט. אז יענע האט איהר ליבע צוגע׳גנב׳עט.

ט ו ר י ד ו ערקלערט איהר, אז ער איז מעהר ניט איהר שקלאף.

ס א נ ט ו צ א שווערט צו נעהמען נקמה, כאטש זי ליבט איהם, און איהר הארץ צוגעהט פון וועהטאג.

ל א ל א , אלפיא'ס ווייב, זינגט הינטער דער ביהנע וועגען די שעהנע בלומען. זי קומט אריין און פרעגט זיך נאך אויף איהר מאן.

ט ו ר י ד ו ענטפערט, אז ער איז אקארשט געקומען. ער פרובירט איהר דערציילען וואס סאנטוצא האט געזאגט.

ס א נ ט ו צ א האקט איהם איבער, זאגענדיג אז היינט איז פסח און גאט זעהט אלץ.

ל א ל א פרעגט, צי געהט זי ניט צו דעם גאטעסדינסט?

ס א נ ט ו צ א ענטפערט, אז קיינער טאר ניט בייוואהנען דעם גאטעס־דינסט, סיידען ער ווייסט, אז ער איז ניט שולדיג.

ל א ל א ענטפערט, אז גאט איז א בעל רחמים.

ט ו ר י ד ו רופט לאלא'ן אוועק.

ל א ל א הייסט איהם פארבלייבען מיט יענער.

ס א נ ט ו צ א בעט איהם צו פארבלייבען. זי מוז איהם וואס זאגען.

לאלא זאגט, אז גאט מעג איהר העלפען און זי געהט אריין אין קירך.

ס א נ ט ו צ א בעט זיך ביי טורידו, ער זאל זי אויסהערען, און פארבלייבען מיט איהר, ער זאל זי ווידער ליב באקומען.

ט ו ר י ד ו ווארפט איהר פאר, פאר וואס זי שפיאנעוועט איהם. ער הייסט איהר געהן אויף אייביג.

ס א נ ט ו צ א ווארפט איהם פאר, אז ער איז א פאלשער.

ט ו ר י ד ו שליידערט איהר אפ און געהט אריין אין קירך.

ס א נ ט ו צ א פארשילט איהם לכבוד פסח, איהם, דעם פאלשען.

א ל פ י א קומט אריין און וויל וויסען, וואו מען האלט אין גאטעס־דינסט.

ס א נ ט ו צ א דערפרעהט זיך מיט איהם, ווי גאט וואלט

איהם געשיקט. זי דערציילט איהם, אז לאלא איז דארט אין קירך מיט טורידו.

אלפיא וויל ניט גלויבען.

סאנטוצא דערציילט איהם אבער, אז טורידו האט איהר פארלאזען צוליב זיין ווייב.

אלפיא דאנקט איהר אפ. ער וועט היינט נאך נקמה נעהמען פון זיי.

דער כאר, ארויסקומענדיג פון קירך, זינגט וועגען דעם, אז איצט איז צייט צו געהן אהיים זיך משמח זיין מיט'ן יום־טוב.

טורידו ווענדעט זיך צו לאלא, צי האט זי גאר ניט קיין ווארט פון באגריסונג פאר איהם?

לאלא ענטפערט, אז זי מוז אויפזוכען אלפיא.

טורידו פארזיכערט זי, אז זי האט זיך ניט וואס צו איילען. ער וועט איהר זוכען. זאלען זיי דערווייל פארברייננגען ביי א גלאז וויין. ער זינגט א וויין־געזאנג און טרינקט צו לאלא'ן.

לאלא ענטפערט מיט א גליק־וואונש.

אלע טרינקען.

אלפיא קומט אריין און ווערט באגריסט פון אלעמען.

טורידו לאדעט איהם איין אנטייל צו נעמען אין זייער שמחה.

אלפיא זאגט, אז א בעכער גיפט וואלט ער פארגעצויגען. עס ווערט א גערודער.

טורידו ערקלערט איהם, אז ער שטעהט צו זיין דינסט. כאטש שוין.

אלפיא נעמט אן די ארויספאדערונג.

טורידו אנערקענט, אז יענער האט רעכט אויף נקמה, און אז ער איז ווערטה באהאנדעלט צו ווערען ווי א הונט. אבער אויב ער וועט פאלען פון יענעמס האנט, וועט פאר די אומגליקליכע סאנטא זיין א שטאך אין הארצען. ער באשטימט זיך צו טרעפען לעבען סאד. צו דער אריינגעהענדער מוטער זאגט ער, אז ער האט צו פיעל געטרונקען, ער מוז זי פארלאזען, וויל אבער אז זי זאל איהם בענשען. ווי דעם טאג ווען ער איז געווארען א סאלדאט. און

אויב ער וועט ניט צוריקקומען זאל זי זיין א מוטער צו סאנטא, וועמען ער האט פארשפראכען צו פיהרען צו דער חופה.

ל ו צ י א וויל וויסען, צי וואס זאגט ער עם איהר?

ט ו ר י ד ו ענטפערט, אז עס איז גאר ניט, ער האט צו פיעל געטרונקען. ער קושט איהר און געזעגענט זיך אפ.

ל ו צ י א און ס א נ ט ו צ א זיינען שטארק אויפגערו־דערט.

א ג ר ו י ס ע ר ע ו ל ם פארזאמעלט זיך. און איינער ברייננט די נייעס, אז דער שכן טורידו איז ערמארדעט. אלע לויפען. סאנטוצא פאלט אנידער. לוציא חלש'ט.

די צויבערפלעטע

(די צויבער־פלייט).

פון וואָלפגאַנג אַמאַדעוס מאָצאַרט.

ערשטער אַקט.

אַ רויהע פעלזען־געגענד.

טאַמינאַ, (אַן עגיפּטישער פּרינץ) שרייט נאָך הילף נעגען דער געפעהרליכער שלאַנג, וואָס פאַרפאָלגט איהם.

דריי דאַמען קומען אַן און צעשטערען די שלאַנג און זיינען שטאָלץ מיט זייער אייגענער העלדישקייט. זיי געפינען, אַז טאַמינאַ איז זעהר שעהן און דענקען, אַז מען דאַרף דערציילען וועגען איהם זייער פירשטין. יעדע איינע וויל אָבער פאַרבלייבען אליין מיט איהם און זיי באַשליסען ענדליך אַלע צוזאַמען צו געהן.

פּאַפּאַגענאָ, דער פויגעל־פאַנגער, קומט אַן און שפּילט אויף אַ פייפעל און זינגט וועגען דעם, ווי דער פויגעל־פאַנגער איז באַקאַנט איבער׳ן גאַנצען לאַנד און אַלע מיידלאַך זיינען זיינע; ווי ער וואָלט די מיידלאַך אויסגעביטען אויף צוקער און געקושט צערטליך די ליבסטע.

טאַמינאַ וויל וויסען, ווער ער איז?

פּאַפּאַגענאַ ענטפערט: אַ מענש ווי ער. פאַר וואָס פרעגט ער איהם נישט, ווער ער איז?

טאַמינאַ דערציילט איהם, אַז ער איז אַ זוהן פון אַ פירשט.

וואס הערשט איבער אַ סך לענדער, און דערפאר רופט מען איהם פּרינץ.

פּ אַ פּ אַ ג ע נ אַ וואונדערט זיך, וואס יענער קוקט מיט אזא יראת־הכבוד אויף איהם.

ט אַ מ י נ אַ מיינט, אז דאס האט ער די שלאנג דער׳הרג׳ט און וואונדערט זיך איבער זיין כח.

פּ אַ פּ אַ ג ע נ אַ הויבט זיך אָן צו באַרימען מיט זיין כלומר־שטען כח.

ד י ד ר י י ד אַ מ ע ן קומען אָן און רופען אַרוים נייגיעריג־קייט ביי טאמינא: זיי טרייבען קאטאוועס מיט פּאפּאגענא און דערציילען טאמינא, אז דאס האבען זיי איהם געראטעוועט און דערלאנגען איהם אַ מתנה אַ בילד פון דער פּירשטין. זיי טרעטען אָפּ.

טאַ מ י נ אַ פאראינטערעסירט זיך שטארק מיט׳ן בילד און ווערט באַלד אין דער פּערזאָן פארליבט. ער וואלט נאר וועלען איהר טרעפען. עס ווערט פינסטער און עס הערט זיך אַ דונער. און ער ווערט אַ צעשראָקענער.

ד י ד אַ מ ע ן צארוהיגען איהם: דאס קומט זייער פּירשטין אָן.

די סצענע ווערט פאַרוואַנדעלט, די בערגט ווערען צוטיילט און אין מיטען אויפ׳ן טראָן זיצט

ד י ק ע נ י ג י ן פ ו ן נ אַ כ ט. זי באַרוהיגט טאמינא אזא אומשולדיג אינגעל קאן אָם בעסטען באַרוהיגען איהר מוטער־הארץ, וואס ליידעט ווייל איהר טאכטער איז ביי איהר אָוועקגערויבט געווארען. זי פאדערט איהם אויף, ער זאל זעהן זי באפרייען און ווערען דער רעטער פון איהר טאכטער. די טאכטער וועט דאן אויף אייביג בלייבען זיינע.

פּ אַ פּ אַ ג ע נ אַ ווייגט און טאמינא באמערקט, אַז ביי איהם אויפ׳ן מויל איז אנגעהאנגען אַ שלאָס.

די דריי דאמען באווייזען זיך און נעמען אראפ דעם שלאס פון זיין מויל. זיי דערלאנגען טאמינא א גאלדענע פלייט אלס מתנה פון דער פירשטין. דאס איז א צויבער־פלייט, וואס וועט איהם באשיצען אין אומגליק. ער קאן מיט איהר באפוילען אלעמען צו טאן וואס ער וויל. און פאפאגענא'ן באפוילען זיי צו געהן מיט'ן פרינץ באלד נאך סאראסטרא'ס שלאס.

פאפאגענא שרעקט זיך פאר דעם בייזען איינוואוינער פון יענעם שלאס: ער וועט איהם צערייסען און ארויסווארפען פאר די הינט.

די דאמען בארוהיגען איהם, אז דער פרינץ וועט איהם באשיצען און ער וועט זיין דעם פרינצ'ס דינער. זיי דערלאנגען איהם א קעסטעל מיט א גלעקעל אינעווענינ. דער זילבער־גלעקעל און צויבער־פלייט זיינען פאר זייער שוץ.

טאמינא און פאפאגענא געזעגענען זיך מיט די דאמען, ווילען אבער וויסען, ווי געפינט מען דעם וועג צום שלאס?

די דריי דאמען ערקלערען, אז דריי אינגלאך וועלען שוועבען ארום זיי אויף דער רייזע און וועלען זיין זייערע פיהרער.

אלע געזעגענען זיך.

די סצענע ווערט פארוואנדעלט אין א רייך־אויסגעפוצטען צימער פון פאמינא און סאראסטא'ס פאליץ.

מאנאסטאטאס. דער דינער פון סאראסטרא, פיהרט אריין פאמינא.

פאמינא בעט אויף זיך דעם טויט און זארגט זיך וועגען איהר מוטער.

מאנאסטאטאס באפעלט די שקלאפען, זיי זאלען שמידען פאמינא און אליין זיך אפטראגען.

פאמינא בעט אויף זיך דעם טויט און פאלט אנידער גוהנמעכטיג אויף דער זאפא.

פאפאגענא קומט אן ניט וויסענדיג וואו ער געפינט

זיך; ווער איז די ווייסע מיידעל? און מאנאסטאטאס? זיי דערשרעקען זיך איינע פאר די אנדערע און לאזען זיך אוועקלויפען און שלאגען זיך אן איינע אן די אנדערע.

פאמינא שרייט: מוטער! מוטער!

פאפאגענא זעהט זיך ארום, אז אומזיסט האט ער זיך געשראקען. ער דערקענט פאמינא, אז זי איז די טאכטער פון דער נאכט־קעניגין און ווייזט איהר דאס בילד און דערציילט איהר וועגען פרינץ, וואס האט דאס בילד אלס מתנה באקומען און איז בילד זיך פארליבט.

פאמינא איז שטארק צופרידען, וואס יענער ליבט זי. זי האט האלט דאסווארט ליבע. זי וויל אבער וויסען: צי געהערט יענער ניט צו סאראסטרא׳ס סוויטע פון בייזע גייסטער?

פאפאגענא ווערט טרויעריג אויפ׳ן הארצען. וואס ער האט נאך קיין פאפאגענא־ווייב און אפילו קיין מיידעל ניט.

פאמינא טרייסט איהם, ער זאל האבען געדולד. דער הימעל וועט זארגען פאר איהם און איהם שיקען א פריינדין.

ביידע זינגען א דועט. זי זינגט, אז מענער וואל פיהלען ליבע פעהלט אויך ניט קיין גוט הארץ. ער: אז מען וויל זיך פרעהען מיט דער ליבע, מוז דורכלעבען די ליבע אליין.

די סצענע ווערט פארוואנדעלט אין א וועלדעל, אין מיטען דריי טעמפלען.

דריי אינגלאד, באגלייטענדיג טאמינא, זאגען איהם אז, אז ער זאל זיין פעסט, מוטיג און געדולדיג.

טאמינא וויל וויסען, וואס דארף ער טאן צו ראטעווען פאמינא?

די דריי אינגלאד ענטפערען, אז דאס איז ניט זייער זאך איהם צו זאגען, נאר ער דארף זיין א מאן.

טאמינא באשליסט זיך אריינצוגעהן אין טויער און זאל

דער אויסוואורף ציטערען: ער וועט פאמינא ראטעווען. ער פּרוּ־בירט געהן אין די פארשידענע טירען און געהט ענדליך אריין אין די מיטעלסטע.

א פּ ר י ס ט ע ר באגעגענט איהם און פרעגט: וואס זוכט ער דא?

ט א מ י נ א ענטפערט: דאס איינענטום פון ליבע און טוגענד.

זיי צוריידען זיך און טאמינא דערוויסט זיך, אז אין דעם טעמפּעל הערשט סאראסטרא. טאמינא וויל ניט אריינגעהן, ווייל ער האסט סאראסטרא, ער איז א טיראן. צי האט ער ניט אוועק־גע׳גנב׳עט פאמינא ביי איהר מוטער?

ד ע ר פּ ר י ס ט ע ר איז דורך א שבועה פארבונדען צו שווייגען, אבער אזוי גיך ווי ער וועט אין הייליגטום ווערען א זייע־ריגער, וועט ער אלץ קאנען וויסען. דער פּריסטער געהט אפּ.

ט א מ י נ א בלייבענדיג אליין פרעגט ביי דעם כאר וואס איז פארשטעלט: צי לעבט נאך פאמינא? און דערוויסענדיג זיך, אז זי לעבט, דאנקט ער זיי און זינגט, אז ווי שטארק עס איז ניט דער צויבער־טאן פון דער פליים, דאך בלייבט פאמינא ווייט פון דאנען. ער שפּילט און רופט פאמינא.

פּ א פּ א ג ע נ א ענטפערט אפּ.

ט א מ י נ א דערקענט זיין טאן, שפּילט ווייטער: טאמער האט פּאמינא איהם שוין געפונען? טאמער וועט דער טאן איהם ברייגגען צו איהר?

פּ א מ י נ א און פּ א פּ א ג ע נ א איילען זיך צי געפינען טאמינא איידער דער שונא וועט זיך כאפּען. זי רופט. ער פייפט. זיי ווילען אנטלויפען אויף לינקס.

מ א נ א ס ט א ט א ס רופט זיי און וויל זיי לאזען בינדען דורך די שקלאפען.

פּ א פּ א ג ע נ א קלינגט אין זיין גלעקעל.

מ א נ א ס ט א ט א ס און די ש ק ל א פ ע ן ווערען באַ־רוהיגט פון די קלאנגען און לאזען זיך אוועק טאנצען און זינגען.

עס הערט זיך א מארש און שטימען רופען: סאראסטרא!

פ א פ א ג ע נ א פרעגט: וואס זאלען זיי איצט זאגען?
פ א מ י נ א ענטפערט, אז נאר דעם אמת.
ד ע ר כ א ר באגריסט סאראסטרא.
פ א מ י נ א קניט פאר איהם און דערציילט, אז זי האט געוואלט אנטלויפען פון זיין מאכט, אבער שולדיג איז דער שווארצער, וואס האט פארלאנגט פון איהר ליבע.
ס א ר א ס ט ר א הייסט איהר אויפשטעהן. ער ווייסט, אז זי ליבט אן אנדערען. ער וועט זי ניט צווינגען צו ליבען, אבער די פרייהייט גיט ער ניט.
פ א מ י נ א בעט זיך, ער זאל איהר לאזען צו דער מוטער.
ס א ר א ס ט ר א זאגט, אז א ווייב מוז זיך לאזען פיהרען פון א מאן.
מ א נ א ס ט א ט א ס ברייננגט צו פיהרען טאמינא.
ט א מ י נ א און פ א מ י נ א דערקענען זיך באלד. זיי נעמען זיך ארום.
מ א נ א ס ט א ט א ס געפינט ,אז דאס איז א חוצפה, און אנווייזענדיג אויף פאפאגענא זאגט ער, אז מיט זיין הילף האט דער יונגער מאן געוואלט מיט איהר אנטלויפען. ער האט אבער אויפגעפאסט, און ער איז ווערט באלוינט צו ווערען.
ס א ר א ס ט ר א הייסט איהם מכבד זיין מיט 27 שמייץ. דאס איז זיין פליכט. ער הייסט באדעקען די קעפ פון ביידע יונגע לייט און זיי פיהרען אין טעמפעל אויף פראבע. ער דערלאנגט פאמינא די האנט און געהט מיט איהר אפ.
ד ע ר כ א ר באזינגט די טוגענד און גערעכטיגקייט, וואס מאכען די ערד פאר א הימלישע מלוכה און די שטרעבליכע גלייך מיט די געטער.

צווייטער אקט.

דער אונטערערדישער טעמפעל.

ס א ר א ס ט ר א ערקלערט דעם עולם, אז ער האט די הייג־

טיגע פארזאמלונג צונויפגערופען צו באגריסען טאמינא, דעם קעניג'ס זוהן. אין נאמען פון דער מענשהייט דאנקט ער זיי פאר זייער איינינקייט און הייסט טאמינא מיט זיינע חברים אריינפיהרען אין פארהויף פון טעמפעל און באפעלט דעם פארזיצענדען צו פראווען די צערעמאניע.

סאראסטרא און די פריסטער זיינען מתפלל צו איזיס און אזירים, אז זיי זאלען שענקען זייער חכמה־גייסט צו דעם נייעם פאר. סאראסטרא איז מתפלל, אז זיי זאלען אויסהאלטען דעם עקזאמען, זיי זאלען זיין שטארק מיט געדולד און אז אין קבר זאלען זיי אויך אויפגענומען ווערען פון די געטינען.

דער פארזיצענדער פרעגט, וואס פארלאנגען די פרעמדע פון זיי?

טאמינא ענטפערט: פריינדשאפט און ליבע. ער ווערט אנגענומען.

פאפאגענא ענטפערט, אז ער וויל גוט עסען און שלאפען און א שעהנע ווייבעל.

דער פריסטער הייסט איהם אויסהאלטען דעם עקזאמען. ער וועט זעהן דאס שעהנע מיידעל, אבער ער טאר צו איהר ניט ריידען. דאס זעלבע וועט אויך טאמינא מוזען טאן מיט פאמינא. דאס איז דער אנהויב פון עקזאמען. עס ווערט פינסטער.

די דריי דאמען באווייזען זיך מיט פאקעלען אין די הענט און שרעקעןביידען, אז דער טויט איז זיי פארשווארען.

טאמינא זוכט איינצושטילען דעם דערשראקענעם פאפאגענא.

טאמינא הערט זיך גוט צו צו די פלוידעריי פון ווייבער. ער דערלאזט אבער פאפאגענא ניט פלוידערען.

די דריי דאמען זעהען, אז מיט שאנד מוזען זיי זיך אפטראגען, ווייל יענע ריידען ניט.

דער כאר מעלדעט אונטער די קלעפ פון דונער, אז די ווייבער מוזען געבראכט ווערען אין גיהנום.

דריי אינגלאך קומען אן און זיי באגריסען די פאר־

זאמעלטע. עס באווייזט זיך א רייך־געדעקטער טיש און די אינגלאך לאדען איין די פארזאמעלטע צו עסען און טרינקען.

פ א פ א ג ע נ א הייסט טאמינא בלאזען אין פלייט, אז זיי זאלען אויך קאנען געניסען.

פ א מ י נ א לויפט אריין און וויל ארויסרופען אויף א גע־שפרעך פריהער טאמינא, נאכהער פאפאגענא. קיינער פון זיי ענטפערט אבער ניט, און זי איז שטארק פארוואונדערט און פאר־טרויערט דערפון.

פ א פ א ג ע נ א לאזט זיך וואויל געהן בעת טאמינא געהט אין מיטען. ער כאפט זיך און וויל נאכגעהן, ווערט אבער ארויס־געווארפען. ער זאגט דעם פארזיצענדען, אז זיין איינציגער פאר־לאנג איז איצט א גוט גלאז וויין, וואס ער באקומט אויך. ער הויבט אן קלאפען מיט זיין גלעקעל, פארלאנגענדיג א מיידעל אדער ווייבעל, וואס זאלען איהם ארויסהעלפען פון זיין נויט.

א ז א ל ט ע ו ו י י ב באווייזט זיך טאנצענדיג אויף א שטעקען: זי האט זיך אויף איהם דערבארימט. זי וויל ער זאל איהר באלד געבען זיין האנט, אדער ער וועט אויף אייביג בלייבען אין טורמע און וועט דארפען לעבען אויף וואסער און ברויט.

פ א פ א ג ע נ א איז שוין גרייט צו נעמען די אלטע. נאכדעם ווי ער שווערט צו בלייבען טריי צו איהר, פארוואנדעלט זיך די אלטעטשקע אין א יונגע מיידעל, וועלכע ער וויל ארומנעהמען. ער ווערט אבער דערפאר פארטריבען.

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין א גארטען.

מ א נ א ס ט א ט א ס גנב'עט זיך צו צו דער שלאפענדער פאמינא און וויל איהר שטילערהייט א קוש טאן. ער בעט ביי דער ליבער לבנה, זי זאל איהם מוחל זיין, וואס ער האט זיך פארליבט אין א ווייסע; זי איז אזוי שעהן.

די ק ע נ י ג י ן פ ו ן נ א כ ט טרייבט איהם אוועק:

אין איהר הארצען קאכט טויט און פארצווייפלונג. זי ענטזאגט זיך פון דער טאכטער און פארשילט איהר.

פאמינא כאפט זיך אויף מיט'ן געשריי: מוטער! מוטער!

די קעניגין דערלאנגט איהר א קינזשאל און באפעלט איהר צו טויטען מאנאסטאטאס.

פאמינא איז פארצווייפעלט: מארדען קאן זי ניט.

מאנאסטאטאס נעמט אוועק דעם קינזשאל און ער־קלערט, אז זי האט נאר איין וועג ווי זיך און די מוטער צו ראטעווען. דאס איז איהם צו ליבען.

פאמינא ענטפערט: ניין!

סאראסטרא קומט אן און פארטרייבט איהם. צו פאמינא זאגט ער: אין דעם הייליגען זאל ווייסט מען פון נקמה ניט און אויב א מענש איז געפאלען פיהרט די ליבע איהם צו פליכט. אין די הייליגע מויערען, וואו א מענש ליבט א מענשען, קאן דער פאר־רעטער ניט לויערען.

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין טעמפעל פון די געטער איזיס און אזירים.

א כאר פון פריסטער זינגט א שבח צו די בייזע געטינס און באגריסט דעם יונגען מאן, וואס ווערט באלד געראפען צום נייעם לעבען.

סאראסטרא דערלאנגט טאמינא די האנט ליבענדיג זיין ביז איצטיגע האלטונג.

פאמינא ווערט אריינגעפיהרט און באגריסט איהם מיט פרייד.

טאמינא ווייזט זי צוריק.

פאמינא שרעקט איהם מיט די גרויסע געפאהרען, וואס שטעהען איהם פאר.

ט א מ י נ א פארלאזט זיך אויף די געטער.

ס א ר א ס ט ר א מעלדעט, אז עס איז געקומען די שעה פאר זיי זיך צו שיידען.

ט א מ י נ א און פ א מ י נ א געזעגענען זיך און ווערען אפגעפיהרט אין פארשידענע זייטען.

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין א פאלמען־גארטען.

ד י ד ר י י א י נ ג ל א ד מעלדען, אז דער מארגען קומט און און ברייגנט רוה אין די הערצער פון די מענשען. זיי ווילען ברייגנען טרייסט דער שמאכטענדער פאמינא.

פ א מ י נ א רעדט צום קינזשאל, אז ער וועט זיין איהר חתן. זי וויל שטארבען, ווייל איהר געליבטער האט זי פארלאזען. עס איז פול די מאס פון יאמער.

ד י א י נ ג ל א ד האלטען זי צוריק דערפון: יענער ליבט נאר זי אליין.

פ א מ י נ א פארשטעהט ניט, פאר וואס זשע האט ער מיט איהר ניט גערעדט?

ד י א י נ ג ל א ד פיהרען זי צו איהם, ערקלערענדיג אז קיין מענשליכע איבערמאכט קאן ניט צושיידען קיין צוויי הערצער וואס ברענען מיט ליבע.

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין א פעלזען־געגענד.

צ ו ו י פ ר י ס ט ע ר קומען פון לינקס מיט טאמינא און זיי מעלדען, אז ווער עס קאן גובר זיין די שרעק פון טויט, וועט איינגעווייהט ווערען אין די סודות פון איזיס.

ט א מ י נ א ענטפערט, אז דער טויט שרעקט איהם ניט אפ. און ער געהט אויפ׳ן וועג פון טוגענד.

פ א מ י נ א רופט איהם צוריק.

ד י פ ר י ס ט ע ר ערקלערען איהם, אז איצט האָט זי קיין זאך ניט צוטיילט, און ער קאן מיט איהר ריידען.

פ א מ י נ א און ט א מ י נ א נעמען זיך ארום, איבער־גליקליכע. זיי וואנדלען דורך די מאכט פון דער פלייטס טאָן דורכ'ן טויט און די פינסטערע נאכט און זיי בעטען די פלייט, זי זאָל זיי באשיצען געגען פייער און געגען וואסער. זיי האלטען אויס ביידע

ד ע ר כ א ר באגריסט זייער טריאומף.

די סצענע ווערט פארוואנדעלט אין א גארטען־דעקאראציע.

פ א פ א ג ע נ א רופט און זוכט זיין ווייבעל. ער איז שוין מיד אומזיסט זוכענדיג און דאס לעבען האָט איהם דערעסען. ער געזעגענט זיך מיט דער פאלשער וועלט, רופט צו די שעהנע מיידלאך זיי זאָלען איהם געדענקען. קיינער רופט זיך אבער ניט אָפּ. ער וויל זיך אויפהענגען.

ד י ד ר י י א י נ ג ל א ך באווייזען זיך און הייסען איהם זיך אפּהאלטען און קלינגען אין גלאָק.

פ א פ א ג ע נ א קלינגט אין גלאָק און הייסט זיך פארשאפען א מיידעל.

ד י א י נ ג ל א ך ברייננען איהם צו פיהרען א פאפאגענא.

ב י י ד ע פ א פ א ג ע נ א ס זינגען: וואס פאר א שמחה עס וועט עס זיין, ווען גאָט וועט זיי שענקען קינדערלאך פאפאגע־נאס!

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין א פעלזען־געגענד.

מ א נ א ס ט א ט א ס און די דאמען הייסען זיין שטיל: זיי וועלען באלד זיך אריינרייסען אין טעמפעל. זיי וועלען באפאלען

די פרומאקעס און זיי אויסראטען פון דער ערד אלס נקמה פאר די גרויסע קעניגין פון דער נאכט. זיי ווערען אבער פארזונקען אין א קלאגען, אז זייער מאכט איז ארונטערגעווארפען אין דער פינסטע־רער נאכט.

די סצענע פארוואנדעלט זיך אין זון־טעמפעל.

ס א ר א ס ט ר א באגריסט די שטראהלען פון דער זון, וואס האבען די נאכט פארטריבען און פארניכטעט די מאכט פון די היפאקריטען.

ד ע ר כ א ר פ ו ן פ ר י ס ט ע ר זינגען א שבח צו אזירים און איזים. עס האט געזיגט די שטארקייט און געקרוינט ווערט אלס אייביג לוין די שעהנהייט און די ווייזהייט.

באָריס גאָדונאָוו

א מוזיקאַלישע דראַמא אין 3 אַקטען און 8 בילדער

פון מאַרעסט מוסאָרגסקי.

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

אין פאָרענט פון נאָוואָדיעוויטשי מאָנאַסטיר לעבען מאָסקווע.

א גרויסער עולם איז פאַרזאַמעלט אין הויף פון מאָנאַסטיר. עס גיהען פאַרביי באַיאַרען מיט פירשט שויסקי בראש. דער עולם פאַרנייגט זיך. עס באַווייזט זיך א פּאָליציי־בעאַמטער מיט א גרויסען שטעקען און פאָרמעסט זיך אויף דעם המון. וואָס האָט זיך צוזאַמענגעקליבען צו בעטען דעם צאַר באָריס גאָדונאָוו, ער זאָל זיך ניט ענטזאָגען פון טראָן.

דער המון באַקלאָגט זיך ווי אַזוי קאָן עס דער גוטער פאָטערל פאַרלאָזען זיין פאָלק?

דער פּאָליציי־מייסטער פייערט דעם המון אונטער, ער זאָל בעטען רחמים, און הייסט שרייען. און דער עולם שרייט און בעט.

טשעלקאַלאָוו, דער סעקרעטאַר פון דער דומא באַווייזט זיך און דערצעהלט, אז באָריס לאָזט זיך פון קיינעם ניט איבעררעדען.

פּילגרימען מאַרשירען דורך מיט א תפלה און געזאַנג. דער המון לאָזט זיי דורך און זיי צוטיילען קמעות צווישען עולם. דער פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטעס ביל ד.

א קאמער אין מאנאסטיר פון די וואונדערס, ביי־נאכט.

פ י מ ע ן. דער אלטער מאנאך שרייבט ביי א לאמפ: נאך איין פאקט, נאך איין לעגענדע און זיין ארבייט איז געענדיגט.

ג ר י ג א ר י. דער יונגער מאנאך־לעריונג כאפט זיך אויף פון שלאף, הערענדיג דעם געזאנג פון מאנאכען־כאר. עס האט זיך איהם ווידער גע׳חלומ׳ט דער זעלבער חלום, די זעלבע זעהונג און ער בעט, אז דער אלטער זאל איהם בענשען און באקלאגט זיך אויף זיינע אומרוהיגע חלומות.

פ י מ ע ן גיט איהם אן עצה צו טאן תשובה און מתפלל צו זיין, ער זאל זיך נעמען א ביישפיל פון דעם ווי אזוי צארען אפילו האבען אפט פארביטען זייער גאנצען גלאנץ אויף דעם מלבוש פון א מאנאך. ער רימט דעם געוועזענעם צאר פיאדאר, א שטילען, א פרידליכען, וואס האט פארוואנדעלט זיין צימער אין א קלויסטער־צעלע.

ג ר י ג א ר י פרעגט זיך נאך ווי אלט וואלט זיין יונגער זון, דער דער׳הרג׳טער צארעוויטש געווען, ווען ער וואלט נאך גע־לעבט.

פ י מ ע ן ענטפערט איהם, אז ער וואלט געווען אין זיין, גריגאריס עלטער. אבער גאט האט אנדערש געוואלט און געלאזט באריס׳ן דורכפיהרען זיין שרעקליכען פארברעכען. ער פארזאגט גריגארין האלט צו האבען וויסענשאפט, ווייל איהם טרויט ער אן זיין ארבייט. ער ציהט זיך צוריק צו רוה, טיף פארטראכט, בא־גלייט פון גריגארי און דעם געזאנג פון די מאנאכען אינעווייניג.

ג ר י ג א ר י, שטעהענדיג ביים טיר, רופט אויס: „באריס, באריס, פאר ווענען אלע בויגען זיך, היט זיך, אט דא אין דעם

קאמער דערצעהלט א מאנאך אוים אלע דיינע שרעקליכע פארברע־בענס און מענשליכע גערעכטיגקייט וועט דיך פון דאנענט טרעפען און דער הימעל וועט דיך באשטראפען.

דריטעס ביל ד.

א סקווער צווישען צוויי קאטעדראלען.

א גרויסער המון איז פארזאמעלט. גלאקען קלינגען. א רייכע פראצעסיע געהט פארביי. די סטרעליצער סאלדאטען האלטען וואך.

פירשט שויסקי ווענדעט זיך צום פאלק מיט א הדר פאר צאר באריס; דאס פאלק ענטפערט מיט פרייד־געשרייען. אונטערדעסען באווייזט זיך דער צאר באריס אליין און באגריסט דאס פאלק.

באריס פאר זיך דריקט אוים דעם שרעק, מיט וועלכען זיין נשמה איז פול. מען זאל זיך ניט דערוויסען וועגען זיין פאר־ברעכען. הויך לויבט ער דעם אנדענקען פון די פארשטארבענע הערשער, און ארדערט א יום־טוב פאר'ן פאלק. דאן ציהט ער זיך צוריק און דאס פאלק באגלייט איהם מיט הדר־געשרייען.

צווייטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

א קרעטשמע ביים ליטווישען גרעניץ.

די קרעטשמערקע פארלאטעט א שוך און זינגט זיך

אונטער א פאָלקס־געזאַנג. עס הערט זיך אַ געלעכטער און עס קומען באַלד אַריין צוויי רייזענדע מאַנאַכען — מיסאַיל און וואַר־לאַאם, און הינטער זיי גריגאַרי — דער פאַלשער דימיטרי, אנגע־טאָן ווי אַ פויער.

וואַרלאַאם, באַמערקענדיג גריגאַרין, לאַזט ער זיך אַריין אין אַ געשפּרעך מיט איהם, פון וועלכען מען דערוויסט זיך גריגאַרי זוכט זיך אַריבערצוכאַפּען דעם ליטווישען גרענ־יץ, ווייל נאָר דאָרט וועט ער זיין זיכער, בעת וואַרלאַאם אַליין טענה'ט אַז זיכער און גליקליך איז מען איבעראַל, וואו עס איז נאָך פאַראַן משקה. און האַקומענדיג אַ גאַנצע פעסעל משקה זינגט וואַרלאַאם זיך פאַר־נאַנדער וועגען דעם צאַר איוואַן דעם שרעקליכען אין זיין קאַמף מיט די טאַטאַרען ביי קאַזאַן. ער זוכט אויך גריגאַרין איינצורייי־דען צו נעהמען אַ כוס.

גריגאַרי פרעגט זיך דערווייל פאַרנאַנדער ביי דער בעל־הבית'טע, ווי מען קומט אַריבער דעם גרעניץ.

די שענקערקע דערצעהלט איהם, אַז עס איז זעהר שטרענג, מען זוכט עפּעס אַן אַנטלאָפענעם פאַרברעכער און מען אַרעסטירט יעדען רייזענדען. זי ווייזט איהם פונדעסטוועגען אַן, ווי אַזוי צו געהן.

אין מיטען דערינען קומען אַריין סאָלדאַטען מיט אַן אָפיציר און טרעטען צו צו די מאַנאַכען נאָך ערקלערונגען, ווער זיי זיינען. גריגאַרי מאַכט זיך תמ'עוואַטע און זאָגט אַז ער איז פון אַ נאָהענ־טער שטאָדט. דער אָפיציר באַשליסט אַז פאַרדעכטיגט איז וואַר־לאַאם, ניט דער יונגער שנעק. און בעת וואַרלאַאם זינגט זיך אונ־טער וועגען זיינע מעשים, טרעט דער אָפיציר צו מיט אַ זאַפּראַס. היות ווי מען זוכט אַן אַנטלאָפענעם אַפּקורס גרישקא אָטרעפּיעוו. צי איז עס ניט ער אַליין? דערלאַנגט דעם פּאַפּיר פאַרצולייענען; וואַכלאַאם טענה'ט אָבער, אַז ער קאָן ניט לייענען און גריגאַרי לייענט דעם פּאַפּיר וואָס הייסט כאַפּען און הענגען דעם אַנטלאָ־פענעם און גיט אָן די פּרימעטעס אַזוינע ווי ביי וואַכלאַאמען.

וואַרלאַאם כאַפּט זיך, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעהלער

און נעמט אליין לייענען דעם פּאַפּיר און לייענט: „אַלט צוואַנציג... מיטעלהויך... רויטליכע האר...“ און ווייזט אַז אַז די פּרימעטען שטי־מען מיט גריגאָרים. אבער יענער איז דערוויל אנטלאָפען דורכ'ן פענסטער.

צווייטעס ביל ד.

דעם צאַרס צימערן אין קרעמעל.

קסעניא, די טאָכטער פון באָרים, האַלטענדיג א מע־דאַלאָן פון איהר פארשטאָרבענעם חתן, זינגט א טרויער־ליעד וועגען איהם.

די אַלטע ניאַניאַ זוכט איהר צו באַרוהיגען, אָנ־ווייזענדיג, אַז טרערען וועלען ניט העלפען, און אַז בכלל האָט זי איהם גאר ווייניג געקענט און זי זינגט איהר פאַר דאָס ליד פון א פליי.

פיאָדאָר, דער צאַרעוויטש, מישט זיך אריין, און זאָגט ווי לעבערליך איהר ליד איז, און באלד לאָזען זיך ביידע אוועק שפּילען אין כאַפּעניש, אונטערזינגענדיג דערביי א ליד. אומבאַ־מערקט קומט אריין דער צאַר באָרים אליין.

באָרים וואונדערט זיך צוערשט צו זיין טייבאַלע קסעניא, און גלעטענדיג איהר, פּרובירט ער זי טרייסטען. זי און די ניאַניא געהען ארוים און ער ווענדעט זיך צום זוהן, פרעגענדיג וואָס ער לערנט, אַן אטלאַס?

פיאָדאָר ווייזט איהם אַז אויף די פארשידענע פּונקטען אין אטלאַס.

באָרים לויבט דעם זון פאר דאָס שטודיום, אָנווייזענדיג,

אז עס קאן פאסירען... און פיליכט גאנץ גיך, אז ער זאל ווערען דער קייזער. ער שפאצירט אריבער צום לענשטול, כאפט אויף צוואווארפענע פאפירען און רעדט צו זיך: שוין פינף יאהר ווי ער טראגט די קרוין און קיין זאך ציהט איהם מעהר ניט צו. ער האט אומזיסט געזוכט פרייד אין דער פאמיליע, פארבעררייט די טאכ־טערס חתונה... דער געליבטער איז געשטארבען, זיין נשמה איז צורודערט, ער ציטערט, ער ערווארט אן אומגליק, זוכט אומזיסט בארוהיגונג אין תפלות, אלע שפיאנאוועז, בונטעוועז... גרויסע שטראף... עפידעמיעס, הונגער, דאס זיינען אלץ שטראפען געשיקט פון הימעל פאר זיינע פארברעכענס. אלע פארשילטען זיין נאמען און ער אליין קאן ניט שלאפען, ווארום אין דער פינסטערניש הערט ער די געשרייען פון דעם בלוטענדען אינגעל, מיט דעם צושראקענעם בליק וואס בעט רחמים ביי איהם. ער הערט נאך זיין גסיסה־כארכ־לען... ער פאלט אנידער אין לענשטול און בעט ביי גאט רחמים. און דערהערענדיג עפעס א גערויש פון דרויסען, ווערט ער דער־שראקענער.

א הויף־באיאר קומט אריין און דערצעהלט איהם אז א קאנספיראציע געהט אן צווישען די באיארעס, צווישען שויסקים פריינד, א שליח איז געקומען פון קראקאוו...

פיאדאר ווענדעט זיך צו איהם מיט זיינע צרות וועגען א קאמף צווישען דער ניאניא און דעם פאפוגאי, וואס איז צורייצט און האט ניט אנדערש געוואלט ווי צובייסען די ניאניא.

באריס לאשצעט דעם זון און זאגט, אז פאר די איינציגע פרייד צו וויסען אז ער וועט הערשען איבער רוסלאנד, איז ער גערייט פון דער גאנצער וועלט חוזק צו מאכען, און זיך ווענדענדיג צום פירשט שויסקי, וואס איז אקארשט אריין, באפאלט ער איהם מיט זידלערייי און באשימפונג צוליב די בונטען, וואס ווערען גע־פלאנעוועט צווישען זיינע נאהענטסטע.

שויסקי דערצעהלט איהם, אז איינער א שווינדלער גיט זיך ארויס פאר דעם צאר און אז דער פוילישער קעניג און פויפסט

גלויבען אין איהם. דער טראַז איז אפילו פעסט, אבער איבעראַל וואו דימיטרי באַווייזט זיך שטעהען אַלע צו צו איהם.

באַריס וויל ארויסשיקען דעם זון ער זאָל ניט הערען דעם געשפּרעך און פירט איהם אַליין ארויס אַנזאָגענדיג צו האַלטען שטרענג די וואַך, און זיך ווענדענדיג צו שויסקי זאָגט ער: האסטו אפשר געהערט זאָגענדיג אז ערמאָרדעטע אינגלאַך זאָלען אויפשטעהן פון זייערע קברים כדי אויסצומאַטערן די גזעצליך־ערוועלטע צאַרען... ער וויל וויסען, צו דער אינגעל, וואַס איז... אזוי טראַגיש אומגעקומען... דורך דעם שרעקליכען פאַרברעכען... איז באמת געווען דימיטרי? און ער סטראַשעט שויסקין מיט די שרעקליכסטע פּייניגונג, אויב ער באַהאַלט פון איהם עפּעס.

שויסקי ענטפערט, אז ער שרעקט זיך ניט פאַר'ן טוידט, נאָר פאַר זיין אומגנאַד. ער דערצעהלט אז דרייסיג מתים, אַלע יונגע אינגלאַך זיינען געלעגען אויסגעשפּרייט אין דער קירך אין אוגליטש, זייערע פּנימער זיינען געווען פאַרקריפּעלט, נאָר דער פּנים פון צאַר איוואַנס זוהן איז געווען קלאָר, ארום האַלז א רויטער וואונד און אויף די ליפּען נאָך דער מלאך שמייכעל, אין האַנט א שפּילצייג!

באַריס הייסט איהם ניט דערציילען מעהר און שיקט איהם אַפּ. אַליין וואַרפט ער זיך ווידער אין לענשטול, און ער שרייט, אז עס שטיקט איהם, דער געוויין פּלאָגט איהם. יא, ער ווייסט גענוג, די נשמה קאָכט, דאָס האַרץ איז פול מיט שמערץ. חרטה, ווי א האַמער קלאַפּט אין זיין מוח. און פון דאַרטען, פון אונטען, באַווייזט זיך דער פאַרבלוטיגטער אינגעל. ער פּרובירט צוועקטרייבען די זעהונג, שרייענדיג, אז ניט ער איז דער מערדער. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און איז מתפּלל צו גאָט, ער זאָל רחמנות האָבען אויף די שולדיגע נשמה פון באַריס. דעם שולדיגען.

דריטער אקט.

אין פוילישען שלאס פון מנישעק.

ד ע ר פ א ל ש ע ר ד י מ י ט ר י קומט ארוים פון שלאס אויף א סווידאניע מיט מארינא און באגעגענט דעם פאטער ראנ־גאני, וועלכער זאגט איהם, אז ער איז געשיקט פון מארינא, וואס לאזט איהם וויסען ווי שטארק זי ליבט איהם.

ד י מ י ט ר י פארשפרעכט איהם, אז ער וועט איהר מיט־נעמען אין רוסלאנד און ארויפזעצען אויפ׳ן טראן, דאך גלויבט ער ניט, אז זי ליבט איהם. זי האט אבער ניט וואס מורא צו האבען. ווייל זי וועט ווערען זיין ווייב און די צאריצא, און ער בעט איהם געפירט צו ווערען צו מארינא.

עס קומט אן א חברותא פון פוילישע פריצים מיט מארינא. זיי זוכען איהר אפצורייסען פון דימיטריען, אפשרעקענדיג איהר פון די רוסען.

ד י מ י ט ר י לויפט אן, ער דענקט, אז דער יעזואיט האט איהם אומישנע פארהאלטען. ער איז אייפערזיכטיג צוליב מארינאס נאהענטקייט מיט די פריצים. ער באגריסט מארינא אלס זיין מלאך און צאריצא.

מ א ר י נ א ענטפערט, אז זי ווייסט אלץ, אז טעג און נעכט טראכט ער נאר פון איהר. זי וויל אבער ריידען מיט איהם וועגען וויכטיגע זאכען, און דאס איז ווען וועט ער אריין אין מאסק־ווע אלס צאר.

ד י מ י ט ר י ענטפערט, אז איהם שרעקט דאס הארץ פאר דעם גלאנץ פון טראן ארומגערינגעלט פון די נידעריגסטע פאלשע

שקלאפען. זיין ליבע און ליידענשאפט צו איהר זיינען איהם טייערער.

מארינא שלאגט איהם פאר צו זוכען אן אנדערע. נאר דער טראן וואלט פאר איהר געקאנט זיין א רייץ. ער אבער האט אין גאנצען אן דעם פארגעסען. ער טראכט אפילו מעהר ניט פון בארים׳ן. ער איז דערפאר גאר ניט ווערט, א שקלאף, א פארקויפטע נשמה. און זי הייסט איהם נעמען דעם וועג.

דימיטרי שרייט אבער, אז זי זאגט ליגען, ער איז דער צאר, ארום איהם קלייבען זיך צוזאמען סאלדאטען און ער פירט זיי אויף׳ן קרעמעל צו ערֹאבערן דעם טראן פון זיינע פאטערס. און אין יענעם טאג וועט זי פאלען צו זיינע פים און ער וועט לאכען פון איהר דער נארישער פוילישער פרוי.

מארינא בעט ער זאל איהר מוחל זיין. זי גלויבט אין זיין שיקזאל און וויל איהם זעהן אין מאכט און גלאנץ. זי ליבט איהם און וועט נאכגעהן נאך איהם. וועט זיין טריי צו איהם, נאר זאל ער וואס שנעלער זיך איילען צום קרעמעל און זי לאזט זיך אראפ אויף די קני איהם רופענדיג: מיין צאר, מיין ערֹאבערער.

זיי נעמען זיך ארום, ראנגיני געהט פארביי און קוועלט אנקומענדיג. פון הינטער דער בינע הערט זיך דער געשריי פון די געסט: עס לעבע! עס לעבע! עס לעבע!

צווייטעס ביל ד.

דער וואלד פון קראמי נאכט.

א חברה וואגאבונדען ברייננען מיט זיך צושלעפען א געבונדענעם באיאר קרושטשאוו׳ן און שמייסען איהם. א מחנה ווייבער זינגען א ליד וועגען באיארן. דער מענער־כאר ענטפערט זיי...

עס באוויזט זיך א דוראטשאק און זאגט רעטעניזשען, און די קונדסים שפילען מיט איהם קאטאוועס. עס קומען אן די צוויי מאנאכען ווארלאאם און מיסאיל, און זיי ביידע פייערען אונטער דעם המון געגען באריס'ן. דער עולם קוועלט אז פון זיי מיט נחת און ווערט אנגעפייערט צום קאמף, און ביידע מאנאכען בענשען דעם עולם אנצונעמען דעם נייעם צאר דימיטרי, דעם זון פון איוואן. און דער עולם שרייט, אז באריס מוז באצאלען מיט'ן לעבען.

עס קומען אן לאוויטצקי און טשערניאקאווסקי, צוויי יעזואי־טען זינגענדיג א לאטיינישע תפלה, און די ביידע מאנאכען פייערן אן דעם עולם זיך צו ווארפען אויף זיי און זיי צו הענגען. אבער באלד הערען זיך די טרומייטען פון אנקומענדען דימיטרים חיל; אנדערע קומען אן אויף פערד, אנדערע טראגען פאקלען אין די הענט. אלע באגריסען דימיטרי מיט הדר אלס צאר.

ד י מ י ט ר י שלאגט פאר דעם פאלק אלס צאר פון גאנץ גנאדען הילף און פרייהייט. ער נעמט מיט אויך דעם געפאנגענעם באיאר'ן. אלע שרייען הייל צו איהם.

ד ר י ט ע ס ב י ל ד.

דער ווינקעל־פאלאץ אין קרעמיל.

די באיארען האבען זיך פארזאמעלט אויף א ספעציעלער זי־צונג פון דער דומא. שטימען פון פארשידענע זייטען דריקען אויס פארשידענע מיינונגען. אייניגע באפען זיך אז שויסקי פעהלט.

ש ו י ס ק י קומט אריין און דערצעהלט, אז ער האט אנגע־הויבען צווייפלען צו דער צאר איז ביים זינען, און נאכקוקענדיג דורך דאס טירלאך האט ער געזעהן ווי ער האט געוויינט, געשריען און געזעדט צום שאטען פון דימיטרי, שרייענדיג: „גיי, גיי, אינגעל!"

באריס קומט אַן און רעדט צו זיך: געה, געה, איך דער מערדער? ניין, ניט קיין מערדער, ער לעבט, און שויסקי וואָס האָט פאַלש געשוואָרען מוז געפערטעלט ווערען. און זיך ווענדענדיג צו די באיארען מיט גרויס ווירדע זאָגט ער, אַז ער האָט זיי פאַרזאַמעלט, ווייל אין די שווערע, פינסטערע טעג נויטיגט ער זיך אין זייער עצה און הילף.

שויסקי בעט ערלויבניש צו מעלדען, אַז אַן אַלטער זעהר חשוב'ער מאַן וויל אין זיין אנוועזענהייט אויפדעקען אַ גרויסען סוד.

פימען קומט אַריין, און קוקענדיג שאַרף אויף באַריס'ן דערציילט ער, אַז צו איהם איז געקומען זעהר אַ חשוב'ער מענש און איהם ערקלערט אַ מיסטעריע. ער איז געוועזען בלינד פון קינדווייס אָן. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. און מעהר ווי קלאַנגען האָט ער ניט געקאָנט אונטערשיידען. איין נאַכט האָט ער קלאָר דערהערט די שטים פון אַ קינד (באַריס ווערט אַלץ אומרוהיגער) וואָס האָט איהם געזאָגט: פאָטער, געה אין שטאָדט אוגליטש און זיי מתפלל אויף מיין קבר, ווארום איך בין דימיטרי דער צאַרעוויטש. גאָט האָט מיך גענומען צווישען די מלאכים און איצט שיקט ער מיך אַהער צו ווייזען נסים. און באַלד נאָך דעם זיינען זיינע אויגען געעפענט געוואָרען...

באריס כאַפּט זיך פאַר'ן האַרצען און שרייט: איך חלש, העלפט מיר! זיך אויפכאַפּענדיג שרייט ער: מיין זון, דעם יורש ברייניגט מיר. אייניגע באיארען בלייבען אַרום איהם, אַנדערע לויפען אַרויס. עס קומט האַסטיג אַן פיאָדאָר און וואַרפט זיך אין באַריס'עס אָרעמס.

באריס הייסט די באיארעס איהם לאָזען אַליין מיט'ן זוהן. און געזעגענט זיך מיט איהם. דו ווערסט, זאָגט ער — באַלד פאַרנעמען דעם טראָן. פרעג ניט ווי אַזוי איך בין געקומען צום טראָן. נאָר מיין טייערער געליבטער זוהן, טרוי ניט די עדות פון

די באיארעס, זוך נאך זייער בונט און באשטראף די פארעטער! באשטראף אהן רחמנות. זיי אבער שטרענג גערעכט צום פאלק. פארטיידיג אונזער הייליגע רעליגיאן און באשיץ דיין שוועסטער קסעניא, ליב איהר, מיין טייערע טויב. גאט, זיי מוחל דעם גרויסען זינדער און ווייז רחמים צו זיין זוהן. זאל דער הימעל באשיצען מיין יורש. אונטערדעסען דערהערט ער דעם קלאנג פון די גלאקען און דעם געזאנג פון כאר אינעווייניג, אז א נשמה געהט אוועק. שוין לויה געזאנג? איך געה אין קלויסטער.

פ י א ד א ר זוכט איהם צו בארוהיגען.

ב א ר י ס זאגט איהם אבער, אז זיין שעה איז געקומען. און בעט ווידער מחלה ביי גאט. אבער דערזעהענדיג די אנקומענדע פראצעסיע מיט די באיארעס, שטרענגט ער זיך אן זיך אויפצוהייבען און שרייט אויס: „הערט אויף! איך בין צאר נאך. איך בין צאר. פאלט אנידער אין ארעמשטול און זאגט: איך שטארב, גאט, זיי מיר מוחל. און אנווייזענדיג צו די באיארעס אויפ׳ן זון, זאגט ער: ער איז אייער צאר! א מחילה, מחילה!

ל׳אפריקען

(די אפריקאנערין).

פון זשיאקאמא מייערבער.

ערשטער אקט.

דער צימער פון פארטוגעזישען קעניגליכען ראט.

א י נ ע ץ , די טאכטער פון ראטמאן, דאן דיעגא, איז שטארק איבעררашט. וואס מען האט איהר אהער גערופען.

א נ א , איהר בעגלייטערין, ערקלערט איהר, אז מן הסתם האט דער פאטער וויכטיגעס איהר מיטצוטיילען.

א י נ ע ץ פיהלט צווישען גליק און האפענונג וועגען דעם שיקזאל פון איהר געליבטען וואסקא די גאמא, וואס איז געווארען מיט זיין פלאט. איהר הארץ זאגט איהר, אז וואסקא וועט נאך טריאומפירען; עס קלינגט נאך איהר אין די אויערען זיין געזאנגס־ליד. ווען ער האט מיט אלץ זיך געזעגענט און מיט איהר, זיין איינ־ציגער ליבע.

ד א ן ד י ע ג א קומט אריין און דערצעהלט איהר, אז דער קעניג האט באשטימט, אז קיין אנדערער ניט ווי דאן־פעדרא, דער פרעזידענט פון ראט, זאל מיט איהר חתונה האבען, און ער אליין איז אויך מסכים דערצו. זי וועט ניט מקריב זיין אלץ צוליב איהר ליבע פאר עפעס א יונגען מאן פון נידעריגער אפשטאמונג.

א י נ ע ץ ערקלערט, אז זי וועט קיינמאל ניט חתונה האבען

מיט דאן פעדרא און דער יונגער מאן וועמען ער פאראכט וועט אמאל ווערען...

דאן דיעגא האקט איהר איבער, אז ער איז פאר׳משפט צום אונטערגאנג און פרעגט ביי דאן־פעדרא: צי איז אמת, אז בארנארד דיאץ איז אונטערגעגאנגען?

דאן פעדרא ענטפערט, אז עס איז אמת.

אינעץ וויל וויסען, צי לעבט נאך דער יונגער אפיציר וואסקא די גאמא?

דאן פעדרא ענטפערט, אז ער וועט נאכקוקען די ליסטעז. און ער געפינט אויס, אז ער איז אונטערגעגאנגען. אינעץ נעהט אפ אן אויפגערעגטע מיט איהר באגלייטערין און דאן פעדרא וואונדערט זיך, וואס די נייעס האט איהר אזוי אויפגערעגט.

דאן דיעגא בארוהיגט איהם, אז ער האט ניט וואס מורא צו האבען ווען זיין קאנקורענט איז טויט.

עס קומען אן די מיטגלידער פון ראט, מיט דעם גרויס אינקוויזיטאר און בישאפען.

דער כאר זינגט א תפלה צו גאט.

דאן פעדרא עפענט די זיצונג דערצעהלענדיג, אז זינט קאלאמבוס האט ענטדעקט א נייע וועלט האט דער גרויסער קעניג עמאנועל באשלאסען צו באצייכענען זיין רעגירונג מיט אן ענטדעקונג. איין פארטוגעזער האט שוין לאנג פאראויסגעזעהן די עקזיסטענץ פון א נייעם וועג און עס זיינען דא גרויסע האפענונגען אויף אן ערפאלג.

דער גרויס אינקוויזיטאר באמערקט, אז די האפענונגען זיינען צושטערט געווארען מיט דער אונטערגאנג פון דיאצ׳ס שיפען.

דאן פעדרא ערקלערט, אז דער קעניג האט צוזאמענגרופען דעם ראט צו באשטימען וואס צו טאן. יעדער דארף זיך ארויסזאגען. ער פרעגט, וואס דענקט אלוואר?

אלוואר ענטפערט, אז איינער א מאטראז האט זיך געראטעוועט און ער וועט האבען די עהרע זיי אפצוגעבען א באריכט.

וואסקא־די־גאמא ווערט אריינגעפיהרט און ער

מעלדעט, אז ער האט געזעהן ערטער, וואס קיין אייראפא־געבארענער האט נאך ניט זיין טריט דארט געשטעלט. און ווי אפט האט ער געבעטען גאט, אז דער קעניג זאל איהם אנטרויען א שיף און ער פארשפרעכט פארגרעסערטען האנדעל און אוצרות אהן א שיעור.

דער גרויס אינקוויזיטאר פרעגט: וואס בעטסטו פאר זיך?

וואסקא ענטפערט, אז כדי מען זאל ניט צווייפלען ועגען זיין שליחות אין אפריקא, האט ער געבראכט צוויי שקלאפען, וואס באלאנגען צו א ראסע, וועלכע מען האט ביז איצט אין ערגעץ ניט באגעגענט.

מען פיהרט אריין די צוויי שקלאפען, א מאן נעליסקא און א פרוי, סעליקא. דער מאן ענטזאגט זיך צו ענטפערן, ווער זיי זיינען.

סעליקא ענטפערט, אז זיי זיינען ים־געפאנגענע, זייער שיפעל איז אפגעשטויסען געווארען פון זייער לאנד.

וואסקא ווייזט אן אויף איהרע געזיכטס־ציגען, וואס קיין אנדער ראסע האט עס ניט און ער בעט זיך ביי סעליקא, זי זאל אלץ דערציילען.

סעליקא באמערקט, אז זיין בקשה קאן זי ניט ענטזאגען.

נעליסקא בעט זיך ביי איהר, זי זאל געדענקען, אז זי איז א קעניגין און ניט פארראטען דאס פאלק.

סעליקא ענטפערט, אז זי ווייסט ניט וואו איהר לאנד איז, א שקלאף האט ניט קיין לאנד.

נעליסקא פרעגט מיט כעס, צי וואס דארפען זיי עס וויסען, ווען מען זוכט פון זיי נאר צו מאכען בהמות.

וואסקא באמערקט, אז מען וועט פון זיי גאר ניט ארויס־קריגען. ער וועט אבער יענע געגענדען ענטדעקען, ווי ווייט זיי וועלען ניט זיין, אויב מען וועט איהם נאר געבען די מיטלען.

דאן פעדרא נאך א בעראטונג ווייזט צוריק זיין בקשה אין נאמען פון קעניג אלס משוגע'נע פראיעקטען.

וואסקא באמערקט מיט כעס, אז דער גרויסער קאלומבוס איז אויך באהאנדעלט געווארען ווי א משוגע'נער. ער איז איצט

דער ריכטער און ערקלערט, אז זיי זיינען פאלשע, פארטייאישע ריכטער.

אלע סטראשען, אז ער וועט מיט'ן לעבען באצאהלען פאר זיין חוצפה.

וואסקא שרעקט זיך ניט פאר טורמע. וועה איז צו זיי, דער אמת וועט סוף כל סוף זיגען.

דער כאר סטראשעט איהם מיט נקמה.

וואסקא האט קיין מורא ניט פאר זייערע באשולדיגונגען. ער אפעלירט געגען די אומגערעכטיגקייט צו די קינפטיגע דורות. זיין לאנד וועט זיך נוקם זיין פאר איהם.

אלווער ווידערהאלט דאס זעלבע.

דער גרויס אינקוויזיטאר פארשילט איהם מיט אן אייביגער קללה.

דער כאר חזר'ט איבער די קללה.

צווייטער אקט.

די אינקוויזיציע טורמע אין ליסאבאן.

סעליקא זינגט לעבען וואסקא, אז דאס זונען־קינד זאל רוהען. עס איז פינסטער און אין די שטאדט געהט מעהר ניט אן. די נאכט פארשפרייט מילדע ווינטען און ער קאן שלאפען זיכער. באטראכטענדיג וואסקא, געפינט זי, אז ער איז איצט רוהיג. זי ליידעט שווער. אבער קוקענדיג אויף איהם, פארגעסט זי איהר לאנד, איהר פאלאץ, איהרע אונטערטאנען. זי ליבט איהם. אין איהם האט איהר הארץ א גאט געפונען.

נעליסקא געהט באהאלטענערהייט צו צום שלאפענדיגען וואסקא, וויל איהם דער'הרג'ענען צוליב די עהרע פון זיין קעניגין און פון אייגענעם האס. א שלאפענדיגען וואלט ער ניט געוואלט דער־הרג'ענען. אבער ער מוז עס טאן.

ס ע ל י ק א האלט איהם צוריק. איז ער דען ניט אויך א געפאנגענער ווי זיי? זי דערמאנט נעליסקא, ווי גוט ער איז געווען צו זיי, ווי ער האט זיך מקריב געווען כדי זיי ניט צי שאדען. צי וועט ער באפלעקען זיין נאבעלען קלינגעל מיט די בלוט פון אזא איידעלען מענשען. זי וויל וויסען, צי האט ער ניט אנדערע אור־זאכען פאר זיין שנאה?

נ ע ל י ס ק א ענטפערט, אז זיין איבערגעבענהייט צו איהר, די טאכטער פון קעניגען, קאן דורך שקלאפעריי ניט באריהרט ווערען, זיין ליבע צו איהר קאן דורך קיין ליידען ניט אפגעשוואכט ווערען. אבער ער האסט א י ה ם . ער האט ענטדעקט אז אומ־גליקליכען און ער האט געשווארען, אז יענער מוז אומקומען. ער געהט צו צו וואסקא איהם צו דערלאנגען דעם טויט־קלאפ.

ס ע ל י ק א וועקט אויף וואסקא.

ו ו א ס ק א באטראכט די קארטע און דענכט. אז ער האט געפונען דעם ריכטיגען דורכגאנג.

ס ע ל י ק א ווייזט איהם אבער אן, אז עס איז פאלש, אז איהר אייגענע שיף איז צוליב דעם צושמעטערט געווארען. צו רעכט ליגט א לאנד.

ו ו א ס ק א איז איבערגליקליך, וואס ער האט ענדליך ענט־דעקט דעם דורכגאנג. ער נעהמט ארום סעליקא און דאנקט איהר פאר איהר אויפטהו. ער וועט עס שטענדיג געדיינקען.

ס ע ל י ק א איז איבערגליקליך, וואס ער איז אזוי צופריי־דען. זי דענקט, אז זי איז איהם טייער און איז פול מיט ליידענ־שאפט און ליבע.

ד א ן פ ע ד ר א קומט אן מיט אינעז און מעלדעט, אז דאס גליק איז געקומען פאר איהם.

א י נ ע ז דערציילט איהם, אז זי האט אויסגע'פיעל'ט פריי־הייט פאר איהם. איצט אבער מוזען זיי זיך צושיידען.

ו ו א ס ק א פרובירט זי פארהאלטען.

א י נ ע ז געהט אפ מיט פעדרא. זי ווייזט אן אויף די שקלאפען, אז ער איז ניט אליין.

ו ו א ס ק א שענקט איהר אוועק סעליקא און נעליסקא.

פעדרא דערציילט איהם, אז דער קעניג האט איהם אנפער־טרויט צו געפינען א דורכגאנג, א זאך וואס פילע האבען געפּרובירט, נאר קיינער האט ניט דורכגעפיהרט.

וואסקא פּראטעסטירט, אז דער כבוד באלאנגט צו איהם.

נעליסקא בעט פעדרא, ער זאל איהם מיטנעמען פאר א פיהרער און ער וועט איהם שוין ווייזען דעם וועג.

פעדרא מעלדעט, אז דער קעניג האט איהם שוין פּראָ־קלאמירט פאר גובערנאטאר פון די נייע־ענטדעקטע לענדער.

איניעץ פארענטפערט זיך פאר וואסקא. מען האט איהר נעזאגט, אז ער איז איהר געווארען אומטריי און כדי איהם צו ראַ־טעווען פון טורמע האט זי יענעם איהר האנט מקריב געווען.

וואסקא, פעדרא, נעליסקא, איניעץ און סעליקא זינגען וועגען די גרויסע הארץ־לײדען, וואס יעדער פון זיי האט, און די נקמה, וואס יעדערער ערוואַרט.

איניעץ בעט זיך ביי וואסקא, אז ער זאל איהר געדיינקען, ווען ער וועט צוריקקומען א זיגער און ניט פארביינעהן איהר קבר אומבאמערקט.

סעליקא, וואסקא, נעליסקא און פעדרא — אלע פיר געזעגענען זיך און יעדער אויף זיין אופן.

דריטער אקט.

א צווישען־דעק אויף א גרויסער שיף.

א כאר פון מאטראזען זאגען א תפלה.

סעליקא, איניעץ און זייערע באגלייטערינס זיינען אויך מתפלל צו גאט.

נעליסקא ווייזט אן די מאטראזען, אז א שטורם־ווינט קומט אן און ער באפעלט זיי צו האלטען זיך מעהר אויף צפון־זייט.

א ל ו י א ר . ארויסקומענדיג מיט פעדרא, האט מורא, צי שפילט נעליסקא ניט א פאלשע שפיל.

נ ע ל י ס ק א בארוהיגט זיי. פאר זיך איז ער איבער זיכער, אז דער שטורם־ווינט פיהרט זיי צום אונטערגאנג. ער זינגט דאס ליד פון אדאמאסטאר, דעם קעניג פון טיפען ים, פאר וועמעס שווארצע כוואליעס מען דארף זיך היטען. ער איז זיכער, אז פאר זיי איז מעהר קיין האפענונג ניט פאראן און נאר א וואסער־קבר ערווארט זיי. און קיין תפלה וועט שוין מעהר ניט העלפען. ער לאכט פון זיי, רופענדיג זיי צו האבען מעהר מוט.

א מ א ט ר א ז מעלדעט, אז א שיף אונטער זייער פלאג האט ארויסגעלאזען א שיפעל, וואס געהט שנעל צו זיי.

ו ו א ס ק א קומט אראפ פון שיפעל און דערציילט, אז ער איז נעגאנגען פאראויס פון זיי ער ווארנט זיי פון דער געפאהר, וואס שטעהט זיי פאר יעדען אויגענבליק צושמעטערט צו ווערען.

פ ע ד ר א הייסט איהם בינדען און דערשיסען.

א י נ ע ז און ס ע ל י ק א בעטען רחמנות פאר איהם.

ס ע ל י ק א באפעלט, אז ער מוז תיכף באפרייען וואסקא, אז ניט שווערט זי ביי בראהמא, אז זי וועט דער'הרג'ענען אינעז.

פ ע ד ר א הייסט ארונטערשלעפען וואסקא אונטען אין שיף, און וואס איז שייך סעליקא, הייסט ער עפענטליך איהר דורכשמייסען.

דער שטורם קומט אן און אינדיאנער כאפען זיך ארויף אויפ'ן שיף פון אלע זייטען און זיינען גובר די מאנשאפט.

ד ע ר כ א ר קניענדיג זאגט תפלה.

פערטער אקט.

אן ארייננאנג אין אינדישען טעמפעל.

נ ע ל י ס ק א שווערט ביי אלע געטער טריי־הייט צו דער קעניגין.

ד ע ר כ א ר חזר'ט איבער די שבועה.

נ ע ל י ס ק א פאדערט אויך אויך די קעניגין סעליקא צו געבען א שבועה פון טרייהייט צו די געזעצען.

ס ע ל י ק א שווערט. זי פארטראכט זיך אבער וועגען דעם שיקזאל פון וואסקא.

ד ע ר כ ה ן ג ד ו ל הייסט איהר שווערען. אז קיין פרעמ־דען וועט ניט ערלויבט ווערען צו באפלעקען דורך זיין אנוועזענהייט דעם הייליגען באדען פון הינדוסטאן.

נ ע ל י ס ק א פאדערט איהר אויף צו טויטען אלעמען.

א פ ר י ס ט ע ר מעלדעט, אז מען האט געפונען איינעם אין קייטען א לעבעדיגען.

זיי געהען אריין אין טעמפעל.

ד ע ר כ א ר פ ו ן נ ק מ ה ־ ב ר י י נ ג ע ר זינגט א נקמה־ליד.

ו ו א ס ק א, אריינגעפיהרט פון סאלדאטען. איז ענטציקט פון דעם גן־עדן, וואס איז איצט זיינער, אזוינע אוצרות, אזא שעהנ, אומבאקאנט לאנד, זיין איז עס!

ד ע ר כ א ר פאדערט זיין טויט און קלייבט זיך איהם צו דער׳הרג׳ענען.

ס ע ל י ק א קומט ארויס און באפעלט זיי צוריקהאלטען זייערע העק.

א ל ע פאדערען דעם פרעמדענס טויט.

ס ע ל י ק א באשליסט איהם צו ראטעווען, ערקלערענדיג אז ווען זי איז געווען זיין שקלאפין האבען זיי חתונה געהאט. זי זאגט אז נעליסקא, אויב ער וועט עס אפלייקענען, וועט זי שטאר־בען צוזאמען מיט וואסקא.

נ ע ל י ס ק א איז פארצווייפעלט, וואס ער מוז אליין מיט די אייגענע הענט זי איבערגעבען צו זיין קאנקורענט. און ער באשליסט, אז ער מוז ראטעווען זיין כבוד זיך יעמענדיג דאס לעבען, און זאל זי איהם זעהן שטארבענדיג. ער בעט, אז גאט זאל זיך נוקם זיין אן דעם, וועמען זי ליבט.

ד ע ר כ ה ן ג ד ו ל מעלדעט, אז דער ווילען פון די געטער איז, אז א בונד וואס איז אפגעשלאסען געווארען אין דער פרעמד.

מוז דא פון דאס ניי געפייערט ווערען. אלע געהען אפ, מיט אויס־נאם פון וואסקא און סעליקא.

וואסקא כאפט זיך אויף ווי פון א חלום, פארגעסענדיג די אלע ליידען פאר נייע האפענונגען.

סעליקא פרעגט, צי וועט ער איהר איבערלאזען אין טרויער? צי פארשטעהט ניט, אז מען קאן ליבען, ליידען און שטארבען פון ליידען?

וואסקא זעהט זיך ארום און וואס פאר א טעות ער האט געלעבט. ער פיהלט איצט ווי שטארק ער ליבט זי. ער וועט זי קיינמאל ניט פארלאזען. זיין הארץ איז פול מיט ליבע־גליק.

סעליקא ערקלערט זיך אויך צו איהם אין ליבע און גליק.

דער כהן־גדול פראוועט די חתונה־צערעמאניע.

דער כאר זינגט א שבח צו דער ליבע.

איבעץ פון ווייטען געזעגענט זיך מיט איהר לאנד.

וואסקא רייסט זיך צו איהר, ווערט אבער צוריקגע־האלטען.

פינפטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

דער קעניגינס גארטען.

סעליקא פרעגט אינעץ, צי איז אמת, אז זי האט איהר אפגענארט און פארראטען? זי וועט איצט זיך האלטען נאר אלס קעניגין און וועט שטרענג באשטראפען.

אינעץ בעט מחילה.

סעליקא קאן זיך קוים קאנטראלירען פון כעס. זי וויל וויסען, דורך וועלכע פארראט־מיטלען האט וואסקא זיך ווידער געזעהן מיט איהר דא?

אינעץ ענטפערט, אז נאר דורך א צופאל, און געזאגט

האט ער איהר, אז איצט איז ער מיט דער קעניגין אויף אייביג פארבונדען.

סעליקא פרעגט: צי ליבט ער נאך אלץ זי, אינעץ?

אינעץ ענטפערט, אז ער איז טריי צו דער קעניגין. ער האט זיך פון איהר ענטזאגט, אבער אויב זי דענקט אז ליבע איז א פאר־ברעכען, דאן דארף זי, אינעץ, באשטראפט ווערען. זי וועט באַ־גריסען דעם טויט.

סעליקא זעהט איין, אז שולדיג איז זי אליין אין איהרע צרות. זי וויל ווייסען, ווי פיהלט אינעץ טראכטענדיג וועגען איהר ליבע.

אינעץ ענטפערט, אז האס און ליבע קעמפען אין איהר ברוסט.

סעליקא כאפט איהר פאר׳ן האנט: צי פיהלט זי, ווי אז אייזערנע האנט וואלט זי דריקען?

אינעץ ענטפערט, אז יא. עס דריקט איהר.

סעליקא געפינט, אז זי אליין איז שולדיג, זי קאן נאר רחמנות האבען מיט איהר.

אינעץ איז גרייט צו שטארבען. און אויב זי האט מיט איהר מיטלייד זאל זי בײדען דער׳הרג׳ענען.

סעליקא: איהם דער׳הרג׳ענען, פאר וועמען זי איז גרייט אלעס מקריב צו זיין? זי וויל ווייסען וואס וועט זיין, אויב זי וועט איהם ערלויבען מיט איהר צוזאמען צו געהן? זי בעט ביים הימעל, ער זאל איהר לערנען וואס צו טאן? זי פיהלט מעהר ניט דעם האס. איהר נשמה ווערט רוהיג. זי וועט באפרייען דאס הארץ פון דער שווערער משא.

אינעץ טוט תפלה, אז ער זאל באגייסטערן סעליקא מיט רחמנות.

סעליקא באפעלט די סאלדאטען אוועקצופיהרען די פרוי פון דאנען און צו נעליסקא, אז ער זאל אוועקפיהרען וואסקא ווייט פון דאנען. און ווען וואסקא וועט זיין אויפ׳ן דעק פון דער שיף, זאל ער איהם איבערגעבען די טאבלעטס. און ווען ער וועט זעהן,

אז די שיף איז אויף אייביג אוועק פון ברעג, זאל ער קומען צו איהם אויף דעם ווייטעסטען פונקט לעבען ים, אויף דעם בערגעל.

נעליסקא באמערקט מיט שרעק, אז עס איז א געפעהרליכער פונקט. דארט שטעהט אן אומגליקליכער בוים וועמעס פארפום פארנארט און טויט יעדען איינעם, וואס דערנעהענטערט זיך צו איהם.

סעליקא ענטפערט, אז דאס ווייסט זי אלץ, אבער יענער פונקט קוקט ארויס אויפ'ן ים און זי וויל הנאה האבען פון יענעם אנזיכט.

צווייטעס בילד.

א בערגעל לעבען ים.

סעליקא קוקט אויף דעם ים, וואס איז ווייט אהן א גרעניץ ווי איהר אומגליק. זי זוכט דא רוה פון איהר צער. זי קלייבט צוזאמען בלעטער וואס זיינען אראפגעפאלען פון בוים. זי געזעגענט זיך מיט וואסקא. זי באטראכט די בלומען וואס זיינען ווי ליבע, וועמעס פארפום עס פאר'כשופ'ט און ברייגגט טויט. א. גליקליכע מאמענטען פון פרייד און רוה, ווארום ליבע רינגעלט זי ארום מיט'ן גאנצען גליק. עס קלינגען אין אידרע אויערען גליקליבע קלאנגען. וואסקא קומט, ער האט זי ניט פארגעסען. ער קומט אויף ווייבע וואלקענס. ער איז דא. זי ווערט אנטשלאפען, כאפט זיך אויף פון א קאנאן־שאס באמערקענדיג, אז עס איז געווען נאר א חלום.

נעליסקא איז שטארק דערפרעהט, וואס זי לעבט ווידער. ער פיהלט אבער באלד, אז איהרע הענט זיינען אייז־קאלט. דאס איז דער טויט.

ס ע ל י ק א ענטפערט, אַז דאָס איז אייביג גליק, און שטאַרבט.

נ ע ל י ס ק א באַמערקט מיט שרעק, אז זי איז טויט. ער וועט שטאַרבען ביי איהר זייט.

ד ע ר כ אָ ר : עס איז די וואָהנונג פון אמת׳ער ליבע, דאָ הערשט די ליבע אייביג.

לא באהעם

אפערא אין 4 אקטען.

פון זשיאקאמא פוטשיני.

ערשטער אקט.

אין א שאלקע.

מ א ר ס ע ל א דער מאלער מאלט פיהלענדיג קאלט און ער באקלאגט זיך פאר זיין פריינד, אז די פינגער זיינען איהם פאר־פרארען. ער לייגט אוועק די ארבייט אן א זייט.

ר ו ד א ל פ א , דער פאעט, איז אויך הונגעריג און פאר־פרארען, און באשליסט, אז זיין דראמא וועט זיין א גוטער הייצונגס־מאטעריאל. זיי פארברענען דעם מאנוסקריפט און זיינען צופרידען פון דער ווארימקייט.

ק א ל י ן , דער פילאזאף, קומט אריין א פארפרארענער מיט פארוואורפען, וואס ערב יום־טוב ענטזאגט מען זיך אנצוגעמען משכנות. ער וויל אויך א שטול ביים פייער.

ר ו ד א ל פ א ווארפט נאך און נאך פון מאנוסקריפט אין פייער.

א י נ ג ל א ך קומען אן מיט האלץ, שפייזען און געטראנקען.

ש א נ א ר , דער מוזיקאנט, קומט מיט זיי און טוט א שליידער די קליינגעלט, וואס איז נאך ביי איהם פארבליבען פון אלע קניות. ער פיהלט זיך רייכער ווי די פראנצויזישע באנק. ער ערקלערט די

פריינד די געשיכטע, ווי אזוי ער איז געקומען צו דאס געלט, ווי אזוי אן ענגלישער לארד האט איהם גערונגען צו שפילען ביז דער פאפוגאי וועט שטארבען.

די פריינד באלייכטען דאס צימער, שפרייטען אויס א צייטונג אלס א טישטוך.

זיי זעצען זיך עסען. באלד הערט זיך א קלאפ אין טיר און דער בעל־הבית פון הויז בענאא מעלדעט זיך. נאך א ישוב־הדעת עפענען זיי די טיר.

בענאא, דער בעל־הבית, קומט אריין בעטענדיג די דירה־געלט.

זיי דערלאנגען איהם א כוס און טרינקען צוזאמען.

בענאא בעט אבער די דירה־געלט.

מארסעלא ווייזט איהם אן אויף געלט צו בארוהיגען און לאזט זיך אריין אין א געשפרעך ווי אלט ער איז, שבור'ט איהם ווייטער אן און דערציילט, אז ער האט איהם געכאפט יענעם אוועגט ביי א ליבע־געשיכטע.

בענאא זוכט זיך צו פארענטפערן.

אלע נעמען אבער איהם זידלען.

בענאא דערציילט, אז אין דער יוגענט איז ער געווען א שעמעדיגער, איצט האט ער זיך געענדערט און ער הויבט זיך אן צו בארימען מיט זיינע ליבעס און ווי אזוי ער היט זיך פון דער ווייב.

אלע ווארפען זיך ארויף אויף איהם מיט פארוואורפען און זידעל־ווערטער פאר זיין שענדליכע אויפפיהרונג און ווארפען איהם סוף כל סוף ארויס.

זיי באשליסען אוועקצוגעהן אין לאטיינישען קווארטאל.

רודאלפא אליין בלייבט צו ענדיגען זיינעם אן ארטיקעל.

ער זעצט זיך שרייבען. עס הערט זיך א שרעקעדיגער קלאפ אין טיר.

מימי קומט אריין, זיך ענטשולדיגענדיג. איהר ליכט איז אויסגעלאשען געווארען.

רודאלפא בעט איהר זיך זעצען.

מימי זעצט זיך אוועק און צוהוסט זיך און פאלט אין חלשות.

רודאלפא ברייגגט איהר וואסער.

מ י מ י דאנקט איהם. זי זעצט זיך א ווײלע ביים פייער, און געהט אוועק, אנצינדענדיג דאס ליכט. זי קומט באלד אבער צוריק: זי האט פארלארען דעם שליסעל פון איהר צימער.

עס לעשען זיך אוים ביידענס ליכט.

ר ו ד א ל פ א מאכט זיך זוכענדיג דעם שליסעל, כאפט אונ־טער איהר האנט. ער דערצײלט איהר דערװייל, אז ער איז א פאעט, וואס מאכט קוים א לעבען פון שרייבען. אין זיינע פאנטאזיעס איז קיינער ניט רייכער פון איהם. אבער איהרע אויגען האבען אלע זיינע חלומות אוועקגענומען ביי איהם. פאר איהם הויבט זיך אן איצט די גאלדענע ליבע. ער וויל וויסען איהר געשיכטע.

מ י מ י דערצײלט, אז מען רופט זי מימי, זי הייסט אבער לוציא. זי ארבייט ביי באפוצונגען פון זיידענס און סאטין. זי האט אבער האלד אין פרייע צייט צו מאכען בלומען, ווייל זיי דער־ציילען איהר וועגען ליבע. פאר וואס מען רופט זי מימי, ווייסט זי ניט. זי עסט פאר זיך, געהט זעלטען אין קירך, זי לעבט איינזאם אין איהר צימער הויך, און ווארט די ערשטע באגריסט פון דער זון. זי ווארט אויפ'ן פרילינג. זי מאכט די בלומען, זיי שמעקען אבער ניט. מעהר האט זי ניט וואס צו דערצעהלען און בעט איהם ענט־שולדיגונג וואס זי האט איהם געשטערט.

ד י פ ר י י נ ד רופען פון אונטען.

ר ו ד א ל פ א הייסט זיי געהן, זיי זיינען זאלבע צוויי און וועלען באלד אונטערקומען.

ב י י ד ע זינגען א שבח צו דער ליבע. און געארעמט געהען זיי אוועק.

צווייטער אקט.

לאטייןנישער קווארטאל אין פאריז.

ה ו י ז י ה ע ר רופען אוים זייערע סחורות.

מ ע נ ע ר, פ ר ו י ע ן, ס ט ו ד ע נ ט ע ן אלע באוועגען זיך, אלע ריידען.

ד י ד ר י י פ ר י י נ ד קומען אויך זיך משמח זייענדיג.

ר ו ד א ל פ א קומט אן מיט מ י מ י אונטער'ן ארעם און פיהרט איהר אריין אין א געשעפט פון היטלאך.

ש א נ א ר מאכט פלאץ פאר די פריינד לעבען קאפע מאמים. זיי לאזען זיך ברייגגען א טיש. רודאלפא און מימי קומען ארויס פון געשעפט.

מ י מ י פרעגט צי קלייט איהר די מיצל? איהר געפעלט א שעהנער האלזבאנד.

ר ו ד א ל פ א פארשפרעכט איהר, אז ווען זיין רייכע טאנטע וועט שטארבען וועט ער איהר קויפען נאך א שענערען. ער ווערט א ביסעל אומרוהיג וואס זי קוקט אויף אנדערע. א ליבענדער מאן — זאגט ער — איז שטענדיג אייפערזיכטיג. זיי שטעהען צו צו די פריינד. און ער שטעלט פאר זיי איהר פאר אלס זיין מוזע. זיי זעצען זיך עסען.

פ א ר פ י נ א ל קומט אן מיט זיינע קינדער־שפילצייג און ווערט באגלייט פון א מחנה קינדער, וועלכע די מוטערס זוכען אומ־זיסט אוועקצורייסען פון איהם.

ד י פ ר י י נ ד און ס ט ו ד ע נ ט ע ן דערפרעהען זיך דערזעהענדיג מוזעטא, וועלכע איז באגלייט פון אן אויסגעפוצטען עלטערן מאן, אלסינדרא דע מיטאנא, וואס קאן קוים איהר נאכ־יאגען.

מ ו ז ע ט א זעצט זיך ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם אלטען. זי דערזעהט די פריינד און ווערט שטארק אויפגערעגט וואס מאר־סעלא, איהר געוועזענער געליבטער, קערט זיך ניט אום צו איהר. זי וואלט זיי אלעמען וועלען בייסען, שלאגען, רייסען. זי האט אבער ניט ווער עם זאל שטעהן מיט איהר אויסער דעם אלטען. זי ווארפט דעם טעלער, וואס דער לאקיי דערלאנגט איהר, צו דער ערד. זי בייזערט זיך אן אויף איהר אלטען, וואס וויל איבער איהר בעל־הבית'עווען.

מ י מ י פרעגט, צי רודאלפא קען זי?

מ א ר ס ע ל א ענטפערט, אז ער ווייסט מעהר וועגען איהר. זי הייסט מוזעטא, די פארפיהרעריז. זי האט ליבהאבערס אהן א

צאָל. זי עסט הערצער און אזוי איז ביי איהם קיין הארץ ניט גע־בליבען.

ר ו ד א ל פ א זאגט מימי, אז ער וואלט עס קיינמאל ניט פארגעסען.

מ י מ י פארזיכערט איהם, אז זי איז אויף אייביג זיינע.

מ ו ז ע ט א ווענדעט זיך הויך צו מארסעל, פאר וואס דער־קענט ער זי ניט? זי בארימט זיך, אז ווען זי געהט דורך די גאסען קוקען אלע אויף איהר, ווייל זי איז זעהר רייצענד און באמערקענ־דיג די ליידענשאפט אין זייערע אויגען ערגבערט זי וועמען איהר געלוסט זיך. יעדער מאן איז איהר פרייז. זי פאנגט זייערע הער־צער. און עס פאלט אז אימה אויף די, וואס האבען אמאל איהר געליבט, כאטש זייער הארץ וואונדעט, זיינען זיי עס ניט מודה.

מ י מ י פארשטעהט, אז מוזעטא איז שטארק פארליבט אין מארסעלא.

ר ו ד א ל פ א ערקלערט איהר, אז זי איז אמאל געווען מאר־סעלא'ס געליבטע און האט איהם פארלאזען.

מ ו ז ע ט א פאדערט ארויס מארסעלא ער זאל זיך מודה זיין, אז ער איז באזיגט. זי באשליסט פטור צו ווערען פון אלטען, הויבט אן צו שרייען, אז א פוס טוט איהר וועה און זי שיקט איהם אוועק אין א שוך־געשעפט ברייגגען אנדערע שיך.

מ א ר ס ע ל א ערקלערט, אז די ליבע לעבט ווידער אויף אין איהר און בעט זי זאל איהם באגעגענען ביי זיין טיר.

ד ע ר ל א ק י י ברייננט די רעכנונג. די פריינד הויבען אן צוזאמענצוקלייבען די גראשענס און זעהען זיך ארום, אז זיי האבען ניט גענוג געלט.

מ ו ז ע ט א בעט דעם לאקיי, ער זאל מאכען איין רעכנונג פארביידען, און דער מאן, וואס איז געקומען מיט איהר, וועט באצאהלען.

עס קומען אן מוזיקאנטען, באגלייט פון א גרויסען עולם. מוזעטא אהן שיך ווערט אוועקגעטראגען פון מארסעלא אין קאלין אויף די פלייצעס. דער אלטער קומט און דער לאקיי דערלאנגט איהם די רעכנונג.

דריטער אקט.

אויסער דער ראגאטקע פון שטאדט, לעבען א שענק. פארטאג.

גאסען־קערער בעטען מען זאל זיי דורכלאזען דורך דער ראגאטקע.

א כאר אין שענק זינגט א טרינק־ליד.

מוזעטא: ווי דער שכור ליבט דעם כוס, אזוי ליבט דער ליידענשאפטליכער זיין מיידעל.

מילד פרויען, פויערטעס קומען אן און גהען זיך פאנאנדער אין פארשידענע ריכטונגען.

מימי פרעגט זיך נאך וואו איז דער שיינק וואו דער מאלער ארבייט.

א דינסט קומט ארויס פון שענק און זי בעט, אז זי זאל מעלדען דעם מאלער איינפאך, אז מימי ווארט אויף איהם.

מארסעלא דערציילט איהר, אז שוין א חודש ווי זיי וואוינען דא. מוזעטא לערנט זינגען און ער מאלט סאלדאטען. ער וויל וויסען וואס האט פאסירט מיט איהר?

מימי דערציילט איהר, אז רודאלפא איז זעהר אייפערזיכטיג. ער ליבט זי און דאך מיידט ער זי אויס. יעדער בליק מאכט איהם אייפערזיכטיג, אפילו ווען זי מאכט זיך שלאפענדיג פיהלט זי ווי ער קוקט נאך איהר שלאף. ווי אפט ווארפט ער איהר פאר, אז זי ליבט אן אנדערען. וואס קאן זי ענטפערן?

מארסעלא דענקט, אז דאס בעסטע וואלט זיין זיי זאלען זיך פאנאנדערגעהן.

מימי דענקט אויך אזוי און בעט ער זאל איהר העלפען זיך פאנאנדערגעהן.

מארסעלא דערציילט איהר, אז ער איז גליקליך מיט מוזעטא און זי מיט איהם. ער וועט איהר העלפען. רודאלפא שלאפט א פארמאטערטער, דאך וועט ער איהם אויפוועקען. ער דערשרעקט זיך אבער פון מימי'ס הוסט.

מ י מ י זאָגט, אַז שטענדיג איז עס אַזוי און רודאָלפאָ האָט איהר פאַרלאָזען. דערפאַר איז זי געקומען שנעל איהם דאָ אויפ־זוכען. זי וויל אָבער ניט, אַז ער זאָל זי זעהן.

מ אַ ר ס ע ל א הייסט זיך איהר באַהאַלטען.

ר ו ד אָ ל פ אָ קומט אַרויס און דערציילט איהם על פי סוד, אַז ער וויל זיך פאַנאַנדערגעהן מיט מימי, כאָטש די ליבע דערוואַכט ווידער, ווען ער קוקט אין איהרע בלויע אויגען. ער איז משוגע, איז דער קרבן פון פאַרדאַכט, אומגליקליך און איינגעשפּאַרט. און מימי איז האַרצלאָז, זי האָט האָלד מיט אַלעמען צו קאָקעטירען.

מ אַ ר ס ע ל א דענקט, אַז דאָס איז ניט ריכטיג.

ר ו ד אָ ל פ אָ איז מודה, אַז עס איז ניט אמת. ער ליבט זי. זי איז זיין איינציגער אוצר. אָבער ער האָט מורא, אַז זי איז שטערבליך קראַנק, זי ווערט שוואַכער וואָס פון טאָג און ער דענקט אַז זי שטאַרבט אַוועק. דער שטענדיגער הוסט האָט איהר צעבראָ־כען. אין איהרע באַקען ברענט די היץ. אין זיין קאַלטען ווינטיגען צימער איז זי דאָן פרעהליך און שמייכעלט. ער פיהלט מיט חרטה, אַז ער אַליין איז דער שולדיגער. זי איז אַ בלום פון אַ אָראַנזשעריע.

מ י מ י יאָמערט, וואָס דאָס ענד קומט. זי צוהוסט זיך.

ר ו ד אָ ל פ אָ כאַפּט זיך, אַז מימי האָט אַלץ געהערט. זיין פאַרדאַכט איז פאַרשוואונדען. ער וויל זי אַריינגעמען אין שענק און נעמט זי אַרום.

מ י מ י רייסט זיך אַרויס פון איהם און געזעגענט זיך מיט איהם. זי מוז זיך אומקערען צוריק צו דער היים, וואָס זי האָט פאַרלאָזען צוליב דעם געליבטען. איצט זיינען די ליבע און דער געליבטער אַוועק און זי מוז שטאַרבען. זי וועט שיקען אָפּנעמען איהר ביסעל זאַכען. נאָר דאָס מיצעל זאָל ער האַלטען אַלס אָנ־דענקען נאָך זייער ליבע, און זי ווינשט איהם אַל'דאָס גוטס.

ר ו ד אָ ל פ אָ געזעגענט זיך מיט דעם זיסען חלום פון ליבע.

מ י מ י געזעגענט זיך מיט דער אייפערזוכט און ווילדען צאָרן.

ב י י ד ע : דער איינזאַמער ווינטער מיט דעם טויט אַלס זיין איינציגער באַגלייטער, אָבער אין פרעהליכען פרילינג איז דאָ די זון, די פּרעכטיגע זון.

מוזעטא און מארסעלא צעווערטלען זיך אין שענק. ער ווארפט איהר פאר איהר האלטונג. זי סטראשעט איהם, אז זי וועט קאקעטירען. ער סטראשעט זי צו פארלאזען. זי רופט איהם צוריק.

רודאלפא און מימי פרעגען, צי וועט א נייער פריי־לינג אויך פאר זיי קומען.

מימי געהט אפ פארזיכערענדיג, אז זי איז שטענדיג זיינע.

ביידע: אונזער צייט אין צושיידען איז ווען די ראזען צובליהען זיך.

פערטער אקט.

דער זעלבער צימער ווי אין ערשטען אקט.

רודאלפא דערציילט מארסעלא וועגען זיין באגעגעניש מיט מוזעטא.

מארסעלא דערציילט, אז ער האט געזעהן מימי פאהרענ־ריג אין א קארעטע ווי א גראפינע.

רודאלפא מאכט זיך ווי דאס וואלט איהם פרעהען.

ביידע נעמען זיך פאר דער ארבייט. אבער בייביידען געהט די ארבייט ניט פון ארט. איינער טרוימט וועגען מימי. דער אנדערער וועגען מוזעטא, וועלכע זיי קאנען ביידע ניט פארר־געסען, כאטש זיי זוכען איינער פון צווייטען צו באהאלטען זייערע געפיהלען.

שאנאר און קאלין קומען אריין און ברייגגען קוכענס מיט א הערינג; און לייגען עס פאר אלס פרעכטיגען מיטאג־עסען מיט א פלאש וואכער אנשטאט שאמפאניער.

קאלין הויבט זיך באלד אויף אוועקצוגעהן. דער קעניג פאדערט זיין דינסט און ער דארף זיך זעהן מיט׳ן הויפט־מיניסטער.

שאנאר מאכט זיך לוסטיג און ביידע לאזען זיך אוועק

טאנצען. אז דער טאנץ ווערט פארוואנדעלט אין א געשלעג, דאן לאזען זיך די אנדערע צוויי אוועק טאנצען.

מוזעטא קומט אריין אן אויפגערעגטע און דערציילט, אז מימי איז מיט איהר און איז ניט געזונט. זי האט קיין כח ניט ארויפצוקריכען די טרעפ.

מימי ווערט אריינגעפיהרט פון רודאלפא, וועלכער מאכט איהר זיך אוועקצולייגען אין בעט.

מוזעטא דערציילט די איבעריגע, אז זי האט געהערט דאס מימי האט פארלאזען דעם אלטען רייכען גראף און האלט ביים שטארבען. זי האט אבער ניט געוואוסט וואו איהר צו געפינען. זי האט איהר איצט באגעגענט איינע אליין, כמעט אהן כחות. מימי האט איהר געזאגט, אז זי שטארבט און וואלט וועלען שטארביןן לעבען איהם און דערפאר האט זי געבעטען איהר צו ברייננגען אהער.

מימי פארזיכערט רודאלפא, אז זי פיהלט בעסער. עס איז דא אזוי אנגענעם. זאל ער מעהר איהר ניט פארלאזען.

מוזעטא פרעגט, וואס קאן מען איהר דא געבען.

מארסעלא און קאלין ענטפערן, אז עס איז קיין זאך ניטא. דער שראנק איז א פוסטער.

שאנאר זיך צוקוקענדיג צו מימי'ן, זאגט, אז אין איין שעה ארום וועט זי זיין טויט.

מימי באקלאגט זיך, אז עס איז איהר אזוי קאלט. איהרע הענט זיינען איינפאך פארפרארען. זי בעט מען זאל איהר צודעקען.

רודאלפא בעט איהר ניט צו ריידען, דאס ריידען פאר־מאטערט איהר.

מימי רופט אוים די פריינד ביי די נעמען. זי זאגט מאר־סעלא, אז מוזעטא איז א וואויל מיידעל.

שאנאר און קאלין ציהען זיך צוריק אן א זייט.

מוזעטא ציהט אפ מארסעלא און הייסט איהם געהן קויפען עפעס א קרעפטיגונגס־מיטעל פאר די קראנקע. זי וויל ערפילען די לעצטע בקשה פון דער קראנקער און ברייננגען איהר א מופטע. זיי געהען אפ.

קאלין רופט אויך שאנאר'ן אוועק.

מ י מ י כאפט זיך אויף און איז צופרידען, וואס זי איז גע־בליבען אליין מיט רודאלפא. זי האט אזוי פיעל מיט איהם צו ריידען. ער איז איהר ליבע, איהר הארץ. זי וויל וויסען צי איז זי נאר שעהן?

ר ו ד א ל פ א ענטפערט, אז זי איז אזוי שעהן ווי דער אנ־קומענדער פרילינג.

מ י מ י דערפרעהט זיך מיט איהר מיצעל: זי דערמאנט זיך אן זייער ערשטע באגעגעניש דא. עס כאפט איהר אבער אן א הוסט, וואס דערשטיקט זי כמעט. זי פיהלט זיך אבער באלד בעסער.

מ א ר ס ע ל א קומט אן און דערציילט, אז דער דאקטאר וועט באלד קומען.

מ ו ז ע ט א קומט אונטער און דערלאנגט איהר די מופטע.

מ י מ י איז שטארק צופרידען דערמיט. זי בעט רודאלפא ער זאל ניט וויינען וועגען איהר, זי וועט אייביג בלייבען מיט איהם. די מופטע דערוואריטמט זי און זי וועט איינשלאפען.

מ ו ז ע ט א טוט תפלה צו דער הייליגער מוטער, אז זי זאל מוחל זיין דעם מלאך מימי.

ר ו ד א ל פ א פרעגט, צי איז עס ערנסט?

ש א נ א ר מעלדעט די פריינד, אז זי איז טויט.

ר ו ד א ל פ א פארשטעהט אבער ניט, וואס דרעהען זיי זיך ארום? פאר וואס איז זי אזוי שטיל? פאר וואס קוקען זיי אזוי אויף איהם מאדנע?

מ א ר ס ע ל א נעמט איהם ארום: האב מוט!

ר ו ד א ל פ א כאפט זיך ערשט: זי? מימי! מימי! ער פאלט אנידער לעבען איהר טויטען קערפער. מוזעטא קניט ביים בעט. שאנאר פאלט אריין אין א שטול. קאלין שטעהט ביים בעט פארשטיינערט. מארסעלא כליפעט.

מאדאם באטערפליי

(מאדאם זומערפויגעל)

אפערא

פון דזשיאקאמא פוטשיני.

ערשטער אקט.

א בערגעל לעבען נאגאסאקי.

גארא, א שדכן, ווייזט אן פינקערטאן די הויז און ערקלערט איהם, אז די ווענט און דער סופט ווערען אוועקגענומען און צוגע־שטעלט ווען מען דארף, אזוי אויך מיט אנדערע צימערען. א וואהנונג קומט און פארשווינדט ווי דורך א כשוף. ער קלאפט מיט די הענט צוויי מאל און צוויי מענער און א פרוי קומען ארוים. דאס זיינען — זאגט ער — די באדינער פון זיין ווייב, געטריי און איבערגעבען. ער שטעלט זיי פאר: פריי־לין צארטער מארגען־ווינד. — שטראהל פון גאלדענער זון. — זיס־שמעקענדיגער סאסנע־בוים.

פינקערטאן, אן אמעריקאנער פלאט־אפיציר, געפינט, אז עס זיינען נארישע נעמען. ער וועט זיי רופען סטראשידלע נומער איינס, נומער צוויי, נומער דריי.

סוזוקי, די דינסט, ווערט דרייסטער וואס ער שמיי־כעלט, א שמייכעל קאן עפענען דעם גן־עדן, די פארפיום פון די געטער, דעם פאנטאן פון לעבען.

פינקערטאן געפינט, אז אלע ווייבער ריידען צו פיעל. ער וויל וויסען אויף וואס קוקט גארא אוים?

גארא ענטפערט, אז ער ווארט אויף די כלה. אלץ איז פארטיג, א בעאמטער און דער קאנסול וועלען קומען מיט דער כלה אונטערשרייבען דעם חתונה־קאנטראקט און די משפחה פון דער כלה וועט אויך קומען פראווען די חתונה, צוזאמען ארום צוויי דוצענד.

שארפלעס, דער קאנסול, קומט אן א פארמאטערטער פון דעם בארג ארויפקריכען.

פינקערטאן באגריסט איהם און הייסט ברייננען כבוד. ער דערציילט, אז ער האט געקויפט די הויז אויף 99 יאהר מיט דעם באדינג, אז ער קאן יעדען חודש זיך אנטזאגען פון דעם קאנטראקט. דא לאזען די הייזער און די קאנטראקטען זיך פאנאנ־דערציהען. דער יענקי רייזט אוים די גאנצע וועלט פאר פארגע־ניגען און געשעפט, ער לאזט אראפ זיין אנקער אהן מורא ביז א פלוצלונגער שטורם קומט איבער די שיף. און דאס לעבען איז גאר ניט ווערט, אויב מען זאל ניט קאנען אין יעדען לאנד געווינען דאס הארץ פון דער שענסטער מיידעל.

שארפלעס דענקט, אז עס איז א לייכטזיניגע תורה, וואס קאן זיך סוף כל סוף ענדיגען אומגליקליך.

פינקערטאן דענקט, אז דער שיקזאל קאן איהם ניט צוברעכען. איצט הייראט ער לויט דעם יאפאנעזישען מנהג פאר 999 יאהר, דאך בלייבענדיג פריי יעדען חודש דעם קאנטראקט אויפצוגעבען. נאר אמעריקא איז פאר אייביג.

שארפלעס פרעגט, צי די כלה איז זעהר שעהן?

גארא ענטפערט, אז ליכטיגער ווי א שטערן אין הימעל און אין גאנצען פאר הונדערט יען. ער האט אויך פאר דעם קאנסול א רייכע אויסוואל.

שארפלעס פרעגט פינקערטאן, צי איז ער ניט פארר־שכור'ט?

פינקערטאן ענטפערט, אז ער ווייסט ניט, צי עס איז ליבע אדער שכרות, ער ווייסט אז דאס מיידעל איז אזוי רייצענד, לאכט ווי א זומער־פויגעל.

שארפלעס באשטעטיגט, אז זאגאר איהר שטים האט

איהם באצויבערט מיט אייניגע טעג צוריק. עס וואלט געווען א רחמנות איהרע פליגאלאד צו צעברעכען.

פינקערטאן בארוהיגט איהם, אז ער וועט איהר ניט טאן קיין בייז, נאר וועט איהר מאכען פליהען צו צערטליכער ליבע. ער טרינקט פאר דעם טאג, ווען ער וועט אין דער היים פראווען אן אמת'ע חתונה מיט אן אמעריקאנער ווייב.

גארא מעלדעט, אז די משפחה קומט אן מיט דער כלה.

טשא־טשא־סאן (די באדערפלאי) רעדט פון דער ווייטענס, אז זי איז די גליקליכסטע מיידעל אין גאנץ יאפאן און אין דער גאנצער וועלט. פון יעדער פעלד און ווינקעל באגריסען זי טויזענטער שטימען. געהארכט פון דעם רוף פון ליבע שטעהט זי ביים טיר, וואו איהר ערווארט פראכט און גליק.

די פריינדינען ווינשען איהר גליק און לייגען איהר פאר בלומען.

באדערפלאי קניט פאר פינקערטאן און לאדעט איין אויך די חבר'טעם עס צו טאן.

פינקערטאן פרעגט, צי איז עס ניט צו אנשטרענ־גענד?

באדערפלאי ענטפערט, אז אזא אנשטרענגונג איז גאר ניט פאר א כלה, וואס איז מידווארטענדיג. זי דערציילט, אז זי איז א טאכטער פון געוועזענע רייכע עלטערן, אין הייסט די מיידלאך עס באשטעטיגען. אבער אפילו דער שטארקסטער דעמב פאלט פון שטורם, און זי האט געמוזט ווערען א געישא צו מאכען א לעבען. זי האט קיין שוועסטער ניט, נאר אן ארימע מוטער. אלט איז זי פונקט פופצעהן יאהר.

פינקערטאן ארדערט אלערליי נאשעריי, וואס מען קאן נאר קריגען אין יאפאן.

משפחה קומט אן און זיי צוריידען זיך וועגען חתן, וועגען שדוך און וועגען דער כלה, וואס איז ביי זיך אזוי גרויס געווארען.

גארא פרובירט זיי מאכען שווייגען: פון וואנען האבען זיי אזוינע מאנערען געקראגען?

באדערפלאי באפעלט דער מאמען און אלע איבעריגע

זאָלען זיך פאַרנייגען פאַר פּינקערטאָן. זי בעט ביי פּינקערטאָן ענטשולדיגונג וואָס זי האָט געבראַכט אין די אַרבעל קליינינקייטען, וואָס אַ מיידעל דאַרף האָבען, צווישען זיי אַ פלעשעל פאַרב און פיגורלאַך ,וואָס זיינען די נשמות פון איהרע אורעלטערן. זי דער־ציילט איהם על פּי סוד, אַז זי איז נעכטען אַוועק אין מיסיאָן־הויז אָנצונעמען אַ נייע רעליגיע, די רעליגיע פון איהר הערשער. זי וועט זיך באַמיהען איהם געבען מעהר פאַרגעניגען ווי די הונדערט יען, וואָס ער האָט באַצאָהלט פאַר איהר.

אַ קעניגליכער קאָמיסאַר לייענט פאַר דעם חתונה־קאָנטראַקט. ער געהט אָפּ מיט שאַרפּלעס.

פּינקערטאָן טיילט פאַנאַנדער נאַשעריי‎ען און וויל פּטור ווערען פון דער גאַנצער באַליאַסטרע.

דער באָנזע, באַדערפלאַי'ס אָנקעל, קומט אָן און דריקט אויס זיין פאַראַכטונג צו איהר, פאַר וואָס זי איז געווען אין מיסיאָנס־הויז.

אַלע פאַדערען פון איהר אַן ערקלערונג.

דער באָנזע פאַרשילט איהר, פאַר וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זייער רעליגיע. ער פאַדערט אויף, אַז אַלע זאָלען זיך אָפּזאָגען פון איהר.

פּינקערטאָן טרייבט זיי אַלעמען אַרויס און זוכט צו באַרוהיגען באַדערפלאַי. אַלע באַגזעס פון יאַפּאַן און איהר גאַנצע משפחה זיינען ניט ווערט איהרען אַ טרער.

באַדערפלאַי פיהלט זיך באַרוהיגט פון זיינע צערט־ליכע ווערטער און נעמט קושען זיינע הענט. זי האָט געהערט, אַז אין די מעהר קולטורעלע לענדער איז עס אַ צייכען פון העכסטער אַכטונג.

עס ווערט אָוועגט.

באַדערפלאַי: די שאָטענס זיינען שטיל. זיי האָבען אַלע פון איהר זיך אָפּגעזאָגט, אָבער זי איז גליקלאַך צו זיין אַליין אין דער וועלט מיט איהם. זי הייסט איהר דינסט סוזוקי ברייגגען איהרע קליידער.

ביידע זינגען אַ דועט. זי זאָגט, אַז אַ כלה מוז זיין אָנ־

געטאָן אין ווייסען. זי איז צופרידען פון זיין שמייכעל. כאָטש זי הערט נאָר זייערע געשרייען און זידלערייען, איז זי דאָך גליקלאַך. ע ר : זי איז ווי אַ וועווערקע, זיין ווייב, כאָטש אין איהר זיינען קוים דאַ סמנים פון אַ פרוי. דאָך קלאַפּט זיין האַרץ ווילד פון ליידענשאַפט.

פ י נ ק ע ר ט אָ ן באַגריסט זי, וואָס פאַר'כשופ'ט איהם אין דער ווייסער קלייד.

ב אַ ד ע ר פ ל אַ י זאָגט, אַז זי איז ווי אַ לבנה־געטין, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ ביי נאַכט, פאַר'כשופ'ט די שטערבליכע און טראָגט זיי אַוועק הויך אין הימעל.

פ י נ ק ע ר ט אָ ן בעט זיך, אַז זי זאָל איהם זאָגען, אַז זי ליבט איהם.

ב אַ ד ע ר פ ל אַ י ענטפערט, אַז זי האָט מורא אויסצוזאָגען כדי ניט צו שטאַרבען מיט איהר ליבע. ער איז פאַר איהר די גאַנצע וועלט, מעהר ווי די גאַנצע וועלט. זי איז גליקלאַך, אַבי ער זאָל איהר נאָר אַ ביסעל ליבען, אַזוי ווי מען ליבט אַ קליין בייבי. דאָס איז אַלץ וואָס זי בעט. זי קומט פון אַ ראַסע, וואָס איז געוויינט צו קליין און וואָס איז דאַנקבאַר פאַר ליבע וואָס איז שווייגענדיג. לייכט ווי אַ בליהונג און דאָך אייביג אַנהאַלטענדיג ווי דער הימעל. ווי דער גרונדלאָזער ים.

פ י נ ק ע ר ט אָ ן בעט איהר די האַנט אַ קוש צו טאָן. ער געפינט, אַז דער נאָמען באַדערפלאַי איז זעהר פּאַסיג פאַר איהר.

ב אַ ד ע ר פ ל אַ י פרעגט: צי איז אמת, אַז ביי איהם אין לאַנד ווען מען כאַפּט אַ זומער־פויגעל שניידט מען דורך איהר האַלז מיט אַ נאָדעל און מען לאָזט עס אונטערגעהן?

פ י נ ק ע ר ט אָ ן ענטפערט, אַז אַ קצת אמת איז אין דעם דאַ. דאָס ווערט געטאָן, אַז זי זאָל ניט קאָנען אַנטלויפען.

ב אַ ד ע ר פ ל אַ י ענטפערט, אַז זי איז זיינע אויף אייביג. זי זינגט אַ שבח צו דער גלאַנצענדער נאַכט, און ווערט אַפּגעפיהרט צערטלענדיג פון פינקערטאָן.

צװײטער אקט.

ערשטעס ביל ד.
אין באדערפלאי'ס קלײן הויז.

סוזוקי איז מתפלל צו די געטער, אז באדערפלאי זאל אויפ־הערען צו װײנען.

באדערפלאי האלט ניט פון די פוילע יאפאנעזישע געטער. זי דענקט אבער, אז דעם מאנס גאט װײסט געװיס ניט, אז זײ װאױנען דא. זי װיל װיסען אויף װי לאנג זײ האבען נאך צו לעבען?

סוזוקי ענטפערט, אז אויב ער װעט זיך ניט קומען, װעלען זײ זײן אויף צרות. זי צװײפעלט אבער, צי װעט ער קומען.

באדערפלאי פרעגט, אז אויב ער װיל ניט קומען צוריק, פאר װאס האט ער געהײסען דעם קאנסול אײנארדנען דאס הויז פאר זײ, זאגאר מיט שלעסער. דאס איז װײל ער װיל זי באשיצען.

סוזוקי מאכט איהר אויפמערקזאם, אז סײנמאל איז אן אויסלענדישער מאן נאך ניט געקומען צוריק אין זײן נעסט.

באדערפלאי װערט שטארק בײז פאר דעם. ער האט איהר אלײן פארזיכערט, אז ער װעט קומען צוריק מיט ראזעס. זי מאכט סוזוקי'ן זאגען, אז ער װעט קומען.

סוזוקי זאגט נאך מיט א געװײן.

באדערפלאי איז איבערראשט װאס יענע װײנט. זי װעט זיך דערװארטען צו זעהן װי א שיף קומט אן און ער קומט ארויס זוכענדיג זי, װי זי װעט זיך א ביסעל רײצען מיט איהם. זי װעט זעהן.

שארפלעס קומט אן אריינגעפיהרט פון גארא, און מעל־דעט, אז ער זוכט מאדאם באדערפלאי.

באדערפלאי דערצײלט איהר, אז זי הײסט מאדאם

פינקערטאָן. זי לאַדעט איהם איין זיך צו זעצען און טראַקטירט איהם מיט אַמעריקאַנישע פאַפּיראָסען.

שאַרפּלעס דערציילט איהר, אַז ער האָט אַ בריף פון פינקערטאָן, אַז יענער איז געזונט.

באַדערפלאַי איז שטאַרק דערפרעהט. זי וויל נאָר, ער זאָל איהר ענטפערען, אין וועלכער צייט פון יאָהר די רויט־קעלכעלעך בויען זייערע נעסטען, ווייל איהר מאַן האָט איהר פאַר־שפּראָכען דאַן צוריק צו קומען. דאָ האָבען זיי שוין דריי מאָל זייערע נעסטען געבויט. פיליינבט מוזען זיי עס דאָרט זעלטענער.

שאַרפּלעס זוכט זיך אַרויסצודרעהען פון אַן ענטפער. ווייל ער ווייסט ניט.

באַדערפלאַי דערציילט, אַז גאָראָ זוכט די גאַנצע צייט זי צו פאַר'שדכנ'ענען פאַר אַ רייכען אידיאָט.

גאָראָ באַשטעטיגט, אַז דאָס איז דער רייכער פּרינץ יאַמאַ־דאָרי.

באַדערפלאַי ווענדעט זיך צום אָנקומענדען יאַמאַדאָרי. צי איז ער נאָך אַזוי פאַרליבט אין איהר, אַז ער איז גרייט צו שטאַר־בען, אויב זי וועט צוריקהאַלטען פון איהם איהרע קושען?

יאַמאַדאָרי ענטפערט, אַז האָפנונגסלאָזע ליבע איז די גרעסטע מאַטערניש, אַז ער האָט זיך גע'גט מיט אַלע פרויען און איז גרייט איהר צו שווערען אייביגע טרייהייט.

שאַרפּלעס האָט מורא איהר איבערצוגעבען די שליחות.

גאָראָ און יאַמאַדאָרי זוכען צו איבערצייגען באַדערפלאַי, אַז דער מאַן האָט איהר פאַרלאָזען און זי איז איצט פריי.

באַדערפלאַי ענטפערט, אַז אין איהר לאַנד, אין די פאַראייניגטע שטאַטען, איז אַנדערש. דאָרט מוז אַ ריכטער אויסגעפינען פאַר וואָס איינער וויל פּטור ווערען פון אַ ווייב און ער שיקט אַזאַ אַפּט אין טורמע.

גאָראָ מעלדעט, אַז פינקערטאָנ'ס שיף איז שוין אין האַפען.

שאַרפּלעס זאָגט שטיל צו ביידע מענער, אַז פינקערטאָן

װײל זי ניט זעהן מעהר, אז צו דעם צװעק איז ער געקומען זי פאר־בערײטען.

יאמאדארי געזעגענט זיך, נאך אלץ האפענדיג, אז זי װעט צושטימען.

שארפלעס הויבט אן צו לײענען פינקערטאנ'ס בריף, װערענדיג אפט אונטערבראכען פון באדערפלאי. ער שרײבט, אז עס זײנען שוין אװעק דרײ יאהר. פיליכט געדײנקט איהם באדער־פלאי מעהר ניט. אבער אויב זי איז נאך אלץ צוגעבונדען, זאל ער איהר פארזיכטיג פארבערײטען פאר דעם קלאפ. אז ער װעט מעהר קײנמאל צוריק ניט קומען. ער ראט איהר אנצונעמען דעם פארשלאג פון רײכען יאמאדארי.

באדערפלאי הײסט סוזוקי װײזען דעם קאנסול די טיר. זי האלט איהם אבער צוריק, זיך ענטשולדיגענדיג. עס האט איהר אזוי װעה געטאן. זי לויפט אין צװײטען צימער, טראגט ארויס איהר קינד און פרעגט: צי קאן אזוינס פארגעסען װערען?

שארפלעס װיל װיסען, צי איז דאס יענעמס קינד.

באדערפלאי פרעגט איהם, צי איז װען עס איז א יאפאנעזיש קינד געבארען געװארען מיט הימעל־בלויע אויגען? מיט אזא קאפ? מיט גאלדען־לאקען? זי בעט ער זאל שרײבען פינקערטאן, אז עס װארט אויף איהם א זוהן, װאס האט קײן גלײכען ניט און ער זאל גיך קומען. צי דענקט ער, אז זי דארף אין רעגען און בלאטע בעטלען מיט איהר קינד, װאס איז דאס שענסטע אין דער װעלט? זי הײסט דאס קינד געבען די האנט צום קאנסול.

שארפלעס װיל װיסען װי דאס קינד הײסט.

באדערפלאי ענטפערט: זארג; זאל ער אבער שרײבען זײן פאטער, אז װען ער װעט צוריקקומען װעט דער נאמען זײן פרײד. שארפלעס געהט אפ.

סוזוקי קומט ארײן שלעפענדיג גארא, און זידלענדיג איהם פאר װאס ער דערצײלט איבער'ן גאנצען שטאדט, אז מען װײסט ניט װער עס איז דער פאטער פון קינד.

גארא פארענטפערט זיך, אז ער האט נאר געזאגט, דאס אין אמעריקא װען א קינד װערט געבארען אונטער אזוינע אומ־

שטענדען ווערט ער דעם גאנצען לעבען בעהאנדעלט ווי א פאר־שטויסענער.

באדערפלאי שרייט: עס איז א ליגען. זי וועט איהם דער׳הרג׳ענען, אויב ער וועט עס זאגען נאך אמאל. זי שטופט איהם ארויס מיט׳ן פוס. און טראכטענדיג וועגען דאס קינד טרייסט זי זיך, אז עס וועט באלד קומען דער, וואס וועט נעמען פאר זי נקמה. עס הערט זיך א קאנאנען־שאס. דאס קומט אן א שיף. באדערפלאי לייענט דורך דעם נאמען פון דער שיף: ליגקאלן, און איז שטארק אויפגערעגט: זי האט געוואוסט, אז זיי זאגען ליגען, אז ער וועט באלד קומען. אט איז ער. ער ליבט זי. געהט ארויס אויף דער טעראסע, הייסט שאקלען דעם קאר־שען־בוים ביז אלע בלומען זאלען זיך צושיטען און עס וועט דער וועג פאר איהם אנגענעמער זיין. זי וויל וויסען, צי קאן מען אין א שעה איהם ערווארטען. זי הייסט סוזוקי אנטראגען בלומען איבעראל, אלערליי סארטען בלומען.

ביידע צושפרייטען די בלומען איבעראל אונטערטאנ־צענדיג.

באדערפלאי בעט סוזוקי זי זאל אויספוצען און צוערשט אריינברייגגען דאס קינד. זי נעמט זיך צופארבען. זי טראכט: וואס פאר אן איבערראשונג עס וועט זיין פאר איהר גאנצע משפחה. זי איז זיך מיישב און הייסט זיך ברייגגען די חתונה־קלייד און נעמט זיך צופוצען.

צווייטעס בילד.
פארטאג. דאס זעלבע צימער.

באדערפלאי שטעהט אלץ און ווארט, אז ער וועט קומען.

סוזוקי בעט זיך ביי איהר זי זאל זיך צולייגען. זי וועט איהר רופען ווען ער וועט קומען.

באדערפלאי זינגט איבער'ן קינד און געהט ארויס.

פינקערטאן קלאפט אן אריינקומענדיג מיט'ן קאנסול.

סוזוקי וויל לויפען וועקען די בעל־הבית'טע, ערציילענדיג אז זי איז דורך די גאנצע נאכט געשטאנען מיט'ן קינד, ווייל אין די צוויי יאהר האט זי אלע פלאגען אויסגעלערנט. זי הייסט איהם זיך ארומקוקען ווי דאס צימער איז אויסגעפוצט מיט בלומען. זי וויל וויסען ווער איז דאס געוועז מיט איהם.

שארפלעס ענטפערט, אז דאס איז זיין ווייב. און זיי זיינען געקומען דא אזוי פריה זי זאל זיי העלפען מיט אן עצה. ער ווייסט אז צו איהר צרה איז קיין רפואה ניטא, נאר די ערשטע זאך איז ווי צו זארגען פאר'ן קינד. די דאמע וועט זיין פאר איהם א מוטער.

סוזוקי פרעגט און זיי הייסען עס איהר געהן אנזאגען דער מוטער...

שארפלעס האלט זי אונטער, זי זאל ברייגגען באדער־פלאי אהער, וועט זי מיט די אייגענע אויגען זעהן דעם גאנצען ביטערען אמת.

פינקערטאן פיהלט ווי די בלומען זיינען א גיפט פאר זיין נשמה.

דאס צימער איז אומפארענדערט, אבער א קעלט טראגט פון דאנען. ער דערזעהט זיין בילד, וואס איז אפגעבלאקירט. ער קאן ניט פארבלייבען דא. עס שטיקט איהם. ער דערלאנגט צו שארפלעס דאס געלט פאר איהר. ער האט ערשט איצט דערזעהן פלוצלונג זיין הארצלאזע האנדלונג. ער פיהלט, אז ער וועט קיינמאל זיך ניט קאנען באפרייען פון געוויסענביסען. ער געזעגנט זיך מיט זיין הויז פון ליבע, פון וועלכען ער לויפט איצט ווי א טרוס.

שארפלעס דערמאנט איהם, אז ער האט איהם געווארנט, אז זי טרויט איהם בלינד און ווערט איצט ווערט איהר טריי הארץ צובראַ־כען. ער הייסט איהם אוועק.

קייט פרעגט סוזוקי: צי וועט זי איהר דערציילען און באאיינפלוסען, אז זי זאל האבען צוטרויען צו איהר?

באדערפלאי רופט סוזוקי און לויפט שנעל ארונטער.

זי פיהלט, אז ער איז דא פאראן. וואו האט ער זיך באהאלטען? זי דערזעהט מאדאם פינקערטאן און פרעגט איהר: ווער זייט איהר? אבער זי כאפט זיך, בעסער זאל זי שווייגען. נאר די טרייע סוזוקי זאל ענטפערן: לעבט ער, אדער ניט?

סוזוקי ענטפערט: יא.

באדערפלאי שלאגט איבער: אבער ער וועט מעהר ניט קומען?

סוזוקי באשטעטיגט עס.

באדערפלאי וויל וויסען, ווער איז די דאמע, וואס רופט ארויס אזא שרעק ביי איהר?

שארפלעס בעט זי זאל איהר מוחל זיין. עס איז ניט איהר שולד.

באדערפלאי פארשטעהט איצט, אז דאס איז זיין ווייב. אלץ איז פאר איהר געענדיגט. און זיי וועלען צונעמען אלץ פון איהר, אויך דאס קינד.

שארפלעס זאגט, אז זי מוז דעם קרבן ברייגגען.

באדערפלאי ענטפערט, אז ווי שווער עס איז פאר איהר מוז זי טאן איהר פליכט צו איהם.

קייט פרעגט: קאן זי איהר מוחל זיין?

באדערפלאי ענטפערט, אז קייט איז די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט און זי ווינשט איהר, אז זי זאל אזא פארבלייבען דעם גאנצען לעבען. זי זאל איהם זאגען, אז פרידען וועט קומען צו איהר.

קייט בעט זי זאל איהר געבען די האנט.

באדערפלאי ענטזאגט זיך און הייסט איהר געהן.

קייט פרעגט, צי וועט זי אפגעבען איהם דעם זוהן?

באדערפלאי ענטפערט, אז זי וועט איהם געבען דעם זוהן, ווען ער וועט קומען איהם אפנעמען. זאלען זיי אין א האלבע שעה ארום ארויפקריכען אויף דעם בארג. זיי געהען אפ.

סוזוקי לייגט די האנט אויף באדערפלאי'ס הארץ: ווי אז ארים געפאנגענע פויגעלע קלאפט איהר פלאטערענד הארץ.

באדערפלאי קומענדיג צו זיך, געפינט אז צו פיעל

ליבט גלאנצט אין דרויסען, צו פיעל שמייכלענדיג פריהלינג. זי בעט אראפצוציהען די פארהאנגען. זי הייסט סוזוקי זיך געהן שפילען מיט'ן קינד.

סוזוקי וויל ניט איהר איבערלאזען אליין.

באדערפלאי הייסט איהר געהן. זי מוז געהארכען איהרע באפעלען. בלייבענדיג אליין, נעמט זי אראפ פון וואנט א קינזשאל, קושט איהם און לייענט די אויפשריפט: „מען מוז שטארבען מיט עהרע, אויב מען קאן לענגער ניט לעבען מיט עהרע". דאס קינד לויפט אריין, און באדערפלאי ווענדעט זיך צו איהם. אז זי וויל לעבען איהם שטארבען. זי שטארבט פאר איהם, אז ער זאל קאנען אוועק הינטער דעם ים און קיינמאל ניט פיהלען די מאטערניש, וואס זיין מוטער האט איהם פארלאזען. זי געזעגענט זיך מיט'ן קינד, שפארט איהם אריין אין האנט אן אמעריקאנער פלעג און א ליאלקע. זי פארבינדט איהם די אויגען. זי געהט ארויס און עס הערט זיך ווי דער קינזשאל פאלט צו דער ערד. זי דערשלעפט זיך צום קינד, קוים האבענדיג כח איהם ארומצונעמען. פון דרויסען הערט זיך די שטים פון פינקערטאן: „באדערפלאי, באדערפלאי!"

טאסקא

אפערא אין דריי אקטען.

פון דזשיאקאמא פוטשיני.

ערשטער אקט.

אין קירך סט. אנדרעא.

אנדזשעלאטי אין טורמע קליידער. ער זוכט ארום זיך און זאגט: די שוועסטער האט מיר געשריבען, ביים פוס פון דער מאדאנא געפינט זיך דער שליסעל צום אריינגאנג אין קאפעלע.

דער שמש רייניגענדיג אלץ, וואונדערט זיך וואס קאוואראדאסי איז ניטא. ער וואלט געקאנט שווערען, אז ער האט איהם געזעהן ארבייטענדיג מיט זיין פינזעל דא.

קאווארדאסי קומט אריין און ציהט פאנאנדער דעם פארהאנג פון פארטרעט.

דער שמש איז איבערראשט. ער קאן שווערען, אז דאס איז דער פארטרעט פון דער שעהנער דאמע, וואס קומט דא דאווגען.

קאווארדאסי איז מודה, אז ער האט אין דעם בילד געמאלען א ענליכקייט צו איהר. ער בעט דעם שמש ער זאל איהם דערלאנגען די פארבען. ארבייטענדיג רעדט ער וועגען פלארא אט איהר הימלישער שעהנקייט, זיין איינציגער אידעאל איז טאסקא.

דער שמש באמערקט, אז די דאזיגע זינדיגע ליבעם זיינען אזוי אויסגעלאסען; אז מען דארף אלע אזוינע זינדער הענגען אדער פארברענען דורך די היילינגע אינקוויזיציע. ער וויל אוועקגעהן

און זאגט אז קאוואראדאסי, ער זאל פארשליסען די טיר, ווען ער וועט אוועקגעהן. ער געהט אפ.

ק א װ א ר א ד א ס י , אליין. איהם דאכט זיך, אז דא איז ווער עס אין פאראן.

א נ ד ז ש ע ל א ט י דערפרעהט זיך דערזעהענדיג קאווארא־דאסי. גאט האט איהם געשיקט. ער זאגט, אז ער איז אנטלאפען פון דער טורמע סאן אנדזשעלא.

עס הערט זיך פון דרויסען טאסקא'ס שטים.

ק א װ א ר א ד א ס י בעט אנדזשעלאטי זיך צו באהאלטען. ער וועט זעהן איהר משלח זיין . ער ווייזט איהם אן, אז דארט שטעהט שפייז און געטראנקען און פארשפארט איהם אין קאפעלע.

ט א ס ק א רופט פון דרויסען. און אריינקומענדיג וויל זי וויסען פאר וואס ער האט פארשלאסען די טיר. זי האט געהערט דא שטיל ריידענדיג און דענקט, אז עפעס א פרוי איז דא געווען.

ק א װ א ר א ד א ס י זוכט איהר צו פארזיכערען, אז ניט.

ט א ס ק א וויל קודם כל מתפלל זיין פאר די הייליגע מאדאנא. זי דערציילט איהם ווייטער, אז די נאכט זינגט זי א קורץ־ליד און זי וויל, אז ער זאל ווארטען אויף איהר ביים טיר פון דער בינע.

ק א װ א ר א ד א ס י ענטפערט ווי פארטראכט.

ט א ס ק א זוכט איהם איינצוריידען ווי שעהן די נאכט איז. זי שילדערט פאר איהם דאס גליק פון א פארבארגענעם ליבעס־נעסט.

ק א װ א ר א ד א ס י פארשפרעכט צו קומען. ער וויל אבער איצט ארבייטען.

ט א ס ק א וויל אבער איידער זי געהט אוועק וויסען ווער איז די שעהנע פרוי דא ?

ק א װ א ר א ד א ס י זוכט זי צו בארוהיגען. זי האט א טעות, מיינענדיג ער ליבט ווענען אנדערש. ער האט נאר געצייי־בענט דאס בילד פון איינע, וואס קומט דא דאווענען.

ט א ס ק א קאן זיך ניט אפרייסען פון איהרע אויגען.

ס א װ א ר א ד א ס י פארזיכערט איהר, אז איהרע אויגען

זיינען נאך שעהנער. ער מאכט איהר פארוואורפען פאר וואס זי צווייפעלט אין איהם, פאר וואס זי איז אזוי אייפערזיכטיג.

נאך א געגענזייטיגער ליבעס־ערקלערונג און נאכדעם ווי זי נעמט ביי איהם א פארשפרעכען אין אווענט צו קומען, פארלאזט טאסקא די קירך.

קאוואראדאסי ערקלערט אנדזשעלאטי'ן, אז טאסקא איז א טרייע נשמה, זי קאן אבער קיין זאך ניט באהאלטען פון איהר גלח, פאר ווענען זי איז זיך מתודה. ער וויל וויסען וואס פאר'ע פלענער יענער האט?

אנדזשעלאטי דערציילט, אז ער דארף אריבער די גרעניץ, אדער ליגען באהאלטען אין שטאדט. זיין שוועסטער האט באהאלטען ווייבערשע קליידער, דארט אונטער'ן אלטאר. ניט קוקענדיג אויף קיינע געפארען זוכט זי איהם צו ראטעווען פון סקארפיא'ס נעגל.

קאוואראדאסי זאגט: סקארפיא, אט דער אויסוואורף און מערדער און כלומרשט פרומאק, ער וועט איהם ראטעווען, ווען אפילו עס וועט איהם קאסטען דער לעבען. ער ווייזט איהם אן, ווי צו קומען צו זיין ווילא. צו אווענט וועט ער איהם דארט טרעפען און ער גיט איהם מיט קליידער וואס די שוועסטער האט איבערגעלאזען פאר איהם. ער זאגט איהם אן, ווי ער קאן אין פאל פון געפאהר זיך באהאלטען אין גארטען.

אנדזשעלאטי הערט דעם שאס פון קאנאנען.

קאוואראדאסי זאגט, אז דאס באדייט, אז מען האט זיך געכאפט, אז ער איז אנטלאפען.

אנדזשעלאטי וויל זיך מיט איהם געזעגענען.

קאוואראדאסי זאגט אבער אז ער וועט מיט איהם מיטגעהן און זיי אנטלויפען.

דער שמש קומט אן מיט וויכטיגע נייעס. איז אבער איבעראשט ניט געפינענדיג דעם מאלער. עס קומען אן די פארשידענע זינגער און גלחים. דער שמש דערציילט זיי אלעמען די גרויסע נייעס, אז באנאפארטע איז געשלאגען, פארניכטעט. און אז לכבוד דעם וועט דא אין אווענט זיין א גרויסע פראצעסיע, און

פלאָרא וועט זינגען א נייע קאנטאטא. ער הייסט זיי אַלעמען זיך אַרומפּוצען.

א ל ע זיינען צופרידען. עס וועט זיין דאָפּעלט געהאַלט. לעבען זאָל דער קעניג.

ס ק א ר פּ י א קומט אַן און פרעגט, וואָס איז דאָ פאַר אַן אויפרעגונג אין קירך. ער הייסט זיך צוגרייטען צום דאַוונען. און דערווייל זאָגט ער זיין פּאָליצמייסטער גוט אַרומצוזוכען אַלע ווינקעלאַך און טירען. ער נעמט דעם שמש אויפ'ן פאַרהער. ער ווייסט אַז אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט באַהאַלט זיך דאָ. ער וויל וויסען וועלכע קאַפּעלע טראָגט דעם נאָמען אַטאַוואַנטי?

ד ע ר ש מ ש כאַפּט זיך, אַז די טיר דאָרט איז אָפען. עס איז געוועזען אַ נייער שלאָס.

ס ק א ר פּ י א כאַפּט זיך, אַז עס איז געוועזען אַ פעלער צו שיסען פאַרוים און דורך דעם צו וואָרנען דעם אַנטלאָפענעם. ער וויל וויסען, ווער האָט איהם געהאָלפען אַנטלויפען. און באַשליסט, אַז דאָס האָט געמוזט זיין די שוועסטער אַטאַוואַנטי. דערזעהענדיג דאָס בילד, וויל ער וויסען ווער מאָלט עס?

ד ע ר ש מ ש ענטפערט, אַז דאָס איז קאַוואַראַדאָסי.

ס ק א ר פּ י א כאַפּט זיך: דאָס איז טאָסקאַס געליבטער, דער אַפּיקורס.

ד ע ר ש מ ש מעלדעט, אַז מען האָט געפונען אין קאַפּעלע דעם מאָלערס שפּייז־קערבעל. עס איז געוועזען פול מיט שפּייז פאַר איהם. ער האָט עס אָבער דאָ ניט געגעסען.

ס ק א ר פּ י א באַשליסט, אַז אַנדזשעלאָטי האָט עס געמוזט אויפעסען.

ט א ס ק א רופט פון דרויסען: מאַריאָ, מאַריאָ.

ד ע ר ש מ ש מעלדעט, אַז ער איז פאַרשוואונדען פון דאַנענט.

ט א ס ק א וויל ניט גלויבען, אַז ער איז איהר אומטריי געוועזען.

ס ק א ר פּ י א דערלאַנגט טאָסקאַ דאָס הייליגע וואַסער און בעט זיך, זי זאָל זיינע פינגער אַנרירען. ער זאָגט, אַז זי טוט די

הייליגסטע ארבייט, ארויסרופענדיג הייליגע ליידענשאפט, וואס ניט לעבען צו דער רעליגיאן.

ט א ס ק א בעט זיך ער זאל שאנעווען איהר שאנד־געפיהל.

ס ק א ר פ י א ערקלערט איהר ווידער אז זי איז א זעלטענ־הייט, פרום, ניט אזוי ווי יענע כלומרשטע הייליגע, וואס מאכען נאך די פרומע מאגדאלענאס כדי זיך צו באגעגנען מיט זייערע גע־ליעבטע. ער געפינט דעם מאלערס ברעשטלאך און א פרויען־פעכער.

ט א ס ק א דערקענט, אז דאס איז אטאוואנטים. און זי פיהלט זיך געקריינקט, וואס ער האט זי צוריקגעוויזען פון דאנען ביז מארגען.

ס ק א ר פ י א וויל וויסען, וואס איהר דריקט. צו האט וועל־כער עס איז פארעטער אויפ'ן נידעריגסטען אופן זי אפגענארט. ער איז גערייט אלץ אפצוגעבען פאר איהר.

ט א ס ק א ניט הארכענדיג איהם, באקלאגט זיך וואס איהר געליבטער ליגט איצט אין אנדערע ארימס. זי שווערט, אז יענע וועט די נאכט איהם ניט באזיצען.

ס ק א ר פ י א פאדערט מען זאל שנעל ברייננען א פאר־מאכטע קארעטע. ער זאגט אן זיין פאליציימייסטער, ער זאל נאכ־געהן נאך טאסקא. ביי זיך איז ער צופרידען: עס איז דא פלאץ אין טאסקאס הארצען פאר סקארפיא, וועלכער האט איהר נשמה מיט אייפערזוכט אנגעפייערט. א דאפעלטען צוועק פארפאלגט ער הענגענדיג דעם רעבעל: איינער וועט געהן אויפ'ן שאפאט און די צווייטע אין זיינע ארימס. צוליב טאסקא איז ער געוויט זיך זא־גאר צו ענטזאגען פון אלע הימלישע האפענונגען. ער קניט פרום און די רעליגיעזע פראצעסיע געהט פארביי.

צווייטער אקט.

סקארפיאס צימער אין פארענע פאלאץ.

ס ק א ר פ י א רעדט א צופרידענער. ער איז זיכער, אז

מען האט געכאפט די ביידע קאנספיראטארס. ער וויל וויסען צי טאסקא איז אין פאלאץ.

ס ק י א ז א נ ע (דער זשאנדארם) מעלדעט, אז מען זוכט זיי.

ס ק א ר פ י א הייסט עפענען דאס פענסטער. ער געפינט, אז עס איז שוין שפעט, אז טאסקא האט שוין געדארפט אנהייבען זינגען. ער דערלאנגט דעם זשאנדארם א צעטעל פאר איהר און זאגט אז מען זאל איהר ארויפשיקען צו איהם. ער איז זיכער, אז זי וועט קומען צוליב מאריא. און צוליב מאריא וועט זי זיך איבער־געבען צו איהם.

ס פ א ל ע ט א מעלדעט זיך און דערציילט, אז זיי זיינען נאכגעגאנגען דער דאמע. זי איז אנגעקומען אין כמעט א באהאל־טענער ווילא. זיי האבען אבער אומזיסט געזוכט אין הויז. זיי האר בען ניט געפונען אנזשעלאטי נאר דעם מאלער. עס זעהט אוים, אז ער ווייסט וועגען דעם אנדערען און אוים פארדאכט האט ער איהם געהייסען שמידען אין קייטען.

ס ק א ר פ י א לויבט איהם, אז ער האט גוט געטאן און הייסט ארייבריינגען דעם ארעסטאנט.

ק א ו ו א ר א ד א ס י וויל וויסען פאר וואס די געוואלט־טאט געגען איהם?

ס ק א ר פ י א בעט איהם זיך זעצען, און הייבט איהם אן אויסצופרעגען וועגען דעם אנטלאפענעם.

ט א ס ק א ס שטים הערט זיך פון דרויסען זינגענדיג די קאנטאטא.

ק א ו ו א ר א ד א ס י לייקענט. ער ווייסט פון קיין זאך ניט.

ס ק א ר פ י א דערציילט איהם, אז מען האט אויסגעפונען, אז ער האט דעם אנטלאפענעם באהאלטען אין א ווילא.

ק א ו ו א ר א ד א ס י ענטפערט מיט איראניע, אז די שפיאר נען האבען דעם אנטלאפענעם ניט געקאנט געפינען.

ס ק א ר פ י אווארנט איהם, ער זאל ניט מאכען קיין חוזק, און וויל פון איהם אויסגעפינען, וואו איז אנזשעלאטי? צי האט

ער איהם ניט באזארגט מיט שפייז? צי האט ער איהם ניט באַ־האלטען ביי זיך אין ווילא?

ק א ו ו א ר א ד א ס י לייקענט אלץ.

ס ק א ר פ י א גיט איהם די לעצטע התראה, ער זאל זיך מודה זיין.

ק א ו ו א ר א ד א ס י ענטפערט, אז ער ווייסט פון קיין זאך ניט.

ט א ס ק א קומט אריין און איז דערשראקען צו געפינען קאוואראדאסי דא.

ק א ו ו א ר א ד א ס י ווארנט איהר גאר ניט צו זאגען פון וואס זי האט געזעהן דארט, אז ניט וועלען זיי איהם דער'הרג'ענען.

ס ק א ר פ י א מעלדעט קאוואראדאסי, אז דער געריכט ווארט אויף איהם, און מען שטופט איהם אריין אין פייניגונגס־צימער. זיך ווענדעניג צו טאסקא, וויל ער מיט איהר האבען א פריינדליכען געשפרעך. זי זאל זיך אבער ניט שרעקען. ער וויל וויסען וועגען פעבער.

ט א ס ק א ענטפערט, אז עס איז געווען נארישע אייפער־זוכט, אז מעהר ווי איהר געליבטער איז אין דער ווילא ניט געווען.

ס ק א ר פ י א פרובירט ביי איהר אומזיסט ארויסקריגען ידיעות.

ט א ס ק א ווייזט איהם אן, אז זיין טרחה איז אומזיסט. צי דארף זי זאגען ליגענס אום איהם מפצה צו זיין?

ס ק א ר פ י א ענטפערט, אז דורך איהר דערציילונג וועט זי פארשפארען א שטונדע פון מאטערניש. און ער שילדערט פאר איהר ווי אזוי איהר געליבטער ווערט דארט געפייניגט, ווי בלוט גיסט זיך פון איהם.

ט א ס ק א גלויבט ניט אין אנהייב. אבער דערהערענדיג די קרעכצען פאלט זי פאר זיינע פיס.

ס ק א ר פ י א באפעלט אפצולאזען דעם געמוטשעטען, און ווענדעט זיך ווידער צו טאסקא, אז זי זאל זאגען דעם אמת.

ט א ס ק א וויל איהם זעהן און רופט איהם דורכ'ן וואנט: צו מוטשען זיי איהם.

ק א ו ו א ר א ד א ס י הייסט איהר זיין מוטיג. ער פאר־אכטעט דעם שכ.ורי.

ס ק א ר פ י א שטעהט ווידער צו צו טאסקא און ווארנט איהר אז איהר שווייגען איז געפערליך פאר איהר געליבטען.

ט א ס ק א באפאלט אויף סקארפיא מיט זידעל־ווערטער, און באפעלט דעם זשאנדארם צו עפענען די טיר.

ק א ו ו א ר א ד א ס י שרייט פון אינעוויינינ, אז ער פאר־אכטעט זיינע פייניגער.

ס ק א ר פ י א באפעלט נאך שטארקער צו פייניגען און ווענדעט זיך ווידער צו טאסקא זי זאל זאגען, וואו איז אנזשעלאטי? וואו האט זי איהם באהאלטען?

ט א ס ק א בעט רחמים, ער זאל זי ניט מוטשען מעהר. זי פרעגט דורכ'ן וואנט איהר געליבטען, צי זאל זי אויסזאגען?

ק א ו ו א ר א ד א ס י ענטפערט: ניין.

ט א ס ק א טענה'ט, אז זי קאן שוין מעהר ניט אויסהאלטען.

ק א ו ו א ר א ד א ס י זאגט, אז זי וויים דאך גאר ניט.

ס ק א ר פ י א באפעלט צו פארמאכען קאוואראדאסי די מויל.

ט א ס ק א בעט זיך רחמים ביי איהם, פאר וואס אט די שרעקליכע פייניגונגען.

ס ק א ר פ י א הייסט ווידער אנהייבען די פייניגונג, און שטעהט ווידער צו צו טאסקא.

ט א ס ק א זאגט, אז זי וויל איהם זעהן.

ק א ו ו א ר א ד א ס י ווערט אריינגעטראגען. ער וויל וויסען, צי האט טאסקא וואס עס איז געזאגט? צי האט זי איהם פאראטען?

ט א ס ק א פארזיכערט איהם, אז ניט.

ס ק י א ז א נ ע קומט מיט א טרויעריגער מעלדונג, אז די קעניגליכע ארמיי איז צושלאגען געווארען ביי מארענגא און באנא־פארט האט געוואונען דעם טאג.

ק א ו ו א ר א ד א ס י איז פול פון שמחה מיט דעם זיג, וואס דער גייסט פון נקמה האט ערוואכט און רופט צו די פריי־הייט צו נידערשלאגען די שונאים.

ט א ס ק א בעט זיך ביי איהם, ער זאָל אנטשווייגען ווערען.

ק א ו ז א ר א ד א ס י רופט אבער ווייטער: ציטער סקאר־פיא, דו מערדער!

ס ק א ר פ י א באַפעלט דעם פארשאָלטענעם פארעטער אוועקצוטראגען. דער הענקער ווארט אויף איהם, און זיך ווענדענ־דיג צו טאסקא, פארשליסט ער די טיר און לאדעט איהר איין צו דעם אונטערבראכענעם אוועגטברויט.

ט א ס ק א זעצט זיך און פרעגט, וויפיעל איז זיין פרייז?

ס ק א ר פ י א זאגט, אז כאטש זיינע שונאים זאגען, אז מען קאן איהם אונטערקויפען, וויל ער אבער זיך ניט פארקויפען פאר געלט צו שענע דאמען. ער האט שוין לאנג געווארט אויף די שעה. ער איז שוין לאנג פארליבט אין איהר, און ער האט שוין לאנג גע־שווארען, אז זי מוז געהערען צו איהם, אין גאנצען זיינע זיין. מאריאָם לעבען איז א משכון פאר איהר.

ט א ס ק א פרעגט: צי דענקט ער, אז זי וועט זיך אריינלאָ־זען אין אזא שרעקליכען אפמאך?

ס ק א ר פ י א ענטפערט, אז ער צווינגט זי ניט. זי קאן געהן. אבער אויב זי וועט זוכען ביי דער קעניגין א מחילה ונעט שוין זיין שפעט: יענער וועט שוין זיין טויט. ער וואונדערט זיך ווי זי האסט איהם.

ט א ס ק א ענטפערט, אז זי האסט איהם, ער זאָל זיך ניט צורירען צו איהר, און זי רופט נאך הילף.

ס ק א ר פ י א ווייזט איהר אן אז דארט ווערן שוין די תליות פארענדיגט און מען פירט שוין די פאר'משפט'ע, אז אין א שעה ארום וועט יענער שוין זיין טויט.

ט א ס ק א איז פארצווייפעלט. זי האט א גאנץ לעבען אפגעלעבט נאר פאר ליבע און מוזיק, קיינעם ניט אנגערירט. זי האט שטענדיג געגלויבט, מתפלל געווען. פאר וואס פארלאָזט זי גאט איצט. זי פרעגט סקארפיא'ן: צי דארף זי קניען פאר איהם בעטענדיג רחמים?

ס פ א ל ע ט א קלאפט אן אין טיר און מעלדעט, אז אנ־

זשעלאטי האט איינגענומען סם ווען מען האט איהם געבאפט און ער ווארט אויף דעם באפעל מכח דעם מאלער.

סקארפיא הייסט ווארטען א ווייל, און וויל וויסען וואס טאסקא זאגט.

טאסקא וויל, אז מאריא זאל זאפארט באפרייט ווערען.

סקארפיא ענטפערט, אז דאס איז ניט מעגליך. דער עולם וועט מוזען גלויבען, אז ער איז טויט, אבער מען וועט שוין אזוי איינארדנען, אז ער וועט זיין פריי. ער גיט א באפעל, אז קאווארדאסי וועט ניט געהאנגען, נאר דערשאסען ווערען. דאס וועט זיין נאר בלומרשט, ווי אין פאל מיט פאלמיערי, און אז מען זאל טאסקא צולאזען צו איהם פיר אזייגער.

טאסקא זאגט, אז זי מוז נאך האבען א פאפיר, אז זי זאל קאנען מיט מאריא פארלאזען אומגעשטערט דאס לאנד.

סקארפיא זעצט זיך שרייבען אזא פאפיר.

טאסקא קוקט איהם נאך, און ווען זי זעהט, אז ער האט געענדיגט שרייבען און ער דערגעהענטערט זיך צו איהר, שטעכט זי איהם אריין א מעסער אין ברוסט. ער שטארבט.

טאסקא רופט, ער זאל קוקען אויף איהר, צי זעהט ער זי? ער מוז שטארבען, אונטערגעהן. זעהענדיג, אז ער איז טויט, רייסט זי ארויס דאס פאפיר, שטעלט ארום ליכט ארום איהם און פארלאזט דעם צימער מיט דער באמערקונג: און נעכטען איז נאך רוים ציטערנדיג געלעגען אויסגעצויגען פאר זיינע פיס!

דריטער אקט.

א פלאטפארמע ביי דער טורמע און שלאס סיינט אנדזשעלא.

א פאסטוך זינגט א ליד צום אנקומענדען פריהמארגען.

דער טורמעמשציק זאגט צו קאווארדאסי, אז עס איז נאך געבליבען איין שעה און אז א גלח שטעהט צו זיין דינסט.

קאווארדאסי בעט איין טובה, אז עס זאל איהם

ערלויבט ווערען צו שרייבען עטליכע ווערטער צו זיין געליבטער און שענקט איהם זיין רינג, אויב ער וועט איבערגעבען איהר דעם בריעף. ער דערמאנט זיך אן דעם ווי טאסקא האט איהם אין די ארימס געהאלטען, געקושט, געצערטעלט. זיין ליבע־חלום איז אויף אייביג צושטערט. ער האט געלעבט אפגעלאזען. איצט שטארבט ער פארצווייפעלט. קיין מאל איז דאס לעבען ניט געווען אזוי טייער צו איהם, ווי איצט, קיין מאל ניט.

טאסקא קומט אן און מעלדעט, אז ער איז פריי. זי דערציילט איהם וואס איז פארגעקומען צווישען איהר מיט סקארפיא. און מעלדעט אז זי האט צוזאמענגעקליבען אלע צירונגען, אז א קארעטע ווארט אויף זיי. נאר קודם כל מוז ער דורכגעהן די פראצעדור, וואס מען וועט איהם כלומרשט שיסען, ער זאל אנידערפאלען, און ווען די סאלדאטען וועלען זיך צוריקציהען, וועלען זיי אנטלויפען. זיי וועלען זיין פריי און גליקלאך.

קאוואראדאסי ערקלערט איהר, אז דעם פיין פון טויט האט ער געפיהלט נאר צוליב איהר, אז אהן איהר איז דאס לעבען סאי ווי גאר ניט ווערטה געווען.

טאסקא פארשפרעכט איהם, אז ליבע וועט זיין די באלוינונג פון זיין לעבען. זיי וועלען לעבען אין פרידען און גליק. זי דערמאנט איהם, אז ער דארף אנידערפאלען, ווי נאר די סאלדאטען וועלען אויסשיסען.

קאוואראדאסי פארשפרעכט, אז ער וועט אזוי טאן.

טאסקא בעט איהם ער זאל זיך היטען ניט זיך צו פארוואונדען. זי איז פול מיט ערוואַרטונג אויף די באלדיגע פרייהייט.

ביידע געזעגענען זיך מיט'ן שמערץ, און ערוואַרטען גליק און פרייד.

דער טורעמשציק באוויזט זיך און פיהרט איהם אפ.

טאסקא ווערט אומרוהיג, וואס זיי פארזאמען זיך. ווען די סאלדאטען שיסען אויס, הייסט זי איהם שטארבען, זיך ניט רירען. זי מעלדעט איהם, אז זיי געהען שוין צוריק. זי הייסט איהם איצט זיך אויפכאפען, אבער א שרעק באפאלט זי, ווען זי

זעהט, אז ער ליגט א טויטער. זי וויינט: וואס וועט איצט ווערען פון פלאריא?

ספאלעטא קומט אן און דערציילט די ארומיגע וועגען טאסקאס דערמארדונג פון סקארפיא און סטראשעט איהר מיט באשראפונג.

טאסקא ענטפערט, אז זי וועט מיט אייגענע הענט זיך נעמען דאס לעבען. זי ווארפט זיך ארונטער און שטארבט.

מאנאָן לעסקא

אפערא

פון זשיאַקאָמא פוטשיני.

די אפערא מאנאן־לעסקא ענטהאלט די זעלבע געשיכטע, ווי די אפערא „מאנאן“, וועלכע דער לעזער געפינט אויבען. עס פיגורירען דארט די זעלבע הויפט־פערזאנען און דער גאנג פון דער געשיכטע איז בכלל דער זעלבער.

מיר באגנוגען זיך דערפאר מיט א קורצער סקיצע, וואו די אפווייכונגען וועלען באזונדער אויפמערקזאמקייט געפינען.

אין ע ר ש ט ע ן א ק ט, ביי דעם טויער פון פאריז, פיגורירען סטודענטען, פרויען, סאלדאטען און דע־גריאיי איז אנגעטאן אלס סטודענט, ווען ער דערזעהט די אנקומענדע מאנאן. זי אליין טרעט דא ארוים אין א ערנסטערער געשטאלט ווי אין מאסענע׳ס אפערא, און זיי פיהרען גרעסערע געשפרעכען.

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר א ק ט שפילט זיך אפ אין הויז פון זשעראנטע. א רייכען געליבטען פון מאנאן. זי זיצט ביים טואַלעט־טיש זיך פוצענדיג, ווען עס קומט איהר קוזין לעסקא, וואס ברייגנט איהר נייעס פון דע־גריאיי, וועמען זי האט פארלאזען צוליב דעם רייכען ליבהאבער. ער דערציילט, אז דע־גריאיי בענקט שטארק נאך איהר און כדי צו געווינען געלט האט ער זיך אריינגעלאזען אין אזארט־שפילען, שטענדיג פרעגענדיג וועגען איהר. מוזיקאנטען זינגען איהר פון אונטען א סערענאדע. ווען זי בלייבט אליין, קומט אן דע־גריאיי מיט דעם באשלוס זיך אן איהר נוקם צו זיין. ער לאזט זיך אבער ווידער פאר׳שכור׳ען פון איהר. אין מיטען

פון זייער ליבעס־סצענע קומט זשעראנטע אַז און נאָך אַ שטיקעל קריג, געהט ער אוועק און שיקט אונטער פּאָליציי. און בעת די ליבענ־דע פּאָר פּאַלק האַלטען אין אַ ליבעס־ערקלערונג, קומט לעסקאָ אַן אנזאגענדיג אַז די סאָלדאַטען קומען אַן. זיי פּרובירען זיך באהאַל־טען. אָבער די סאָלדאַטען קומען אָן, שלעפּען אוועק מאַנאָן. דע־גריאיי פּרובירט מיט'ן שווערד זי פּאַרטיידיגען, אָבער ווערט צוריק־געהאַלטען פון לעסקאָ.

ד ע ר   ד ר י ט ע ר   א ק ט   שפּילט זיך אָפּ אין האַוור ביים האַפען. לעסקאָ האָט אונטערגעקויפט אַ סאָלדאַט פון קאַזאַרמע, וואו זי איז אַן ארעסטאַנטין. ער זאָל ערלויבען אַ צוזאַמענקונפט צווישען איהר און דע־גריאיי. ער דערקלערט איהר, אַז ער איז גערייט אוועקצוגעהן מיט איהר אין עק וועלט. ער האָט אראַנ־זשירט מיט לעסקאָ איהר צו באַפרייען. מאַנאָן האָט מורא דאַפיר, און אין אמת'ן קומט באַלד אַן לעסקאָ און מעלדעט, אַז דאָס שפּיל איז פאַרלאָרען. מען קלאַפּט טרעוואָגע. עס קומען זיך צו לויפען בירגער, סאָלדאַטען, מאַטראָסען אויף דער גייעס, אַז אַן ארעס־טאַנטקע איז אַנטלאָפען. דער קאָמאַנדיר רופט ארויס די ארעס־טאַנטקעס ביי די נעמען און זיי געהען ארויף אויפ'ן שיף. דע־גריאיי בעט זיך ביים קאָמאַנדיר איהם מיטצונעמען אַלס ארבייטס־אינגעל. יענער איז מסכים און נעמט איהם ארויף אויף דעם ארעסטאַנטען־שיף, וואָס געהט אָפּ אין אַמעריקאַ.

ד ע ר   פ ע ר ט ע ר   א ק ט   שפּילט זיך אָפּ אין אַמעריקאַ, אין אַ ווילדער געגענד. מאַנאָן און לעסקאָ שלעפּען זיך פאַרמאַ־טערטע. מאַנאָן שיקט איהם זוכען אַ בערגעל אָדער אַ שטיבעל. דאָרט שטאַרבט זי.

שמשון און דלילה

„סאמסאן עט דאלילא“.

אפערא אין דריי אקטעז.

פון שארל קאמיל סען-סען.

ערשטער אקט.

א עפענטליכער פלאץ אין גזה.

ד ע ר כ א ר זינגט הינטער דער ביהנע: גאט פון ישראל! הער דעם געשריי פון דיינע קינדער און ראטעווע אונז פון אונזער אומגליק. וואס איז געקומען אויף אונז זינט דו האסט אפגעקערט דיין פנים פון אונז: אונזערע שטעדט זיינען צושטערט. די שבטים זיינען צושטרייט. עס איז באלד ניט געבליבען קיין שריד ופליט פון פאלק ישראל. ביזטו ניט מעהר דער גאט פון רעטונג, דער גאט וואס האט אונז אויסגעלייזט פון מצרים? דו, גאט פון צבאות. מאך שטארק אונזער ארים! מיר וועלען טרויען אין דיר און פארטרייבען יעדע מורא פון אונזער הארצען. יהוה איז אונזער פיהרער און ער וועט ראטעווען אונזער פאלק.

א ב י מ ל ך, דער ראש פון גזה, באגלייט פון קריגסלייט און פלשתים'שע סאלדאטען: ווער האט עס די חוצפה אויפצוהויבען די שטים און זיך שטעלען געגען אונז? איהר מוזט באהאלטען אייערע טרעהרען. מיר זיינען די ערָאבערער און אויף אייביג. דער גאט, צו וועמען איהר זייט מתפלל, ער איז טויב צו אייערע קולות און געבעטען. אויב ער איז מעכטיג, לאז ער עס ווייזען. זאל ער

צוברעכן אייערע קייטן. צי קאן אייער גאט זיך פארגלייכן מיט'ן גאט דגון, וואס פיהרט אלע אונזערע שלאכטען? אייער יהוה איז שוואך און שרעקעדיג.

שמשון: אט דיר, מיין גאט, שימפט ער עס? זאל די ערד אויפציטערען אונטער זיינע פיס. זאל ער פאלען און חרוב ווערען. איך זעה אין די הענט פון א מלאך א שארפען, פייערדיגען שווערט און די הימלישע ארמייען!

אבימלך באפאלט מיט אן ארויסגעצויגענער שווערט שמשון'ען, וועלכער כאפט ארויס פון איהם דעם שווערט און דער־שטעכט איהם. די פלשתים ווילען איהם באפאלען. ער שטויסט זיי אבער אפ מיט'ן שווערד. שמשון און די אידען ציהען זיך צוריק. עס עפענען זיך די טירען פון דגון־טעמפעל. דער כהן־גדול, באגלייט פון א המון, באוויזט זיך און שטעלט זיך אפ פאר אבימלך'ס קערפער. די פלשתים ציהען זיך צוריק.

דער כהן גדול: וואס זעה איך, אבימלך ליגט טויט פאר מיר? לאזט ניט די שקלאפען אנטלויפען. איהר מוזט נקמה נעמען פאר אייער פרינץ.

די פלשתים'שע סאלדאטען ענטפערן, אז דאס בלוט איז ביי זיי פארפראָרען פון שרעק, די קני ציטערען, זיי קאנען די וואפען אין האנט ניט נעמען.

דער כהן גדול מוסר'ט זיי, סטראשעט זיי.

א שליח קומט אן און מעלדעט, אז א מחנה אידען מיט שמשון בראש מאכען אן הורבנות.

די פלשתים'שע סאלדאטען זאגען, אז די איינ־ציגע ישועה איז אוועקלויפען.

דער כהן גדול פרובירט זיי איינשרעקען.

דלילה קומט ארויס פון טעמפעל, באגלייט פון פלשתים'־שע פרויען מיט בלומען־קראנצען אין זייערע הענט און זיי זינגען אן ערמוטיגענד ליד צו די קעמפער.

דלילה זיך ווענדענדיג צו שמשון'ען, זינגט זי צו איהם א לויב און ליבע־געזאנג. זי וויל ער זאל איהר אין א שעהנעם טאל פון ליבע און גליק באגעגענען.

שמשון פיהלט, אז ער איז צו שוואך ווידערצושטעהן די פארפיהרונג און בעט גאט זאל מיט איהם רחמנות האבען און פארשליסען זיין הארץ און זיינע אויגען.

אז אלטער איד איז מתרה שמשון'ען ער זאל אנט־לויפען פון דעם כשוף.

שמשון באקלאגט זיך, וואס ער איז ניט מעהר פריי, זיין נשמה איז געפאנגען פון דער שעהנהייט. די ליבע ברענט אין זיין ברוסט.

דער אלטער איד זאגט פאר, אז די דאזיגע פרוי איז געקומען שמשון'ען צו פאראומגליקען, און אז ער מוז לויפען פון דעם גיפט.

דלילה זינגט ווייטער, ביז עס גיט זיך איין, אז שמשון זאל ווארפען א פאר'כשופ'טען בליק אויף איהר, כאטש א קאמף געהט פאר אין זיין נשמה.

צווייטער אקט.

דלילה'ס וואוינונג אין טאל פון סרוק.

דלילה, רייך געקליידט, זיצט און זינגט: שמשון קומט די נאכט צו מיר און עס וועט קומען די שעה פון נקמה. די ליבע זאל פארגיפטען זיין נשמה און מארגען זאל ער ווערען געפאנגען. ער איז אין איהר מאכט און ביי איהרע פיס האלט זי איהם גע־פאנגען. זי ווייס אז זיינע ברידער פארדאמען זיין ליידענשאפט. אבער שמשון איז אין איהר אנוועזענהייט א שקלאף.

דער כהן גדול בעט איהר, זי זאל שמשון'ען פאנגען און איהם פארקויפען. וועלכען פרייז זי וועט נאר בעטען, וועט איהר באצאהלט ווערען.

דלילה ענטפערט, אז זי דארף ניט קיין געצאהלט. אז זי וועט ניט פארקויפען איהר נקמה. אז זי האסט שמשון'ען נאר

מעהר ווי ער אליין. זי דערציילט ווייטער, אז זי האט שוין איינמאל נעפּרובירט ארויסקריגען פון איהם אין וואס ליגט דער סוד פון זיין כח, אבער אומזיסט. ער האלט דעם סוד טיף פארשלאסען ביי זיך אין הארצען; אבער זי איז זיכער, אז דעם מאל וועט זי עס ארויסקריגען פון איהם, ווייל די הויפט־וואפע האט זי נאך ניט באנוצט: זי ווייסט, אז איהרע טרעהרען קאן ער ניט ווידער־שטעהן.

דער כהן גדול בענשט איהר צו איהר טהאט, ווארום אין איהרע הענט ליגט דער שיקזאל פון פאלק.

דלילה שרעקט זיך: צי האט זי שוין ניט פארלארען די שליטה איבער איהם, ווייל ער קומט ניט?

שמשון קומט אן בעת פון ווייטען בליצט. ער ווארפט זיך פאר זיין שוואכקייט, וואס עס ציהט איהם אלץ אהער.

דלילה לויפט איהם אנטקעגען מיט באגריסונגען.

שמשון בעט איהר איינצוהאלטען איהרע געפיהלען, ווארום טיף אין הארצען עסען איהם די געוויסענסביסען.

דלילה פרעגט איהם, פאר וואס איז ער אזוי קאלט און קערט זיך אפּ פון איהר?

שמשון ערקלערט זיך צו איהר אין הייסער ליבע, נאר, זאגט ער ווייטער, ער האט פארשפּראכען זיין גאט צו געהארכען זיין ווילען און ער איז געקומען צום לעצטען מאל זיך מיט איהר געזעגענען, ווארום ער וועט צוברעכען די בענדער פון פאלשער ליבע, ער איז פון גאט אויסגעקליבען געווארען צו באפרייען זיין פאלק ישראל און מוז עס געהארכען.

דלילה באקלאגט זיך אויף איהר צובראכען הארץ, דורך דאס פארלירען פון זיין ליבע, צו וועלכען וואונד זי האט קיין רפואה ניט. און זי זאגט ווייטער, אז א מעהר דעספּאטישער גאט ווי זיינער, דער גאט פון ליבע, רעדט דורך איהר. אין דער ליבע ליגט דאס גליק, אן דער ליבע זאל ער זיך דערמאנען!

שמשון ענטפערט, אז ער פארדינט ניט קיין פארווירפען, ער ליבט איהר און איז גרייט אריבערצוטראגען די נקמה פון גאט.

דלילה ענטפערט מיט פרייד, אז זי געפינט אין זיין

שטים בארוהיגונג, זעהענדיג נאך אמאל אז זיין הארץ איז מיט איהר. זי בעט ער זאל איהר קושען, צערטלען, וועה איז צו איהר. זי ליבט איהם, אבער ער נארט איהר, ער איז איהר גיט טריי.

ש מ ש ו ן ענטפערט, אז ער ליבט נאר איהר, פארגעסענדיג זיין גאט און זיין פאלק, פארגעסענדיג דעם הייליגען צייכען פון זיין מאכט.

ד ל י ל ה זאגט, אז זי איז מקנא דעם גאט, וועמען זי האסט, ווייל צו איהם איז זיין לעבען צוגעבונדען דורך א נדר. זי וויל, אויב ער ליבט איהר באמת, זאל ער איהר אנטפלעקען זיין סוד.

ש מ ש ו ן פרעגט, וואס ארט עס איהר, וועלכע הייליגע בענ־דער אדער כחות עס האלטען איהם געבונדען? יענער סוד איז טיף פארשלאסען ביי איהם אין הארצען.

ד ל י ל ה זוכט איהם איינצוריידען, ער זאל עפענען זיין הארץ פאר איהר.

ש מ ש ו ן ענטפערט, אז דערצו קאן זי איהם ניט צווינגען.

ד ל י ל ה ווארפט איהם פאר, אז אומזיסט איז אלזא איהר מאכט, אומזיסט איהר צערטליכקייט, ער סמייעט איהר צו ענט־זאגען.

ש מ ש ו ן זוכט הילף ביי גאט, ער זאל שטארקען זיין נשמה.

ד ל י ל ה זאגט, אז אזוי ווי איהר שטים איז צו שוואך פאר אט די לעצטע באגעגעניש, זאל ער לויפען פון דארט וואו זיין ליבע האלט אין שטארבען.

ש מ ש ו ן דיר פארלאזען?

ד ל י ל ה דיין סוד!

ש מ ש ו ן פרובירט ווידערשטעהן איהר בקשה און זוכט איהר איינצוהאלטען. און ווען עס קומט דער דונער־שטורם, געהט זי שנעל אריין אין הויז. שמשון נאך א שווערען קאמף, געהט איהר נאך.

ד ל י ל ה רופט די פלשתים זיי זאלען קומען.

ש מ ש ו ן איך בין פאראטען! די פלשתים פאלראטען באַ־פען זיך אריין אין דלילה׳ס הויז.

דריטער אקט.

ערשטעס בילד.
די טורמע פון גזה.

שמשון, געפאנגען, בלינד און אפגעשוואכט, דרעהט א מיל־שטיין און זינגט: האב רחמנות גאט אויף מיין שוואכקייט און פיין, איך האב זיך אפגעקערט פון דיין וועג און דו האסט אוועק גענומען די האנט פון מיר. איך לייג דיר איצט פאר, מיין גאט, מיין געבראכען הארץ.

דער כאר פון געפאנגענע אידען הינטער דער ביהנע: שמשון, וואס האסטו געמאכט פון דיינע ברידער?

שמשון: וועה איז מיר! אין קייטען איז ישראל! גאטס נקמה איז פון הימעל אראפ. מיר זיינען פארלארען אהן וועלכע עס איז האפענונג. האב רחמנות, גאט, זאל דיין חסד אויף אייביג ניט אפגעטאן ווערען.

כאר: גאט האט אונז אנגעטרויט אין דיינע הענט, כדי אונז צו פירען אין שלאכט. שמשון! וואס האסטו געמאכט פון דיינע ברידער?

שמשון: ברידער! אייער געשריי שניידט דורך אין מיין טיפער אייביגער נאכט מיין שולדיג, אומגליקליך הארץ. גאט! נעם צו מיין לעבען אלס קרבן פון דיין גרימצארן. פון פאלק ישראל אבער ווענדע אפ דיין גרימצארן.

כאר: דו האסט אונז פארקויפט צו א פרוי, וואס וועסטו טאן מיט אונזער בלוט און טרערען?

שמשון: פאר דיינע פיס פאל איך און בענש די האנט וואס שלאגט מיך. אבער מאך, גאט, אז דיין פאלק זאל זיך ראטע־ווען פון צארן פון זיינע שונאים.

כאר: שמשון! וואס האסטו געמאכט פון דיינע ברידער? וואס האסטו געמאכט פון גאט און דיינע עלטערן?

פלשתים קומען אריין און פיהרען שמשון'ען אוועק.

צווייטעס ביל ד.
דער טעמפעל פון דגון.

כאר זינגט א לויב געזאנג. עס קומט פאר א טאנץ. עס געהט אריין שמשון, געפיהרט פון א קינד.

דער כהן גדול: א שבח צום ריכטער פון ישראל. וואס גיט צו פרייד צו אונזער יום־טוב דורך זיין אנוועזענהייט. א שבח צו דלילה צוליב וועמען מיר ווע‍לען אנפילען אונזערע בעכערס.

כאר: מיר וועלען טרינקען פאר שמשון און דלילה.

שמשון: אין מיין נשמה איז פינסטער ווי אין טוידט; איך קניה פאר דיר גאט, און זאל דא מיין ענד קומען.

דלילה געהט צו צו שמשון'ען מיט א וויין־בעכער אין האנט: קום מיט מיר, איך וועל פירען דיינע אומזיכערע טריט ווי אין יענעם טאג, ווען דו האסט מיך געארמט, דו האסט אריבערגע־שפרייזט בערג צו מיר צו קומען און איך האב פארלאזען מיינע באגלייטער אום מיט דיר צו זיין. געדיינקסטו אונזערע צערטליכ־קייטען? דיין ליבע האט געדינט מיינע צוועקען. צו דערגרייכען מיין נקמה האב איך דיין סוד ארויסגעקראגען. דו האסט געגלויבט אין די ליבע און זי האט דיך אין קייטען געבראכט. דלילה האט זיך נוקם געווען פאר איהר גאט און פאר איהר פאלק.

שמשון אן א זייט: ווען דו האסט גערעדט, האב איך ניט געהערט, איך האב מוחל געווען די ליבע און עס אוועקגעשאנ־קען אט דער פרוי.

כהן גדול: רייד ווידער ליבעס־רייד צו איהר, און זאל יהוה ווייזען זיין מאכט און היילען דיין בלינדקייט, דאן וועל איך איהם אויך דינען. אבער אויב ער קען עס ניט אויפטאן, לאך איך פון דעם גאט, וועמען דו רופסט דיין פאטער.

שמשון: מיין גאט, ווע‍סטו ערלויבען, אז אט דער פאל־שער פריסטער זאל לעסטערן דיין נאמען, אום פאר דיר נקמה צו נעמען גיב אויף איין מינוט מיר צוריק מיינע אויגען און מיין קראפט.

דער כאַר און דער כהן גדול מאַכען חוזק פון איהם און זעצען זיך ארום טיש צום רייכען מאַלצייט. דער כהן גדול זינגט א שבח צו דגון. דלילה און דער כאַר און דער כהן גדול אלע זינגען לויב־געזאַנגען צום גאָט דגון. און דער כהן־גדול לאַדעט אויך איין שמשון'ען אנטייל צו נעמען אין הייליגען מאַלצייט לכבוד דגון און הייסט דאָס קינד איהם פירען צום מיטען פון טעמפעל.

שמשון שטעלט זיך אוועק צווישען צוויי זיילען און זאָגט: גאָט, דערמאָן זיך אָן דיין דינער, וועמען דו האָסט בלינד געמאַכט. פאַר איין אויגענבליק גיב מיר מיין אַלטען כח, כדי צוזאַמען מיט דיר זאָל איך קאָנען נקמה נעמען, מיין גאָט, און צושטערען דיינע שונאים דאָ אויף אַן ארט.

ער וואַרפט איין די זיילען. דער גאַנצער טעמפעל ברעכט צו־זאַמען און דער עולם שרייט אין טויט־שרעק.

לארעליי

א ראמאנטישע אפערא אין דריי אקטען

פון אנדזשעלא קאטעלאני.

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

א פעלזען־לאנדשאפט ביים ברעג פון ריין.

פישערס און האלצהעקער מיט זייערע ווייבער ריידען זיך דורך וועגען דעם אז זייער האר, וואלטער פאן אבערוועזעל געהט מארגען חתונה האבען מיט אנא פון רעבורג. זיי האבען אבער געזעהן שלעכטע סמנים.

הערמאן, א באראן, וואלטער'ס פריינד, קומט אן, און טרייבט זיי צו דער ארבייט. זיי ציהען זיך אלע צוריק, איבער'חזרנדיג שטיל וועגען די שלעכטע סמנים, וואס האבען זיך באוויזען. בלייבענדיג אליין, וואונדערט ער זיך צו וואס וואלטער האט איהם דא אראפגעבראכט? ער האט מורא, אז זיין גאנצע מיה צו באהאלטען דעם סוד וועגען זיין ליבע צו אנא איז געוועזען אומזיסט. ער באַרוהיגט זיך אבער דערזעהענדיג וואלטער'ן אנקומען און ער פרעגט: צו וואס האט ער איהם אראפגעבראכט?

וואלטער דערציילט איהם, אז ביי איהם איז הארצען איז שרעק און פארצווייפלונג. זיין יעדער טריט איז אן ערינערונג

אז שרעק און צער. ער וויל אז זיין פריינד זאל איהם פירען אויפ'ן וועג פון ערע. ער דערציילט איהם, אז די שענסטע און ריינסטע אנא דארף ער איצט פירען צום אלטאר און שווערען איהר צו ליבען אויף אייביג. אבער ביי איהם אין בוזים איז א שטורם. איין מאל אין מאי איז ער צופעליג געקומען אהער פון וואלד. פלוצלונג האט זיך פאר איהם פון דער פינסטערניש באוויזען א שעהנהייט. ווי גאלד גלייך זיינען איהרע האר געווען און אפגעקלונגען האט פון פעלז צו פעלז איהר ליבעסגאנג, און זיי האבען זיך ליב געקראגען. ער ווייסט מעהר פון קיין זאך ניט, נאר אין איהר גן־עדן לעבט ער.

ה ע ר מ א ן פיהלט אז די ווערטער האבען אין איהם אריינ־געגאסען מיט נייע האפנונגען, אבער ער מוז די דאזיגע געדאנקען אונטערדריקען, זיין ערע מוז זיין הארץ שטארק מאכען. זיך ווענ־דענדיג צו וואלטער'ן מיט אויסגעשטרעקטע ארימס, זאגט ער איהם, אז ניט פון איהם קאן ער רעטונג ערווארטען, נאר זיין אייגענער ווילען קאן איהם באפרייען; ער זאל פון זיין בוזים ארויסווארפען דעם שענדליכען כשוף.

וואלטער פרעגט: ווי אזוי קאן ער איהר בילד ארויס־רייסען פון זיין בוזים, ווען די גאנצע ליבע פון זיין נשמה איז איהר אוועקגעגעבען?

ה ע ר מ א ן ענטפערט, אז דורך די געדאנקען וועגען אנא קאן ער געפינען טרייסט. ער ציט זיך צוריק.

וואלטער בלייבענדיג אליין, פרובירט זיך טרייסטען, אז דער קאנפליקט איז פארביי, אז איהם ציט צו ערע און פליכט. ער וויל אז לארעליי אליין זאל זיך פארבארייטען צו דעם שיקזאל, וואס צוטיילט זיי, כאטש ליבען וועט ער נאר איהר אויף אייביג.

לארעליי פון וויטען רעדט וועגען דער רו וואס איז געקומען אין איהר הארצען, זינט זי האט זיך איבערגעגעבען צום צויבער פון ליבע. זי ווייסט נאר אז ער ליבט זי און זי איהם.

וואלטער ווערט א צורודערטער הערענדיג איהר שטים.

לארעליי זינגט ווי די הימלען פרייען זיך און ווי די גאנצע ערד זעהט אויס ווי איין גארטען. זי פיהלט אין איהר ברוסט דעם פרילינג צוריק קומען. זי דערפרייט זיך געפינענדיג

ענדליך איהר וואלטער'ן. די נאכט האט זי זיך אויפגעכאפט מיט א שווערען טרויער, זי איז געווארען פארצווייפעלט דענקענדיג, אז ער האט זיין ליבע צו איהר באגראבען. אבער ווי נאר זי האט איהם געפונען, איז איהר גאנצער טרויער פארוואנדעלט געווארען אין גליק און אלץ וואס זי וויל איז נאר, אז ער זאל איהר זאגען די צויבער־ווערטער: איך ליב דיך.

ו ו א ל ט ע ר וויל איהר דערציילען פון זיינע צרות.

ל א ר ע ל י י וויל אבער היינט ניט הערען פון קיין זאך. זאלען זיי נאך איין מאל פארגעסען אן אלע צרות. זי וויל אין זיינע ליבע אויגען קוקען מיט עקסטאז און פון זייערע ליפען זאל זיך גיסען דער נעקטאר פון עקסטאז. זי איז אבער פארטרויערט, וואס ער ענטפערט ניט. זי איז ווידער פארלאזען. זי האט קיינעם ניט אויסער איהם, וואס זאל איהר פירען, ערווארטען, באגריסען. דורך איהם איז זי ערשט אויפגעוואכט געווארען צום לעבען און פרייליכקייט.

ו ו א ל ט ע ר זאגט פאר זיך: צי קאן ער איהר צוריק ווייזען? אפנארען? ניין, בשום אופן ניט. ער פרובירט איהר טרייסטען, אז עס איז גאר נישט, אז ער ליבט זי און וועט זי אייביג ליבען.

ב י י ד ע זינגען א שבח צו דער ליבע און פרייד.

ו ו א ל ט ע ר, זיין שלאס ווערט באלויכטען. ער רייבט דעם שטערן, ווי זיך דערמאנענדיג און ער פארשילט די שעה, ווען זייער לײדענשאפט איז געבארען געווארען פון ערשטען קוש און ער האט זי אפגענארט. און אנווייזענדיג אויף זיין שלאס, פרעגט ער זי: צי זעהט זי ניט, אז מען מאכט זיך דארט גרייט צו די היילינגע צערעמאניעס. אן אנדער כלה ווארט אויף איהם.

ל א ר ע ל י י קאן ניט פארשטעהן: אן אנדער כלה! ניין, זי וועט איהם קיינמאל ניט אפלאזען, זי שווערט עס ביים הימעל.

ו ו א ל ט ע ר געזעגענט זיך פון איהר אויף אייביג.

ה ע ר מ א ן מאכט זיך פארוואורפען, וואס צוליב זיין עצה איז אנא פאר'משפט חתונה צו האבען צו איינעם וואס ליבט זי ניט. וואלטער וועט אומזיסט קעמפען מיט זיין ליבע. און זיך ווענ־

דענדיג צו לארעליי מיט רחמנות, אז זייביידע זיינען אפגענארט פון זעלבען פאנטאם. זיי שטרעבעןביידע צו איין צוועק, זאלען זיי שליסען א בונד צוזאמען. ער רייסט ארונטער פון זיך א קייטעל מיט א בילד פון א הייליגען. עס מעג דער אייביגער גיהנום מא־טערן זיין נשמה, אויב נאר ער קאן פאר איין קורצע שטונדע גע־ווינען ליבע, אויב עס איז דא אמת אין דער אלטער לעגענדע וועגען די פארשאלטענע נשמות וואס געפינען זייער רעטונג אונטער'ן ריין... און צו דעם גאט פון ריין איז ער מתפלל, ער זאל פאר איהר נקמה נעמען.

צווייטעס בילד.

א פארלאזענע לאנדשאפט ביים ריין.

ראזען פון ריין־נימפען און לופט־גייסטער זינגען תפלות צו זייערע געטער און זייערע צושטע־רענדע אויפטואונגען.

לארעליי, ארונטערגעהענדיג פון א פעלז, פרעגט: פון וואנענט קומט זי און וואוהין געהט זי? אבער קיין אונטערשייד איז עס ניט, ווייל זי איז נאר א שאטען פון טויטע. זי האט געהערט איהם זאגענדיג, אז זי זאל פארשילטען דעם פארפירער, אויף וועל־כען אן אנדער כלה ווארט. עס איז אלזא געוועזן נאר א חלום, וואס האט איהר אפגענארט, אדער ער ליבט זי נאך אליין. זי וויל אבער נאך איינמאל פיהלען זיינע קושען און איהרע טרערען זאלען אפ־געטריקענט ווערען. ער רופט זי, ער ליבט זי! אבער דאס איז דאך נאר משוגעת, א חלום, ווירקליך איז נאך דער שמערץ. ווער וועט זיך נוקם זיין פאר איהר ערע?

די גייסטער ענטפערן, אז דער געשטארבענער קעניג פון ריין קאן עס טאן.

לארעליי באשליסט זיך אויף דעם. זי פארטרייבט פון איהר הארצען חרטה און רחמנות, זי רופט די געטינען צו קומען

איהר צו הילף. זי וויל אזא שענקייט וואס פאנגט אלע הערצער, און אויך וואס צווינגט געהארכזאמקייט, א שטים וואס זאגט ארויס באפעלען, א ליבע וואס ברייננט טויט און משוגעת. זי ווערט א געטרייע פארבינדעטע צום קעניג רייו.

דער כאר זינגט א שבח צו זייער הערשעריז, דער קע־ניגין.

לארעליי רופט פון פעלז, אז זי איז ניט מעהר קיין טויטער פאנטאם, זי קערט זיך אום צום לעבען נקמה צו נעמען פון וואלטער'ן.

צווייטער אקט.

לעבען א פאנטאן צווישען די שלאסען.

אנא בעט איהרע וואסאלען צו זינגען א ליד פאר איהר חתונה.

די וואסאלען זינגען א זיסען הימן צו די פרייד פון ליבע.

אנא איז גליקלאך וואס זי ליבט און איז געליבט. צי קאן דען זיין א גרעסערע פרייד ווי אין דעם געליבטענס ארעם צו ווערען פאר'קנס'ט.

די וואסאלען באשטעטיגען עס.

אנא וויל זעהן אלע איהרע טייערע מתנות, און וויל וויסען צו וועט זי אין די צירונג אויסזעהן שענער ביי וואלטער'ס זייט, זי וואונדערט אבער זיך פאר וואס דריקט איהר אין ברוסט א טרויער און נאר טרערען געפינט זי.

קינדער און אלטע פרויען קומען אן, בריינ־גען אנא'ן מתנות און ווערען פריידיג באגריסט פון איהר.

אנא דערמאנט זיך, אז דער דאנק קומט גאט און אונטער דער באגלייטונג פון קירך־ארגאן זינגען זיי אלע א תפלה.

הערמאן קומט אונטער און הערענדיג אנא'ס תפלה, צוברענט זיך זיין ליבע צו איהר נאך מעהר. ער בעט זי זאל בלייי־

בען מיט איהם א ווײלע און צוהערען זיך צו איהם אײדער דער שיקזאל בינדט איהר אויף אײביג דורך א חתונה וואס איז לײדינג פון ליבע, וואו אלץ איז פאלש און מערדעריש.

אַנאַ פרעגט איבעראשט: וואס וויל ער?

הערמאַן ענטפערט, אז וואלטער ליבט זי מעהר נים.

אַנאַ דענקט, אז עס איז א ליגען. זי וויל איהם ניט הערען מעהר.

הערמאַן בעט אז זײנע טרערען זאלען זײן אן עדות, ווי טיף ער ליבט זי, ווי אמת עס זײנען זײנע רײד. ער ליבט זי און ער שרעקט זיך פאר דעם מרויער, וואס וועט איהר באפאלען, ווען לע־בען איהר בײם אלטאר וועט שטעהן א פאנטאם, וואס וועט איהר צושטערן.

אַנאַ ענטפערט, אז אויב אפילו עס זאל זײן אמת, בלײבט זי אלץ וואלטער'ס כלה. און איז איהם מוחל.

הערמאַן זאגט, אז זי מעג געהן איהר וועג, זײערע וועגען וועלען זיך נאך טרעפען, פון שיקזאל וועט זי ניט אנטלויפען.

עס הײבט זיך אן די חתונה. דער כאָר זינגט. עס קומען אן די געסט. מען טאנצט א בלומען־טאנץ. עס לאזט זיך אװעק א לאנגע פראצעסיע.

וואַלטער דערלאנגט אנא'ן זײן אָרעם, און בעט זי זאל ניט זײן בײז, אויב פון זײן געזיכט איז פארשוואונדען דער שמײ־כעל פון ליבע. זי אלײן האט אין איהם ערוועקט אט דעם אומגע־וױינליכען שרעק.

אַנאַ ערקלערט איהם, אז די שטים פון איהר געליבטען איז פאר איהר ווי די שטים פון א מלאך. זי איז גרײט אין גאנצען זיך צו איהם איבערצוגעבען.

דער מאַרק גראַף בענשט דאס גליקליכע פאר צום אלטאר.

דער כאָר זינגט א חתונה־ליד.

ווען די פראצעסיע האלט אין ארײנגעהן אין קירך, באווײזט זיך א בלאסק פון ליכט. וואלטער אלײן זעהט עס: אז פון ווײטען

באווייזט זיך לאלעריי. א שטארקע ליכט קומט אלץ נעהענטער. די פראצעסיע שטעלט זיך צומישט.

ד ע ר כ א ר מעלדעט, אז דער גאנצער הימעל איז איינגע־טינקט אין ראזען־ליכט.

ו ו א ל ט ע ר ציהט זיך צוריק אין צושטאנד פון חלשות.

ד ע ר מ א ר ק ג ר א ף א ו ן א נ א פרעגען וואס איז מיט איהם.

ו ו א ל ט ע ר טענעט פאר זיך, אז דאס איז זי, איהר מאַגישער חן מאטערט זיין הארץ, זיין נשמה.

ד ע ר כ א ר זינגט א שבח צו איהר שעהנקייט.

ד ע ר מ א ר ק ־ ג ר א ף סטראשעט איהר מיט באשטראַפונג.

ו ו א ל ט ע ר ווארענט, אז איהר אנריר איז טויט פאר אלע מענשען.

ל א ר ע ל י י באווייזט זיך, אבער נאר וואלטער זעהט איהר און זי לאקט איהם צו זיך, פארשפרעכענדיג נאך ניט געוועזענע ליי־דענשאפט, וואו זיין גאנצע נשמה וועט ווערען פארברענט מיט דעם פלאם פון ליידענשאפט.

ו ו א ל ט ע ר פאר זיך איז ווידער אנגעצונדען מיט ד׳ גע־דאנקען מיט דער אלטער ליבע.

א נ א פרובירט איהם אויפמונטערן, ער זאל היילען איהר פארוואונדעט הארץ.

ה ע ר מ א ן פיהלט, אז ער איז דער זיגער, אז דער שיקזאל ברייננט אנא׳ן אין זיינע ארעמס.

ד ע ר מ א ר ק ־ ג ר א ף זוכט די טאכטער צו בארוהיגען, אז ער איז איהר שוץ. זי זעהט דאך אז וואלטער׳ם פארשטאנד איז פארוואלקענט מיט פאלשע פאנטאזיעס.

ל א ר ע ל י י רופט ווידער וואלטער׳ן צו זיך. אין איהר אינ־זעל, וואו בלומען פארפיומירען די לופט, דארט וועלען זיי אלע זייערע טעג אין פרייד פארברייננגען.

ו ו א ל ט ע ר ענטפערט, אז אומזיסט ווערט ער זיך, ער איז איהרער אויף אייביג.

אַלע בעטען אַז גאָט זאָל שיקען ליכט צו זיין נשמה.

אַנאַ רופט איהם צו זיך.

וואַלטער שטויסט איהר אבער אָפּ: דער באַנד איז צו־ריסען, ער האָט קיין מאָל זי ניט געליבט.

מיט **וואַלטערס** ווערטער: פאַרשאָלטען בין איך, און דעם **כאַר׳ס** צושטימונג: פאַרשאָלטען איז ער... ענדיגט זיך דער אקט.

דריטער אקט

ביים ברעג פון ריין ביי אבערוועזעל.

האַלצהעקער און פישערס ריידען זיך דורך וועגען זייער פישפאַנג, און וועגען די מכשפה, וואָס די פישערלייט האָבען געזעהן. זיי לאָזען זיך אַריין אין אַן אויספירליכע באַשרייבונג פון איהר, און דאָס אַלץ רופט אַרוים שרעק און פאַרוואונדערונג ביי די האַלצהעקער. עס הערט זיך דער געוויין פון פרויען. עס איז די לויה פון אנא. די אנוועזענדע קניען און זינגען א תפלה צו דער הייליגער מאַריא.

הערמאַן באַקלאָגט זיך וואָס זיינע האָפענונגען האָבען זיך אַזוי טרויעריג געענדיגט און עס בלייבט איהם איבער נאָך אַן אומענדליכער שמערץ.

דער מאַרקגראַף טרייסט זיך, אַז זי איז אין גן־עדן אַריין.

הערמאַן גלויבט אויך, אַז זי וועט צווישען מלאכים וואָהנען. ער דערזעהט מיט אַמאָל וואַלטער׳ן און לויפט אוועק פאַר שנעלע נקמה.

וואַלטער פרעגט פאַרוואונדערט: וואָס באַדייטען די ליכט? ער וויל זיך דערנעהענטערען צו דער פּראָצעסיע.

דער מאַרק־גראַף האַלט איהם צוריק. וואָהין וויל ער, דער פאַרעטער?

וואָלטער ענטפערט, אז ער וויל זי זעהן און שטאַרבען. ער וואָלט וועלען נאָר אַ שווערד זאָל דורכשטעכען זיין שולדיג האַרץ.

דער מאַרק־גראַף און דער כאָר זאָגען איהם אבער, אז דאס לעבען וועט זיין שטראַף זיין; געוויסענסביסען וועלען איהם פאַרפאָלגען וואוהין ער וועט געהן.

וואָלטער בעט אום רחמנות.

דער מאַרק־גראַף און דער כאָר פאַרטרייבען איהם אַבער. אלע ציהען זיך צוריק. עס ווערט נאַכט.

וואָלטער פרעגט: וואו געפינט ער זיך? פינסטער איז ארום איהם, פינסטער איז זיין נשמה. ער זעהט פון דעסטוועגען דעם פּראַכט פון ראָזען אין גאַרטען אונטען. עס ווערט ליכטיג. און ער דערפרייט זיך וואס דער טאָג קומט ווידער אָן. אבער באַלד פאַלט ער ווידער אריין אין אַ שרעק. ער דערזעהט לעבען אַ קרייץ די טויטע אנא שטעהענדיג. זי פאַרשווינדעט און ער זוכט נאָך אמאָל טרייסט אין טרערען און זיין בלוט ווערט שטיל. ער ווייסט אז דאס רופט יענע איהם צו פאַרניכטונג, אין איהר טיפקייט ענדיגט זיך רוהיג אלץ. ווען ער וויל זיך אריין וואַרפען אין טייך, באַוויזען זיך די נימפען און לאָזען זיך אַוועק אין אַ טאַנץ.

לאַרעליי באַווייזט זיך פּלוצלונג און רופט איהם צו זיך אין די אַרעמס. זי פרעגט איהם: ווער איז ער?

וואָלטער וואונדערט זיך, צי האָט זי איהם פאַרגעסען, דער, נאָך וועמען זי האָט זיך געיאָגט ווי נאָך אַ ווילדע חיה אין וואַלד? דער, וואס בעט נאָר וועגען איין זאַך: וועגען ליבע!

לאַרעליי ענטפערט, אז זי ווייסט ניט פון קיין געליבטען. אַ רעטעניש זיינען זיינע ווערטער. נאָר אַ חלום האָט זי אמאָל געהאַט. אבער עס איז געוועזן ניט מעהר ווי אַ חלום. זי באַפעלט איהם צו שווייגען.

וואָלטער סטראַשעט איהר, אז ער וועט פאַרבלייבען און זי וועט איהם מוזען הערען. זי מוז נאָך איין מאָל איהם איהר ליבע שענקען. זאָל זי אַרונטערקומען פון דער הויך און זעהן. ווי גרויס

זיין שמערץ איז וועלען זיינע ביטערע טרערען איהר דערציילען. זי מוז רחמנות האבען מיט זיין באריייענד הארץ.

לארעליי ארונטערקומענדיג זאגט, אז זי איז איהם מוחל. זי האט געפּרובירט איהם האסען אבער זי קאן ניט. לארעליי איז זי ניט, נאר איהר שאטען איז זי און עס איז א זינד פאר איהם זי צו ליבען.

וואלטער קאן ניט גלויבען, אז עס זאל זיין א זינד פאר איהם, וואס האט איהר אין וואלד געזעהן אזוי ריין, אהן א שום פלעק, צי האט זי יענע טעג פון ליידענשאפט פארגעסען?

לארעליי ענטפערט אז פארגעסען האט זי ניט. זי גע־דיינקט דעם אויפגאנג פון זייער ליבע, ווען זי האט איהר הארץ איהם געשאנקען.

ביידע באזינגען יענע שענע ליבעסטעג.

גייסטער פון אינעווייניג דערמאנען זי, אז זי איז די געליבטע פון קעניג ריין און אז זי האט געגעבען א שבועה, וואס זי קאן ניט ברעכען.

לארעליי רייסט זיך ארויס פון איהם.

וואלטער קאן ניט פארשטעהן וואס באדייטען יענע שטימען? וואס האבען זיי געזאגט?

לארעליי ווייזט איהם אן, אז דארט אין דער טיפעניש אונטער די כוואלעס פון ריין ווארט איהר קבר אויף איהר.

וואלטער געזעגענט זיך מיט איהר, איז אט דאס איז דער צוועק פון אלץ צו וואס ער האט געשטרעבט? קיין זאך איז ניט פארבליבען ווי נאר ביי איהרע פיס צו שטארבען. ער ווארפט זיך אריין אין ריין.

די גייסטער זינגען א שבח צו זייער הערשערין פון ריין.

לארעליי רופט איהם אין איהרע ארימס, ער זאל זי שטארק ארום נעמען. זי לעבצט נאך זיינע זיסע קושען. אין זיינע ארימס ווערט זי מיט פרייד שטארבען.

די טויטע שטאָט

אָפּערא אין דריי אקטען

פון עריך וואָלפגאַנג קאָרנגאָלד.

ערשטער אַקט.

אין פאולס וואָנונג, אין דער טויטער שטאָט בריגע אין ענדע פון 19טען יאָרהונדערט.

ב ר י ג י ט א (פּאול'ס דינסט) לאָזט אריין זיין פריינד פראנק, וועמען זי דערציילט אז זינט יאָהרען, זינט פּאול'ס ווייב, מאריא איז געשטאָרבען, האָט קיין זייטיגער מענש דעם שוועל ניט איבערגעטראָטען. נעכטען אבער איז ער א גאַנץ אַנדערער געוואָרען, געהייסען די טירען עפענען, געהייסען ליכט זאָל אריין אין זיין טעמפּעל, ווייל די טויטע שטעהט אויף. איהר צימער ווערט גע־האלטען די גאנצע צייט הייליג, אלץ ווי געווען ביי איהר טויט. ערינערונגען אָן איהר: דאָס בילד, לאָקען פון איהרע האָר. ער לעבט אין גאנצען מיט דער פארגאַנגענהייט.

פ ר א נ ק פרעגט, ווי אַזוי טראָגט זי אבער דאָס אלץ אי־בער? צו ציהט איהר ניט דרויסען אין לעבען?

ב ר י ג י ט א ענטפערט, אז זי וויים ניט וואָס דאָס איז אַזוינס לעבען. זי וויים אבער וואָס איז אַזוינס ליבע און וואו ליבע איז דאָ דאָרט דינט אַן אַרימע פרוי מיט צופרידענקייט.

פּ א ו ל קומט אָן, אויפגערעגט, און הייסט בריגיטא שנעל

ברײנגען ראָזען. די פאַרגאַנגענהייט איז געענדיגט. זי לעבט. זי וועט באַלד דאָ זיין. ער האָט אויף זיין געוויינליכען שפּאַציר געכטען באַגעגענט א פרוי. א וואונדער איז געשעהן. עס איז פּונקט דיזעלבע מאַריא. זאָגאר די שטים פּונקט דיזעלבע. ער ווייס ניט ווער זי איז, אָבער זי קומט און נאָך איהר קומט זיין טויטע, זיין מאַריא.

פּ א ו ל פּרובירט איהם אומקערען צו דער ווירקליכקייט. ער לעבט אין חלומות, וועלכע ער דאַרף אָראָפּוואַרפען פון זיך. ער געהט אוועק, פאַרשפּרעכענדיג באַלד צוריק צו קומען.

פּ א ו ל פאַרבלייבענדיג אליין, ווענדט זיך צום בילד פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, ערקלערענדיג, אז נאָר אויף איהר אליין וואַרט ער, וועלכע ער האָט קיין מאָל ניט פאַרלאָרען. און צום לאָקען פרעגט ער: צו וועט ער באַלד ווידער אויפלעבען?

ב ר י ג י ט א. אַריינקומענדיג מיט בלומען, מעלדעט אז א פאַרשלייערטע דאַמע וואַרט, און זי וואַרפט איהם פאָר, וואָס ער הייסט זי אַריינברײנגען.

מ א ר י ע ט א קומט אַריין און איז איבעראַשט פון פּאָול'ס פאַרשטיינערטער פאַרטראַכטקייט. ער האָט איהר אַזוי שטאַרק גע־בעטען קומען און איצט באַגריסט ער איהר אפילו ניט. זי ווייסט אז בריגע איז א טויטער נעסט, אויך דאָ איז עס ווי א קבר באַפּוצט מיט בלומען. אָבער זי וועט זיך ניט לאָזען. זי האָט האַלט פאַר־געניגען, פרייד, די זון. דערזעהענדיג אַזוי פיעל פאָטאָגראַפיעס, פרעגט זי: צו דאָס איז א געלעריייע פון פרויען, וועלכע ער האָט געליבט? זי טוט אויס דעם מאַנטעל און פרעגט איהם: צו איז זי ניט שעהן, שעהנער ווי אלע?

פּ א ו ל ענטפערט: אלץ איז געווען שעהן, איהר זייט שעהן. ער איז איבעראַשט, דאָס זאָגאר איהר קלייד איז גליך ווי יענערס. דער אַלטער שאַל פּאַסט אַזוי צו דער קלייד. ער וואַרפט דעם שאַל אַרויף אויף איהרע פּלייצעס.

מ א ר י ע ט א לויפט צום שפּיגעל.

פּ א ו ל שרייט אויס: מאַריא.

מ א ר י ע ט א כאַפּט זיך: איך הייס מאַריעטא.

פּ א ו ל דערלאַנגט איהר די אַלטע לוטנע.

מ אַ ר י ע ט אַ פּרעגט: צו איז ער אַ מאָלער און דאַרף אַ מאָדעל? פאַר די אַלטע לוטנע פּאַסט זיך אַן אַלט ליד. כאָטש זינגען איז ניט איהר מלאכה, דאָך זינגט זי אַביסעל און אַם בעסטען עפּעס טרױעריגעס. זי זינגט אַ ליד פון טרײער ליבע.

פּ א ו ל קאָן דאָס ליד פון די יונגע, שענע טעג און זינגט מיט מיט איהר, װעגען די ליבע װעלכע דער טױט קאָן אפילו ניט צורײסען.

ג אַ ס ט אַ ן, דער טענצער, זינגט פון דרױסען אַ לוסטיג ליד.

מ אַ ר י ע ט אַ שפּרינגט אױף מיט פרײד: אַט דאָס זײנען אַנדערע לידער! דאָס זינגט גאַסטאַן! און זי לױפט צום פענסטער.

פּ א ו ל פּראָבירט איהר צוריק האַלטען: עס פּאַסט ניט.

מ אַ ר י ע ט אַ האַלט זיך אָבער ניט צוריק און ערקלערט איהם, אַז דאָס איז גאַסטאַן מיט זשוליעט און לוסיען, איהרע פרײנד װאָס שפּאַצירען אַרום ביז דער פאָרשטעלונג, און זי מוז אױך באַלד געהן אין טעאַטער. זײ שפּילען אַלע דאָ. זי אַלײן איז אַ טענצערין. זי זינגט אַ לױבגעזאַנג צום טאַנץ און אױפהײבענדיג דאָס קלײד, לאָזט זי זיך אװעק אין אַ װאַקכאַנאַלישען טאַנץ. דאָס איז, זאָגט זי, פּראָבע.

פּ א ו ל, קעמפענדיג מיט זיך, װערט ענדליך דאָך הינגעריסען פון איהר און בעט זיך בײ איהר זי זאָל איהם ניט פאַרלאָזען, װאָרום דאָס פאַרלאָשענע גליק פלאַמט דורך איהר אין איהם אױף. ער שטרעקט אױס די אָרימס צו איהר.

מ אַ ר י ע ט אַ רײצט זיך מיט איהם, טאַנצט װײטער, ביז זי דערזעהט פּלוצלונג דאָס בילד און איז איבעראַשט: איז זי דאָס אַלײן?

פּ א ו ל זוכט איהר אָפּצואָװענדען פון בילד: דאָס איז מײן טױטע... זי װאַרנט מיך.

מ אַ ר י ע ט אַ װאַרפט פון זיך אַראָפּ דעם שאַל, לאַכט זיך פאַנאַנדער און רופט גאַסטאַנ'ען.

פּ א ו ל, נאָך אַלץ קוקענדיג אױפ'ן בילד, דערמאַנט איהר, אַז עס איז צײט פאַר פּראָבע.

מאריעטא פילט זיך געקריינקט: ער שיקט איהר אוועק. איהר צויבער איז שנעל פארביי, און זיך ווענדענדיג צו איהם, זאגט זי, אז ווער עס ליבט איהר, ווייסט וואו איהר צו געפינען און זי געהט אוועק.

פאול ווארפט זיך צו איהר. עס איז דער חלום פון ווידער־קערונג, אין וועמען זיין טויטע, זיין מאריא איז געקומען.

עס ווערט פינסטער און די טויטע מאריא טרעט פאר, אנגעטאן ווי אויפ'ן בילד, און פרעגט איהם: צו איז ער נאך טריי צו איהר? זי האט געלאזען די האר, דעם גאלדענעם אוצר. עס איז א צייכען פון זייער ליבע וואס שטארבט ניט.

פאול ענטפערט, אז זי איז שטענדיג און אייביג ביי איהם, אין אט דער טויטער שטאט; אז ער ליבט נאר זי, אז זייער ליבע איז און וועט זיין.

די געשטאלט פארשווינדעט און פאול פרעגט: פאר וואס זעהט ער זי ניט מעהר?

מאריא ענטפערט ווי דורך א שלייער: דאס לעבען פאר־כאפט דיך, די אנדערע ציהט דיך צו; קוק און דערקען! און זי פארשווינדעט אין גאנצען.

פאול ווארפט זיך אין א שטול און מיט א ליידענשאפט־ליכען זשעסט שרייט ער אויס: מאריעטא!

צווייטער אקט.

אין אנפאנג, פארשלייערט דאס זעלבע בילד ווי צום ענד פון ערשטען אקט. נאך אן אינטערמעצא באווייזט זיך מאריעטא'ס איינזאם הויז און די געגענט ארום.

פאול, איינגעוויקעלט אין א מאנטעל, געהט אומרוהיג ארום מאריעטא'ס הויז. ער מאכט זיך פארוואורפען פאר וואס ער שלעפט זיך דא ארום, געמאטערט פון בענקשאפט, ליידענשאפט און חרטה. דער קלונג פון די גלאקען האט איהם דערמאנט אן דעם טאג, ווען ער האט איהר באגראבען. איצט דערמאנען זיי אן זיין

געוויסען. ער בענקט נאך מאריעטא. די אלטע שטאט רופט ארויס שאטענס פון פארגאנגענהייט. פריהער איז ער און זי געווען איינס אין טרייהייט נאך דער טויטער. איצט אבער טראגט ער אין זיך די אימה פון תאוה.

בריגיטא באווייזט זיך. זי געהט אין קירך. זי איז אנטלאפען פון זינד, ווייל זי האט געוואלט בלייבען טריי דער טויטער.

פאול ענטפערט, אז ער האט די טויטע אויך ניט פארא־טען, כאטש בריגיטא פארשטעהט עס ניט.

פראנק באווייזט זיך און ווערט דערקענט פון פאול'ן. ער פרובירט איינריידען פאול'ן אפצוזאגען זיך פון מאריעטא, וועלכע פאסט ניט פאר איהם.

פאול ענטפערט, אז ער קאן עס מעהר ניט. געצווינגען האט איהם צו דער נשמה פון דער טויטער און אריינגעפאלען איז ער אלס קרבן פון דעם לעבעדיגען גוף.

פראנק באמיהט זיך ווייטער איהם אפצוריידען פון איהר, אויסזאגענדיג סוף כל סוף, אז ער אליין איז איהר קרבן, און ווען זי נארט איהם אפ, איז עס מיט איהם. זי האט איהם אליין געגעבען דעם שליסעל.

פאול רייסט פון איהם ארויס דעם שליסעל און ערקלערט זיך פאר אויס פריינד.

א לעבעדיגע, פריילינבע קאמפאניע קומט אונטער אויף א שי־פעל און זיי אלע דערנעהענטערן זיך אין פריילינבער אונטערהאל־טונג, שטיפעריי און געזאנג.

מאריעטא, געארעמט מיט גאסטאן, באווייזט זיך אויפ'ן בריק, באגריסט זיי און ווערט פרייליך פון אלעמען באגריסט. זי ווערט פארגעשטעלט פאר'ן גראף און קאקעטירט מיט איהם, פא־דערט אויף מען זאל דא אין דרויסען דערלאנגען משקה. שפרינגט ארויף אויף א באנק און זינגט א חוזק־ליד אויף בריגע, וועלכעס ווערט פון אלעמען נאכגעזונגען.

פריץ, דער באריטאן פון דער טרופע, זינגט א בענק־ליד צו מאריעטא און פאלט צו איהרע פיס.

מ אַ ר י ע ט אַ קאַקעטירט מיט אַלעמען, לאָזט זיך קושען פון אַלעמען, ביז זי טוט זיך מיט אַמאָל אַ ריס פון זיי און וויל זיך אוועקלאָזן טאַנצן דעם טאַנץ פון ראָבערט דעם טייוועל, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

פון דער קירך דערהערט זיך דאָס שפּילען פון אָרגאַן. די מאַ־נאַשקעס באַווייזן זיך ווי שאָטענס צוריק איבער׳ן בריק. אַנדערע באַווייזן זיך אין ווייסען געקליידעט אין פענסטער. די גלאָקען קלינגען.

מ אַ ר י ע ט אַ הייבט זיך אויף לאַנגזאַם, ווי אַ טויטע וואָס איז צום לעבען גערופען.

פּ אַ ו ל באַווייזט זיך צווישען די בוימער און וואַרפט זיך צו איהר: האַלט זיך צוריק!

מ אַ ר י ע ט אַ רייצט זיך מיט איהם און הייבט אָן פאַרפי־רעריש צו טאַנצען.

פּ אַ ו ל כאַפּט איהר אָן פעסט ביי דער האַנט: דו, מיין אויפגעשטאַנענע טויטע? ניין, קיינמאָל ניט!

מ אַ ר י ע ט אַ: נאַר!

אַלע באַפאַלען איהם. אָבער מ אַ ר י ע ט אַ האַלט זיי צוריק: מיט דעם וועל איך אַליין פאַרטיג ווערען. געהט אַהיים. די שמחה איז געענדיגט. און בלייבענדיג אַליין מיט פּאַול׳ן פרעגט זי איהם: וואָס מאַכט ער איהר פאַר׳ע סצענעס, וואָס שפּירט ער איהר נאָך?

פּ אַ ו ל וואַרפט איהר פאָר, אַז זי איז פאַלש און פאַרדאָרבען און וואַרפט זיך יעדען אין אָרימס. זי האָט אפילו זיין פריינד פראַנק צוגענומען פון איהם.

מ אַ ר י ע ט אַ לייקענט עס און ווען ער באַווייזט איהר דעם שליסעל, וואָס ער האָט ארויסגענומען פון פראַנק׳ן, פרעגט זי: וואָס גיט איהם וועלכע עס איז רעכטע איבער איהר? זי טוט וואָס זי וויל.

פּ אַ ו ל סטראַשעט איהר. זי האָט איהם ערנידעריגט מיט איהר נייגעריגקייט. זי זאָל ניט מיינען, אַז ער ליבט זי, איהר פלייש באַגערט ער נאָר. ליבען ליבט ער נאָר אַן אַנדערע.

מ אַ ר י ע ט אַ פרעגט: צי האָט יענע איהם אַוועקגעטריבען פון זיך?

פ אַ ו ל ענטפערט, אַז זיין גרויסער סוד איז וואָס אין איהר ליבט ער, קושט ער, צערטעלט ער יענע אַנדערע, די איינציג־געליבטע — ד י ט ו י ט ע.

מ אַ ר י ע ט אַ, בייסענדיג די ליפען: פאַרפלוכט יענע טויטע געליבטע!

פ אַ ו ל ערקלערט איהר, אַז זי איז געווען זיין פרוי, אַ היילינע, וועגען וועלכער זי טאָר ניט רעדען. זי איז נאָר געווען אַ פּוסטער שאָטען פון זיין איבינער געליבטער. איצט האָט זי זיין איידעלען שמערץ באַפלעקט, און ער איז באַפרייט פון איהר. זיי ביידע זיינען פאַרטיג צווישען זיך.

מ אַ ר י ע ט אַ דערנעהענטערט זיך צו איהם, לייגט אַרויף איהר האַנט אויף זיין פּלייצע און קוקט צו איהם מיט מיטלייד. וואָס ער ליידט אַזוי. ער איז שולדיג. זי מיינט גאָר ניט שלעכט. נאָר זי איז יונג, היים בלוט קאָכט אין איהר. וואָס נאָך וויל ער? צי האָט זי איהם דען ניט גליקליך געמאַכט? צי האָט זי מיט איהר ליב ניט געהערט צו איהם? ער ליבט זי דאָך נאָך פיעל, אָדער ער וויל איהר שוין מעהר ניט האָבען?

פ אַ ו ל פּראָבירט זיך אָפּוועהרען פון איהר.

מ אַ ר י ע ט אַ ענטפערט, אַז זי האָט שוין מחלל געווען די טויטע אין ז י י ן הויז. אָבער זי האָט איהם געגעבען אַן אַנדער געגנוס. זאָל ער איהר גלייך קוקען אין פּנים, וועלכען ער האָט אַזוי געליבט: דאָס איז זיינער, און דער מויל, פון וועלכען ער האָט אַזוי דורשטיג געטרונקען — זאָל ער נעמען און טרינקען.

פ אַ ו ל פּאַלט אויף איהר ברוסט און קושט איהר לאַנג.

מ אַ ר י ע ט אַ פרעגט: צי וויל ער נאָך אַלץ איהר מקריב זיין פאַר זיין טויטע?

פ אַ ו ל ענטפערט, אַז ער איז צו איהר צוגעשמידט, זי זאָל איהם ניט פאַרלאָזען. ער וויל צו איהר אין הויז.

מ אַ ר י ע ט אַ ענטפערט מיט גרויסער ליידענשאַפט, אַז ניט צו אַ י ה ר. זי וועט איהם באַזוכען אין הויז פון דער ט ו י ט ע ר

און פון דארט אויף אייביג פארטרייבען דעם שטן. דעם ערשטען מאל וויל זי איהם געהערען ביי איהם.

פ א ו ל איז גערייט אויף אלץ פאר די זיסע שכרות און פארגעסענהייט.

מ א ר י ע ט א נעהמט איהם ארום און פיהרט איהם איבער'ן בריק צו די זיסע שכרות און פארגעסענהייט.

צווייטער אקט.

פאול'ם וואהנונג ווי אין ערשטען אקט. גאנץ פריה.

מ א ר י ע ט א קומט אריין, קוקט זיך ארום און דערזעהענדיג דאס בילד באטראכט זי עס און רעדט צו איהם: דיין כח איז — ביזטו נאך ענליך צו מיר? און וואו איז דיין מאכט? דו ביזט צום צווייטען מאל געשטארבען און קענסט ניט שטערען דעם פריידען, די לוסט, די ליבע. דערהערענדיג ווי די קינדער זינגען א שבח צו קריסטוס, באמערקט זי: די קינדער רופען מיך אוועק פון דער טויטער, און עס ווערט פארשטארקט דער דראנג פון לעבען.

פ א ו ל כאפט זיך אריין א דערשראקענער: דו ביזט דא?

מ א ר י ע ט א ענטפערט, אז ווען זי האט זיך אויפגעכאפט איז ער ניט געווען. און אזוי ווי עס איז איהר געווען לאנגווייליג אהן איהם איז זי ארונטער צו באקוקען זיין טויטע.

פ א ו ל : ארויס, ארויס פון דאנענט. ער כאפט איהר פאר'ן האנט.

מ א ר י ע ט א ענטזאגט זיך אבער מיטצוגעהן: פון דאנענט קען מען בעסער זעהן די פראצעסיע. עס איז היינט גאר ניט די טויטע בריגע. זי וויל עפענען דאס פענסטער.

פ א ו ל דערשרעקט זיך, מען זאל איהר ניט דערזעהן ביי איהם און ער וויל, אז זי זאל זיך שטעלען אן א זייט. אבער זי

ענטזאַגט זיך אין גאַנצען צו קוקען. און פּאָול כאַפּט זיך, אַז ער האָט פאַרגעסען לויט דעם מנהג אָנצוציינדען ליכט.

מ אַ ר י ע ט אַ הויבט אָן צו פּיהלען לאַנגווייליג און זי צווינגט זיך פרייליך וועגען טאַנץ, וועגען מאַסקאַראַד, וועגען גאַס־טאַן, צו וועמען זי וויל זיך אַוועקלאָזען.

פּ אָ ו ל זעצט איהר גלייך אַוועק און באַפֿוילט איהר צו פאַר־בלייבען דאָ וואו זי איז.

מ אַ ר י ע ט אַ קוקט אַ פאַרוואונדערטע. די פּראָצעסיע געהט פאַרביי. דער געזאַנג פון די קינדער הערט זיך ווידער. מאַנאַכען זינגען אין לאַטיין.

פּ אָ ו ל ערקלערט איהר די גאַנצע פּראָצעסיע. ער ווערט אַליין היגנעריסען און לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני.

מ אַ ר י ע ט אַ באַמערקט איראָניש, אַז ער איז אַ גאַנצער פרומאַק און ווער עס וויל איהם האָבען מוז זיך טיילען מיט טויטע און מיט הייליגע. זי וויל אָבער איהם א י ן ג אַ נ צ ע ן האָבען און פאָדערט איהם אויף זיך צו זעצען לעבען איהר און איהר אַ קוש צו טאָן.

פּ אָ ו ל ענטפערט: ניט איצט, ניט איצט.

מ אַ ר י ע ט אַ וויל אָבער ד ו ק אַ איצט.

די גאַנצע פּראָצעסיע באַווייזט זיך פון הינטערגרונד און פּאָול ווערט אַ דערשראָקענער.

מ אַ ר י ע ט אַ ערקלערט איהם, אַז ער איז אָבערגלויביש און זעהט שאָטענס.

פּ אָ ו ל ענטפערט, אַז זיין גלויבען איז די טרייקייט צו דער אייביגער ליבע און אַזאַ גלויבען איז הייליג.

מ אַ ר י ע ט אַ, ליידענשאַפטליך: ווידער די טויטע. ער פיהלט גאַר ניט ווי ער באַליידיגט זי. וואָס ווייסט די טויטע פון ליבע, פון אומטרייקייט. זי אָבער לעבט און פיהלט די קרענקונג. איך האָב פרייוויליג זיך דיר אָפּגעגעבען. איך בין געקומען פון גאַס. איהר ערשטער געליבטער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איהר אויסגענאַרט און פאַרלאָזען. און קעמפפענדיג האָט זי זיך דורכגע־ריסען אין דעם הויכען גאָרטען פון ליכטיגער לעבענסלוסט. דער

ג ל ו י ב ע ן איז זיך האט איהר דורכגעטראגען און איצט קומט א טויטע און רויבט איהם אוועק ביי איהר.

פ א ו ל פארבאט איהר זיך צו פארגלייכען מיט יענער, וועל־כע איז געווען זיין.

מ א ר י ע ט א מאכט חוזק פון איהם: דער היפאקריט, וואס האט נאך מיט וויינינגער שעה'ן צוריק געקניט פאר מיין אויס־געלאסענקייט און גאר ניט געטראכט פון יענער. און ו ו ע ן זי יועט וועלען, וועט ער ווידער ליגען צו איהרע פיס און זיך טיילען מיט יעדען וואס וועט איהר געפעלען.

פאול פרובירט איהר ארויסטרייבען פון דעם הייליגען צימער.

מ א ר י ע ט א זאגט אבער, אז אויסמיידען יענע וויל זי ניט, קעמפען וויל זי מיט איהר מיט אפענע אויגען, ווייב געגען ווייב. היים אטעמענדיג אנטקעגען טויט. צי איז זי ניט שעהן גענוג? מאכט די קונסט איהר ניט שטארקער פאר יענעם בלאסען בילד פון דאס וואס איז אמאל געווען? זי טוט מיט כעס א כאפ איינע פון די פאטאגראפיעס. וואו שטעקט איהר צויבער אין אט דעם עלענדען אלטווארג־צימער? איך מוז מיט איהר פארטיג ווערען. זי שלעפט ארויס דעם לאקען: און ד א ס — א י ה ר האר, לאמיר עס פאר־גלייכען, עס איז טויט און אהן גלאנץ, און א י ה ר האר, צי איז ניט שענער און וזייבער?

פ א ו ל שרייט, אז דאס איז זיין הייליגטום, זי זאל עס ניט פארשוועכען. די האר וואכט אויף און וועט נקמה נעמען.

מ א ר י ע ט א ווארפט זיך אויף זיין האלז און טאנצט דערביי פאר דעם לעצטען ברען פון ליבע, פאר דעם לעצטען קוש, פאר די מאכט פון לעבען.

פ א ו ל מיט שוידער: איצט איז זי א י ן ג א נ צ ע ן גלייך צו איהר. ער שרייט אויס: מאריא! ער זעהט די זעלבע זעהונג ווי צו ענד פון ערשטען אקט. און ווען די זעהונג פאר־שווינדט, רייבט ער זיך דעם שטערען און רעדט לאנגזאם, צומישט: די טויטע, איז זי דען ניט געלעגען דא פארצוויפעלט? דאס האר, ליגט עס ניט אומבארירט ווי פריהער?

ב ר י ג י ט א קומט אריין און מעלדעט, אז די דאמע, וואס איז פריהער געווען, האט זיך פארנומען אין אן אנדער ווינקעל.

פ א ו ל דערפרעהט זיך מיט דער אלטער, טרייער דינסט.

מ א ר י ע ט א קומט אריין לוסטיג און לעבעדיג און זאגט, אז זי האט פארגעסען איהר שירם און די ראזען, א גוטער סימן, אז זי דארף פארבלייבען.

פ א ו ל בלייבט אבער שטום און קאקעטיש ציהט זי זיך צוריק און טרעפט זיך אין קארידאר מיט פראנק'ן.

פ ר א נ ק: אלזא, דער וואונדער איז געשעהן. איך זעה אין דיינע אויגען, עס א י ז מעהר ניט.

פ א ו ל ענטפערט לאנגזאם: איך וועל איהר מעהר ניט זעהן. איין חלום האט א צווייטען צושטערט. די ביטערע ווירקליכקייט האט צושטערט דעם טרוים פון זיסער פאנטאזיע. די טויטע שיקען אזוינע חלומות, אויב מען לעבט צופיעל מיט זיי.

פ ר א נ ק מעלדעט אז ער פאהרט ווידער אפ. טאמער וועט פאול מיטפאהרען מיט איהם און פארלאזען די שטאדט פון טויט?

פ א ו ל: איך וועל, איך וועל עס פרובירען. ער געזעגענט זיך מיט דער טויטער. לעבען טיר שטעלט ער זיך אפ: דער טויט. אזוי איז דער גרויזאמער געבאט!

ווילאם טעל

אפערא

פון זשיאטשינא אנטאניא ראסיני.

ערשטער אקט.

א דארף אין מיטען פון די בערג.

דער כאר זינגט, אז שעהן איז דער מארגען, פון די בערג הערט זיך א פרייד-געזאנג און א שבח שיקען זיי צו דעם באשעפער.

א פישער בעט זיך ביי זיין געליבטער ליזא, אז זי זאל איהם ניט לאזען אליין אפפאהערן. עס איז אזא שעהנער טאג, און איהר שמייכעל דערפרעהט זיין ליבענד הארץ.

ווילהעלם טעל באמערקט, אז זיין אייגענע הארץ ווערט געדריקט פון א גאנץ אנדער דרוק, געמליך וואס זיין לאנד איז אזוי אונטערדריקט און שמאכט אין יאמער.

דער פישער זינגט ווייטער א שבח צו דער ליבע, וואס ווערט באשיצט פון דער געטליכער השגחה.

העדוויגע (טעל׳ס ווייב) און זשעמי (זיין זוהן) געפינען, אז טעל איז גליקליך מיט זיין טיפער איבערצייגונג, און די קלאנגען פון שטורם ערוועקען אין איהם קיין מורא ניט, אויב א פריינדליכער שיקזאל וועט איהם אומווארפען, וועט ער מיט דעם ליד פון טויט דורכמישען זיין געזאנג פון ליבע.

אלע זינגען א שבח צו דער פייערונג.

מעלכטאל (ארנאלד'ס פאטער) קומט אן, ארונטער־געהענדיג פון בארג און באגריסט די פארזאמעלטע.

העדוויגא ראט צו באנייען די זיטען פון וויניגער אומגליקליכע טעג און אין דעם געפינען באלוינונג פאר טרייהייט און ליבע.

ארנאלד, דער חתן פון טעלס טאכטער, ווערט באפאלען פון א ציטער ביי דעם געדאנק ווענען ליבע.

העדוויגא בעט מעלכטאל'ן, ער זאל בענשען די יונגע פארלאר.

ווילהעלם אונטערשטיצט איהר בקשה.

מעלכטאל גיט זיי נאך און הייסט די פארזאמעלטע אויפהויבען זייערע שטימען צו פייערען דעם גליקליכען יום־טוב טאג פון ליבע.

אלע זינגען א ליד צום יום־טוב פון ליבע, און דער כאר פארלאזט די ביהנע.

ווילהעלם לאדעט איין די געסט אין זיין פרידליך פריינדליך הויז, וואו ער געפינט פרידען פון די שונאים און פאר־בארגט פון זיי זיין פאטער־גליק.

מעלכטאל ווייזט אן דעם זוהן אויף ווילהעלם, אלס מוסטער פון א גליקליכען פאטער, וואס איז די גרעסטע ברכה. ער וואונדערט זיך נאר וואס זיין זוהן איז אזוי שטיל?

ארנאלד קאן אין זיך ניט אונטערדריקען זיין ענטציקונג מיט געסלער'ס שעהנער שוועסטער. ער ליבט זיין מאטילדא. ער דערהערט דעם רוף פון הארן, וואס מעלדעט אז געסלער קומט אן און איז דערשראקען וואס ער וועט ווידער זעהן און הערען זיין שוועסטער. ער געפינט, אז כאטש עס איז א פארברעכען, איז עס פארט גליק.

ווילהעלם קומט אן און פרעגט איהם פאר וואס ציטערט ער אזוי?

ארנאלד זוכט צו באהאלטען די אורזאך פון זיין טרויער.

ווילהעלם דערמאנט איהם אן זיין עהרע און פליכט.

אַרנאַלד געפינט, אַז צוליב זיין לאַנד און עהרע מוז ער פון זיין הארצען ארויסרייסען זיין ליבע.

ווילהעלם דענקט, אַז דאָס האָט ער חרטה, וואס ער האט געדינט דעמעטרא'ן, ער טרייסט איהם דערפאר, אַז עס איז געוועזן נאר א טעות און ער איז דאך ניט געוועזן אומטריי צו זיי. ניטא וואס צו באדויערען אדער מורא האבען. זיי וועלען געווים זיגען.

אַרנאַלד פארשפרעכט צו בלייבען טריי מיט איהם אין שעה פון געפאהר.

עס הערט זיך דער הארן, וואס מעלדעט געסלער'ס אנקומען.

אַרנאַלד, אויפגערייצט פון ווילהעלמ'ס באמערקונגען, וויל זיך פרובירען ארויסווייזען אונגעהארכזאמקייט צו געסלער'ן.

ווילהעלם הייסט איהם געהן לאנגזאם און דערווייל ניט שטערען די פרייד און פרייהייט פון דעם איין יום־טוב טאג.

זשעמי, העדוויגא, מעלכטאל, פישער לייט קומען אן. פויערים פיהרען אריין צוויי חתנים־כלות.

מעלכטאל גיט זיין ברכה צו די פארלאָר.

דער כאָר איז מתפלל אז גאָט זאל בענשען די יונגע פארלאָר.

מעלכטאל ווענדעט זיך צו די ניי־פארהייראטע, זיי דער־מאנענדיג, אז דאס לאנד ערוואַרט פון זייער בונד שיצער און פאר־טיידיגער.

ווילהעלם כאפט זיך, אז ארנאלד איז פארשוואונדען און וויל געהן איהם אויפזוכען און אויסגעפינען די אורזאך פון זיין שלעכט־באהאלטענער צורודערטקייט.

דער כאָר זינגט א תפלה צו גאָט, ער זאל בענשען די ניי־פארהייראטע.

ל י י ט ח א ל ד , א פויער, קומט אריין מיט א פארבלוטיג־טער האק און בעט מען זאל איהם ראטעווען פון דעם בלוטיגען טיראן. ער דערציילט, אז ער האט געטאן זיין פליכט, ווארום פון זיין גרויסער פאמיליע איז געבליבען ביי איהם נאר איין איינ־ציגע טאכטער און איינער פון די אונטער־לעקער פון גובערנאטאר געסלער האט געהאט די חוצפה איהר צוצו/גנב'ענען ביי איהם, האט ער איהם מיט דער האק דער/הרג'עט. ער בעט זיך, מען זאל איהם אוועקפיהרען אויפ'ן צווייטען ברעג.

ד י פ י ש ע ר ל י י ט האבען מורא צו ריזיקירען אזא זאך.

ו ו י ל ה ע ל ם קומט אן, אז אויפגערעגטער. וואס ער האט ארנאלד'ן ניט געפונען.

ל י י ט ה א ל ד בעט זיך ביי איהם צו ראטעווען איהם פון זיינע פארפאלגער.

ו ו י ל ה ע ל ם רופט איהם שנעל נאכצופאלגען. ער וועט איהם ראטעווען און ער זוכט צו בארוהיגען העדווינא, אז זי זאל זיך פארטרויען אין גאט.

ר ו ד א ל ף , ד ע ר ק א פ י ט א ן , מיט זיינע ס א ל־ד א ט ע ן קומען אן און רופען צו נקמה.

ד י פ ו י ע ר י ם זיינען מתפלל צו גאט, ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי.

ר ו ד א ל ף באפעלט זיי צו פארבלייבען און זאגען ווער עס האט געראטעוועט דעם מערדער, אז ניט וועלען זיי אלע שטארבען.

מ ע ל כ ט א ל ענטפערט, אז וואס יענער האט געטאן וואל־טען זיי אלע געטאן. דאס לאנד איז ניט קיין פלאץ פאר פאר־רעטער.

ר ו ד א ל ף באפעלט איהם צו כאפען און ברייגנען פאר זיין האר. עס וועט קיין שריד ופליט ניט בלייבען דא פון קיינעם.

ז ש ע מ י דערמאנט איהם, אז איבער איהם איז דא א גאט א נוקם.

די פױערים רופען צו גאט, דעם נוקם, בעת מעלכטאל װערט ארומגערינגעלט פון די סאלדאטען און ארעסטירט.

צװײטער אקט.

א טיפער טאל צװישען די בערג פון רוטלי.

א כאר פון יעגער באזינגט די פרייד פון געיעג.

א כאר פון פאסטוכער באזינגט דעם פארגע־הענדען טאג.

דער כאר פון די יעגער געפינט, אז דער געזאנג פון די פאסטוכער איז פאר זײ לאנגװײליג און זײ פארלאזען דעם פלאץ.

מאטילדא קומט אן ערװארטענדיג דא צו טרעפען ארנאלד'ן. זי געפינט, אז די שאטענס זײנען איהר טײערער װי א טראן. מיט איהם װאלט זי דא מאכען איהר היים. דער עכא אלײן הערט איהרע װערטער. זי בעט בײ דעם גלאנציגען שטערן ער זאל זי פיהרען.

ארנאלד קומט אן און בעט זי זאל באשטימען זײן שיק־זאל. ער איז גרײט צו טאן, װאס זי װעט באפעהלען.

מאטילדא זאגט איהם אױס דעם סוד פון איהר הארצען. אז זי ליבט נאר איהם.

בײדע פארענדיגען זײער ערקלערונג מיט דער פארזי־כערונג, אז זײער שיקזאל איז פאראײניגט.

ארנאלד קניט פאר איהרע פיס און קושט איהר האנט. זי געהט אפ.

װילהעלם קומט אן מיט װאלטער'ן און אנטשולדיגט זיך װאס ער האט איהם געשטערט. ער װיל װיסען פאר װאס האט

אַרנאָלד פאַרלאָזען זיינע פריינד צו דינען דעם אומווירדיגען מענ־שען?

אַ ר נ אָ ל ד ענטפערט, אַז ער ליבט מאַטילדאַ.

ו ו י ל ה ע ל ם באַמערקט, אַז זי איז אָבער אַ שונאַ. ער וויל נאָר וויסען, צי ליבט נאָך אַרנאָלד העלוועציאַ?

אַ ר נ אָ ל ד ענטפערט, אַז ער וויל פאַרלאָזען דאָס לאַנד פון האַס און פאַלשקייט.

ו ו י ל ה ע ל ם ווייזט איהם אָן, אַז אין אַ צייט ווען אַלץ איז חרוב און דאָס בלוט פון די בראַווע פליסט וועט אַרנאָלד'ס שווערד דאַרפען פאַרטיידיגען דעם טיראַן. ער דערמאַנט איהם אַן דעם אַלטען מאַן, וועמען געסלער האָט ערמאָרדעט און אַז זיין בלוט רופט זיי אַלעמען צו נקמה. ער זאָגט איהם אויס דעם סוד, אַז דער ערמאָרדעטער איז געווען אַרנאָלד'ס אייגענער פאָטער.

אַ ר נ אָ ל ד איז איבערראַשט פון דער טרויעריגער בשורה. עס ווילט זיך איהם ניט גלויבען.

ו ו י ל ה ע ל ם פאַרזיכערט איהם, אַז ער האָט צוגעזעהן דעם מאָרד מיט די אייגענע אויגען.

אַ ר נ אָ ל ד פאַרשפּרעכט נקמה צו נעמען פאַר זיין פאָטער.

ו ו י ל ה ע ל ם דערמאַנט איהם אַן העלוועציאַ און דערציילט איהם, אַז די נאַכט וועט זיי העלפען. זיי וועלען מאַכען אַ פאַר־זוך: ענטוועדער צו עראָבערן אָדער צו שטאַרבען.

אַ ל ע ד ר י י זיינען מתפלל צו גאָט, ער זאָל זיי העלפען אין זייער נקמה.

א י י נ ו ו אָ ה נ ע ר פ ו ן א ו נ ט ע ר ו ו אָ ל ד קומען אַן און דערציילען, אַז זיי זייען פריינד פון העלוועציאַ און זיינען גרייט צו שטאַרבען פאַר דער באַפרייאונג.

ש ו ו י י צ אַ ר י ש ע א י י נ ו ו אָ ה נ ע ר קומען אַן און זינגען אַ שבח צו געדולדיגער אויסוואַרטונג.

ו ו י ל ה ע ל ם דערמונטערט זיי.

ד י א י י נ ו ו אָ ה נ ע ר פ ו ן א ו ר י קומען אַן אַלס פריינד פון העלוועציאַ.

דער כאר מעלדעט ווילהעלם, אז דאס האבען זיך דריי קאנטאנען פאראייניגט צו פארטיידיגען העלוועציא אונטער איהם און צו באשטראפען דעם בארבאר.

ווילהעלם הייסט זיי שווערען ביים שווערד, ביי זייער עהרע, ביי זייערע צרות, ביי דעם הימעל וואס שאפט נקמה צו פארניכטען דעם שענדליכען אונטערדריקער. ער רופט אלעמען צו וואפען.

דריטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

אן אפענער פלאץ צווישען די בערג.

מאטילדא קומט אן מיט ארנאלד.

מאטילדא וויל וויסען פאר וואס זוכט ער אזא אן אויפגערעגטער מיט איהר זיך צו געזעגענען, זאל ער אין איהר ניט צווייפלען. זי ליבט איהם.

ארנאלד ענטפערט, אז ער מוז איצט זיך ענטזאגען פון אלץ צוליב די נקמה פאר דאס בלוט פון זיין פאטער, אפילו פון איהר מוז ער זיך ענטזאגען. ער דערציילט איהר, אז אויף געסלער'ס באפעהל איז זיין פאטער ערמארדעט געווארען.

מאטילדא באקלאגט זיך אויפ'ן שלעכטען מזל, וואס האט א סוף געמאכט צו זייער ליבע. ער מוז פאלגען דעם רוף פון פליכט און טאר מעהר ניט טראכטען פון מאטילדא. איהרע טעג וועלען פארבייגעהן ווייט, אין אומעט און טרויער. אין איהר הארצען בלייבט זיין בילד אויף אייביג איינגעקריצט.

ארנאלד וויל וויסען, וואס באדייטען די נייע געשרייען?

מאטילדא ענטפערט, אז דאס קומט געסלער אן און עס ווערען געמאלדען די פארבערייטונגען פאר א מיליטערישען פאראד.

זי בעט זיך ביי איהם, ער זאל אנטלויפען און ראטעווען זיין לעבען.
זי וועט מתפלל זיין פאר זיין זיכערקייט.

א ר נ א ל ד געפינט, אז אין זיין נשמה קומט פאר א שטאר־קער קאמף און אז ער וועט קיינמאל זי ניט פארגעסען.

צ ו ו י י ט ע ס ב י ל ד.

דער גרויסער פלאץ אין אלטארף.

א כ א ר זינגט א שבח צו געסלער'ן פאר וועמען אלע דארפען זיך בויגען.

א כ א ר פ ו ן ש ו ו י י צ ע ר בעטען ביי גאט בעסערע נעזעצען צו געהארכען.

ג ע ס ל ע ר איז זייער מתרה, אז יעדער מוז פאר איהם זיך בויגען, און ער באפעהלט אז יעדער פון זיי מוז זיך פארבויגען פאר דעם סימבאל פון זיין מאכט, די היטעל אנגעטאן אויף א סלופ. ערשט נאך דעם וועט זיי וועלען אויסדריקען זייער געהארכזאמקייט. וועלען זיי קאנען פארברייינגען דעם טאג אין פרעהליכקייט.

א כ א ר פ ו ן ט י ר א ל ע ר זינגט א ליד פאר פרעהליכ־קייט און טאנץ.

ו ו י ל ה ע ל ם קומט אן מיט זיין זוהן און ווערט אויפגע־פאדערט פון רודאלפ'ן זיך צו פארבוימען פאר'ן סלופ. ער ענט־זאגט זיך אבער ערקלערענדיג אז איהם וועט מען ניט איינשרעקען.

ר ו ד א ל ף פאר'מסור'ט איהם פאר געסלער'ן, אז דאס איז דער פרעכער מאן, וואס האט געראטעוועט לייטהאלד'ן.

ג ע ס ל ע ר באפעהלט איהם צו ארעסטירען.

ד ע ר כ א ר פ ו ן ס א ל ד א ט ע ן באריהמט זיך, וואס מען האט איהם ענטוואפענט.

ו ו י ל ה ע ל ם באפעהלט שטיל דעם זוהן שנעל צו לויפען צו דער מוטער און איהר הייסען אויפהויבען א ברענענדען פאקעל אויפ'ן שפיץ בארג, דאס איז א שלאכט־סיגנאל פאר די דריי קאנ־טאנען.

ג ע ס ל ע ר הייסט בעם אינגעל בלייבען שטעהן און פרעגט ווילהעלמ'ען צי וויל ער ראטעווען זיין זוהן. דאן זאל ער ארונטערשיסען דעם עפעל וואס ער ליגט אויף דעם קאפ פון אינגעל. דאס איז זיין פארגעניגען.

וו י ל ה ע ל ם וויל איהם איבערציינען, אז אזא פאדערונג איז צו שוידערליך. צי האט ער דען קיין קינדער ניט?

ג ע ס ל ע ר ענטפערט, אז ער האט שוין צו פיעל גערעדט און אז ניט פאראורטיילט ער דעם אינגעל צום טויט.

ז ש ע מ י זוכט דעם פאטער צוצוגעבען מוטה.

וו י ל ה ע ל ם בענשט דעם זוהן און פיהלט זיך ווידער מוטהיג ווי ווילהעלם טעל. ער קלייבט אויס צוויי פיילען, פון וועלכע איינע באהאלט ער ביי זיך אין בוזים.

ג ע ס ל ע ר הייסט צובינדען דעם אינגעל.

ז ש ע מ י פיהלט זיך אבער באליידיגט. ער ערוואַרטעט מוטהיג דעם רעזולטאט. ער גיט נאך צו מוטה צום פאטער. אויף א צייכען פון געסלער'ן געהט ער צו צום פאטער.

וו י ל ה ע ל ם נעמט ארום דעם זוהן און נאך א תפלה צו גאט, שיסט ער און טרעפט דעם עפעל אויפ'ן זוהנס קאפ.

ד י ש וו י י צ ע ר שרייען: זיעג.

ג ע ס ל ע ר איז א צוקאכטער.

וו י ל ה ע ל ם קאן קוים זעהן פון אויפרעגונג און דער צווייטער פייל פאלט ארויס.

ג ע ס ל ע ר וויל וויסען, פאר וועמען איז געווען דער צווייטער פייל.

וו י ל ה ע ל ם ענטפערט, אז פאר איהם, אויב ער וואלט דערשאסען זיין קינד.

ג ע ס ל ע ר באפעהלט איהם צו שמידען אין קייטען.

מ א ט י ל ד א , א ד א ל ף און באגלייטער קומען אן און זי פרעגט: צי איז מעגליך אזא גרויזאמע בארבאריי.

ג ע ס ל ע ר ענטפערט, אז ער האט געמייגט צו מאכען א סוף צום לעבען פון דעם פאררעטער. ער איז אבער געווען צו בראוו. איצט וועט ער אין קייטען מוזען ווארטען אויף זיין טויט. נאך איהם וועט דער אינגעל אויך קומען.

מאטילדא בעט זיך, ער זאל צוריקרופען דעם גרויזאמען פסק. זי איז איהם מתרה, אז דאס פאלק וועט אין גרויס צארן פון איהם נקמה נעמען.

געסלער הערט ניט קיינע התראות און קיינע בקשות און באשליסט פאר ביידען דעם טויט. ער באפעהלט אלעמען צו פארלאזען דעם פלאץ. ער מיט זיין סוויטע שטופען זיך דורך דעם עולם, וועלכער פארשילט איהם. זיי שלעפען מיט זיך אויך מיט ווילהעלמ'ען.

פערטער אקט.

ערשטעס בילד.
לעבען א דארף הייזעל.

ארנאלד אליין ווארט מיט אומגעדולד אויף די שעה פון שלאכט. ווי שטיל עס איז ארום. ער האט מורא אריינצוגעהן אין דאס הייזעל, וואו ער האט צוערשט דאס ליכט דערזעהן. ער געזעגענט זיך אויף אייביג מיט דער היים, וועלכע ער האט אמאל געליבט.

א כאר פון אינעווייניג רופט צו נקמה. זיי האבען זיך באשלאסען ווילהעלמ'ען צו באפרייען און צו ראטעווען, אפילו אז זיי זאלען דארפען שטארבען.

ארנאלד רופט זיי אלעמען צו נעמען נקמה פון טיראן און צו ראטעווען ווילהעלמ'ען.

אלע רופען צו נקמה.

צווייטעס בילד.
די אזערע פון פיער קאנטאנס.

דער כאר ווארנט העדוויגא אפצואווארטען דעם שטורם.

העדוויגא ענטפערט, אז דער טויט איז מעהר פאר איהר קיין שרעק ניט.

מאטילדא קומט אריין מיטפיהרענדיג זשעמי, וועלכער רופט זי.

העדוויגא וויל וויסען פאר וואס איז דער פאטער ניט מיט איהם?

זשעמי ענטפערט, אז ער וועט באלד זיין באפרייט פון געפאנגענשאפט. מאטילדא'ס גוטע הארץ זיכערט עס.

מאטילדא ערקלערט, אז קיין געפאהר איז מעהר פאר זיי ניט פאראן און אז אין איהר הארץ הויבט זיך אויף א האפענונג.

זשעמי זעהט ווי די וואלקענס פארשווינדען און עס קומט א סוף צו זייערע צרות.

ווילהעלם און די שווייצער קומען אן מיט דער מעלדונג פון זיג. געסלער איז געפאלען פון זיין פייל און די אזערע איז געווארען זיין קבר.

אלע זינגען א שבח צום באפרייער.

ארנאלד איז איבערראשט צו זעהן מאטילדא'ן דא.

מאטילדא ענטפערט, אז זי פארבלייבט דא אויף אייביג.

ארנאלד איז איבערגליקליך און דענקט, אז דער פאטער האט זיין ברכה געגעבען צו זייער ליבע.

אלע באזינגען דעם זיעג.

ווילהעלם זאגט א שבח צו דעם עראבערנדען פאלק.

פרויען קרוינען דעם זיעגערס שטערן מיט מירטע און לארבער־קראנץ.

סנעגוראטשקא

(שניימיידעל)

(א פרילינג־לעגענדע)

אפערא אין 4 אקטען מיט א פראלאג.

פון ניקאָלאַי רימסקי־קאָרסאַקאָוו.

פראלאג אין די „רויטע בערג". אנהייב פרילינג.

דער וואלדגאט געזעגנט זיך מיט'ן ווינטער, ווייל דער פרילינג קומט אן. ער דארף מעהר ניט וואכען און קאן שלאפען אין רו.

די שיינע פרילינג־געטין מיט א סוויטע פון פויגלאך באווייזט זיך אין די בערג און באקלאגט זיך, וואס אין די טעג וואס זיינען אנגעמערקט אין קאלענדאר, דארף זי געהן אין דאס לאנד פון די בערענדים, וואו עס איז אזוי לאנג קאלט. וואו זיינען יענע לענדער פון זון־שיין, פון פרייד, פון אזורשטראלען? דארט אונטען זיינען די בלומענרייכע לאנקעס, די זיסע לופט, די זילבערנע לבנה, די בוימער באלאדען מיט בליהונג. זיך ווענדענדיג צו די פויגלען, זאגט זי, אז מיט 16 יאהר צוריק האט זי דורך א קאפריז קאקעטירט מיט'ן ווינטער דא און פון דאן אן איז זי נעד־ווארען זיין שקלאפין. א מיידעל איז געבארען געווארען, די גע־ליבטע סנעגוראטשקא, און איהר פאטער האלט זי אין די וועלדער פון אייביגען שניי. זי, די מוטער, וואלט געוואלט זעהן דאס קינד גליקלאך, אבער דער אלטער מאן איהרער, דער ווינטער, הערשט ווי א דעספאט איבער איהר און איבער דאס לאנד. ער וויל ניט אפלאזען דעם פלאץ פאר די זיסע פרילינג־געטין. זי בעט די

פייגלען צו טאנצען ארום, און זיך דערוואַרעמען, טאַנצענדיג ווי די זיהן פון די מענשען.

דער כאָר פון די פייגלאַך זינגען, אַז זיי קומען פון אַלע עקען וועלט אויף דעם רוף פון זייער קעניגין.

די פרילינג געטין טרייבט זיי שנעל אין וואַלד. עס שנייט און דער קעניג ווינטער קומט אָן.

קעניג ווינטער בארימט זיך, וואָס פאַר א פארגע־ניגען עס איז פאַר איהם ווען דער פראָסט ברענט, אַז אַלטע בוימער ברעכען זיך, און דער רויך פון די הייזער ווערט פארפראָרען פון ווינט.

די פרילינג־געטין טענה'ט, אַז זיין יום־טוב האָט שוין לאַנג גענוג אָנגעהאַלטען, זאָל ער האָבען איינזעהעניש און זיך אָפּטראָגען.

קעניג ווינטער זעהט, אַז זי ליבט איהם מעהר נישט, און ער איז גרייט אַוועקצוגעהן.

די פרילינג־געטין פרעגט, וועמען וועט ער אנטרויען זיין טאָכטער.

קעניג ווינטער ענטפערט, אַז זי איז שוין גענוג דערוואַקסען. זי קאָן פאַרבלייבען אַליין אומגעשטערט.

די געטין פרילינג טענה'עט, אַז א יונגע מיידעל דאַרף פרייהייט.

קעניג ווינטער ענטפערט, אַז ער ווייסט דאָס די זון וועט מיט פאַרגעניגען וועלען דער'הרג'ענען זייער קינד. אָבער אַזוי לאַנג ווי זי איז ריין און אומשולדיג, דאַרף זי ניט מורא האָבען פאַר די ברענענדיגע זון. אָבער א קינד מוז מען אָפּהיטען און אַזוי ווי דער אָרימער באָביל האָט קיין קינדער ניט, זאָל מען סנע־גוראַטשקא איהם אָפּגעבען פאַר א טאָכטער.

די פרילינג־געטין איז מסכים.

קעניג ווינטער רופט די טאָכטער אהער.

סנעגוראַטשקא קומט צו לויפען צום ווינטער.

די פרילינג־געטין פרעגט זי, צי וואָלט זי ווע־לען לעבען אַליין און פריי צווישען מענשען.

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז יא, זי וועט געהן קלייבען יאגאדעס אין וואלד, וועט דורך א פרייליך ליד באגריסען דעם פרילינג. וועגען דאס טרוימט זי, דאס איז איהר פרייד. זי בעט דעם פאטער מסכים צו זיין. דער שיינער לעל וועט איהר לערנען זינגען, און זי וועט זיך גיך אויסלערנען.

קעניג ווינטער וויל וויסען, ווער האט איהר באקאנט מיט דעם שיינעם לעל?

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז זי האט איהם געזעהן פארבייגעהענדיג. זי האט געזעהן, ווי די מיידלאך האבען איהם, דעם שיינעם פאסטוך, פארשפראכען די זיסטע קושען און איהם גערופען מיט רייצענדע נעמען.

די פרילינג־נעטיז פרעגט צי זינגט טאקי אט דער לעל אזוי גוט.

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז זי קען אלע בעסטע לידער, אבער זי האט האלט מעהר ווי אלץ לעל'ס לידער. זי וואלט שטענדיג זיי הערען, און זי פיהלט אז איהר גאנצע הארץ צושמעלצט זיך דערפון.

קעניג ווינטער שרעקט זיך פאר'ן שרעקליכען ווארט שמעלצען און בעט די טאכטער, אז זי זאל אויסמיידען לעל און ניט טרויען זיין געזאנג און זיינע אנגענעמע ווערטער.

די פרילינג־געטיז פארשפרעכט אויפצופאסען אויף איהר. און אויב זי וועט אמאל פיהלען צער און פיין, זאל זי געהן זוכען די מוטער אין דעם טאל פון גאט יארילא און וואס זי וועט פארלאנגען וועט זי טאן פאר איהר.

שטימען פון וואלד רופען: א־או, א־או, און דער וואלדגאט באווייזט זיך.

קעניג ווינטער בעט ביי איהם ער זאל באשיצען די טאכטער פון שניי, אויב לעל אדער אן אנדערער פון די מענער וועלען איהר פארפאלגען מיט זייערע טאדעלהאפטע פארשלאגען.

דער וואלדגאט פארשפרעכט צו פאלגען.

די בערענדיס פייערן זייער קארניוואל.

די פרילינג־נעטיז בעט זיך ביים קעניג ווינטער.

ער זאל זי אפלאזען, און זי געזעגענט זיך מיט דער טאכטער. זאל דער ווינטער אויפהערען.

קעניג ווינטער ציהט זיך צוריק. דער פרידען פון ווינטער איז פארביי.

די בערענדיס באווייזען זיך, און געזעגענען זיך מיט׳ן קארניוואל.

קארניוואל ענטפערט מיט א געזעגען־ליד, פארשפרע־כענדיג ווידער צו קומען.

באביל באטראכטענדיג דעם פוסטען שליטען, באקלאגט זיך פאר די ווייב, די באביליכע, אז עס איז ניטא מעהר צו עסען, ניט צו טרינקען, אז ער, באביל, איז דער גרעסטער שלעפער פון אלע שלעפערס אויף דער ערד.

באביליכע רופט איהם צוריק.

באביל דערנעהענטערט זיך צום וואלד און דערזעהט סנעגוראטשקא. ער פרעגט: ווי רופט מען זי, די פרינצעסין.

סנעגוראטשקא זאגט איהר נאמען. זי ווייסט ניט, וואוהין זי געהט. זי וויל ער זאל זי צונעמען פאר א טאכטער.

באביל ענטפערט, אויב אזוי איז ער איצט א גרויסער פריץ און ער לאדעט אלעמען איין ביי זיך אין פאלאץ, זיי זאלען ברייגגען זייערע שענסטע מתנות, ער איז ניט קיין בעל־גוה און וועט זיי פריינדליך אויפנעמען.

סנעגוראטשקא געזעגענט זיך מיט דער מוטער.

שטימען פון וואלד ענטפערען מיט א זיי געזונד.

דער כאר פון די בערענדיס שרייט. אוי, ווי שרעק־ליך!

ערשטער אקט.

געגענד ארום בערענדי, איבער׳ן טייך.

לעל קומט אריין שפילענדיג אין א פאסטוך פייפעל. ער באגריסט באביל, ער זאגט, אז ער האט אבער קיין זאך ניט וואס

פארצולייגען. ער האט נאר מוזיק און געזאנג. צי וועט ער איהם ערלויבען צו זינגען?

באביל ענטפערט, אז ער ליבט ניט קיין געזאנג, זאל ער זינגען פאר סנעגוראטשקא, אבער ער דארף וויסען, אז זי איז קאלט און מעהר ווי א דאנק וועט ער ניט באקומען.

סנעגוראטשקא באגריסט איהם. און איז שטארק דערפרייט צו הערען איהם זינגען.

לעל זאגט, אז אנדערע דארפען צאלען א פרייז, אבער פון איהר וואלט ער וועלען נאר א קוש.

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז א קוש איז ניט גענוג פרייז פאר זיין געזאנג און דערפאר וועט זי איהם ניט געבען קיין קוש.

לעל בעט, אז זי זאל איהם שענקען א בלום.

סנעגוראטשקא רייסט אפ א בלום און דערלאנגט איהם.

לעל זינגט וועגען דעם וואלד וואס ערוואכט, וועגען די זון וואס שיינט שטראלענד, וועגען א מיידעל וואס קומט צו לויפען און לויפט אלץ שנעלער מיט צוויי בוקעטען פון בלומען פאר'ן געליבטען און פאר זיך.

א כאר זינגט וועגען שענעם לעל און רופט איהם צו זיך. לעל לאזט זיך אוועק צו זיי.

סנעגוראטשקא פרעגט: צי ווייזט ער צוריק איהר בלום.

לעל ענטפערט, אז דער בלום איז שוין פארוועלקט. און צי קאן מען איינהאלטען א פויגעל, וואס פייפט אין די צווייגען?

סנעגוראטשקא, בלייבענדיג אליין, פיהלט ווי א שווערער שטיין וואלט געלעגען ביי איהר אויפ'ן הארצען. אנדערע מיידלאך ווייסען ווי איהם צו באצויבערן. זי איז אבער אליין. זי בעט זיך ביי דער מוטער־פרילינג, זי זאל איהר געבען פייערדיגע זון־שיין וואס זאל דערווארימען איהר ארים, קאלט הערצאלע.

קרופאווא, א דארפמיידעל, קומט אן און דערציילט ווי גליקלאך זי איז. זי האט געקליבען בלומען אויפ'ן בארג, האט זי דערזעהן ווי א שיינער יונגערמאן מיט לאנגע, געקרייזעלטע האר

איז אנגעקומען און אזוי פריינדליך געקוקט אויף איהר. ער האט געשווארען און געמיינט ערליך, אז אין דער פרי אין דעם טאג, וואס איז געהאלטען הייליג פאר דעם גאט פון יארילא, וועט ער פאר'ן צאר איהר שטערן באקרוינען מיט בלומען און איהר מאכען פאר זיין ווייב. זי זאגט איהר או, אז איהר מיזגור וועט באלד אנקומען, זוכענדיג א געליבטע צווישען אנדערע מיידלאך. זי זאגט או די אנקומענדע מיידלאך חבר'טעם, אז עס קומט איהר געליבטער, וואס וויל איהר אוועקרייסען פון איהרע געליבטע עלטערן און פון איהר דארף. זיי זאלען ניט לאזען צונעמען זייער שוועסטער, אדער אז ווייניגסטענס זאל אויסקויף־געלט באצאהלט ווערען.

מ י ז ג ו ר בעט זיך ביי די מיידלאך, אז ער דארף קרופאווא מעהר ווי זיי. ער האט קיינעם ניט, וואס זאל אויפפאסען אויף זיין וואהנונג און קאמען זיינע לאנגע האר.

ד י מ י י ד ל א ך בעטען ער זאל באצאלען איסקויפגעלט א רובעל, א האלב־רובעל שנעל.

מ י ז ג ו ר באצאלט מיט פרייד דאס אויסקויפ־געלט. ער דערלאנגט זיי זעקלאך מיט קיכלאך.

ד י מ י י ד ל א ך זינגען וועגען דעם, אז קרופאווא איז גערייט זיי צו פארלאזען.

ד י י ו נ ג ע ל י י ט סטראשענען אבער, אז זיי וועלען קרופאווא פארטיידיגען און ניט דערלאזען אז יעדער איינער זאל קומען און צונעמען די שענסטע מיידעל פון דארף.

מ י ז ג ו ר ענטפערט זיי, אז מיט זיי וועט ער ריידען אין אן אנדער טאן.

ק ר ו פ א ו ו א איז גערייט אלעמען צו פארלאזען צוליב איהר געליבטען און בעט די מיידלאך זינגען א יום טוב ליד און טאנצען פריילאך. זי בעט אז סנעגוראטשקא זאל איהר טאן די טובה און אויך מיטטאנצען.

ס נ ע ג ו ר א ט ש ק א הייסט זיי געהן טאנצען, לעל זאל אויך נאכקומען און זי וועט באלד צושטעהן צו זיי.

ק ר ו פ א ו ו א רופט מיזגור'ן געהן.

מיזגור וויל אבער ווארטען. ער וויל וויסען ווער איז דער לעל?

קופאוואַ ענטפערט, אז אהן לעל וועט סנעגארוטשקא'ן זיין זעהר לאנגוויילינ.

מיזגור דענקט, אז מיט איהם וועט זי זיין פיעל גליק־ליכער.

קרופאוואַ פרעגט, וואס וועט זיין מיט איהר.

מיזגור ענטפערט, אז זאל זי נעמען לעל'ן.

קרופאוואַ ענטפערט, אז זי איז זיינע און דער קבר קאן זיי צושיידען.

מיזגור זאגט, אז זי קאן טאן, וואס זי וויל, נאר ער בלייבט דא שטעהן.

באביל באגריסט זיי.

קרופאוואַ באקלאגט זיך וואס זיין שפאט צוברענט איהר הארץ. זי בעט זיך, אז סנעגוראטשקא זאל איהר צוריק גע־בען איהר געליבטען.

סנעגוראטשקא הייסט איהר געהן בשלום און זיי זאלען זיך מעהר ניט קענען, זי וויל זיי פארלאזען.

מיזגור בעט זיך אבער ביי איהר זי זאל פארבלייבען. ער וויל וויסען דעם נאמען פון איהר גליקליכען געליבטען.

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז זי האט קיינעם ניט.

מיזגור זאגט, אז ער וועט זיין איהר געליבטער. און צו קרופאווא זאגט ער, אז אזוי ווי די אונטערגעהענדע זון וועט שוין מעהר ניט באלייכטען דעם הימעל, אזוי קאן א טויטע ליבע מעהר ניט געבארען ווערען.

קרופאוואַ בעט ביים עולם איהר צו העלפען. זי וויל ער זאל פאר'ן גאנצען עולם זיך מודה זיין: צי האט דאן, ווען ער האט זיך איהר ערקלערט אין ליבע, זיין הארץ איהם אפגענארט, אדער ער איז ערשט היינט געווארען א פעלשער?

מיזגור ענטפערט, אז פריהער האט ער זי געליבט, איצט ליבט ער אן אנדערע, סנעגוראטשקא. ער דענקט אבער, אז מיט דער צייט וועט אן אנדער געליבטער פארנעמען זיין פלאץ.

קרופאווא פרעגט: ווער וועט איהר באשיצען?

דער כאר ענטפערט, אז דער באשיצער פון אלע ליי־דענדע איז דער צאר. זי זאל געהן זעהן דעם צאר.

קורפאווא באקלאגט זיך, וואס מיזגור האט איהר הארץ צובראכען.

צווייטער אקט.

צאר'ס פאלאץ.

א כאר פון בלינדע גוסלי שפילער זינגט א שבח צום צאר.

א פאזש מעלדעט, אז א יונגע מיידעל בעט איין טרערען, מען זאל איהר צולאזען.

דער צאר ענטפערט, אז פאר די קינדער פון זיין פאלק איז זיין טיר קיין מאל ניט געשלאסען.

קרופאווא ווערט אריינגעפירט און בעט ערלויבניס צו זאגען וואס איהר דריקט. זי וויל וויסען צו איז א פארברעכען, ווען איינער ערקלערט זיך אין ליבע און די צווייטע גלויבט איהם און ליבט איהם?

דער צאר ענטפערט, אז ניין.

קרופאווא זאגט, אז דאס איז איהר גאנצער פארברע־כען. זי האט צוליב איהם די גאנצע וועלט פארגעסען, אין וואלד זיינען זייערע ביידענס הערצער געווען גליקלאך. זי וויל וויסען: צי איז גליק נאר א פוסטער חלום? מיזגור איז פון איהר אוועק. ער איז אוועק צו דער פאלשער סנעגוראטשקא, וואס בא'גנב'עט אלע הערצער. זי פיהלט ווי די כחות פארלאזען זי, ווי זי פאלט.

דער צאר הייסט געהן כאפען דעם פאלשען און איהם ברייגנען אהער. און פון גאנצען שטאט זאל דאס פאלק גערופען ווערען פאר'ן טריבונאל.

די צוויי העראלדס רופען אויס דעם צאר'ס באפעל.

א פראצעסיע באוויזט זיך. מיזגור ווערט אריינגעפירט. לעל געפינט זיך צווישען פאלק.

בערמיאט, דעם צאר'ס בעל יועץ, מעלדעט, אז מיזגור ווארט אויף זיין פסק.

דער צאר פרעגט: צי ער זיך מודה?

מיזגור זאגט יא.

דער צאר פרעגט, וואס זאל זיין די שטראף.

בערמיאט הייסט, אז ער זאל חתונה האבען מיט קרופאווא.

דער צאר זאגט, אז ער וועט איהם מוחל זיין, אויב ער וועט נעמען קרופאווא פאר א ווייב.

מיזגור ענטפערט, אז ער האט נאר איין ליבע אין זיין נשמה, דאס איז סנעגוראטשקא.

דער צאר זאגט, אז אויב אזוי מוז ער איהם פארטרייבען פון זיין לאנד, און זאל ער לעבען צווישען די וועלף אין וואלד, זייערע ווילדע הערצער וועלען פארשטעהן זיינע.

מיזגור זאגט, אז ער האט ניט מיט וואס זיך צו פארענטפערן, נאר אויב ער וואלט נאר געזעהן ווען עס איז סנעגוראטשקא.

דער כאר מעלדעט, אז סנעגוראטשקא קומט אן מיט באביל און באביליכע.

סנעגוראטשקא איז אנטציקט פון פרעכטיגען פאלאץ. זי בעט די מוטער זיך צוקוקען ווי אלץ גלאנצט.

דער צאר דענקט, אז אזא שיינהייט וואלט געקאנט זיין נוצליך פאר זיי מפצה צו זיין יארילא.

סנעגוראטשקא אונטערשטופט פון באביליכע באגריסט אלעמען, זי וויל וויסען, ווער איז יענער אין א גאלדענעם מאנטעל מיט א ווייסען בארד?

באביל זאגט, אז דאס איז דער צאר און זי זאל אהן מורא איהם באגריסען.

סנעגוראטשקא באגריסט דעם צאר.

דער צאר ווענדעט זיך מיט א שבח צו דער היילינער קראפט, וואס באשענקט אונז מיט אלע וואונדערס און אלע שיינ־קייטען. ער הייסט סנעגוראטשקא אויסקלייבען פאר א חתן, וועמען זי פארלאנגט, וועמען איהר הארץ וועט איהר אונטערזאגען.

סנעגוראטשקא זאגט, אז איהר הארץ האט נאך ניט גערעדט.

דער צאר הייסט איהר זיך ניט שרעקען און אפענהערציג זאגען, וועמען וואלטען איהרע ליפען באגריסען מיט א רוף פון פרייד, פון געלעכטער מיט קושען און טרערען?

סנעגוראטשקא זאגט, אז קיינעם ניט.

בערמיאט ערקלערט, אז איהר הארץ ווייסט נאך ניט פון ליבע.

דער צאר געפינט, אז עס איז א באליידיגונג פאר דעם גרויסען יארילא, אז אזא שיינהייט זאל ניט וויסען פון ליבע. ער וועט ווערען בייז, אויב ביז א נייעם זונאויפגאנג וועט די ליבע זיך ניט ערוועקען אין דעם פארפרארענעם הארצען פון דעם קינד. וועט ער זי נעמען פאר א ווייב.

די ווייבער פון די באיארען מעלדען, אז עס איז דא נאר איינער וואס קען מיט איין ווארט באוועגען א פרויען הארץ צו ליבע. דאס איז לעל.

דער צאר ווענדעט זיך צו איהם, אז א גרויס כבוד ווארט אויף איהם.

לעל פארזיכערט, אז א שטארקע ליידענשאפט וועט ארומ־כאפען איהר נשמה און זי וועט אויך ליבען.

מיזגור בעט מען זאל איהם ערלויבען פארבלייבען און ער שווערט, אז ער וועט געווינען די ליבע פון דעם רייגעם, אומ־שולדיגען הארצען.

דער צאר נעמט אן זייער פארשפרעכען. ער ווארט מיט האפענונג וואס דער שיקזאל וועט באשליסען, אלע זאלען דעם אווענט געהן אין היילינען וואלד, דארט טאנצען און זינגען און

מארגנען פרי וועט ער אליין געהן באגעגענען דעם זון־גאט, דעם הער־שער פון פלאמען.

ד ע ר כ א ר זינגט א שבח צום צאר־פאטער.

דריטער אקט.

אן אפענער ארט אין וואלד.

י ו נ ג ע ל י י ט זינגען וועגען א לינדען־בוים, הינטער וועל־כען עס שטעהט א ביידעל, און הינטער דעם ביידעל א מיידעל וואס קלייבט בלומען און מאכט א קרוין דערפון.

ב א ב י ל, טאנצענדיג, זינגט וועגען ביבער, וואס באדט זיך אין וואסער און וועמען א יעגער שפירט נאך.

ד ע ר צ א ר קומט אריין און באגריסט זיי. ער דאנקט זיי פאר זייער משמח זיין, און בעט זיי זאלען ווייזען איהם אלע זייערע קונצען.

ל ע ל, בלאזענדיג א הארן, דערציילט וועגען דעם וואלקען. וואס האט זיך בארימט פאר'ן דונער, אז דאס האט ער אפגעפרישט די ערד און גליקליך געמאכט, די יונגע מיידלאך זאלען קלייבען יאגאדעס און די יונגע מענער זאלען זיי נאכגעהן.

ד ע ר צ א ר בעט, אז לעל זאל אויסקלייבען די שענסטע. זי ארויספירען פאר אלעמען און א קוש טאן.

ס נ ע ג ו ר א ט ש ק א בעט זיך, אז דער שיינער לעל זאל זי נעמען.

ל ע ל קלייבט אבער אויס קרופאווא.

ד ע ר צ א ר הייסט זיי פארענדיגען דעם יום־טוב. און דאן ווארטען אויפ'ן גאט יארילא. אלע צוגעהן זיך.

ס נ ע ג ו ר א ט ש ק א קומט אריין און באקלאגט זיך וואס לעלס הארץ איז אזוי קאלט צו איהר. ער האט אויסגעקליבען קרופאווא. איז דען יענע שענער פון איהר? זי בעט ער זאל קומען.

איהר געבען די האנט, זי וועט איהם ליבען. אבער זי כאפט זיך, אז זי איז אליין, אז ער וויל איהר ניט געפעלען.

מיזגור קומט אריין און בעט זיך, אז זי זאל זאגען א ווארט וואס וועט אנציגדען פון דאס ניי זיינע האפענונגען: צי וועט ער אמאל פון איהר געליבט ווערען?

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז ער מעג האלטען זיינע צירונגען און עשירות פאר זיך. איהר הארץ שטעהט ניט צום פארקויף. זי בענקט נאך אביסעל ליבע, אבער ניט זיין ליבע.

מיזגור בייזערט זיך, אז ער איז איהר בעל־הבית.

סנעגוראטשקא רופט, אז לעל זאל איהר קומען ראַ־טעווען.

מיזגור וויל, אז לעל זאל טאקי קומען. עס וועט אבער שוין זיין צו שפעט זי צו ראטעווען. ער כאפט איהר ארום און ציהט איהר צו זיך.

דער וואלד־גאט שטויסט איהם צוריק.

סנעגוראטשקא אנטלויפט אין וואלד. דער וואלד־גאט פארוואנדעלט זיך אין א טויטען בוים. מיזגור לויפט איהר נאך, אבער א וואלד ווערט געשאפען און פארשטעלט איהם דעם וועג.

דער וואלד־גאט הייסט איהם אין וואלד נאכפאלגען איהר שאטען.

מיזגור יאגט זיך נאך איהר.

קרופאווא באווייזט זיך און לויפט אנטקעגען לעל'ן, איהם דאנקענדיג וואס ער האט זי געראטעוועט פון באליידיגונג, וואס ער האט איהר שטאלץ צוריק געשטעלט און וואס זיין קוש האט איהר ווידער גליקלאך געמאכט.

לעל ענטפערט, אז ער האט ניט געוואוסט, וועמעס הארץ וועט איהם גובר זיין. זיין נשמה האט אין איהם ענדליך דו געפונען.

סנעגוראטשקא רופט אין פארצווייפלונג די מוטער, אז זי וויל ליבען, אז זי זאל איהר געבען א הארץ ווי ביי אנדערע מיידלאך. זי וויל ענטוועדער ליבען אדער שטארבען.

פערטער אקט.

דער טאל פון גאט יארילא.

ס נ ע ג א ר ו ט ש ק א בעט זיך ביי דער מוטער. איהרע אויגען זיינען פול מיט טרערען. איהר הארץ איז צובראכען פון שמערץ. זי זאל געהארכען איהר געבעט און האבען רחמנות מיט איהר.

ד י פ ר י ל י נ ג ־ג ע ט י ן באווייזט זיך פון אזערע, ארומ־גערינגעלט מיט בלומען־גייסטער. זי וויל וויסען וואס פארלאנגט איהר טייער קינד?

ס נ ע ג ו ר א ט ש ק א בעט דעם כח פון ליבע.

ד י מ ו ט ע ר ענטפערט, אז דאס איז געשעהן. זי זינגט, צוזאמען מיט די בלומען־גייסטער, א בלומען־ליד.

ס נ ע ג ו ר א ט ש ק א איז התלהבות פילט, אז א וואונדער איז געשעהן, א גרויס פרייד האט זי ארומגענומען. ליבליך איז די ערד, זאנפט די כוואליעס, רוהיג דער וואלד.

ד י פ ר י ל י נ ג ־ ג ע ט י ן האפט צו באהאלטען איהר ליבע פון דעם גאט יארילא. זאל זי שנעל לויפען צוריק אין איהר וואוינונג. זי געזעגענט זיך מיט איהר.

מ י ז ג ו ר לויפט אוועק און בעט, אז סנעגוראטשקא זאל ווארטען אויף איהם. ער האט זי א גאנצע נאכט אומזיסט געזוכט אין וואלד.

ס נ ע ג ו ר א ט ש ק א ענטפערט איהם, אז איצט ווייסט איהר הארץ ניט מעהר פון קיין שרעק. זי וויל איהם קוקען אין די אויגען. איהר נשמה ליידעט מעהר ניט. זי איז זיינע, אויף אייביג זיינע. זאל ער זי באהאלטען דארט, וואו די טיפסטע וואלד־שאטענס ליגען פון די טויטליכע פייערען פון דעם זון־גאט יאריל. זיי זעצען זיך ביידע אוועק אין א שאטען.

עס קומט אן א גרויסער עולם מיט'ן צאר אין מיטען.

ד ע ר צ א ר זינגט וועגען חירוש וואס איז פארזייט און

מען דארף דרעשען מיט פערד, וועלכע מען דארף אויסקויפען מיט א יונגער מיידעל.

יונגע פארלאך רוקען זיך צו צום צאר.

דער צאר בענשט זייער חתונה.

מיזגור פיהרענדיג סנעגוראטשקא מעלדעט, אז ער האט געטאן דעם מיטעל צו געווינען איהר הארץ און איצט זאל דער צאר זיי בענשען.

דער צאר פרעגט: צי מיט איהר אייגענעם ווילען פאר־טרויט זי זיך אין מיזגור'ס ליבע?

סנעגוראטשקא ענטפערט, אז הונדערט מאל וועט זי זאגען, אז ער איז איהר געליבטער, זי פיהלט אז זי איז גרייט דעם לעבען איהם אוועקצוגעבען. זי ווייסט ניט צי איז עס התלהבות אדער טויט, און זי דאנקט דער מוטער פאר וואס זי האט איהר געמאכט פיהלען ליבע. זי פיהלט אז זי ברענט, אז זי שטארבט און ווערט צושמאלצען. זי געזעגענט זיך מיט אלעמען, מיט די חברים און געליבטען.

דער כאר זינגט, אז עס איז א וואונדער. די זון צו־שמעלצט אזוי די שניי. ער זינגט א שבח צו דער פראכט פון דער זון, צו דער גרויסקייט פון יארילא.

לואיז

א מוזיקאלישער ראמאן
אין 4 אקטען און 7 בילדער
פון גוסטאוו שארפענטיע.

ערשטער אקט.

דאך־צימער אין אן ארבייטער וואנונג.

ל ו א י ז די טאכטער פון אן ארבייטער און איהר געליבטער ז ש ו ל י ע ן, א שכן פון צווייטען הויז, ריידען זיך דורכ'ן פענס־טער וועגען זייער ליבע, ווי אזוי זיי האבען זיך געטראפען. באקאנט. פארליבט איינע אין די אנדערע ביז לואיז באמערקט די מוטער. וועלכע כאפט איהר אן פאר'ן ארם און שלעפט אוועק פון פענסטער אין קיך. אליין זיך אומקערענדיג צום פענסטער אנצווזידלען זשוליען.

אין א ווײלע ארום קומט לואיז ווידער צו צום פענסטער און זשוליען באווייזט איהר דעם בריף, אין וועלכען ער בעט ביי איהרע עלטערן איהר האנט.

די מוטער קומט ווידער אן, און לאזט זיך ארויף אויף איהר. כאפט איהר אן פאר'ן האנט און נאכמאכענדיג איהר געשפרעך מיט זשוליען ווארפט זי איהר פאר איהר אויפפיהרונג. באזונדערס ווייל דער פאטער גלויבט אזוי שטארק אין איהר אומשולד.

ל ו א י ז פרעגט, פאר וואס לאזט זי זיי ניט חתונה האבען. ער האט דאך אזוינע שענע מאנירען, איז א פאעט, א פראכטמאן.

די מוטער ענטפערט, אז ער איז אן אויסוואורף, א שכור, א כל־בו.

אין מיטען פון דער קריגעריי קומט אן דער פאטער, האלטענדיג אין האנט זשוליענס בריף. ער זעצט זיך אוועק, לייענט דעם בריעף און נעמט ארום די טאכטער. זיי זעצען זיך עסען. עס ענטוויקעלט זיך א געשפרעך.

דער פאטער זאגט, אז ער איז פארמאטערט.

די מוטער ענטפערט, אז נאך דרייסיג יאהר פון ארבייט איז שוין צייט פאר איהם זיך אביסעל אפצורוהען און זי זאגט אריין די שארלאטאנעס, פוסט און פאסניקעס, מיינענדיג זשוליען.

דער פאטער געפינט טרייסט און גליק אין זייער געמיינזאמער ליבע. ער נעמט ארום די ווייב, וואס ראמט אויף פון טיש. ער איז גליקלאך.

לואיז באמערקענדיג דזשוליען׳ס בריף, גיט עס א קוש און דערלאנגט דעם פאטער.

די מוטער ווערט אן אויפגעבראכטע פון דעם בריף: ס׳אר א חוצפה!

דער פאטער בארוהיגט איהר. ניטא פון וואס זיך צו קאכען, ער געהט איהר ניט פארפיהרען, ער וועט איהם דארפען זעהן.

די מוטער ווערט א צוקאכטע: דעם שלעפער, דעם אויסוואורף דא.

לואיז פרובירט אפלייקענען דער מוטער׳ס רכילות אויף איהם און באקומט א פאטש.

דער פאטער זוכט צו בארוהיגען די טאכטער, דאס הארץ איז א שלעכטער טרעפער, ליבע איז שטענדיג בלינד, עס פעהלט איהר די הויפט־זאך — ערפאהרונג.

לואיז פרובירט ארגומענטירען מיט איהם, ער קומט אויס אז דער וואס האט צוויי מאל חתונה איז גליקליכער ווי דער וואס הייראט נאר איינמאל.

די מוטער ווערט אומגעדולדיג פון גאנצען געשפרעך און זינגט נאך זשוליען׳ס א ליד.

ד ע ר פ א ט ע ר זוכט צו דערוויסען זיך: צי האבען זיי ווען עס איז גערעדט איינער מיט'ן אנדערען.

ל ו א י ז לייקענט עס.

ד ע ר פ א ט ע ר וויל וויסען, צי זי וועט איהם פארגעסען, אויב זיי וועלען באשליסען צוריקצואווייזען זיין פארשלאג?

ל ו א י ז פרובירט זיך ארויסדרייען פון אן ענטפער, אבער סוף כל סוף ענטפערט זי: יא, און זעצט זיך לייענען די צייטונג: „דער פרילינג סעזאן געהט אן אויפ'ן גלענצענדסטען אופן. גאנץ פאריז איז יום־טוב'דיג געקליידעט". זי כליפעט: „פאריז"!

צווייטער אקט.

ע ר ש ט ע ס ב י ל ד.

אונטער מאנמארטר, וואו גאסען קומען זיך צוזאמען. פינף א זייגער פארטאג.

א מילד־פרוי שטעלט אוים איהרע סחורות. לעבען איהר שטעהט א קויהלען־טרעגער, ווייטער א שמאטע־קלייבער. בעלי־הבית'טער געהען צום מארק. זיי ריידען און געהען פאנאנדער. עס קומט אונטער א נאכט־וואנדלער און מאכט באמערקונגען צום א צייטונגס־פארקויפעריז. אויף די פראגע: ווער ער איז? ענט־פערט ער, אז ער איז דאס פארגעניגען פון פאריז און אז ער געהט צו די ליבענדע. דער לומפען־קלייבער דערציילט, אז מיט יאהרען צוריק האט ער איהם דערזעהן מיטפיהרענדיג מיט זיך זיין טאכטער און צעווייגט זיך דערביי. דער נאכט־טרוימער טרייסט איהם, אז עס איז דאס זעלבע אין אלע פאמיליעס. עס באווייזען זיך פאליציי בעאמטע און צוריידען זיך מיט דער מילד־פרוי, אז עס איז דער סעזאן פון ליבע. די גאסען־קערערין בארימט זיך, אז מיט צוואנציג יאהר צוריק איז זי געווען די קעניגין פון פאריז און וואס פאר א

שעהן לעבען עס איז געווען. א שקצ'ל בעט דעם אדרעס פון אט דעם גן־עדן. די גאסען־קערעריז ענטפערט: עס איז פאריז. דער פאליציי־בעאמטער טרייבט דעם שקצ'ל אוועק און יענער זאגט זיי אריין, אז איז זייער גן־עדן איז נאר פאראן פלאץ פאר פרויען.

זשוליען ווייזט זיך פון הינטען און מאכט צייכענס צו זיינע פריינד, די באהעמיער, וואס באווייזען זיך קאמיש ווי קאנ־ספיראטארס, און פרעגען: ארבייט זי דארט? און ער ענטפערט, אז די מוטער וועט איהר באלד ברייננען, ער וויל איהר טויפען. די באהעמיער מאכען זיך היימליך ביז זשוליען בעט זיי זיי זאלען איהם לאזען אליין. און ווען ער בלייבט אליין, שלאגט ער זיך מיט דער דעה, ווי אזוי איהר איינצורעדען? ווער וועט איהם העלפען? ביז ער באשליסט אז דער געזאנג פון פאריז, דער געשריי פון פאריז, די שטימען פון גאס — זיי זיינען דאס דער געזאנג פון נצחון און דער טריאומפירענדער ליבע!

עס קומען אן פארשידענע מיידלאך, וועלכע באמערקען איהם ענדליך קומט אן לואיז מיט איהר מוטער, וועלכע זידעלט איהר און סטראשעט, אז זי וועט פון איצט אן בעסער ארייננעמען פאר איהר ארבייט אין דער היים. צו ענד געזעגענט זיך לואיז מיט דער מוטער, געהט אריין אין הויז, וואוהין זשוליען געהט איהר נאך. זשוליען זוכט איהר צו באאיינפלוסען, אז זי זאל מיט איהם אנטלויפען. זי ענטזאגט זיך. ער ווארפט איהר פאר, אז זי ליבט איהם מעהר ניט. זי לייקענט עס. אבער זי זשאלעוועט דעם פאטער און בעט אפצולייגען ביז מארגען. פון אלע זייטען הערט זיך דער געשריי פון פאריז, פון פארשידענע פעדלער און קרעמער, וואס רופען אויס זייערע סחורות.

צווייטעס ביל ד.
א קליידער־ווארשטאט.

פארשידענע מיידלאך ארבייטען, זינגען, אונטערהאלטען זיך, קריגען זיך. זיי באמערקען, אז לואיז איז עפעס תיינט ניט מיט

אלעמען און זיי טייטשען עס אוים, אז דאס קומט דערפון, וואס די עלטערן זיינען אזוי שטרענג צו איהר און די מוטער שלאגט איהר זאגאר נאך.

לואיז הערט זיך איין, אבער בלייבט גלייכגילטיג און אירמא באשליסט, אז לואיז איז פארליבט, און אלע זיינען דערצו מסכים. זיי פרעגען איהר אליין, וואס זי דענקט וועגען דעם און שטעהען צו, אז זי זאל אלץ דערציילען, זינגענדיג א ליעב־געזאנג צו ליבעס־אינטריגעס און דערציילענדיג וועגען זייערע אייגענע אינ־טריגעס, און איינע, אירמא, באזינגט די שטים פון פאריז, דעם רוף צו פארגעניגען, צו ליבע. עס הערען זיך קלאנגען פון טרומייטען און אלע מיידלאך לויפען צו די פענסטער. דאס איז זשוליען, וואס זינגט א סערענאדע. אלע מיידלאך זיינען אנטציקט און זיי ווארפען איהם צו קליינגעלט און קושען.

לואיז קאן שוין מעהר ניט אויסהאלטען און ציטערענדיג זעצט זי זיך אוועק. אונטען נעמט דער געזאנג אן א טרויעריגען כאראקטער, פול מיט פארוואורפען און קללות, וואס דערעסט שטארק און פארמאטערט די מיידלאך און זיי הויבען אן צו באַ־ליידיגען און שרייען, אז ער זאל אויפהערען.

איינע פון די מיידלאך, גערטרוד, באמערקט, אז לואיז זעהט אוים, ווי עס וואלט איהר שטיקען.

לואיז ענטפערט, אז זי פיהלט ניט גוט, עס שטיקט איהר, זי מוז געהן אהיים. די מיידלאך ווילען איהר באגלייטען, אבער זי לאזט ניט און געהט אוועק, צו דער פארוואונדערונג פון די מיידלאך. ועלכע לויפען צו די פענסטער קוקען אויף איהר. באמערקען זיי, אז זי איז אין גאנצען געזונט און זיי צולאכען זיך.

דריטער אקט.

א קליינער גארטען אויפ'ן שפיץ פון ביוט מאנמארטר. די פאנאראמע פון פאריז.

זשוליען זיצט ביים הויז אין גליקליכע מחשבות.

ל ו א י ז קוקט אויף איהם מיט אַ שמייכעל און זי דריקט אוים איהר צופרידענהייט און גליק מיט'ן נייעם שעהנעם לעבען. זי דערצעהלט, אַז זי האָט גאָר ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירען. אין וואַרשטאַט איז זי געווען אַ פרעמדע, אין דער היים האָט דער פאָטער איהר באַהאַנדעלט ווי אַ קליין מיידעל און די מוטער האָט זיך ניט אָפּוגעבען מיט איהר, נאָר פלעגט זיך בייזערען. דער פאָטער, כאָטש ער האָט זי אַזוי האָלד געהאַט, האָט אָבער געטאָן אַלץ וואָס די מוטער האָט געהייסען.

ז ש ו ל י ע ן ענטפערט איהר, אַז ליבע איז די העכסטע מאַכט. ער מאַכט חוזק פון די, וואָס פרעדיגען פאַרזיכט, וואָס דאָס הייסט רוטינע, טראַדיציע. יעדע באַשעפעניש האָט דאָס רעכט צו זיין פריי. יעדעס האַרץ האָט די פליכט צו ליבען.

ל ו א י ז פרעגט, צי קאָן דער פאַרלאַנג פון איין האַרץ ברעכען אַנדערע הערצער אָהן געוויסענסביסען? און זאָגאָר אַן אייגענער פאָטער?

ז ש ו ל י ע ן ציהט איהר צו זיך, זוכט איהר צו באַרוהיגען. ווייזט איהר אַן אויף פאַריז, וואָס איז אויסגעפוצט אין יום־טוב לכבוד איהר, די קליינע מוזע. פאַריז אָהן איהר וואָלט ניט געווען פאַריז.

ב י י ד ע זינגען אַ שבח צו דער שטאָדט פון קראַפט און ליכט, צו דער שטאָדט פון פרייד און ליבע, און קניענדיג זייגען זיי מתפלל, אַז זי זאָל זיי באַשיצען און היטען.

זיי הויבען זיך אויף פון די קני און שווערען פרייהייט אין ליבע און אין לעבען. זיי ערקלערען זיך פון דאָס נייע אין ליבע. זי ציהט אריין אין הויז.

ב אַ ה ע מ ע ר באַווייזען זיך, באַגלייט פון דריי טרעגער. וועלכע ברייגגען גאַנצע פעק מיט לאַמטערנעס, פלאַגען, באַפוצונג. עס קומען אונטער גריזעטען. אַ המון קלייבט זיך צוזאַמען און מען באַזינגט די באַהעמיע. פאַטערס און מוטערס באַקלאַגען זיך אויף די אויסגעלאַסענקייט. אינגלאַך און מיידלאַך אונטערהאַלטען זיך. שקצים קלייבען זיך צונויף און זינגען. די באַהעמיער און גריזעטען און אויך די איינוואוינער פון ביוט אַלע זינגען אין איין געמיינזאַמען

באר א פריידיגען געזאנג. ווען לואיז באווייזט זיך אונטען, ווערט זי באגריסט אלס די מוזע, וואס ענטזאגט דעם פאעט אין קיין זאך ניט.

די קרוינונג פון דער מוזע פון מאנ־מארטר קומט פאר. דער פאעטער פון די נאראנים האלט די אי־ראנישע קרוינונגס־רעדע. די גריזעטען טאנצען. דער המון שרייט בראווא. די טענצערין פארבויגט זיך פאר לואיז און לייגט איהר פאר בלומען. די גריזעטען וויקלען איהר איין אין א שאל, אויסגע־נייט מיט זילבער, די עמבלעם פון קעניגליכקייט. דער פאעטער פון די נאראנים באגריסט איהר. עס קומט פאר דער אפאפעאז פון ענטוזיאסטישער פארזאמלונג.

אין מיטען דרינען הערט זיך א געוויש פון הינטען. דער המון רוקט זיך פאנאנדער. עס ווערט שטיל. ביי די טרעפ צום גארטען באווייזט זיך לואיז'ס מוטער און צווייפעלט אריינצוגעהן. דער־וויסענדיג זיך, אז דאס איז „די מוטער פון דער מוזע," צוגעהען זיך אלע.

די מוטער ווארפט זיך ארויף מיט פארוואורפען אויף די טאכטער. זשוליען און די גריזעטען רינגלען ארום לואיז, וואס האלט ביים חלש'ן. די מוטער דערנעהענטערט זיך צום הויז און לואיז ווארפט זיך אין זשוליען'ס ארעמס, נאכדעם אנטלויפט זי אין פארהויז.

די מוטער ערקלערט, אז זי איז ניט געקומען אלס שונא. נאר זי איז געקומען זאגען, אז דער פאטער ליידעט זעהר און נאר לואיז אליין קאן איהם ראטעווען. זיי האבען מקבל געווען אלע. זיי זיינען פארמאטערט פון קאמף און געמאכט א צלם איבער איהר טיר. זי איז טויט פאר אונז. אבער היינט איז דעם פאטער פיעל ערגער און זי איז דערפאר געקומען בעטען די טאכטער, זי זאל קומען אהיים און ראטעווען דעם פאטער. דעם ערשטען טאג האט ער אויסגעגאסען א ים מיט טרעהרען, ער איז ארומגעגאנגען פון טיר צום פענסטער זיך צוהערענדיג, האפענדיג. ער קאן מעהר ניט שלא־פען. איין נאכט האט זי איהם געפונען ביי לואיז איין צימער קניען־דיג און רופענדיג איהר. ער ליידעט זעהר טיף און נאר א גרויס

פרייד קאן איהם ראטעווען. זאָל זי נאר קומען אויף אַ ווײלע, נאָכהער וועט זי זיין פריי.

זשוליען פרעגט, צי פארשפרעכט זי צוריקצוגעבען איהם לואיזן?

די מוטער פארשפרעכט און זשוליען לאָזט איהר אַפּ אַלס „שליח פון ליבע", נאר זי זאָל ניט פארגעסען, אז ער ציילט די שטונדען.

פירטער אַקט.

דאָס זעלבע ווי אין ערשטען אַקט.

דער פאָטער זיצט ביים טיש. די מוטער איז אין קיך. דורך אַ שויב זעהט מען לואיז אין איהר צימער.

די מוטער זוכט אויפצומונטערן דעם פאָטער און באַמערקט, אז ער האָט פיליכט ניט גענדאַרפט היינט ווידער ארבייטען.

דער פאָטער ערקלערט, אז נאָך צוואַנציג טעג פון פוילקייט איז איהם אָנגעקומען אין אנהויב שווער צו ארבייטען. נאָכהער איז ווידער אַוועק. עס איז גוט פאַר איהם צו ווערען פאַרמאַטערט, ווייל אז ניט איז איהם אַזוי אומעטיג. ער איז א לאַסטפערד ווי אַלע אונטער דער שווערער משא פון שיקזאַל. ער האָט גענוג געלעבט. מעהר דארף מען ניט. לואיז באַווייזט זיך און דער פאָטער קוקט אויף איהר מיט צערטליכקייט און זאָגט ווייטער: פאַרמאַטערטקייט, פייניגונג, דאָס אַלץ איז גארניט, אַלץ איז פאַר איהר, אז זי זאָל בליהען, אַלץ איז אין איהר און רייסט ארויס די טאָג קומט אַ פרעמדער און פארפיהרט איהר און אַרייבט ארויס די פארגאַנגענהייט פון איהר הארצען. פארשאָלטען זאָל ער זיין, דער רויבער פון ליבע.

די מוטער רופט צו לואיז, וועלכע געהט פארביי דעם פאָטער, זיך ניט אומקערענדיג צו איהם, און מוסר'ט איהר, פאַר וואָס זי בלאָזט זיך: צי האָט זי גאר ניט קיין רחמנות אויף'ן

תאטער, צי דענקסט זי אז מען וועט איהר אפלאזען צוריק צום גע־ליבטען? דאס איז ניט מעגליך און דער ארימער פאטער ליידעט אזוי שטארק.

לואיז ענטפערט, אז ליבע איז פריי.

די מוטער מאכט חוזק פון פרייער ליבע.

לואיז ענטפערט, אז עס לאכט גוט ווער עס לאכט דער לעצטער. זי געהט לאנגזאם צו צום פאטער און ווינשט איהם א גוטע נאכט און שטרעקט אויס דעם שטערן צו איהם קאלט, ניט ענט־פערענדיג אויף זיין צערטליכע אומארמונג.

דער פאטער: לואיז, קוק אויף מיר. בין איך דען ניט דיין פאטער? צי ביזטו מעהר ניט מיין קינד, וואס איך פלעג פאר־וויגען אין מיינע ארעמס? זי זעצט זיך אויף זיינע קני ווי א קינד און ער בעט זיך ביי איהר: פארבלייב, רוה, ווי אמאל!

לואיז פרובירט זיך ארויסהויבען, אוועקגעהן, אבער דער פאטער פארוויגט איהר צערטליך. זי ענטפערט, אז זי וואלט געוועזן א גוט קינד, ווען דער טאטע וואלט איהר אנטאן ווענינגער צרות. זי קאן ניט זיין גליקליך אהן פרייהייט. נאר איין צוזאג פון זיי און זי קאן גליקליך ווערען, אבער בארויבט פון פרייהייט דורך זייער בלינדער צערטליכקייט קאן זי ניט זיין גליקליך. זי קאן ניט פאלש זיין צו איהר שבועה, ווי זיי צו זייערע פארשפרעכונגען.

די מוטער מישט זיך אריין. זי אנערקענט נאר דאס רעכט חתונה צו האבען, אבער ניט דאס רעכט פון פרייער ליבע.

דער פאטער שרעקט זיך, אז די פרייהייט מיינט פאר איהר די פרייהייט פון שאנד, פון אן ארומשלעפערקע.

דער וכוח האלט אז ביז פון ווייטען הערען זיך שטימען: א, דו שעהן מיידעל!

לואיז כאפט זיך אויף: פאריז, פאריז רופט מיך! און זי זינגט א שבח צו פאריז, נאר איין טאג מעהר פון ליבע!

דער פאטער פארשליסט די פענסטער: זי געהט פון זינען אראפ! שעמט זי זיך גאר ניט?

לואיז ערקלערט, אז זי איז ניט מעהר די שרעקעדיגע קליין מיידעלע און זי רייסט זיך צום טיר. דער פאטער פרובירט

איהר צוריקהאלטען. אבער זי קומט אריין אין עקסטאז און רופט זשוליען, ער זאל איהר פאר׳שכור׳ען מיט זיינע קושען.

דער פאטער ווערט אן אנגעצונדענער, כאפט איהר פאר׳ן האנט, שלעפט זי צו דער טיר און שרייט: געה, דארט ברע־נען די לאמטערנעס, די מוזיק קלינגט, דארט איז פאריז, איז אייער פארגעניגען, געה אהין.

די מוטער פרובירט בארוהיגען דעם מאן, איהם רופען צו פארשטאנד.

דער פאטער שטופט איהר אפ אוןווארפט זיך צו לואיז.

אלע דריי שרייען אויס: א!

לואיז געהט אוועק און דער פאטער קומט דאן צו זיך. דער כעס איז פארשוואונדען און ער לאזט זיך אוועק אויף די טרעפ איהר זוכען, רופענדיג: לואיז! אבער ער קומט צוריק א צובראָ־כענער און א צוקאכטער טרייסעלט ער מיט דער פויסט: א. פאריז!

סאלאמע

אפערא

פון ריכארד שטרויס.

(לויט אסקאר ווַאילד).

א גרויסע טעראַסע אין פּאַלאַץ פון הורדוס.

נ א ר א ב א ט באוואונדערט די שעהנקייט פון דער פּרינצעסין.

ד ע ר פ א ז ש וואונדערט זיך, וואס די לבנה זעהט אויס אזוי זאנדערבאר ווי א פרוי וואס שטעהט אויף פון קבר.

עס הערט זיך א גערויש און סאלדאטען ריידען צווישען זיך וועגען די אורזאכען פון דער צורודערונג.

נ א ר א ב א ט האלט אין איין טענה'ן: ווי שעהן די פּרינצעסין איז, ווי בלאס. ער האט זי קיינמאל ניט געזעהן אזוי בלאס.

ד י ש ט י ם פ ו ן י ו ח נ ן זאגט פאראויס, אז עס וועט קומען איינער, וואס איז שטארקער ווי ער, וועמען ער קאן די שיך ניט פארבינדען און וועט ברייגנען נסים אויף דער וועלט.

ד י ס א ל ד א ט ע ן דערציילען איינע די אנדערע, אז דאס איז א הייליגער נביא, ער הייסט יוחנן און קומט פון מדבר. וואס ער זאגט קאן מען ניט פארשטעהן.

נ א ר א ב א ט מעלדעט, אן אויפגערעגטער, אז די פּרינצעסין האט זיך אויפגעהויבען פון טיש און קומט אהער.

ס א ל א מ ע קומט אריין. זי קאן דארט ניט פארבלייבען. זי קאן ניט פארטראגען די בליקען פון איהר מוטער'ס מאן, דעם ווייצעקעניג. דארט זיצען די אידען פון ירושלים און רייסען זיך צווישען זיך וועגען זייערע צערעמאניעס, און די שווייגענדיגע, ביטערע עגיפּטער און די ברוטאלע רוימער מיט זייער גראבער שפּראַך.

א, ווי זי האסט אט די רוימער! ווי האלד האט זי צו קוקען אויף דער לבנה. זי איז געבליבען ריין ווי די שעהנקייט פון א יונגפרוי.

די שטים פון יוחנן: רעדט, אז דער סוף איז געקומען, דער זוהן פון מענשען איז נאהענט.

סאלאמע וויל וויסען, ווער האט עס גערופען אזוי?

א סאלדאט ערקלערט איהר, אז דאס איז דער נביא.

סאלאמע וויל וויסען: צי איז עס דער, פאר וועמען דער וויצע־קעניג האט מורא און וואס זאגט שרעקליכע זאכען וועגען איהר מוטער?

א שקלאף מעלדעט, אז דער וויצע־קעניג בעט איהר צוריקצוקומען צום טיש.

סאלאמע ענטזאגט זיך. זי וויל וויסען, צי איז דער נביא אן אלטער מאן?

א סאלדאט ענטפערט איהר, אז ער איז גאנץ יונג.

די שטים פון יוחנן וואָרנט פאלעסטינא זיך ניט צו פרעהען, וואס דער שטעקען וועלכער האט זי געשלאגען איז צו־בראכען. פון די זאמען פון א שלאנג וועט געבארען ווערען א באזי־ליסק־שלאנג, וואס וועט פארשלינגען די פויגלען.

סאלאמע איז איבערראשט פון דער שטים. זי וויל איהם זעהן און ריידען מיט איהם.

דער סאלדאט ערקלערט איהר, אז דאס איז אוממעגליך, ווייל דער וויצע־קעניג האט שטרענג פארבאטען, אז קיינער טאר איהם ניט זעהן און ניט ריידען מיט איהם.

סאלאמע באפעהלט צו ברייגגען דעם נביא אהער. זי קוקט ארונטער אונטען: ווי שרעקליך עס מוז זיין איז אזא העהל צו לעבען. זעהענדיג אז די סאלדאטען ענטזאגען זיך דעם נביא צו ברייגגען, ווענדעט זי זיך צו נאראבאט, ער זאל עס פאר איהר טאן. זי וויל נאר א קוק טאן אויף איהם, פון וועמען מען רעדט אזוי פיעל. זי דיינקט, אז דער וויצע־קעניג האט מורא פאר איהם.

נאראבאט ענטפערט, אז דער וויצע־קעניג האט אויס־דריקליך פארבאטען, אז קיינער טאר ניט אויפהויבען דעם דעקעל פון ברונים.

ס א ל א מ ע בעט זיך אבער ביי נאראבאט, ער זאל עס פאר איהר טאן, זי וועט דערפאר מארגען פארבייגעהענדיג א בלום פאר איהם אראפּווארפען, איהם א בליק שענקען. ער ווייסט דאך, אז ער וועט טאן וואס זי וויל און וואס זי בעט.

נ א ר א ב א ט הייסט ברייגגען דעם נביא. סאלאמע וויל איהם זעהן.

י ו ח נ ן פרעגט: וואו איז דער, וועמענס בעכער איז פול און וואס וועט שטארבען אין זיין זילבער־מאנטעל פאר די אויגען פון גאנצען פאלק? זאל ער קומען און הערען די שטים פון דעם. וואס האט גערופען אין די מדבריות און אין די הייזער פון קעניגען! וואו איז זי, וואס האט זיך איבערגעגעבען צו דער תאוה פון איהרע אויגען און זעהענדיג מענערשע בילדער האט זי געשיקט געזאנדטע אין לאנד פון די כאלדייער?

ס א ל א מ ע פארשטעהט, אז ער רעדט פון איהר מוטער.

י ו ח נ ן פרעגט, וואו איז זי, וואס האט זיך אפּגעגעבען מיט אלעמען צו שאנד? זאל זי אויפשטעהן פון בעט פון איהרע שרעקענס און בלוט־שאנד און פארנעמען די שטים פון דעם, וואס גרייט פאר א וועג פאר'ן האר'ן. און אויב זי וועט באלד ניט חרטה האבען וועט איהר גאט באשטראפען.

ס א ל א מ ע געפינט, אז עס איז שרעקליך און דאס שרעקליכסטע זיינען זיינע אויגען, וואס זיינען ווי שווארצע קוילען.

נ א ר א ב א ט בעט זיך, זי זאל אוועק.

ס א ל א מ ע וואונדערט זיך, ווי אויסגעמאגערט ער איז. ער זעהט אויס ווי א בילד פון העלפאנט־ביין. זיין פלייש מוז זיין זעהר קיהל, ווי העלפאנט־ביין. זי מוז איהם נאהענטער אנקוקען.

י ו ח נ ן פרעגט: ווער איז די, וואס קוקט מיך אן? איך וויל ניט, אז זי זאל קוקען אויף מיך. הייסט איהר אוועקגעהן. איך וויל צו איהר ניט ריידען.

יוחנן הייסט איהר צוריקטרעטען און ניט צו געהן נאָ־הענט. איהר מוטער האָט פול געמאכט די ערד מיט דעם ווייַן פון איהרע תאוות און איהרע זינד שרייען צו גאָט.

סאלאמע בעט זיך ביי איהם, ער זאָל נאָך ריידען, זיין שטים איז ווי מוזיק אין איהרע אויערן.

יוחנן הייסט איהר, די טאָכטער פון סדום, ניט צוגעהן נאָהענט, נאָר באַדעקען דעם קאָפּ מיט אש, דעם פּנים מיט אַ שלייער, און זיך אַוועקלאָזען אין מדבר זוכען דעם מענשען־זוהן.

סאלאמע וויל וויסען, ווער איז עס דער מענשען־זוהן? צי איז ער אַזוי שעהן ווי ער?

יוחנן בעט זיך זי זאָל איהם אויסוויייכען. ער הערט די פליגלען פון מלאך־המות אין פּאַלאַץ.

סאלאמע ערקלערט זיך איהם אין ליבע. זי איז פאַר־ליבט אין זיין לייב. זיין לייב איז ווייס ווי די ליליען אויף אַ פעלד. זי וויל זיין לייב אָנרירען.

יוחנן באַפעלט איהר צוריק צו שטעהן. צוליב אַ ווייב איז געקומען דאָס גאַנצע אומגליק פון דער וועלט. זאָל זי ניט ריי־דען פון איהם. ער וויל זי ניט הערען. ער הערט נאָר די שטים פון זיין הארן, זיין גאָט.

סאלאמע טענה'ט, אַז זיין לייב איז שרעקליך ווייס, ווי אַ געקאַלכטע וואנט. זי איז פאַרליבט אין זיינע האָר, וואָס זיינען ווי וויינטרויבען, ווי די צעדערן פון לבנון. קיין זאַך איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי זיינע האָר.

יוחנן טרייבט זי צוריק, זאָל זי איהם ניט אָנרירען און באַפלעקען דעם טעמפּעל פון זיין גאָט.

סאלאמע ערקלערט, אַז זיינע האָר זיינען אָפּשטויסענד, נאָר זי איז אין זיין מויל פאַרליבט. זיין מויל איז רויט, קיין זאַך איז ניט אַזוי רויט ווי זיין מויל. זי מוז אַ קוש טאָן זיין מויל.

יוחנן ענטפערט: קיין מאָל אין דער וועלט ניט, טאָכטער פון בבל, טאָכטער פון סדום.

נ א ר א ב א ט בעט זיך ביי איהר זי זאָל אויף איהם ניט קוקען און ניט ריידען אזעלכע ווערטער צו איהם.

ס א ל א מ ע האלט אין איין טענה'ען, אז זי מוז איהם א קוש טאָן אין מויל.

י ו ח נ ן וואָרנט איהר, אז עס לעבט נאָר איינער וואס קאָן זי ראטעווען, זאָל זי געהן איהם זוכען, ער קומט פון גאלילעא און רעדט צו זיינע תלמידים. ווען ער וועט קומען צו איהר, זאָל זי זיך בוקען צו זיינע פיס און בעטען ער זאָל מוחל זיין איהרע זינד. ער וויל זי מעהר ניט זעהן. זי איז פארשאָלטען. ער לאָזט זיך אראָפּ אין ברונים.

ה ע ר א ד א ס מיט זיין ווייב און סוויטע קומען אריין זוכענדיג סאלאמע. ער וואונדערט זיך אויך ווי די לבנה זעהט אזוי זעלטזאם אויס, ווי א צולאָזענע ווייב, וואס זוכט א ליבהאָבער.

ה ע ר א ד י א ס געפינט, אז די לבנה איז ווי געוויינליך, זי וויל איהם אוועקנעמען פון דאנענט.

ה ע ר א ד א ס וויל דאָ פארבלייבען. הייסט ברייגגען טע־פּיכען און וויין אהער. ער דערשרעקט זיך אבער, וואס ער איז אריינגעטראָטען אין בלוט. עס איז א שלעכטער סמן. ווער איז געוועזן דער טויטער?

א ס א ל ד א ט ענטפערט, אז עס איז דער הויפּטמאן וואס האט זיך אליין געטויטעט.

ה ע ר א ד א ס דערמאָנט זיך, אז עס איז געוועזן א יונגער סיריער און געפינט אזא טאט זאָנדערבאר. ער פיהלט עפּעס א קעלט דאָ. און עפּעס א רוישען ווי פון מעכטיגע פליגלען.

ה ע ר א ד י א ס וויל ער זאָל אוועק פון דאנענט, ער איז קראנק.

ה ע ר א ד א ס ענטפערט, אז ער איז ניט קראנק, אבער איהר טאָכטער איז טויט קראנק. קיין מאָל איז זי אזוי בלאס ניט געוועזן. ער לאָדעט איין סאלאמע צו טרינקען פון דעם בעכער מיט איהרע קליינע, רויטע ליפּען. דאָן וועט ער אויסליידיגען דעם בעכער.

ס א ל א מ ע ענטפערט: וויצע־קעניג, איך בין ניט דורשטיג.

הראדאס הייסט ברייגגען די שענסטע פרוכט, זי זאל איינבייסען מיט איהרע ווייסע צייגער, וועט ער עס נאכהער אויפ־עסען.

סאלאמע ענטפערט, אז זי איז ניט הונגעריג.

העראדאס ווארפט פאר דער ווייב, אז איהר טאכטער איז שלעכט ערצויגען.

הערא דיאס ענטפערט איהם, אז זי און איהר טאכטער שטאמען פון קעניגליכען בלוט. זיין טאטע אבער איז געוועז א גוי.

די שטים פון יוחנן ווארנט, אז עס איז געקומען דער טאג.

הערא דיאס הייסט מען זאל איהם מאכען שווייגען. ער באשימפט זי.

העראדאס געפינט ניט, אז ער האט זי געשימפט. ער איז אבער א גרויסער נביא.

הערא דיאס גלויבט ניט אין קיינע נביאים. ער אבער האט מורא פאר איהם. אויב ניט, פאר וואס גיט ער איהם ניט ארויס צו די אידען, וואס שרייען זייט ער האט איהם פארשפארט.

ערשטער איד בעט, הערא דאס זאל איהם צו זיי ארויסגעבען.

העראדאס ענטזאגט זיך. ער איז א הייליגער מאן, וואס האט געזעהן גאט.

אנדערע אידען ווארפען איהם פאר, אז אזוינע געדאנקען זיינען פאלש. גאט באווייזט זיך מעהר ניט. דאס איז א געפעהרליכער ליגען. קיינער ווייסט ניט גאטס וועגען.

העראדאס ענטפערט, אז ער האט דאך געהערט, אז יוחנן איז אן אמת'ער נביא.

די אידען גלויבען ניט אין די מעגליכקייט פון א נביא.

די נאזארענער גלויבען אין משיח'ן. ער איז שוין געקומען און זיי דערציילען זיינע נסים, ווי אזוי ער איז מחיה מתים. ער האט מיט א פאר טעג צוריק פארלאזען שומרון און געפינט זיך איצט לעבען ירושלים.

ה ע ר א ד א ס פארבאט איהם מחיה מתים צו זיין. עס מוז זיין שרעקליך ווען די טויטע זאָלען ווידער קומען.

ד י ש ט י ם פ ו ן י ו ח נ ן ווארנט די זינדיגע טאכטער פון בבל, אז א מאסע מענשען וועלען איהר פארשטייניגען.

ה ע ר א ד א ס באפעלט, ער זאָל אנטשוויגען ווערען.

ד י ש ט י ם פ ו ן י ו ח נ ן ווארנט, אז די קריג־פיהרער וועלען זי מיט זייערע שווערדען דערשטעכען, און אזוי וועט ער אויס־טיליגען די זינד און לערנען די ווייבער ניט געהן אויף איהר וועג.

ה ע ר א ד א ס איז צופרידען. וואס ער דערמאנט ניט זיין נאמען.

ד י ש ט י ם פ ו ן י ו ח נ ן ווארנט, אז עס קומט דער טאג, ווען דער טאג וועט שווארץ ווערען, די לבנה רויט ווערען ווי בלוט און שטערען וועלען פאלען פון הימעל ווי ניט צייטיגע פייגען, און די קעניגען פון דער ערד וועלען ציטערען.

ה ע ר א ד י א ס באמערקט, אז דער נביא פלוידערט ווי א שכור'ער. אבער זי קאן ניט פארטראגען דעם קלאנג פון זיין שטים. זאָל מען איהם הייסען שווייגען.

ה ע ר א ד א ס בעט סאלאמע זאָל טאנצען פאר איהם.

ס א ל א מ ע ענטזאגט זיך צו טאנצען.

ד י ש ט י ם פ ו ן י ו ח נ ן ווארנט, אז זיצענדיג אויפ'ן טראן וועט ער פון א מלאך אומגעבראכט ווערען און ווערים וועלען איהם אויפעסען.

ה ע ר א ד א ס בעט זיך סאלאמע זאָל טאנצען פאר איהם. ער וועט טאן אלץ, וואס זי וועט בעטען, אויב זי וועט טאנצען פאר איהם, זאגאר א העלפט פון זיין קעניגרייך וועט ער אפגעבען.

ס א ל א מ ע וויל ער זאָל געבען א שבועה.

ה ע ר א ד א ס שווערט ביי זיין לעבען, ביי זיין קרוין, ביי זיינע געטער, אפצוגעבען אפילו א העלפט פון זיין קעניגרייך. זי וועט זיין א שיינע קעניגין. אבער דא איז אזוי קאלט, אז עס רוישט ווי א פויגעל וואלט מיט די פליגלען רוישען. דער קראנץ דריקט איהם. די ראזען זיינען ווי פייער. ער רייסט אראפ דעם קראנץ.

ס א ל א מ ע איז מסכים צו טאנצען פאר איהם.

די שטים פון יוחנן רופט: ווער איז דער, וואס קומט פון אדום? וועמענס קלייד איז מיט פורפור געפארבט, וואס גלאנצט אין דער שיינקייט פון זיינע קליידער?

הערא דיאס וויל זיי זאלען פון דאנען אוועק. זי וויל ניט, אז די טאכטער זאל טאנצען.

הערא דאס ענטפערט, אז קיין זאך וועט ניט העלפען. ער וועט זיך ניט ריהרען כל זמן סאלאמע וועט ניט טאנצען.

סאלאמע טאנצט דעם „טאנץ פון זיבען שלייערען“.

הערא דאס איז ענטציקט, און איז גרייט מיט אלע איז דער וועלט זי צו באלוינען. וואס פארלאנגט זי?

הערא דאס איז גרייט אלע עשירות איהר אונטערצוטראגען אין א זילבערנער שיסעל.

סאלאמע ענטפערט, אז זי וויל דעם קאפ פון יוחנן.

הערא דאס גלויבט ניט, אז דאס וויל זי. ער מיינט, אז דאס האט די מוטער איהר אזא שלעכטע עצה געגעבען.

סאלאמע ענטפערט, אז ניט צוליב דער מוטער, נאר צוליב איהר אייגענעם פארגעניגען וויל זי האבען דעם קאפ פון יוחנן אויף א זילבערנער שיסעל. זי דערמאנט איהם, אז ער האט א שבועה געגעבען.

הערא דאס ווייסט, אז ער האט ביי זיינע געטער עס געשווארען. אבער ער בעט זיך ביי איהר, זי זאל עס ניט פארלאנגען. ער קען עס ניט.

סאלאמע פארלאנגט דעם קאפ פון יוחנן.

הערא דיאס דערמאנט איהם אן די שבועה, וועלכע אלע האבען געהערט. די טאכטער איז גערעכט מיט איהר פארלאנג.

הערא דאס באשווערט סאלאמע, זי זאל עס ניט פארלאנגען. ער האט זי שטענדיג ליב געהאט. דערפאר ווארנט ער איהר, אז אן אפגעהאקטער קאפ איז א מאוס'ע זאך. ער וועט איהר בעסער געבען דעם טייערסטען שטיין.

סאלאמע בעט דעם קאפ פון יוחנן.

הערא דאס בעט זיך ווייטער ביי איהר. ער וועט איהר אוועקשענקען די שענסטע פאווען. עס קען זיין, אז דער מאן איז

פון גאט געשיקט און גאטס פינגער האט איהם געפיהרט. זאל זי ניט ברייננען קיין אומגליק אויף איהם. ער לייגט איהר פאר אלץ אין דער וועלט, זאגאר דעם מאנטעל פון כהן גדול.

הערארדיאס ציהט ביי הערארדאס'ן פון פינגער אראפ דעם טויט־רינג און דערלאנגט עס א סאלדאט, וואס גיט עס איבער צום תליון, וואס לאזט זיך אראפ אין ברונען.

סאלאמע הערט זיך צו צום ברונען. עס הערט זיך גאר ניט. זי קאן ניט פארשטעהן, פאר וואס שרייט ער ניט. זי וואלט ניט לאזען אזוי שטיל אוועקנעהמען ביי איהר דאס לעבען. עפעס איז אראפגעפאלען אויף די ערד. אפשר האט דער שקלאף זיך דער־שראקען. זי הייסט דעם פאזש באפעהלען די סאלדאטען צו בריינ־גען וואס דער וויצע־קעניג האט איהר פארשפראכען. זי שרייט: וויצע־קעניג, באפעהל מען זאל מיר ברייננען דעם קאפ פון יוחנן. דער שווארצער ארים פון תליון שטרעקט זיך ארויס פון ברונען, האלטענדיג אויף א זילבערנער שיסעל דעם קאפ פון יוחנן.

סאלאמע כאפט עס אונטער. ער האט ניט געוואלט זי קושען לעבעדיגערהייט, וועט זי איצט איהם קושען, זיך אייגבייסען מיט די ציינער. אבער פאר וואס קוקט ער אויף איהר ניט? פאר וואס זיינען די אויגען איצט געשלאסען? און פאר וואס רעדט זיין צונג ניט א ווארט? ער האט דאך געגען איהר גערעדט? און איצט איז ער טויט, און זי לעבט נאך. זי לויבט זיין געוועזענע שעהנקייט. זי פרעגט: פאר וואס האט ער אויף איהר ניט גע־קוקט? זי ווייסט, דער סוד פון ליבע איז גרעסער ווי דער סוד פון טויט און ער האט זי געליבט.

הערארדעס לויפט אין שרעק אוועק און הייסט די פאקעלען אויסלעשען.

סאלאמע ווענדעט זיך ווידער צום קאפ פון יוחנן. זי האט זיין מויל געקושט. עס איז געוועזען ביטער. עס האט אבער פילייכט געשמעקט מיט ליבע. זי האט זיין מויל געקושט.

הערארדאס באפעלט זי צו טויטען.

אינהאלט:

		זייט
	איינלייטונג — — — — — — — — — — — — — — —	3
(1	באיטא א. — מעפיסטאפעל — — — — — — — — —	7
(2	ביזעט דזש. — קארמען — — — — — — — — — —	15
(3	דזשארדאנא א. — אנדרעי שעניע — — — — — — —	24
(4	גונא ש. פ. — פאוסט — — — — — — — — — —	33
(5	גונא ש. פ. — ראמעא און זשוליעטא — — — — — —	35
(6	דאניצעטי ג. — לוציא דע לאמערמור — — — — — —	45
(7	דאניצעטי ג. — ל'עליזיר ד'אמארע — — — — — —	54
(8	הלוי ז. פ. — לא זשואיף — — — — — — — — —	67
(9	וואגנער ר. — די וואלקירע — — — — — — — —	77
(10	וואגנער ר. — טאנהייזער — — — — — — — — —	97
(11	וואגנער ר. — טריסטאן און איזאלדע — — — — — —	106
(12	וואגנער ר. — לאהענגרין — — — — — — — — —	117
(13	וואגנער ר. — פארסיפאל — — — — — — — — —	128
(14	וועבער ק. מ. — אבעראן — — — — — — — — —	139
(15	ווערדי דזש. — אאידא — — — — — — — — — —	148
(16	ווערדי דזש. — לא טראוויאטא — — — — — — —	157
(17	ווערדי דזש. — דער טרובאדור — — — — — — —	165
(18	ווערדי דזש. — דאן קארלאס — — — — — — — —	174
(19	ווערדי דזש. — ריגאלעטא — — — — — — — —	193
(20	טשאיקאווסקי פ. — יעווגעני אנעגין — — — — — —	203
(21	לעאנקאוואלא ר. — זאזא — — — — — — — — —	214

זייט

22) לעאנקאוואלא ר. — פאליאטשי — 225
23) מאנטעמעצי א. — ל׳אמארע דעי טרע רע — 231
24) מאסנע זש. — טאיס — 240
25) מאסנע זש. — מאנאן — 251
26) מאסקאני פ. — קאוואלעריא רוסטיקאנא — 263
27) מאצארט וו. א. — די צויבערפלעטע — 268
28) מוסארגסקי מ. — באריס גאדונאוו — 280
29) מייערבער זש. — ל׳אפריקען — 292
30) פוטשיני זש. — לא באהעם — 304
31) פוטשיני זש. — מאדאם באדערפלאי — 314
32) פוטשיני זש. — טאסקא — 326
33) פוטשיני זש. — מאנאן לעסקא — 337
34) סען־סען ש. ק. — שמשון און דלילה — 340
35) קאטעלאני א. — לארעליי — 348
36) קארנגאלד ע. וו. — די טויטע שטאט — 358
37) ראסיני זש. א. — ווילהעלם טעל — 369
38) רימסקי קארסאקאוו נ. — סנעגוראטשקא — 380
39) שארפאנטיע ג. — לואיז — 394
40) שטרויס ר. — סאלאמע — 404
אינהאלט־פארצייכנים — 413—414

פערלאג מאקס יאנקאוויץ

179 EAST BROADWAY,
NEW YORK.

ברוך ספינאָזאַ:

טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט — — — $2.50

דר. א. מוזיקאַנט:

דאַס נייע אָפּערא בוך. ענטהאַלט 40 פּאָפּולערע
בעסטע אָפּעראַס. 416 זייטען, גרויס פאָרמאַט 2.25

טאָמאַס פּעין:

די צייט פון פערשטאַנד — — — — — — 2.00
ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פּאַרלעזער — .30 .70

מ. אַרציבאַשעוו:

סאַנין — — — — — — — — — — — — 1.50
מיליאָנען — — — — — — — — — — — — 1.00
פרויען — — — — — — — — — — — — .80
אייפערזוכט — — — — — — — — — — — .35 .70
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער) — — — 3.50

אָסקאַר ווײַלד:

דאַס בילד פון דאָריאַן גרעי — — — — — — — 1.50

איסכילאָס:

דער געשמידעטער פּראָמעטעאוס — — — — — .20

לעאָניד אַנדרעיעוו:

דער רויטער געלעכטער — — — — — — — .70

פ. דאסטאיעווסקי:

ארעמע מענשען — — — — — — — — — — — — 1.00
ערנידעריגטע און באליידיגטע (אין 2 בענדער) 3.00
פארברעכען און שטראף (אין 2 בענדער) — — — 3.50
אידיאט (אין 3 בענדער, 1000 זייטען) — — — 6.00

וויקטאר הוגא:

דער מענש וואס לאכט (אין 2 בענדער) — — — 3.00

אויגוסט סטרינדבערג:

דער רויטער צימער — — — — — — — — — — 1.40
דער פאטער, טראגעדיע אין 3 אקטען — — — .30
קאמעראדען — — — — — — — — — — — — — .25
טויטען טאנץ — — — — — — — — — — — — 25
וואמפיר — — — — — — — — — — — — — .20
פארברעכער — — — — — — — — — — — — — .25
מוטער ליעבע און די שטארקערע — — — — — .15
געזאמעלטע דראמען, קאמפליט (אין 2 בענדער) 2.75

מארק ארנשטיין:

מיין ווייב'ס משוגעת — — — — — — — — — — .20

ה. זודערמאן:

יאהאנעס פייער — — — — — — — — — — — .25

פר. א. פארעל:

די געשלעכטס פראגע, קאמפליט אין 2 בענדער 4.00

סט. פשיבישעווסקי:

דעם טייפעל'ס קינדער — — — — — — — — — 1.50

ווינטשענקא:

עהרליך צו זיך אליין — — — — — — — — — 2.00

וואלטער בראון:

יעדע פרוי ווי זי זוכט ליעבע — — — — — — — .30

עממא גאלדמאן:

הייראט און פרייע ליעבע — — — — — — — — .15